STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06841

# DI VIDOY FUN A REVOLYUTSIONER

Moisheh Grosman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראָסמאַן / „די ווידוי פון אַ רעוואָליוציאָנער"
פּאָליטישער ראָמאַן

תל־אביב, תשרי תשט"ז, — 1955—1956

משה גרוסמן

# וידויו של מהפכן

**MOSHE GROSSMAN**

THE CONFESSION OF A REVOLUTIONIST

LA CONFESSION D'UN REVOLUTIONNAIRE

## משה גראָסמאַן

# די ווידוי פון אַ רעוואָליוציאָנער

(פּאָליטישער ראָמאַן)


פאַרלאַג



„מענדעלע מוכר ספרים"

COPYRIGHT BY
MOSHE GROSSMAN
RAMAT AMIDAR — RAMAT GAN
HOUSE 141/5 — ISRAEL

PRINTED IN ISRAEL

דפוס א. ירום, רח' השרון 11, תל־אביב

# ערשטער טייל

# אַריינפיר

## קאַפּיטל א׳

געזעען האָב איך אים אין פּאַריז, געהערט וועגן אים האָב איך נאָך אין וואַרשע, ערשט רעכט זיך מיט אים פאַנאַנדערגעשמועסט — האָב איך אין תל אביב.

שוין זינט יאָרן ווי ס׳האָט מיך פאַראינטערעסירט, פאַראינטריגירט — זיין איך, זיין לעבן, זיין גוף, זיין העמד אויפן גוף, זיין שטוב, זיינע על־טערן, זיינע קינדעריאָרן. ערשט דעמאָלט ווען מען ווייסט דאָס — ווערן אַ סך פאַרוואָסן פאַרענטפערט, אַ סך פאַסירונגען — פאַרשטענדלעכער. ערשט דעמאָלט וועט אונז זיין לייכטער נאָכצופאָלגן זיין פאַרברענגען אין מאָסקווע, פּאַריז, לאָנדאָן, ווין; זיין לערנען אין דער לענין־שולע, זיין באַגעגעניש אויג־אויף־אויג מיט לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקי.

האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז זיינע קינדעריאָרן זענען גראָ, איינטאָ־ניק, בלאַס־טרויעריק — ווי ביים רוב אָרעמע יידישע יינגלעך אויף סמאָ־טשע גאַס אין וואַרשע. נישט באַזונדערס אינטערעסאַנט, נישט באַזונ־דערס אָריגינעל.

נאָר יאָ־אָריגינעל — נישט־אָריגינעל, אַז זיי זענען פּאָרט אַ שליסל צו יענעם גאַנץ קאָמפּליצירטן שלאָס. מוז מען זיך מיט אים באַנוצן. עס וועט אונז אויסקומען צו זיין קאַרג אין ווערטער, געוויסע געשעעניש און דערשיינונגען וועלן מיר נאָר קורץ סקיצירן, בצימצומדיק נאָטירן; אַנ־דערע — אַביסל אויספירלעכער, ווי ווייט ס׳וועט אונז נאָר זיין מעגלעך, ווי ווייט מיר וועלן עס נאָר קענען און קאָנען.

# פענצטער אָן פוירהענגלעך

סמאָטשע איז די גאַס פון יידישער אָרעמקייט און אונטערוועלט.

נאָר די ערשטע שטאָקן האָבן צווייִשטוביקע וווינונגען. די אנדערע — אַ שטוב מיט אַ קיך, אָדער בלויז אַ שטוב. די קעלערשטיבלעך, בוידעמ־שטיבלעך — נאָך קלענערע, דאָס מיינט — אַפילו קיין ד׳ אויף ד׳ איילן נישט. פּאָר נידערוווקסיקע, שמאָלפּלייצ׳יקע, אויב ס׳געזינדל באַשטייט נישט מער ווי פון פינעף־זעקס נפשות — איז עס נישט קיין סכנות נפשות.

אין איין שמאָלן הויף אַזאַנעם ווינען אַזויפיל, וויפל עס ווינען יידן אין אַ גאַנץ פּראָווינץ־שטעטעלע.

שטעלט זיך דאָ דער פאַרטאָג, מיינט עס — אַז די שלאָכט האָט זיך אָנגעהויבן. די שלאָכט פאַר אַ טאָג חיונה.

ווען ס׳איז נאָך פינצטער, איידער זי, די פינצטער, ווערט געוונען מיט גראָ, עפנט שוין דער סטרוזש ס׳טויער פון הויף. ס׳אייזערנע טויער וואָס עלטערט זיך אין זשאַווער, עפנט זיך טעמפּ־סקריפּנדיק, אויף צו להכעיס די אַלע לאָקאַטאָרן וואָס ליידן אויף ציינווייטיק, קאָפּווייטיק. — נאַדיר מיין גוטמאָרגן!

דער ערשטער געשאַל קומט פון פאַראַליזירטן יאַנטשע. נישט אויסנ־זייענדיק אים צו באַליידיקן — מוז אָבער פאַרגליכן ווערן זיין קאָלערדיק גאָרגלעריי — צום האָלדערן פון אַן אינדיק. יעדן ערב־פאַרטאָג, רעגולער, באַפאַלט אים אַ ווייטיק, וואָס קאָן געשטילט ווערן נאָר מיט עסן. וועקט ער מיט זיין פאַראַליזירטער, שטומער שטימע זיין זון און שנור — זיי זאָלן אים תיכף דערלאַנגען עסן, אים אָנקאָרמען.

שוין צוויי יאָר ליגט יאַנטשע צו־בעט. ער האָט געחוצפּהט אַריבער־צוכאַפּן די אַכציק. קיין שום שפּיטאָל וויל אים נישט האַלטן. נישטאָ מיט אים וואָס צו טון — זאָגן די דאָקטוירים — יעדער טאָג לעבן זיינס איז אַרויסגעפּרעסט, צוגערויבט ביי יענער וועלט.

ווען יאַנטשעס האָלדערן ווערט איינגעשטילט, הערט מען אַריינפאָרן דעם שטאָטישן מיסטוואָגן. ער האָט זיך זיין אייגן־דערפונדענעם סקריפּ. מיט זיינע נישט־געשמירטע רעדער וואָרטשעט ער קללהדיק אויס זיינס אַן אייגענעם „גוטמאָרגן״ צו די הויף־לאָקאַטאָרן. נאָך זיין אַרויספאָרן,

קרעכצן אָפּ די שטיינער און ס׳ווערט געדיכט שטיל. און אָט דערהערט מען טריט אין טויער. עס קומען צריק פון זייער נאַכט־באַשעפטיקונג — חנא דער בעקעריונג און גוטשע די „ראָגוווקע״. זיי קומען כמעט תמיד צוזאַמען.

קנוילן גראָעכץ קריכן שווימענדיק שוין אַריבער פון איין דאַך איבערן צווייטן. ס׳שטעלט זיך אַ פאַרוואָסערטער פאַרטאָג. באַלד טוישט ער זיך אויף העלן אָראַנזש, פאָרט זיך מיט תכלת. דערהערט זיך פון דריטן שטאָק, פון אָפענעם פענצטער אַרויס ווו ס׳וווינט שמחהלע היטלמאַכער, זיין אָנהייבן דאַווענען. ער גיט צוזויסן דעם הויף מיט אַ בכּבודיקן תפילה־טאָן:

„אוי, מאַאַן טויווי אויהולעיכו יאַנקעף!״ —

דאָס איז דער ענדגילטיקער סיגנאַל פאַרן הויף אַז דער טאָג האָט זיך געשטעלט. עס דערהערט זיך פון די פענצטער אַרויס אַ צערוקעריי פון בעטן, מען לייגט איין, מען שטעלט איבער, מען רוקט די טישן, בענק. דערנאָך גיט ווער צוזויסן זיינס אַ צעצויגן געגעצן, ענטפערט אים ווער אָפּ מיט אַן אויסגעוואַרעמטן הוס, פאַרכאָרכלט זיך מיט דער לייכעץ אין האַלז, קומט זי אָבער סוף־סוף ביי דורך אַ פעטן, פעסטן שפּיי.

נישט לאַנג דערנאָך דערפילט מען אַ רויכלדיקן ריח אין נאָז — דער קאָפּיטש פון אָנגעצונדענע נאַפטמאַשינקעס; דערנאָך — אַ געגייעניש אויף די שטיגן, אַראָפּ צום אָפּטריט. די ווייבער טראָגן גאַנץ געשיקט עפּעס אין האַנט וואָס איז פאַרדעקט מיט אַ ברעג פאַטשיילע. די מאַנצלייט טראָגן עס כּעס׳יק, פאַרדעקט מיט אַ שטיק צייטונג. נאָר סייווי — דער ריח איז אַ מסור.

עטלעכע באָרוועסע יאַטלעך, נאָך מיט נעפּלען שלאָף אין די אויגן, גייען שוין מיט זייערע שטעקעלעך דורכגעשלאָגענע מיט עטלעכע טשוועקעס ביי די עקן, גייען אויף פאַנג אין באַזאַר אַריין, פאַנגען עפּל, באַרעלעך, פלוימען. זיי גייען מיט ערנסטן עול, מיט פאַרטאַיעטן פּחד, אָבער דעצידירט — די שלאַכט וועט נישט מיידן.

הערש מעכל איז שוין אויך אויפגעשטאַנען. ער שטייט ביים פענצטער און קוקט אַרויס. זיין מאַמע מינטערט אים:

— ני, האַרישמאַכו, ווי לאַנג אי דע שיאָ צי קיקן?

זיין קראַנק שוועסטערל שיינדעלע, וואָס רעדט אַזוי אָפּט פונוועג קרעכצט אַרויס פון בעט: — ני, מען סטראַיעט נאָך דאָרט די פידלען?

# צווישנוואָרט נומער איינס

הערש מעכל דער פאָלקסרעוואָלוציאָנער, דער בן בית פון אַלע טור־מעס אין פוילן און אין די הויפּטשטעט פון אייראָפּע; ער, וואָס האָט נאָר צוויי ליבשאַפטן, צוויי בענקשאַפטן — מאַמע, און — רעוואָלוציע — האָט נישט ליב פרטימדיק צו רעדן וועגן זיינע אַלע איבערלעבענישן, וועגן זיינע קינדעריאָרן. מיט איין מאַך־אַוועק מיט דער האַנט פטרט ער אָפּט אָפּ אַ פעריאָד פון זיינע עטלעכע יאָר לעבן. אַמאָל וואַרפט ער מיר צו עטלעכע סקעלעטישע פאַקטן:

— דאָס פאַטעטישע פלייש, דעם דיכטערישן פליוש — וועט איר שוין אַליין אַרויפציען. נאָר גלייבט מיר — אַז מ׳דאַרף עס נישט. כאַטש, איך ווייס? — קאָן זיין אַז יאָ. ווייל צומאָל נעמט זיך מיר דאַכטן, אַז דער פּי־זישער פאַקט גופא — איז נאָר בלויז אַ שאָטן פון עפּעס אַ מער ממשותדיקן וועזן.

ער פאַרהאַקט זיך. וויל ענדיקן דעם געדאַנק — נאָר פאַרטרעט אים מיט אַ מאַך פון דער האַנט.

ער איז געזעסן מיט מיר שעה׳ן, טעג, וואָכן — און דערציילט. ער האָט אונטערגעהאַלטן מיט דער האַנט זיין פאַרהויבענע גאַמבע, וואָס איז שאַרפּ־קאַנטיק און נישקשה ענלעך צו אַן אַקראייזן אין מיניאַטור. ער אַקערט אַצינד זכרונות. די אויגן ביי אים — אָפענע, נאָר פאַרלאָפענע. מיט זע־אונגען. פון יענער צייט. יענע יאָרן. ער רייסט אָפּ פאַקט נאָך פאַקט. אַמאָל ווי מען רייסט אַ ווייך, סאַמעטן בלימל, — אָבער אָפטער — ווי ס׳וואָלט זיין אַ שטענגל בריעכץ, קראָפּיווע. אייניקע פאַקטן קומען אַרויס ווי אַרויסגעריסענע מיטן וואָרצל. און מיט דער נשמה. נאָך וואַרעמע. בריענדיקע...

דער לעצטער סטאַנס פון אונזער שמועס איז פאַרגעקומען אין דער מעברה פאַר נייע עולים, אין „מחנה ישראל״, ווו ער געפינט זיך שוין זינט אַ לענגערער צייט.

קוק איך אין זיינע אויגן און זע: ס׳מאַרשירט אַ לעגיאָן פרעגצייכנס:

„פאַרוואָס אַזוי? פאַרוואָס אַזוי?? פאַרוואָס???!

דערזע איך אַ קאָנטרמאַרש פון אַ לעגיאָן שפּיזיקע ענטפערצייכנס:

„דערפאַר! דערפאַר!! טאַקע דערפאַר!!!״

## קאַפּיטל ב׳

די מאַמע גרייט אָנבייסן צום טיש. זי קוקט נאָכאַמאָל אַדורך איר אַרמיי. זי מעסט אַצינד, מיטן אויג פון אַ גענעראַל אַ סטראַטעגיקער, ווי אַזוי דורכצופירן די חלוקה פון די פּאָרציעס עסן אויף די טעלערס. דעם מאַן, דריי בנים און איר שוועסטערן־ייִנגל חיים. שיינדעלע — איז אַ באַזונדערע פּרשה. ליגט צו־בעט. פאַר איר דאַרף מען פלעיִגע, אַ קלעיִק פון פערלגרויפּן, אַ קייזערקע מיט שמאַנטפּוטער.

הערש מעכל, נאָך גייענדיק אין חדר, ביי זעקס יאָר, האָט שוין צוביסלעך צוגעאַרבעט אין טאַטנס וואַרשטאַט (פּזשישוּוע־בייגערייַ). לעצטנס איז די אַרבעט אין שטוב שוין קנאַפּ און ער גרייט זיך אַוועקגיין, שוין אַלס געניטער געזעלן, צו אַ פּזשישוּוע־בייגער. ער וועט לייטיש פאַרדינען. אָבער דערווייל איז דער פאַרדינסט פון אַלעמען אַ קנאַפּער. און נאָר לויט דער מאָס פון באַרעסן מעות קאָן זי, די מאַמע, קויפן עסן אין שפּייזגעוועלב. זי וויל שוין נישט באָרגן, און קאָן זיין אַז מען וויל איר שוין נישט באָרגן, אַלנפאַלס האָט איר די געוועלבניצע נישט איינמאָל געשטעכעלירט:
— קרוינעלע, באָרגן מאַכט זאָרגן.

די מאַמע וואַרפט דעם לעצטן מעסט־בליק אויף די טעלערס און באַפעלט: — קינדאַלאַך, גייט וואַשצענק צו „סידייכעם״.

**
*

הערש מעכל איז אַלט צען יאָר, זאַנוול — ניין, שיינדעלע — צוועלף, דער עלטסטער, סאַנדל — פערצן. חיים זייער קוזין, איז אין שיינדעלעס יאָרן. אָבער מעסטן זיי לויט די דאָזיקע יאָרן, מיינט אַקוראַט דאס זעלבע ווי פאַרגלייכן אַ מעסטל צעגליטן קופּער מיט אַ מעסטל קלאַיען. זייערע אויערן זענען שוין אַזוי צוגעווויינט צו הערן פון גאַס ס׳פּאָליצייאישע פייפערל ביים נאָכיאָגן אַ גנב — ווי כוואַליעס זענען געווויינט צום ווינט. זייערע אויערן זענען שוין אַזוי צוגעווויינט צו הערן האַלישע און „מאַראַלישע״ ספּאַזמען פון ווייבער (קרעמערקעס פון קייגנאיבערדיקן באַזאַר), צוגעווויינט צו הערן זייערע שפּיציקע קוויטשעניש — פּונקט ווי אין אַ שפּיטאָל איז מען צוגעווויינט צו הערן קרעכצעניש. די באַגנבעטע און די גנבים זענען ס׳מייַנסט נאָענטע שכנים. זיי זענען אַפילו שוין צוגעווויינט צו

זעען בלישטשיקע מעסערס אינדערלופטן בעת געשלעגערייען, זעען ווי „מען האַקט אונטער א זייט״ ביי אַ „געמאַליעוועטער ליאַלקע״ וואָס „גייט אויף דער בוקעטע״. עס שלאָגן זיך די היימישע מאַנצלייט.

זענען געווינט צו הערן מאַאַנסעס וועגן „שטאַרקע״, גרויסע פאַר־דינערס. געווינט אויך צו זעען ווי מ׳וואַרפט אַרויס פון דירה אַ משפּחה מיט קליינע קינדער — צוליב נישט צאָלן דירה־געלט. געווינט זעען ווי מ׳פירט אַוועק פון הויף קראַנקע אין טשיסטע־שפּיטאָל אַריין; זעען אַוועק־פירן שווינדזעכטיקע קינדער, יינגעלעך מיט פאַראומרייניקטע קעפּלעך, קרעציקע; זעען לויות פון יונגע קימפּעטאָרינס; זעען אַוועקפירן „פּאָלי־טישע״ אין תּפיסה אַריין.

אויף זייערע יאָרן האָבן די קינדער פון רויזל און איר מאַן שלמה פּזשישוועבייגער, שוין געזעען מער וויפל ס׳קאָן אַריין אין אַזעלכע קינ־דערשע אויגן, געהערט מער וויפל ס׳שטייט אָן — אַפילו פאַר געבוירענע און געכאָוועטע אויף דער סמאָטשע, די קעניגין־גאַס פון דער יידישער אָרעמקייט און אונטערוועלט אין וואַרשע.

## קאַפּיטל ג׳

פון אַלע שטיבן און אָפענע פענצטער ווו ס׳זענען פאַראַן וואַרשטאַטן — זינגט מען ביי דער אַרבעט. די פענצטער זענען נישט פאַרהאַנגען מיט קיין פירהאַנגען (חוץ די עטלעכע וווינונגען אויפן ערשטן שטאָק — פון הויזווירט, קאַסטנמאַכער, בעקער פון לוקסוס־געבעקס און פון קאַשע־מיל־נער. אין יענע שטיבן הענגען אַפילו אויך האַלבע פאַרטיערן). אין די דאָ־זיקע שטיבן פאַרהענגט מען די פענצטער נאָר „בעת אַ נויטפאַל״. מ׳פאַר־הענגט מיט אַ פאַטשיילע, אַ ליילעך.

זינגט מען פון די שטיבער. זייער געזאַנג ווערט אָפּט דורכגעראַצט מיט די אויסרופעניש פון די הענדלער אויפן הויף, פון די קונצנמאַכער, זינגערס. ס׳הייבט זיך אָן מיט:

„שאָלן קויפאַך, שאָלן, שאָלן!״

„אלטע לאַכעס, אַלטע שמאַטעס, אלטע יאַקעס, אלטע סאַקעס — פּאַ־טעלאָס, פּאַרצעליי, פּאַיאַנס, שיסלען!"

„האַנדי, האַנדי, האַנדי! — אַלטע שיאַך, אלטע קליידאַ, אלטע שענק־לאַך, אלטע בענקלאַך!"

„שאָאַבן, שאָאַבן, שאאבן!"

„צי פּאַראַכטן, צי פּאַלייטן!"

ס׳קומען ציגיינער פּאַרקויפן קופּערנע ראַנדלעס, קעסלען, פּאַנען, פּאַטעלניעס, דיניצעס. זיי קלאַפּן מיט אַן אַרומגעשמאַטעוועט שטעקעלע, פויקן אין אַ קעסל אַריין. אַ לערן־יינגל זינגט צו אים אַרויס פון פענצטער:

„שוואַרצאַ ציגאַאַנאַ,
ביסט ניש מאַאַנאַ,
ביסט נישט וועיאַט,
ליג אין דרעיאַד!"

ס׳קומט אָן דער הויכער בלינדער מיטן בלאָנדן בערדעלע אַ כזית די גרויס, מיט אַ בלאָען פלאַם אַרום בערדעלע. זיין פירער איז דער שטעקן. ער פּאַרקויפט קליינע ביכעלעך, פון פיר זייטלעך, מיט זיינס אַן אייגן פּאַרפאַסט ליד. ער זינגט עס אויפן הויף מיט זיינס אַן אייגענער זאַג־מעלאָדיע. דאָס ליד ווערט אויסגעהערט פון אַלעמען. אַזאַ ליד האָבן די טרערן זייער ליב: —

„אוי, זאָגט דער כוילע צום מאַלכאַמאָוועס:
— גיי אַוועק פון מיאַ,
כוויניש ליגן מיט די פיס צי די טיאַ! —
—אויאויאוי — ענטפאָט דע מאַכאַמאָוועס:
„יאַך ווע שויניש אַוועק פון דיאַ,
כמידאַך צישיידן פין איאַ,
די קענסט שוין צים לעבן גאָעניש טויגן,
וועלעכדאַ לייגן שערבאַלאַך אויף ד׳אויגן!".

אַ פויזע. ער בלינדט מיט זיינע אויגן צו די פענצטער אויף די אויי־בערשטע שטאָקן, ווי ער וואָלט געוואָלט דאָרט „זעען" דעם איינדרוק, און האַלט די פויזע פון אַ דראָער און טריומפאַטאָר, ווי טאָקע ער וואָלט געווען אַ שליח פון יענעם „מאַכאַמאָוועס", און אין אים איז עס געווענדט צי יענער

חולה זאָל לעבן. דעמאָלט הייבט מען אָן וואַרפן געלט איינגעפּאַקט אין פּאַפּירלעך. ער הייבט עס אַליין אויף, אָדער קינדער דערלאַנגען עס אים. די פינגער טאַפּן גיך אויס דאָס געלט. שוין איבערגעציילט. פון דאָזיקן פדיון איז געווענדט דער ווייטערדיקער גורל פון חולה. באַשליסט ער אַז ס׳איז ווינציק, און ער זינגט די סטראָפן:

„בעיט זיך ווידאָ דע גויסעס באַם מאַכאַמאָוועס:
— יאַכאָנאַך גואָ פיל צי שטרעבן,
שענק מאָ כאָטש נאָך אַ קאָפּעלע לעבן!
שראַאַט שוין דע מאַכאַמאָוועס צים כוילע:
— די וועסט לײדאָ באַמיאָ שוין גואָניש פוילן,
דאַאַן גיף מיז אין דרעיאַד שוין פוילן,
אוי־אוי־אוי־אוי־אוי!"

אַלע ווייסן און געדענקען גוט, אַז אויב ער באַקומט מער געלט, זינגט ער די ווייטערדיקע סטראָפעס, אין וועלכע דער חולה פועלט יאָ ביים מלאך המוות, און ער לאָזט אים נאָך יאָ אַ טראָפּעלע לעבן.

דערנאָך קומט אין הויף אַריין אַ ציגיינערין, רופט צו לייגן קאָרטן, טרעפן:

— „קאַרטי וורוזשיטשע, קאַ־אַ־ר־טי!"

ס׳רופן זי אַרויף די נייטאָרינס, די העפּטערינס, שטריקערינס, שמוק־לערינס, גאָרסעטשאַרקעס. עס רופן זי אויך אַרויף די יונגען, די געזעלן. אויבן פון פענצטער קוקן אַרויס נאָר בלויז יונגען, קוקט זיך די ציגיינערין פריער גוט אין זיי איין, וויל זעען און שנאַפּן צי די יונגען זענען נישט אויסן מיט איר גאָר עפּעס אַנדערש... וואָרן נישט איינמאָל נאַרט זי זיך אָפּ. (אָבער נישט איינמאָל — נאַרן די יונגען זיך אָפּ ביי איר... האָבן זי לאַנג צו געדענקען — — — ).

דערנאָך קומט אין הויף אַריין דער מעסער־שערן־שלייפער, דערנאָך דער גוי מיטן פעסל „ליאָדעס" אויפן קאָפּ, דערנאָך דער קאַטערינישאַזש מיטן ים־חזירל, דערנאָך — קונצנמאַכער: אַ פרוי אין אַ אָנגעצויגענעם טריקאָ־לייב־קאָסטיום. זי קריכט ווי אַ זשאַבע, די פיס פאַרוואָרפן פון פאָרנט אויף די אַקסלען. ער שלינגט פייער און שווערדן און זייער יינגעלע מאַכט קונצן אויפן טאַטנס קאָפּ.

אַמאָל לויפט מען אויך אַרויס פאַרן טויער זעען ווען מ'הערט פירן אַ פאַגזשעב מיט מוזיק. אַמאָל לויפט מען זעען ווי ס'גייט אַ באָרוועסער פּאָקוטניק, אין בלויזן קאָפּ, אין אַ לייוונט העמדל און לײַנענע הויזן, טראָגט אַ ווייסע קאָשטשאָל־פאָן מיט אַ בלאָ אויפגעמאַליעוועט יויזל. יענער גייט אַזוי אַ באָרוועסער טויזנטער וויאָרסטן, סיי זומער און ווינטער, טוט תשובה צו דער געטשקע פאַר זיינע זינד.

***

איינמאָל אין וואָך, דאָנערשטיק, זאַלצט די מאַמע פלייש אויף שבת און זי דאַרף וויסן ווי שפּעט ס'איז. שיקט זי הערש מעכלען צו דער שכנה אויפן ערשטן שטאָק פרעגן — „ווי שפּעט איז כ'בעט ענק". אין דער שטוב דאָרט איז אַצינד דאָ נאָר די קליינע זיסעלע, טאַטע־מאַמע זענען אין גע־וועלב. ווען הערש מעכל זאָל נאָר דאָרט נישט אַריינקומען, טרעפט ער זי זינגען. פרעגט ער ביי איר ווי שפּעט איז (ער זעט דאָס אַליין אויפן וואַנט־זייגער) און מוז שוין וואַרטן אויף איר ענטפער. אָבער זי איילט זיך נישט, מוז פריער ענדיקן זינגען איר לידעלע, און ענטפערט אים מיט דער זעלבי־קער מעלאָדיע:

— דריי—פער—טאַ—לאָך—אָף—צוויי!

אַז ער גייט אַרויס, פאַרדריסט אים וואָס די מאַמע זאַלצט פלייש נאָר איינמאָל אין וואָך. די דאָזיקע זיסעלע איז אַזוי פריילעך, ווי זי וואָלט תמיד הערן קלעזמאָרים שפּילן צו חתונות. ערשט אַצינד דערפילט ער, אַז צוזאַ־מען מיטן פאַרמאַכן די טיר דאָרטן, האָט זיך מיט דעם אַרויסגעכאַפּט אַ ריח פון געבראָטן געגנזנס. דער ריח לויפט מיט אים מיט ביז אין שטוב אַריין.

פון אַן אָפן פענצטער הערט זיך אַ לידל פון אַ יונגער העפטערין:

„אוי, וויי, יתומהלע,
ביסט אַן אָפגעהאַקטעס בוימעלע!
נאָר אַ מאַמעס הערץ,
פילט דעם קינדעס שמערץ,
אוי מאַמע, מאַ—מע, ווי ביס—טי!"

פאַרנאַכט רייסט מען איבער אין שטוב די אַרבעט אויף אַ האַלבער שעה צייט. דער טאַטע גייט אַראָפּ דאַווענען מעריב צו אַן אָבל אויף אַ מנין. דאָס פאַסקודנע פאַרנאַכטיקע גראָעכץ קריכט תכריכימדיק אַרויף אויפן

גוססדיקן טאָג. נאָך אַביסל און מען וועט אים אַוועקפירן, דעם טאָג, אין אַן ארון. הערש מעכל האָט פיינט דעם סוף טאָג. נאָר דערפֿאַר, ווען דער טאַטע וועט צוריקקומען פון מעריב, וועט מען עסן אַ גריץ מיט קאַרטאָפֿ־ליעס, און ברויט מיט פלוימען־פּאָווידלע.

און אָט איז מען שוין היינט נאָכן אָפּעסן, דער טאַטע שאָקלט זיך בענטשנדיק, און גיט פלוצים אַ זאָג אבלדיק:

— האַנט באַנאַכט ענדיקט מען אָאָס ס׳לעצטע שטיקל אַרבעט, די לעצטע פּאָע כאַליוויס. כ׳קריג ניש מעיע קאַן אַרבעט אין שטיב אַראַן, נישטאָ. כ׳על אַוועק אַרבעטן אַלס געזעל באַ יענעם.

די מאַמע דרייט אַריין די קנויט אין לאָמפּ, זאָל ער נישט זויפן אַזויפיל נאַפט און ווינציקער קאָפּטשען.

אויף אַזאַ מין בשורה פון טאַטן, איז דאָך נישטאָ צו זאָגן עפּעס אַן „איכה״, נישט וואָר?

# הויף-געשעענישן

כאַסקעלע, דער מיט דער משונה־ברייטער באָרד אין וועלכער עס קאָ־נען אַריין צוויי אַזעלכע פנימער ווי זיינע, וועלכער איז שטיל און עניוות־דיק ווי אַ שוועל, איז זינט פיר חדשים אַן אַלמן. ער האָט זיך געשטיקט פאַר אַ גילדן און נישט געהאַט אויף קיין דאָקטער פאַר פערעלען. באַגראָ־בן אַזאַ טייערע פערעלע, וואָס האָט אים געקעכלט און געפעכלט.

און אָט גרייט זיך שוין כאַסקעלע חתונה צו האָבן מיט פערעלעס שוועסטערן־טאָכטער ריוועלע, וואָס איז געווען ביי אים אין שטוב כמעט אַ דינסטמיידל. מען דערציילט זיך, אַז ער האָט שוין געקויפט זיידענע ליעניוּשקעס, העמדער מיט קריזעלעך, סטענגעלעך, בענדעלעך. זי, די פלימעניצע, האָט עס אַליין דערציילט פאַר אַ שכנה. זי האָט אַפילו געוויזן אַ גאָרסעט אויף פישביין. און ער האָט דאָך אין שטוב אַ דערוואַקסענע, נישט־אויסגעגעבענע טאָכטער. זי איז אפילו עלטער פון ריוועלען.

***

חיים דער פאַרבער ווייסט שוין אַז ער האָט לעכער אין די לונגען.

זיין לעבן איז פאַרשפּילט, זיינע טעג זענען געציילטע. ער איז אַלט אַכט־אונצוואַנציק, זיין ווייב—מיט פיר יאָר ווינציקער. זי איז „מיבעירעס״, אין פיפטן חודש, פיר קינדערלעך דרייען זיך אַרום. חיים פאַרבער האָט גע־בעטן פון זיין ווייב אַ צוזאָג, זי האָט עס אים געמוזט צושווערן פאַר דריי עדות, אַז זי וועט גאַנץ גיך, נאָכן מיט מזל געלעגן ווערן, זיך לאָזן רעדן אַ שידוך. נישט אויסוואַרטן אַפילו קאַ יאָר. אַזוי פאַרלאַנגט ער. נאָר ער שטעלט איר דאַביי אַ תנאי, אַז דער נייער מאַן אירער זאָל זיך מתחייב זיין צו שטעלן אים, צום יאָר, אַ מצבה.

**
*

הערש מעכל ווייסט אַלע הויף־נייעסן. צי ער וויל זיי יאָ הערן צי נישט, זיי הערן זיך אַליין. זיין מאַמען, רויזל—כאַטש קאָכן, כאַטש רוימען, רייניקן, צערעווען, וואַשן, — בלייבט איר נאָך אַלץ צייט. זי קאָן נישט שטיין קיין ליידיקע, אירע הענט מוזן זיין פאַרליידיקט. העלפט זי צו די שכנטעס. זי איז קאַנעהאָרע אַ געזונטע. טאָקע נישט צו וויסן אין ווע־מען שיינדעלע איז געראָטן, זי היסט נאָך אַלץ מיט שטיקער לונג. די מאַמע איז זיכער אַז מיט דער הילף „פון דעם וואָס כאָמיר נישט געוואַשן די הענט״ — וועט שיינדעלע פאָלקאָם געזונט ווערן.

רויזל קומט אַריין אין אַלע שטיבן פון הויף. „רויזל — געזונט זאָל זי זיין״ — ווי ס׳רופן זי די שכנות, איז געווען גענוג גענייט ווי זיך אומצוגיין מיט שלאָפע. זי וועט גלייך וויסן וועמען צוצולייגן אַ קאַטעפּליאַזמע צום בויך, וועמען אַ גאָרטשיצע און וועמען ס׳געווען גענוגנט בלויז אַ שטערצל; ווען מ׳דאַרף אַ ליוויטיווע, ווען צולייגן אַ טוך מיט עסיק, ווען אַ געפּסלט האָנ־טעך (מיט „שטונע״); ווען צו געבן טרינקען סטראַנטשקעס, ווען רימע־ניק, ווען שטעלן פּיאַווקעס, ווען, חלילה, מ׳דאַרף זשעליאַטינע (אָפּצו־שטעלן אַ בלוטשטורץ) און ווען מ׳דאַרף תיכף כאַפּן אין „טשיסטע״־שפּי־טאָל אַריין — „סי פּיקיעך בעיפּיש״.

רויזל איז היימיש אין אַלע שטיבן, ווייסט אַלץ וואָס סע טוט זיך, נאָר אַלץ וואָס זי ווייסט און הערט, ווערט ביי איר באַלד פאַרשלאָסן מיט אַ קלאַפּשלאָס. ס׳וועט נישט העלפן קיין שום נאָכשליסל. זי וועט, באַהיט גאָט, קיינמאָל קיינעם נישט דערציילן פון איינער צו דער צווייטער. אָבער פאַר איר מאַן, שלמהן, כאַפּט זי זיך יאָ אַמאָל אַרויס מיט עפּעס אַ דער־

ציילן. און קיין באַזונדער צימער פֿאַר סודות, כאָטש אַן אַלקערל, איז דאָך נישט פֿאַראַן, איז כאַפּט אַ קינד אויך עפּעס אויף. מילא, זיי זענען שוין דערוואַקסענע. נו, מיט שלמהן איז זי זיכער. ער איז אַזאַ שווייגער, ווי ס׳וואָלט תמיד ביי אים געווען חודש שבט אין מויל, די ווערטער ווערן ביי אים פֿאַרפֿרוירן. און זיין גערעכטע סמאָלע־באָרד איז אַ געשוווירענער שומר צום שווייגן.

די גוטע רויזל שטויסט זיך אָן, אַז שלמה טראָגט אויף איר אַ שטיקל פֿאַרבאָרגענעם כעס — שוין ניין יאָר האָט זי אים נישט קיין קינדער. זי איז אַלט דרייאונדרייסיק, שלמה — זעקסאונדרייסיק.

הערש מעכל האָט אַפֿילו געהערט עפּעס אַן אָפּקלאַנג פֿון אַן איבער־גערייד צווישן זיי. עפּעס האָט די מאַמע געזאָגט אַז די שטוב איז ענג ווי אַ פּעסל, און אַז זי געבערט נישט קיין הערינג. וואָלט כאָטש געווען אַן אַלקערל, אַ שטיקל אַלקערל.

אַז זיין מאַמע זאָגט אַפֿילו אַ בייז וואָרט, האָט עס אויך אַ גוטן נאָכ־קלאַנג. דער טאַטע ברומט עס אַריין פֿאַרטרוילעך אין דער באָרד־געדיכ־טעניש, וועלכע ענטפֿערט שאָקלענדיק מיט טרויעריקער הסכמה: — גע־הערט, באַנומען, יאָ — יאָאָ — — —.

די מאַמע וואָלט אים וועלן מיט עפּעס מפֿייס זיין. דערציילט זי אים אַ בינטל הויף־געשעענישן. טאָמער הערט זי אים אָפּענטפֿערן מיט אַ „האַ־האַ", הייסט עס אַז ער איז שוין גאָר נתפּעל. און זי איז זייער צופֿרידן דערפֿון וואָס זי פֿאַרשאַפֿט אים כאָטש אַביסעלע התפּעלות.

## בר מצווה-יאָרן און בר עבֿירה-יאָרן

דער עלטסטער ברודער סאַנדל פֿאַרדינט, אָבער מען ווייסט נישט ביי וואָס. ער פֿאַרטוישט דעם טאָג אויף דער נאַכט, און פֿאַרקערט. בייטאָג שלאָפֿט ער. ווען מען פֿרעגט אים וואָס און ווען, ענטפֿערט ער דורך פֿאַר־מאַכטע ציין:

— שדאַאַן דאַנגגע!

אין שטוב איז געדיכט דושנע. נאָכמיטאָגצייט. די זומערטעג זענען

שוין איבערגעזעטיקט מיט היץ. די דעכער דורכגעגליט. די מויערן — מיד און חלשותדיק אָפּגעבליאַקעוועט. די פליגן פליען פּעטע און פוילע. די מלבושים בריען איבלדיק דעם גוף. צווישן די פּיס־פינגער קיצלט אַ זיסע בייסעניש. אַ ריח פון נבלה אָווירט פון מיסטקאַסטן. אַ קאַץ איז אַוועק פאַרענדיקן איר לעבן דווקא אין דער מיסט־וואַרעמקייט און עיפּוש. אַרום מיסטקאַסטן — אויסגעשיט שטרוי פון די שעניקעס, שוין צעריבענע שעצקע, פאַרעט מיט פאַרדומפּענער פייכטקייט. אויף דער קלאָזעט־וואַנט איז אָנגעשמירט מיט שוואַרצן קאַרבאָל — דאָס רעכנט זיך שוין דאָ צו די איידעלע ריחות. קיין סימן נישט פון מינדעסטן ווינטל. ערגעץ פאַר־האַלטן געוואָרן דורך דער היץ. די היץ אַליין ליגט פאַרדרימלט. כאַפּט זיך אויף אַ רגע אויף — זידט זי ווי אַ פאַרזויערט געקעכץ אין אַ טשוגון־טעפּל, און דרימלט צריק איין.

סאַנדל קאָן נישט שלאָפן, און לייגט פאַר הערש מעכלען שפּילו מיט אים אין קאָרטן, אויף געלט, פאַרשטייט זיך. הערש מעכל זאָגט נישט אָפּ, ער וויל געווינען, אָבער מער פון דעם וויל ער זיין גוט מיט סאַנדלען. ער האָט ליגן פאַרגראָבן אין קעלער געהיימע ביכלעך און בלעטלעך, ער וועט זיי דאַרפן פאַרנאַכט אַרויסנעמען, אַוועקטראָגן. ער דאַרף די הילף פון סאַנדלען ביים אויסגראָבן, אַכטונג טון. ביים שפּילן וועט ער אים דאָס בעטן. און אפשר געהערט גאָר סאַנדל שוין צו די „שטאַרקע", צו די „קאָמ־פּינאַטאָרן", וועלכע נעמען בגוואַלד „וואָכעס", אויסלייזגעלט, ביי די קאָנספּיראַטאָרן?

מען מוז מיט אים רעדן סיי פאָרזיכטיק, סיי ריזיקאַנטיש. ער וועט אפשר פּרוּוון פאַרלייענען פאַר סאַנדלען פון דעם ביכל וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל געקויפט, פאַר אייגן געלט — „די זיבן געהאָנגענע" פון לעאָ־ניד אַנדרייעוו. הערש מעכל לערנט דערפון שטיקער פון אויסנווייניק.

פאַרן אַראָפּגיין אין קעלער אַריין פאַרנאַכט, איז אפשר כדאי אויך זיך אַרויפצוכאַפּן אויפן בוידעם, אפשר וועט דאָרט לייכטער זיין צו באַהאַלטן די בלעטלעך. ער האָט געוווּסט אַז דאָרט נעמען זיך אָפּט צונויף יאַטן פון הויף, עטלעכע מיידלעך אויך. מ'האָט אים שוין עטלעכע מאָל געהאַט אַרויפגעבעטן.

ער איז אַרויף אויפן לעצטן שטאָק. ס'לייטערל צום בוידעם איז צוגע־

נומען. ער וועט זיך שוין אַן עצה געבן אָן אַ לייטערל. ער האָט אַרויפגעקלעטערט. אין אַ ווינקל זיצן צונויפגעקוטשעט עטלעכע ייִנגלעך און מיידלעך. זיי האָבן זיך איבערגעשראָקן. פון אָפענעם דאַך־פענצטערל באַלייכט זיי אַ קליין קעסטעלע זון, נעמט זיי אונטערן ליכט־שויץ. הערש מעַכל האָט זיי פאַרפרירט מיט זיינע בליקן, און פלוצים אַ ריטש געטון ווי ער וואָלט זיי דערלאַנגט מיט אַ בייטשרוט איבערן פנים און אויערן:

— אַראָאָס!

די סיבה פון זיין כעס? — צווישן די מיידלעך איז אויך געזעסן — זיסעלע. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט צום אַנטלויפן. הערש מעכל האָט אָנגעבויגן זיינע אויגן צו זיסעלען. זיין בליק — אַן אָנגעצויגענער בויגן. זיסעלע איז געבליבן שטיין, זיך צוריקגעצויגן. שוין. איר ערשטע איבעראַשונג איז שוין אַוועק. עס לייכטן שוין און פלעמלען צוויי כיכיקלעך אין אירע אויגענעס. איז ער גאָר איבערגעשראָקן? קוקט אויף איר, אַוודאי זי שוין לאַנג נישט געזעען. זי איז אויסגעוואַקסן. אַ הויכער האַלז. און צו וואָס דאַרף אַזאַ מיידל שוין אַזעלכע פעטע און רונדיקע געסקליאַרעוועטע אַקסלען? און אַזאַ גלאַטיקע הויט ווי מ׳וואָלט זי כסדר געגאַרבט און געגלעט? אירע צעפ זענען פון פאָרנט אַריינגעלאָזט אין קלייד. ער וואָלט זיי אַרויסגעשלעפט — זאָלן זיי זיין אין דרויסן.

זיסעלע דערמאָנט זיך איצט אַוודאי אין א זיס מאַכל וואָס זי האָט געגעסן, ווייל מיט אַ שפּיץ צינגל לעקט זי אָפּ איר אויבערשטע ליפּ. די אויגן זיינע קוקן שוין יעצט לויזע, האַלב־אַראָפּגעלאָזענע, און זעען אירע יונגע קייַלעכיקייטן, צוויי האַלב־מאַראַנצן. ציט זי אָפּ איר פולן אָטעם און די האַלבּ־רונדן ווערן ווי פולע מאַראַנצן. זיינע ציין האָבן אַ קריץ געטון, ווי געוואָלט אָפּבייסן, צעבייסן. אירע כיכיקלעך אין די אויגן פלעמלען. זי וויל עפּעס אַראָפּלייענען פון זיין שטערן, דערזעט זי דראָבנע, גלאַנציקע טוישווייסעלעך. זי מאַכט אַ באַוועגונג אויף צו גיין, און ער גיט קוים אַ זאָג:

— ווי שפּעט איז, כ׳בעט ענק?

גיט זי אים אַ זינג אויף:

— דריי—פער—טאַ—לאָך—אָף—צוויי!

און צעשיט אַ געלעכטערל וואָס בריט אָפּ זיין גוף — און זי אַנטלויפט.

# יוגנטיאָרן אָן בלומען, אָן מוזיק, אָן ליבע

הערש מעכל איז טעטיק אין „בונד". מ׳קומט זיך צוזאַמען אין קאָנסום־פאַריין, אויף ראָג וואָלינסקע און דזשיקע, אָנגעפירט דורכן געלן מרדכי. אַן איבערגעגעבענער חבר. זיין ווייב איז אַפילו אַ פרומע, טראָגט אַ שייטל, אָבער זי שטערט אים נישט.

הערש מעכל טראָגט ביי זיך פאַרשטעקט אַ פעקל פּראָקלאַמאַציעס. ער דאַרף עס פאַרטיילן צווישן די אַקטיוויסטן. אַביסל האָט ער שוין פאַנאַנדערגעטיילט, אָבער א שפּאָר פעקל האָט ער נאָך אויף זיך. פּלוצים:

די טירן אַרומאַונאַרום שוין פאַרמאַכט און פאַרשפּאַרט און פאַרשטעלט מיט זשאַנדאַרן. אַ סך חברים באַווייזן נאָך פון זיך אַראָפּצוואַרפן די פּראָקלאַמאַציעס. הערש מעכל און נאָך איין חבר באַווייזן עס שוין נישט. מ׳אַרעסטירט אַלעמען און מ׳פירט אָפּ אין ראַטהויז, אויף דאַבילאָוויטשעווסקע. אַלעמען לאָזט מען אַרויס, חוץ הערש מעכלען מיט דעם חבר (מיר רופן בכיוון נישט אָן זיין נאָמען). יענער האָלט גראָד נאָנט פאַר זיין חתונה. ער מוז אַרויס אויף דער פריי. ער וויל עס פאַר יעדן פּרייז. ער לייגט פאַר הערש מעכלען, אַז ער זאָל אַלץ נעמען אויף זיך, זאָגן אַז דאָס פעקל פּראָקלאַמאַציעס האָט ער אין דער לעצטער מינוט פאַרן אַרעסט אים אונטערגעוואָרפן.

הערש מעכל איז שוין אין אַכצנטן יאָר. ער ווייסט נישט וואָס צו טוען, צי זאָל ער טאַקע אַלץ נעמען אויף זיך, כדי יענער זאָל באַפרייט ווערן? ער וואַרט אויף אַ גריפס אין טורמע אַריין, געוואָר ווערן פון דער פאַרטיי וואָס מען הייסט אים טוען. ער באַקומט נישט. ער ווערט נאָר געוואָר, אַז ס׳איז פאַראַן אַ חשד, אַז דער געלער מרדכי איז א פּראָוואָקאַטאָר (שפּעטער, נאָך דער רעוואָליוציע אין 1917, ווערט זיך דאָס באַשטעטיקן דורך אַרכיוו־דאָקומענטן). דער חבר (איקס) דראָט הערש מעכלען, אַז אויב ער וועט נישט נעמען אויף זיך די גאַנצע שולד, וועט ער נישט האָבן קיין ברירה און וועט נעמען שיטן אויף אַלע חברים (יענער לעבט נאָך היינט, אין יאָר 1954, אין פּאַריז). הערש מעכל גיט נאָך. ער נעמט אַלץ אויף זיך. יענער חבר ווערט באַפרייט. הערש מעכל באַקומט אַ יאָר מיט דריי חדשים טורמע.

שוין? איז ער, הערש מעכל, שוין אויך אַזוינער ווי ניוטאַ, פון די „זיבן געהאָנגענע" אַנדרייעווס, וועלכע קאָן, ביי אירע זיבעצן יאָר, זיך גאָרנישט פאַרגינען אַזאַ גליק אויך שוין צו געהערן צו די העלדן־באַפרייער, דערלייזער, וועלכע גיבן אַוועק זייער לעבן, און ווערן אַריינגעשריבן מיט הייליק־בלוטיקע אותיות אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון רעוואָליוציאָנערן באַפרייאונגס־קאַמף? אַ שעה פאַרן הענגען אין יענעם פאַרטאָג טראַכט זי נאָך אַלץ צי זי וועט האָבן די זכיה צו גיין אויף דער תליה צוזאַמען מיט אַלע דידאָזיקע לעגענדאַרע העלדן. איז ער, הערש מעכל, שוין אויך איינער פון דעם דאָזיקן לעגענדאַרן העלדן־לעגיאָן, וועלכע באַקומען טערמינען טורמע פאַר זייער באַפרייאונג־קאַמף? האָט ער שוין אויך דערצו די זכיה? איז ער דערצו שוין ראוי?

בעת דער אויספאָרשונג האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, אַז מ׳זאָל צו אים רעדן יידיש. מ׳האָט געמוזט צו אים ברענגען דעם זשאַנדאַרן־פּולקאָווניק אַליין אויף צו פירן מיט אים די אויספאָרשונג. מ׳האָט נישט געפועלט. ער וויל נאָר אַ יידישן איבערזעצער. ער האָט פיר טעג געפירט אַ הונגערשטרייק, און אויסגעפירט. מ׳האָט אַריינגעפירט אַן אַרעסטאַנט פון אַ צווייטער קאַמער, און יענער האָט איבערגעזעצט. בעתן איבערזעצן האָט יענער דערווייל אַריינגעוואָרפן גאַנצע זאַצן און דערציילט וואָס עס הערט זיך נייעס אין דער פּאַרטיי אינדרויסן. אַז הערש מעכל האָט געענטפערט, האָט ער דערווייל אויך געזאָגט יענעם חבר וואָס נאָר ער האָט געוואָלט און געהאַט נייטיק צו דערציילן.

הערש מעכל זיצט שוין אין פּאַוויאַק. אין אַ קאַמער צוזאַמען מיט קרימינעלע. דאָרט לערנט מען נישט. די אַרעסטאַנטן שפּילן קאָרטן, טרייבן בחברותא — אָנאַניזם. הערש מעכל דערקלערט ווידער אַ הונגערשטרייק. מ׳זאָל אים אַרויסנעמען פון דער דאָזיקער קאַמער און אַריינזעצן צווישן די פּאָליטישע. מ׳זעצט אים אַריין אין אַן „אָדינאָטשקע". שטרייקט ער ווידער פינעף טעג — און פירט אויס. אין דער קאַמער פון די פּאָליטישע דערפילט ער זיך ערשט — בעסער ווי אינדערהיים. יאָ, ער בענקט נאָך דער מאַמען. ער זעט זי נישט אין איר וואָכעדיקן הולך, נאָר אין איר ווייסער, ווייכער, מאַרקיזעט־בלוזקע אין וועלכער זי גייט ראש השנה צו שופר־בלאָזן, אין איר ווייסן שאַל אויפן האַלז. דעמאָלט זעט זי אויס ווי אַ כלה.

די מאַמע פֿאַריומטובט דעמאָלט די גאַנצע שטוב. און שיינדעלע קוקט אויף איר ווי זי וואָלט געהאַלטן אין סאַמע מיטן חלום, געהערט ווי מען סטראָיעט ערגעץ פֿידלען. שיינדעלע טראָגט שוין זינט עטלעכע יאָר אַ בראַשקע אויפֿן האַלז — אַ פֿידעלע — אַ מתנה וואָס זי האָט אויסגעפּועלט ביי סאַנדלען. אין די טעג פֿון ראש השנה און יום כּיפּור איז אויך סאַנדל ס׳רוב אין שטוב, און אין שיל, און זאַנוול אויך. און ס׳קומט שיינדעלעס חתן.

קייגנאיבער דער טורמע דאָ, אויף דזשעלנע גאַס, איז פֿאַראַן אַ שטוב מיט גרויסע פּראָנט־פֿענצטער, פֿון דאָרטן אַרויס קאָן מען אַרויפֿקוקן אין פּאַוויאַק אַריין. פֿונדאַנען זעט מען ווער עס שטייט דאָרט. זאָל נאָר די מאַמע באַקומען די דאָזיקע ידיעה, וועט זי זיך אויך אַוועקשטעלן דאָרט ביי יענעם פֿענצטער און אַהער אַרויפֿקוקן, צו אים.

ער שעמט זיך, אָבער ער וואָלט זייער וועלן באַפֿעלן דער מאַמען, אַז אויב זי וועט קומען צו יענעם פֿענצטער, זאָל זי קומען אין איר ראש השנהדיקער מאַרקיזעט־בלוזקע.

ער לערנט זיך דאָ אין קאַמער. מען לערנט מיט אים. אינגיכן שיקט מען אים איבער אין דער לאָמזשער פֿעסטונג־טורמע. זיצט אָפּ דעם טער־מין און דאַרף שוין באַפֿרייט ווערן. אָבער אַ חבר דאַרף באַפֿרייט ווערן מיט דריי טעג פֿאַר אים, יענער האָט נישט קיין רעקל און נישט קיין שיך. און נישט אויף הוצאות אויף אַ באַנבילעט. אַנדערש וועט מען יענעם אַהיימפֿירן מיטן עטאַפּ, וואָס געדויערט עטלעכע וואָכן צייט. הערש מעכל גיט אַוועק זיינע שיך, זיין רעקל, און דאָס געלט אויף אַ בילעט. אים בלייבט בלויז אַ גילדן־צוויי. יענער חבר וועט תּיכּף טעלעגראַפֿיש צוריקשיקן ס׳געלט און אויך גלייך באַזאָרגן ס׳רעקל מיט די שיך.

ס׳קומט דער טאָג פֿון באַפֿרייאונג — ער האָט נישט קיין רעקל, נישט קיין שיך, נישט קיין געלט אויף אַ באַנבילעט. מ׳קאָן אים נישט אַרויסלאָזן פֿון טורמע. ער וועט דאַרפֿן גיין מיטן עטאַפּ פֿיר וואָכן צייט אַנשטאָט דריטהאַלבן שעה וואָס עס דאַרף געדויערן דערפֿאָרן ביז וואַרשע. דער נאַ־טשאַלניק ווייסט אַז הערש מעכל האָט זיינס אַוועקגעגעבן צו אַ חבר, און יענער שיקט נישט צוריק. דער נאַטשאַלניק קאָן אים נישט באַפֿרייען, ער מוז אים אָפּשיקן מיט עטאַפּ. ער וויל אים אויסבאָרגן זיין אייגן געלט אויף

**הוצאות, געבן אים אַ מאַרינאַרקע און שיך, נאָר הערש מעכל קאָן נישט נע־מען, ער טאָרנישט נעמען — ביי אַ טורמע־נאַטשאַלניק?**

**ס'איז ווינטער. הערש מעכל מאָנט זיין באַפרייאונג אַזויווי ער שטייט און גייט. דער נאַטשאַלניק קוקט אַוועק פון געזעץ, אויף די שטרענגע פאַר־שריפטן, און באַפרייט אים. ערשט דעמאָלט צעווײנט זיך הערש מעכל — צי מעג ער אַרויסגיין פון טורמע ווען אַנדערע חברים בלייבן נאָך זיצן?**

**ער גייט אַרויס אַ באַרוועסער און האַלב־נאַקעטער. די חברים אין לאָמזשע באַזאָרגן אים אלץ וואָס ער דאַרף און ער פאָרט אַהיים קיין וואַרשע.**

## צווישנוואָרט נומער צוויי

הערש מעכל נעמט אַוועק די האַנט פון דער גאָמבע, וועט אַ ווײלע אויפהערן צו אַקערן אין דער ערד פון זכרונות. ער וועט אַצינד רייכערן אַ גאַנצן פאַפּיראָסן־רינג, נישט צו באַנוצן קיין שוועבעלע. ער פאַררייכערט די שטוב, פאַררייכערט זיין פּנים, ער פאַררייכערט שעה'ן, ער פאַררייכערט טעג, וואָכן, חדשים, יאָרן. ביי אַ שטאַרקן בלאָז פון רויך גיט ער אַ לאָז פאַלן א וואָרט, א דאַטע, א פאַקטל.

ווען מ'וואָלט געקענט געשעענישן אויסטאַטוירן אויפן לייב, פּונקט ווי זיי טאַטוירן זיך אין לייב אינעווייניק!

# װאַרשע, פּאַריז, מאָסקװע

## קאַפּיטל 1

צוריקגעקומען קײן װאַרשע און געװאָרן פֿון די טעטיקסטע אַקטיװיסטן. ער האָט באַקומען אַ שם און רום אין די רעװאָליוציאָנערע קרײַזן.

אינדערהײם איז אים שױן נישט אױסגעקומען כמעט צו נעכטיקן. געמוזט אָנקומען צו קאָנספּיראַטיװע קװאַרטירן. געװען אײנצװײשן אויף שײנדעלעס חתונה. זי האָט זיך אױסגעהײלט פֿון איר קרענק, אָבער פֿאַרבליבן אַ שװאַכע, אַן אײדעלע. איר מאַן, שמעון, װי אײנער פֿון דער סבֿיבֿה אויף סמאָטשע, האָט זיך געחברט מיט סאַנדלען, פֿון זײַן חבֿרותא. הערש מעכל װאָלט באַשטאַנען אַז שײנדעלעס מאַן זאָל זײַן אַן אַנדערער שמעון, די מאַמע װאָלט דאָס אויך באַשטאַנען, דער טאַטע — אַװדאי און אַװדאי.

ס'איז די צײַט פֿון בײליס־פּראָצעס. דער „בונד" רופֿט די ייִדישע אַרבעטער צו אַן אַלגעמײנעם שטרײַק. אױך די ייִדישע פּרעסע זאָל פֿאַרשטרײַקן, אײן טאָג נישט דערשײנען. פֿון דער רעדאַקציע „הײנט" זאָגט מען צו נישט אַרױסצוגעבן קײן צײַטונג. דער „מאָמענט" האָט אויך צוגעזאָגט — און נישט געהאַלטן קײן װאָרט, יאָ אַרױסגעגעבן אַ נומער.

הערש מעכל גײט אַרױף מיט זײַנס אַ גרופּע אין רעדאַקציע אַרײַן. מיט אים אין דער גרופּע איז אויך מיטגעגאַנגען דער חבֿר הענעך (בײניש). אויף עמיצנס אַ געהײמען צײכן האָבן געהײם־אַגענטן אָפּגעשלאָסן ס'טױער אויף נאַלעװקעס 38, און שױן זוכן אַרום אַגענטן און זשאַנדאַרן די שטרײַק־דעלעגאַציע מיט הערש מעכלען בראש. נישטאָ זיך װוּ צו באַהאַלטן. הערש מעכל דערקענט אין רעדאַקציע איטשעלען, דעם פּאָפּולערן פֿעליעטאָניסט, אַ פֿרומער ייִד. הערש מעכל זאָגט אים קורץ:

— מיר זענען די שטרײַק־דעלעגאַציע פֿון „בונד", געקומען באַשטראָפֿן אײַער רעדאַקציע פֿאַר נישט האַלטן קײן װאָרט, פֿאַר ברעכן דעם שטרײַק. אַצינד זוכט אונדז פּאָליצײ און מיר װעלן באַלד װערן אַרעסטירט, געדענקט!

איטשעלע האָט זײ גלײַך אַרײַנגענומען צו זיך אין צימער אַרײַן און אָפּגעשלאָסן. געראַטעװעט פֿון אַרעסט.

ערב יום כּיפּור, דעם צווייטן טאָג פון ביילים־פּראָצעס, פירט הערש מעכל אָן מיט אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע. צווישן די פאַרשידענע טראַנספּאַ־רענטן איז אויך דאָ איינער מיט דער אויפשריפט:

„זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק!"

מיליטער צעיאָגט די דעמאָנסטראַציע, אַרעסטירט, יאָגט זיך נאָך הערש מעכלען, און ער באַוויזט גאָר קונצן אויף די דעכער, לויפט איבער זיי ווי איבער אַ גלאַטן שאָסיי, שפּרינגט און פאַרשווינדט אין אַ קוימען. ווערט אַנטרונען.

***

זיין בילד איז שוין צעשיקט אין אַלע פּאָליציי־רעווירן. הערש מעכל באַקומט אַן אַדרעס זיך אויסצובאַהאַלטן אין אַ שטאַרק פאַרקאָנספּירירטער דירה, ווו ס'נעכטיקן נאָר צעקיסטן, אין באַזונדערס שווערע פאַלן. עס איז אַ שטיבל פון אַן איינזאַמען שניידער, אַן אלטן בחור. דאָרט ארויפגעקומען, איז שוין דאָס איינציקע בעט געווען נישקשה פאַרנומען. חוץ דעם אייגנ־טימער, האָט דאָ באַדאַרפט זיך צולעגנען אַ חברטע, וואָס האָט אויף מאָרגן באַדאַרפט שטעלן א חופּה אין פּאַוויאַק, מיט איר חבר וואָס ווערט פאַר־שיקט קיין סיביר. זי וועט מיט אים מיטפאָרן.

וועלן זיי שוין זיין דריי צו דעם שמאָלן, אייזערנעם בעטל — נאָר רעוואָליוציאָנערע טוער קאָנען אפילו שלאָפן בחברותא אויף דער שאַרף פון א שווערד — און ס'זאָל זיי נישט זיין ענג, איינער זאָל דעם צווייטן נישט קווּעלן.

הערש מעכל האָט רעכט איר פּנים נישט געזעען, נאָר געטראַכט האָט ער זיך, אַז ווען זי האָט מאָרגן נישט חתונה מיט יענעם חבר, וואָלט ער איר פאָרגעלייגט צו ווערן זיינס אַ לעבנס־חברטע. אָט אַזאַ פרוי וואָלט ער באַ־דאַרפט האָבן, אַן אידעישן מענטש וואָס איז גרייט אויף קרבנות.

שוין ליגנדיק אַזוי אויפן בעטל אין אַנטועכץ, האַלב־דרימלענדיק, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיסעלען. זי האָט חתונה געהאַט מיט אירס אַ פע־טער, געהאַט אַ שווערן געבורט און קוים אַ יאָר נאָך דער חתונה אַוועקגע־שטאָרבן. ער הערט טריט. פאַרדעכטיקע. חלומט ער? דרימלט ער? מען קלאַפּט אין טיר. עס איז זיכער פּאָליציי. ער איז אַרויס פון פענצטער פון

פערטן שטאָק און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ רינע, אין אַ צוויטן הויף אַריין. ער האָט אויסגעלענקט א פוס, אָבער אַנטלאָפן, הינקעדיקערהייט.

מען מאַכט אים פון דער אָרגאַניזאַציע א פאַלשן דאָקומענט, מען גיט אים א קאָנטאַקט צו גרענעץ־שמוגלער, און ער דערפאָרט בשלום ביז פּאַריז. עס איז דאָס יאָר 1914.

## קאַפּיטל 2

ער איז שוין אַ פּאָליטישער עמיגראַנט. אין פּאַריז. אַ פּאַס אויפן נאָמען פון וואָלף בער שמיד. שוין מער נישט הערש מעכל טייכגראָז.

פּאַריז איז נישט וואַרשע — אַסך פרייהייט, אָבער אויך אַסך נויט, מער ווי אין וואַרשע, אַלנפאַלס פאַר הערש מעכלען — לאָמיר אים שוין רופן ביי זיין נייעם נאָמען — וואָלף בער שמיד. ראשית כל — ער האָט נישט ווו צו שלאָפן, נאָר אין גאַס, אונטער דער בריק, ביי דער סען. אפשר וואָלט ער ער יאָ באַקומען ווו ערגעץ צו שלאָפן — נאָר שמיד — דער דרייסטער רעוואָליוציאָנער, איז אַביישן. ער וועט נישט רעדן, נישט בעטן, נישט באַקלאָגן זיך, נישט דערציילן. און די שפראַך, די פראַנצויזישע, איז פאַר אים אַ פאָנפעוואַטע סימפאָניע. מ׳זינגט זי און ער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט. ער האָט קוים איינגעביסן אַביסל פויליש, אַביסל רוסיש, זיך אויסגעלערנט אין טורמע. זיי איינגעביסן, אָבער נישט דערביסן. ער קען די סובסטאַנטיוון און אַדיעקטיוון, אָבער דער אומגליק איז מיטן דעקלינירן, קאָניוגירן — אַן אַנשיקעניש, וויסטע דעספּאָטן אין דער גראַמאַטיק. די קומענדיקע רעוואָליוציע וואָלט בכלל געמעגט אָפּשאַפן אָט די דאָזיקע בורזשואַזע גראַמאַטיק — א בלינדע קישקע פון דער שפראַך. דערהערנדיק פראַנצויזיש — איז ווי מען וואָלט אים געשלאָגן מיט מעלאָדישע, בלימלדיקע ריטלעך איבער די אויערן.

אונטער דער בריק, ביי דער סען, קען ער נישט אויף דאָס מינדעסטע זיך צונויפרעדן מיט זיינע גורל־חברים. אַ לאַנגע צייט איז ער אַנגעגאַנגען פאַר אַ שטומער. קוים־קוים דערנאָך דערכאַפּט דעם קלאַנג און מיין פון:

„עי, קאַמעראַד, קאָמאַן סאַוואַ ?" —

און זיך אויסגעלערנט צוריקענטפערן, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ:
„מערסי, סאַ וואַ ביען!״.
זיך אויך אויסגעלערנט אַ מאַך אָוועק טון מיט דער האַנט ווי זיי, און זאָגן:
„זשע־מאַן פּו!״ —

די בראַדיאַגישע פילאָזאָפיע, הגם ער איז ווייט פון דער איינשטעלונג און פילאָזאָפיע זייערער. אָבער אויף אָפּצוטשעפּען זיך פון זיי, פון זייערע שמוסערייען — געווען גענוגנט דאָס. ער איז פאַרט צופרידן וואָס ער קען כאָטש אַ פראַנצויזיש גאַסן־ווערטל. אָבער אַזוי עפּנט ער זעלטן דאָס מויל. אגב — אויך צום עסן. טעג גייען אַדורך און ער האָט נישט קיין ביסן ברויט אין מויל אַריין. ער האָט שוין געפּרוווט, ווי עס האָט אים ווער געעצהט, צו גיין אויף לענגערע באַזוכן אין „לוווּר״, לאַנג זיך איינקוקן אין דער „דזשאָקאָנ־דע״, אָבער זיין הונגער וויל דאָך פאַר איר נישט אָפּטרעטן. גיכער שטילט ער שוין זיין כּעס ווען ער קוקט אויפן בילד פון דאַווידן, ווי מען פירט די קעניגין אַנטואַנעט צו דער גילאָטינע. אָבער אויף ווי לאַנג קאָן דאָס זעטיקן דעם מאָגן?
און דאָס העמד אויפן גוף, עס איז שוין וואָכן נישט געטוישט געוואָרן, בייסט אים ס׳לייב — „וואָש מיך, טויש מיך!״. און שוין חדשים ווי ער טראָגט נישט קיין שקאַרפּעטן. איז שוין בעסער אַז די שיך זענען אויפגע־ריסן, ווערן די פיס ווינציקער געפּייניקט פון דעם בריאיקן שווייס.

זיין פּאַך גייט דאָ נישט אָן, כאַפּט ער אַמאָל אַ טאָג שוואַרצע ארבעט ביים גאַר די נאָר, טראָגט איבער באַגאַזשן. ער באַקומט אַמאָל עפּעס א שטיצע פון פּאָליטישן פאַרבאַנד, פון די חברים. דאָס אַלץ וואָלט רעכט גע־ווען ווען דער חודש זאָל נאָר האָבן אַ העלפט טעג און דער טאָג נאָר צוועלף שעה. און מ׳זאָל נישט שלאָפן אונטער דער בריק ביים טייך, ווייל דאָרט ווערט דער אַפּעטיט צעווילדעוועט. די ציין גיבן שוין צו אָפּט צו וויסן די יאָסלעס — אַז זיי בענקט זיך שוין צו קייען אַ קנאַקעדיקן „באַטאָן״ (לאַנג, ווייס ברייטל).
ער האָט זיך באַקענט מיט אַ חברטע. זי איז אַ רייכע טאָכטער. זי שפּאַצירט מיט אים באַטאָג איבער די מוזעאומס און אויסשטעלונגען. דער־

נאָך איבער די בולוואַרן. זי האָט געהערט פון חברים פון פוילן אז ער איז א געוואָגטער, אַ דרייסטער, באַוווסטער רעוואָליוציאָנער.

פאַרזיכערט ער זי, אַז די רעוואָליוציע וועט קומען, מוז קומען. רעדט ער מיט איר וועגן דער ליכטיקער, ראָזער צוקונפט, אָבער דערציילט איר נישט — אַז דערווייל שלאָפט ער אונטער דער בריק, דאַרף האָבן אַ העמד און שקאַרפּעטן, און אַ ברייטל.

אפשר דערטראַכט זי זיך עפּעס יאָ וועגן זיין מצב, זי וואָלט אים גע־קאָנט אַהיימבעטן צו די עלטערן אין שטוב אַריין, זי וואָלט אים דערווייל געקאָנט באָרגן אַביסל געלט — אָבער זי קאָן דאָך אים דערמיט באַליידיקן. זי קאָן דאָך אויסזען אין זיינע אויגן ווי אַ קליינבירגערין — אַזאַ קאָמפּראָ־מיטאַציע וויל זי נישט. אַזוי אַז ביידע זענען פולשטענדיק אויסגעהאַלטן.

און אַזוי דרייט ער זיך אַרום איבער די בולוואַרן פון פּאַריז:

מיט לאַטעס אין רעקל, מיט לעכער אין די שיך, מיט גראַמאַטישע גרייזן אין מויל, מיט הונגער אין מאָגן, מיט בענקשאַפט אין האַרץ נאָך שיינקייט, און מיט אַ חלום — דערלעבן צו רעוואָליוציע!

## קאַפּיטל 3

פון אַרגענטינע איז געקומען קיין פּאַריז דער חבר לייזער וויעלון. די אָרגאַניזאַציע האָט אים אויפגענומען מיט אַ באַגריס־אָוונט. אָבער שמיד מוז דערפילן זיין פליכט און זיי מעלדן אָפיציעל וואָס ער ווייסט:

אַז וויעלון איז אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע געשטאַנען אונטערן חשד פון פּראָוואָקאַציע, און מ'האָט אים געצוווּנגען זיך אָפּצוטראָגן קיין אַרגענטינע. ער האָט אָנגענומען דעם פּסק און איז אַוועקגעפאָרן.

דאָרט איז אים געווען נישט שלעכט, ביז מען איז נישט געוואָר געוואָרן וועגן פאַרדאַכט — האָט מען אים שוין אין ערגעץ נישט צוגעלאָזן, אים אפילו געשלאָגן. ער האָט געמוזט פון דאָרט אַוועק.

אויך דאָ דערגייט מען אים שוין די יאָרן, מען שפּייט אויף אים, מען טרייבט אים, און ער, וויעלון, שטייט געדולדיק, נעמט אַלץ אויף. אין אָנ־הייב — באהבה, דערנאָך מיט רעזיגנאַציע. אַמאָל פּרוּווט ער נאָך זאָגן:

„עס וועט אַמאָל קומען אַ טאָג און איר וועט געוואָר ווערן דעם אמת, וועט איר מיך איבערבעטן, וועט איר די שפּייעכץ אָפּגלעטן פון מיר — אָבער דערצו מוז איך דאָך בלייבן לעבן, כדי דאָס צו דערלעבן״.

ס׳רוב האָט מען אים דערויף אָפּגעענטפערט מיט נאָך אַ פעטערן שפּיי אויף אים. האָבן זיינע טרערן פאַרגאָסן די שפּייעכץ.

שמיד האָט געטון זיין פּאַרטייאישע פליכט, דער אָרגאַניזאַציע מיט־געטיילט וואָס ער האָט געוווּסט וועגן אים אָפיציעל, אָבער פערזענלעך געחברט זיך מיט אים האָט ער יאָ. צוזאַמען מיט אים געשלאָפן אונטער דער בריק, צוזאַמען געהונגערט.

לעצטנס האָט שמיד אָנגעהויבן אַרויפצוקומען אין שטוב אריין צו זשאַק סאַנזשעי, דעם געניאַלן מאַטעמאַטיקער, כדי צו זיין אַ זיבעטער צום טאָפּ. דאָרט האָט ער זיך אָנגעגעסן. דאָס איז געווען אין אַ קליין געסעלע ביי בעלוויל, דאָרט האָט ער געוווינט דער אַלטער בחור, דער באַרימטער מאַטעמאַטיקער, זיבענעזיבעציק יאָר אַלט. ער איז געווען אַן אויטאָדי־דאַקט, געקומען מיט זעכציק יאָר צוריק פון אַ ליטוויש שטעטעלע, גע־הייסן י ע ק ב ז י נ ג ע ר. אַזוי הייסט ער נאָך אויך היינטצוטאָג, נאָר מען רופט אים לויטן נאָמען ווי עס לייענען און רופן אים די פראַנצויזן — ז ש אַ ק ס אַ נ ז ש ע י. זיינע תלמידים זענען פּראָפעסאָרן איבער דער גאַנצער וועלט, אין אַמעריקע, פראַנקרייך, פּוילן, פּערסיע, יאַפּאַן. ווו ס׳איז נאָר ערגעץ פאַראַן אַ שווער מאַטעמאַטיש פּראָבלעם — דער אַדרעס איז אַ זיכערער. און ער ענטפערט אַזוי גענוי און זיכער און קלאָר ווי די רוימישע געטין מינערוואַ, אָדער די גריכישע פּאַללאַדאַ. דער אַדרעס איז — זשאַק סאַנזשעי. נישט געקוקט אויף דער צאָל אַנפּראַגעס, ווינציק אָדער מער, קומען אָן קליינע געלט־טשעקלעך פון די ווייטע און נאָענטע תלמי־דים. דער גרויסער טאָפּ זינגט דעמאָלט פון פרייד — ער האָט אַסך פעטס, פלייש, און ער קאָכט זיך פריידיק, ווי אין באַגלייטונג פון אַ הייס־זודיקן, שמאַלציקן געזאַנג־מאַרש.

אין דאָזיקן שטיבל לעבט מען צייטווייליק, אויפדערווייל, כאָטש ער וווינט שוין, בלויז אין דעם צימערל, אַ שיין בינטל יאָרן. דאָס אייזערנע בעטל — ווייסט מען נישט צי ס׳איז נאָכנישט צוגעבעט, אָדער ס׳איז שוין אויפסניי אויפגעבעט, צום נאָכמיטאָג־דרימל. דאָס וועש־שענקל, אין סטיל

פון „מאַרשעי־אָ־פּיס״ (פליימאַרק אין פּאַריז ווו מ׳קויפט אַלטוואַרג, אויך אַנטיקן איבערגעמאַכטע, סטיליזירטע), איז אַזוי אַלט, אַז ס׳האָט נישט ווינציקער קאָלירן פונעם רעגנבויגן. דאָס ביכער־שענקל איז פון אומגעהובליעוועטע ברעטער, פּשוטע פאַכן. די ביכער זענען טייל האַלב צעעפנט, אינמיטן לייענען, געכאַפּט אין זיי אַ קוק. די ביכער זענען אַלטע, יעדעס מיט זיין ריח און צורה. אַ ניי בוך וואָלט אין די דאָזיקע ביכער־פאַכן זיכער זיך געפילט שלעכט, דער שטויב און אַלטקייט־ריח וואָלטן אים גלייך אַטאַקירט. דאָס טישל מיט די בענקלעך זענען נאָרמאַל מיל־ביק, מיט די קליינע קיילעכיקע לעכעלעך, מיט די שוואַרצע פּינטעלעך, מיט דעם ריח פון פרוכבע האָלץ. דאָ ליגן צעבראָכענע ברילן, מיט האָ־לאָבליעס, פענסנעי, זילבערנע און דראָטענע, אַלטע פּעדערס מיט פּאַר־זשאַווערטע פענעס — אַלע מיני „מאַנדאַליוווקעס״, „קעזעלעך״, „קיש־קעלעך״, „צלמימלעך״, שטיקלעך בלייערס, ראַזירמעסערלעך, וואָס ביצן באַר צום שניצן בלייערס. דער מיטן־טיש איז פאַרנומען פון גרויסן שאַך. חוץ דעם ליגט נאָך אין אַ זייט אַ פּעשל קאָרטן, מיט וועלכע דער אַלטער שפּילט יעדן טאָג אַ דערדל. זיין פּאַרטנער איז דער אַסטראָנאָם, וועלכער שטייט יעדן טאָג אויפן פּיגאַל מיט זיין טעלעסקאָפּ. פּאַר עטלעכע סאַנטים ווייזט ער אויפן הימל דעם צוויי־בייגלדיקן סאַטורן.

אין שאַך שפּילט ער מיט דעם כראָנאָלאָג, וועלכער האָט דריי טויזנט יאָר קאַלענדאַר אויפן קאָפּ, ביז די צייטן פון האַמערוס. ער ווייסט געווי יעדן טאָג לויטן מוסולמענישן קאַלענדאַר, גרעגאָריאַנישן און גריכישן. ער איז אַנטלאָפן פון ווייב צוליב — רעמבראַנדטן. חתונה געהאַט האָט ער מיט איר צוליב שאָפּענען —

זי איז געהאַט געזעסן אויף אַ קאָנצערט, און בעת מ׳האָט געשפּילט שאָפּענען, זיינע נאָקטורן, האָט זי אַרויסגעכאַפּט פון איר רידיקול אַ פּלאַ־קאַניקל מיט יאָד און עס אויסגעטרונקען. מ׳האָט זי געכאַפּט מיט אַ קעטשל אין דער גיכער הילף אַריין. ער איז מיט איר דעמאָלט מיטגעפאָרן, זי איז אים געפעלן געוואָרן. נאָכן אויסשווענקען אירע אינגעווייידן פון יאָד, האָט מען זי אָפּגעהאַלטן עטלעכע שעה און זי איז אַרויס פון דער „גיכער הילף־סטאַציע״. קורץ דערנאָך האָט ער מיט איר חתונה געהאַט. ער האָט אָפּגע־ווינט מיט איר עטלעכע יאָר. זי האָט געאַרבעט אַ האַלבן טאָג אין אַ

זקנים־היים. אַהיימגעקומען, האָט זי געמאַכט די ריכטיקע „פּאָמפּריט" — די געפּרעגלטע קאַרטאָפּעלעך זענען געווען ווי גריוון. דערנאָך האָט זי אַביסל געשפּילט אויפן אַלטן קלאַוויקאָרד, וואָס איז געבליבן בירושה פון איר זיידן דעם אָרגאַניסט. און אָט גייט ער מיט איר זונטיק אין לוווּר, זיי שטייען און באַטראַכטן רעמבראַנדטס בילד — „דאָס הענגענדיקע שטיק פלייש" — און זי זאָגט אים דאַביי:

„און אָט דאָס דאָזיקע בילד איז ווערט הונדערטער טויזנטער פראַנקן? איך וואָלט עס איינגעטוישט בלויז אויף א שטיק אמתדיק פלייש, וואָלט געווען אויף אַ חודש צייט צוצועסן צו אונזערע פּאָמפּריטן".

נאָך דעם דאָזיקן זאָג אירן, אין אַ האַלבער שעה אַרום, איז ער געווען צוריק אין שטוב, גענומען זיין שטעקן, עטלעכע קעלנער, עטלעכע ביכער זיינע, איין העמד — און איז אויף תמיד אַוועק פונעם ווייב.

מיר וועלן אַצינד נישט אויסרעכענען די אַלע טיפּן, וועלכע זענען געווען די שטענדיקע שטאַמגעסט ביי זשאַק סאַנזשעי, די אַלע שותפים צו זיין מיטאָג־טאָפּ. יעדן טאָג פלעגט דער אַלטער אַראָפּגיין אין מאַרק אַריין און איינקויפן קאַרטאָפל, גרינוואַרג, אַרבעס, קאַשעס, פעטס, ביינער אָדער פלייש, דאָס אַלץ אַליין צופּראַווען, אַריינטון אין טאָפּ, און אָפּקאָכן דעם וואָכעדיקן „צאָלנט", ווי עס האָט געזאָגט דער ליטוואַק סאַנזשעי. און דאָס וואָרט „צאָלנט" האָבן געמוזט קענען נאָכזאָגן סיי דער פראַנצויז, סיי דער טשעך, און אויך די צוויי יידן פון סטאַמבול און בודאַפּעסט. גראָד צום שווערסטן קומט אָן וואָלף בער שמידן אַזוי נאָכצוזאָגן, ווייל ער, האריש־מאַכו, רעדט נאָך עד היום מיטן ברייטן, לויזן, וואַרשעווער לשון.

אַז דער עולם האָט זיך אַוועקגעזעצט עסן — געווען איז נאָר אַן איינ־אונאיינציקער לעפל — האָט פאַרדעם דער כראָנאַלאָג אָפּגעריסן אַ בלעטל פון קאַלענדאַר, און געזאָגט עפּעס דאַביי אַ שפּרוך, צי אַ תפילה, צי עפּעס אַדורכגעפירט זיינס אַ טויזנטיאָריקן חשבון מיט דער צייט. דערנאָך האָט דער אַלטער סאַנזשעי גענומען דעם לעפל און אָפּגעגעסן. ער האָט דווקא נישט געגעסן קיין סך. דערנאָך איז דער לעפל איבערגעגאַנגען אין דער האַנט פון אַ צווייטן, אַ דריטן. האָט זיך געענדיקט די ריי, האָבן זיי אָנגעהויבן אויפסניי. חוץ דעם אַלטן, וועלכער האָט נישט געגעסן מער ווי אין דער ערשטער סעריע.

ביים עסן, אָדער ריכטיקער — ביים וואַרטן אויף דער ריי צום לעפל אין טאָפּ, האָט מען דערוויל געהערט שאַרפזיניקע סענטענצן, אָריענטאַל־חכמהדיקע עפּיגראַמען, דער עיקר אין פראַנצויזיש און רוסיש. די דאָזיקע שפּראַכן האָבן זיך דאָ צונויפגעמישט ווי אין איין זשאַרגאָן. האָט מען גערעדט וועגן אַ פּריש פאַרשטאָרבענעם, האָט דער אונגאַרישער ייִד געהאָט דערפאַר זיינס אַ באַצייכענונג:

„דער איינס מיט די זיבענעדרייסיק מעלות איז געשטאָרבן".

ביי אים איז אַלץ געווען אויף א י י נ ס ן. שטאַרבט אַ קינד פון אַ יאָר, הייסט עס ביי אים, אַז אַן איינסל האָט זיך פאַרטווישט אין אַ נול מיט אַן אומבאַשטימטער. איז געשטאָרבן אַן אַלטער מאַן, פון ניינציק יאָר, האָבן ניינציק איינסלעך זיך פאַרטווישט — — — און אַזוי ווייטער און ווייטער. קאַמף פאַר סאָציאַליזם? — דאָס איז ביי אים אַ קאַמף פאַר נאָך עטלעכע איינסן עסן און עטלעכע איינסן פרייהייט. שיינקייט? מיאוס־קייט? דער אונטערשיד צווישן זיי איז אָפּט נאָר אין אַ האַלבער איינס האַרמאָניע.

און ער האָט אין אַלעמען אַריינגערעדט, אַז אַ גליקלעכער טאָג ביי זיי הייסט — ווען אין טאָפּ קומען אַריין נאָך עטלעכע איינסן גריכישע קאַשע און שעפּסענע פּעטס. און גאָר־גאָר גוט וועט זיין, ווען מ'וועט דעם טאָפּ גופא טוישן אויף עטלעכע איינסן גרעסער.

דורך עטלעכע קאָמפּליצירטע צופאַלן איז געהאָט שמידן געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין דער־אָ חברה פון זשאַק סאַנזשעי, ווערן אַ זיבעטער צום טאָפּ. ברויט מיט טיי איז דאָ געווען אַ גאַנצן טאָג, אָן איבערייס. און אַז ס'האָט גערעגנט, אַ קאַלטע נאַכט, האָט מען זיך געקאָנט אָוועקלייגן אויף דער ערד לעבן אַלטנס בעטל, אונטערשפּרייטן אַן אַלטן פּאַלטן, און צוקאָפּנס, במקום אַ קישן, אונטערלייגן אַ שטויסל ביכער. שמיד האָט נאָך אויסגעפּועלט אַרויסצונעמען עטלעכע איינסן „צאָלנט" פון טאָפּ, עס אַרומ־לייגן מיט ברויט, און עס אָוועקטראָגן צו עסן דעם חבר לייזער וויעלון.

אָבער דאָס איז נישט באַשערט אויף לאַנג. שמיד ווערט אויס בונדיסט, ווערט אַן אַנאַרכיסט, צוגלייך דערמיט — אויך אַ וועגעטאַריער. קאָן ער שוין ממילא נישט געניסן פון דעם טאָפּ, נאָר בלויז אַמאָל אַ שטיקל ברויט מיט טיי.

# קאַפּיטל 4

עס ברעכט אויס די מלחמה. שמיד איז אַפּ דריי יאָר אין פּאַריז, און נאָכן אויסברוך פון דער קערענסקי־רעוואָליוציע, נעמען אַלע רוסישע, פּאָ־ליטישע עמיגראַנטן זיך גרייטן צום פאָרן קיין רוסלאַנד, מאָסקווע. עס קומט פאָר אַ פּייערונג אין אַ גרויסן רעסטאָראַן אויף סאַן מישעל. מ'הענגט אַרויס אַ רויטע פאָן. איינס ביינאַכט שליסט מען דעם רעסטאָראַן, גייען אַלע אַריבער אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון קאָמוניקאַציע־אַרבעטער, און מ'טרינקט ווײַן און בראָנפן, פאַרביסן מיט געזאַנג — ביזן גראָען פאַר־טאָג אַריין.

עטלעכע הונדערט רוסישע רעוואָליוציאָנערן, פּאָליטישע עמיגראַנטן, פאָרן קיין לאָנדאָן, און דורך שוועדן און פינלאַנד—קיין פּעטראָגראַד. אויפן פּאַריזער וואָקזאַל „גאַר דע ל'עסט" זענען געקומען טויזנטער זיי באַגלייטן. דעמאָנסטראַציעס און רעדעס. ביים אָנקומען אין לאָנדאָן, ווען די גרענעץ־באַאַמטע האָבן זיי געפרעגט נאָכוואָס זיי פאָרן איצט קיין רוסלאַנד, האָט אין נאָמען פון אַלע צריקפאָרער אין דאָזיקן טראַנספּאָרט געענטפערט אַנ־טאָנאָוו אווסעיענקאָ. ער האָט געענטפערט:

— מיר פאָרן פאַרענדיקן די אָנגעהויבענע קערענסקי־רעוואָליוציע!

זיין ענטפער איז באַגלייט געוואָרן פון רוסישע רעוואָליוציאָנערע לידער און מאַרשן. די רעוואָליוציע איז געפאָרן אויף אַ שיף איבער ימים, און ס'געזאַנג האָט נישט אויפגעהערט. איינער פון די עמיגראַנטן, אַ דאָ־צענט געווען אין סאָרבאָנע פאַר סלאַווישע שפּראַכן, האָט בעת דעם אומ־אויפהערלעכן עקסטאַטישן געזאַנג, אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות אויף אַ פּאַפּיר אַ מאַקסימע און עס איבערגעגעבן זיין שכן צום לייענען:

„דאָס שענסטע פון רעוואָליוציע איז, מסתמא, — דאָס געזאַנג".

ענדלעך אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד. ענדלעך אין יולי אָנגעקומען קיין מאָסקווע.

שמיד וווינט אין אַן „אָבשטשעזשיטיע" פאַר געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע. דערוויל ווערט מען געוואָר פון די אויפגעדעקטע צאַרישע אַרכיוון, אַז די פּראָוואָקאַטאָרן אין וואַרשעווער „בונד", אין יענע צייטן ווען ס'איז געווען טעטיק הערש מעכל, און אויך ער איז צוליב זיי עטלעכע

מאָל אדורכגעפאַלן, זענען געווען דער אַזויגערופענער — „געלער מרדכי״ און דער „חבר הענעך״ (בייניש). אַזוי אז לייזער וויעלון איז אַבסאָלוט ריין פון יעדער זינד. דאָס האָבן טאָקע די דאָזיקע צוויי פּראָוואָקאַטאָרן, מרדכי און הענעך, מיטגעהאָלפן וואַרפן דעם חשד אויפן חבר לייזער וויע־לון און אים פאַרטריבן קיין אַרגענטינע. וואָלף בער שמיד לאָזט איצט אַ טרער אוןווישט מיט איר אָפּ, אין דער מחשבה, דאָס שפּייעכץ אויפן פּנים פון חבר לייזער, וועלכער איז פאַרבליבן אין פּאַריז.

שמיד טרעט פרייוויליק אַריין אין 56סטן פּאָלק אין מאָסקווע.

אָקטאָבער 1917. יעדער טאָג איז געלאָדן מיט דינאַמיט — כאָטש שיס אים אויס צו דער לבנה. יעדע שעה איז אַזוי לאַנג, פול מיט פולע זעכציק מינוטן. רעדעס, באַראַטונגען, פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס, קלאַנגען, סתירהדיקע ידיעות. פרייהייט — און דאָך קאָנספּיראַציע. עס גרייט זיך עפּעס. עס שווימט, ווי אַן אייזקריע, אַ ברילע פון טויזנטער יאָרן, מען וועט זי צעשיסן, עס וועט זיך צעקרישלען, עס וועט פאַרזונקען אין ים אַריין. אָט איז זון, אָט איז שניי, אָט איז פראָסט, אָבער עס איז הייס. נעכט זענען נישט צום שלאָפן, נאָר צו דיסקוסיעס. דאָס מויל — כמעט נישט צום עסן, נאָר צום שרייען לאָזונגען, צו דיסקוטירן, צו רייכערן פּאַפּיראָסן, אַ גאַנצן רינג, אַן פאַרמיטלונג פון שוועבעלעך. מען וואַרט — עפּעס וועט געשעען, ס׳שטערצל פון קאָכעדיקן געשיכטע־טשייניק הייבט זיך, זידט, צוואַלעוועט, הייבט זיך און לאָזט זיך צריק אַראָפּ.

— און עס איז געשען —

הערש מעכל האָט דאָס דערלעבט — רעוואָליוציע! טאַקע רעוואָליו־ציע! ענדלעך, יאָ, דערלעבט. הערש מעכל, דער דרייסטער רעוואָליוציאָ־נער, אומדערשראָקענער קעמפער — ער שטייט דעמאָלט און — וויינט. ער גייט און — וויינט. ער לויפט און וויינט — פרייד, פרייד, פרייד — רע־וואָליוציע.

הערש מעכל, די סאָלדאַטן רופן אים מיכאיל, האַלט די ביקס, פירט אָן מיט אַן אָטריאַד סאָלדאַטן, רעדט פאַר זיי, באַהאַלטן זיך הינטער באַרי־קאַדן, שיסן, שיסן, — רע—וואָ—ליוצ—יע! ער שיסט. שיסט און וויינט. דערלעבט. דערלעבט. ענדלעך. ער וואָלט זי געטוליעט און געגלעט ווי אַ

**זייגקינד — רעוואָליוציעלע. נײַן, נישט קיין קינד, נאָר א ריז, מעכטיק און פּרעכטיק — רע—וואָ—ליוצ—יע! רע—וואָ—ליוצ—יע!!!**

**און ער, האַרישמאַכו פון סמאָטשע גאַס אין וואַרשע, ער פערזענלעך העלפט דערין צו. זאָל לעבן די רעוואָליוציע! אוואו—ררר—א—א—א!!!**

## צווישנוואָרט נומער דריי

עס וואָלט געווען אַ חטא פון מיין זייט אַצינד צו קוקן אויף אים, זשעגירן אים בעתן אַוועקדרייען זיין קאָפּ, וועלן זעען פּאַרוואָס עס צוקט ביי אים דער נאַקן — — — אין דעם עולים־מחנה טראָגט מען איצט שיסעלעך זופּ. ס׳וואָלט רעכט געווען אים אַצינד באַפרייען פון דערציילן אויף אַ קליינער האַלבע שעה צייט. ער שרייבט אין די נעכט, אַרבעט אויף אַ גרעסערער בראָשור אויף דער טעמע פון פּערמאַנענטער רעוואָ־ליוציע. ס׳פעלט אים פשוט אויס געלט אויף צו קויפן נאָך עטלעכע פּאַ־פּיר־העפטן. איך טרייסט אים — אַז אויך קאַרל מאַרקס האָט פאַרזעצט אין לאָמבאַרד זיין ראָק כדי צו קויפן פּאַפּיר אויף אָנצושרייבן זיין „קאַפּיטאַל״.

ווען ער גייט אַוועק עסן, כאַפּ איך זיך אַרויס צו אַ קיאָסק, און קויף עטלעכע פּאַפּיר־העפטן, און אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן.

ער פּאַרציט אויפסניי אַ פּאַפּיראָס און נעמט אַרויס אַ קאַלענדאַרל עפּעס אָפּצונאָטירן. זעט מען דערווייל די היינטיקע דאַטע—18טער מאַרץ, יאָר 1954. ס׳איז אַוועק זינט יענער צייט שוין העכער 36 יאָר. מיר גע־פינען זיך איצט צווישן תל־אביב און ירושלים.

אַ שטאַרקערער פּאַרצי פון פּאַפּיראָס און ער נעמט ווייטער דער־ציילן — — —

# צווייטער טייל

# אָקטאָבער איז נאָר איין חודש אין יאָר, און אויך נישט אַלעמאָל...

## קאַפּיטל 1

מ׳האָט שמידן איבערגעשיקט קיין ראָסטאָוו ביים דאָן, אויף די געפּער־לעכסטע פראָנטן. ער האָט שוין זעלנערישע פאַרדינסטן. אַ צעטל מיט גע־וואַגטע, העלדישע מעשים.

עס קומט אָן אַ טאָגבאַפעל אין דער אַרמיי:

זעלנער־אַנאַרכיסטן זאָל מען האַלטן אין רעזערוו. מ׳זאָל ביי זיי אָפּ־נעמען ס׳געווער.

די אַנאַרכיסטן דאַרפן אַצינד גלייך אַרויסטרעטן פון דער ריי און זיך מעלדן. זענען פאַראַנען אַזעלכע? — יאָ, איינער. ער טרעט אַרויס פון דער ריי — שמיד. ער? — אָן איבעראַש ביי די עלטסטע. פאַרפאַלן. באַפעל. ער וועט אָבער באַקומען וויכטיקע אויפגאַבעס. אין שטאַב זאָגט מען עס אים — אפשר וויל ער אַריבערשמוגלען געווער צו די אַנאַרכיסטן קיין אוק־ראַינע, וואָס איז נאָך אונטער דער אָקופּאַציע פון די דייטשן? די אַנאַר־כיסטן צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס פירן דאָרט אויס סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן די דייטשן, גרייטן צו אַן אויפשטאַנד. מ׳דאַרף זיי צוהעלפן מיט גע־ווער. שמיד נעמט זיך אונטער די אויפגאַבע אויסצופילן. ער פירט אַריבער פון ביעלאָגראַד קיין כאַרקאָוו, אויף דער דייטשישער זייט, גאַנצע טראַנס־פּאָרטן געווער. ער איז איבערגעטון פאַר אַ פויער. ער פירט קאַנען מיט מילך, דעם דינאַמיט טראָגט ער אויף זיך. שמיד פירט אויס זיין אויפגאַבע נאָך מיט אַ צוגאָב. דאָס צעטל מיט זיינע העלדישקייטן און פאַרדינסטן וואַרט גרעסער מיט יעדער שעה.

און דאַן געשעט אַ ווייטערער איבערברוך: אויך זיין נשמה רייסט ער אויף מיט דינאַמיט. דער מוח האָט עס אויפגעכאַפּט. עטלעכע וואָכן האָט

עס געדויערט — דורכגעטראַכט, דורכגעלעבט, דורכגעווייטיקט אין דריי צענדליק שלאָפלאָזע נעכט — שמיד פאַרלאָזט די אַנאַרכיסטן און טרעט אַריין אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

ער איז ווידער אין ראָסטאָוו ביים דאָן. אין דער אַרמיי. פאַרנעמט פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטייאישע פּאָסטנס אין דער אַרמיי. נישט געקוקט אויף די גראַמאַטישע גרייזן אין זיין מויל. פּאָסטנס אויף וועלכע מ׳דאַרף נישט רעדן קיין סך — נאָר באַפעלן. אַ וויינקטון מיט דער האַנט, איין וואָרט, אָפטמאָל בשותפות מיטן נאַגאַן.

די טשעכישע קאָנטררעוואָליוציאָנערע אויפשטענדער, די לעגיאָנערן, געפינען זיך אין אופאַ. זיי גרייטן זיך אַרומרינגלען עטלעכע דיוויזיעס פון דער רויטער אַרמיי. עס קומט אַ באַפעל פון טראָצקין אַז די אַרמיי זאָל אָפּטרעטן, זיך צוריקציען. די סאָלדאַטן ווילן אָבער נישט אָפּטרעטן. יעדער רויטאַרמייאישער סאָלדאַט וויל טראָגן אויף זיין באַגנעט — אַ טשעך. מען מוז זיי באַזיגן. די רעוואָליוציאָנערסטע גרופּע סאָלדאַטן — אַ קעסל מיט עקסטאַז — דאָס איז די גרופּע פון מיכאיל שמיד. עס דערגייט שוין צו באַריקאַדן־שלאַכטן מיט די טשעכן, אָבער די שמיד־גרופּע טרעט נישט אָפּ. מען גרייפט אָן, אויף אַ צווייטן אָפּשניט, די ווייסגוואַרדייצעס. מען פאַרכאַפּט אַ שטאַב־קוואַרטיר פון גענעראַל קאַלעדין. מען מאַכט אַ רעוויזיע. ס׳געפינט זיך דאָרט אַ קופערט מיט אוצרות ביזשוטעריע. די סאָלדאַטן אונטער דעם אָנפיר פון שמידן, וועלכע רעווידירן דעם קופערט, נעמען פּאַקן אין די טאַשן אַריין גאָלדענע ריגנען, אויערינגען, סיגנעטן, סיגאַרעטן־פּושקעס, ברילייאַנטן. שמיד שטייט און קוקט. די זעלנער, צעהיצט פון לוסט און נקמה, אין איין האַנט די ביקס, שטופּן תאווהדיק מיט דער צווייטער האַנט אַריין אין די טאַשן פון זייערע סאָלדאַטישע שינעלן — גאָלד, איידלשטיינער. אין סאַמע רעכטן מיטן רייסן זיי איבער — די אויגן אָנגעדראָלן מיט רויטע אָדערלעך — איבעראַשונג, שטוינונג, כעס — צו שמידן. פּיעטקאָ גוסיעוו פרעגט אים פּראָקוראָריש:

— אַ טי טשעווואָ? טשעמו ניע בעריאָש? (און דו וואָס? פאַרוואָס נעמסטו נישט?) — און זיינע פינגער ביי דער ביקס נעמען טאַפּן דעם שיסשלאָס.

גוסיעוו איז אַ מגושמדיקער גיבור. אין דער ברייט. דער גוף איז

בידעריק געזעצט. אָבער נישט דיק. אָנגעפּאַקט מיט גבורה. זיינע גראָע אויגן — פּאַרסמטע וואַסערלעך, האַלב־פּאַרדעקט מיט קאַשע־באַשיטע לעדעלעך. ער איז אַמאָל געווען אַ דינער אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. אַלס אַזעלכער האָט ער זיך אָנגעגעבן. אַמאָל האָט ער זיך געהאַט אָנגעגעבן אַלס דרעסירער פון צירק־הינט. וואַרשיינלעך איז ער געווען אַ פערד־גנב אָדער הונטשלעגער, אַלנפאַלס האָט ער געקענט הינט היפּנאָטיזירן. בעתן דורכגיין אַ דאָרף און אָנטרעפן אויף גרויסע, בילנדיקע כלבים, ווען ער האָט זיך צו זיי נאָר דערנענטערט, האָבן זיי זיך פלוצים אַוועקגעלייגט פאַר זיינע פיס און מיט ציטערניש פעכלען מיט די עקן. פיעטקא האָט אַרויסגעלאָזט פון מויל אַזאַ דינעם, סיקענדיקן קלאַנג, אויף צ—צ—צ — און די הינט זענען געבליבן ליגן פאַרשטייפטע.

אַז שמיד האָט איצט דערזעען פיעטקאַס פינגער זיך רוקן צום ביקסשלאָס, און אין זיינע אויגן, אין די פאַרסמטע וואַסערלעך, האָט אַ צעגליטער שטאָל געשרפהט, האָט ער פאַרשטאַנען אַז ס'איז שוין אַפילו שפּעט זיך צו באַנוצן מיט זיין רעוואָלווער, און ער האָט שנעל אָפּגעענטפערט מיט אַ בליציקן אויגנשמייכל און מיט אַן אויסרוף:

— אַ קאַקזשע! — און איילִיק זיך אַראָפּגעבויגן צום קופערט און אויך עפּעס אַרויסגעשלעפּט אַ גאָלדשטיק. עס איז געווען אַ גענעראַלסקער מעדאַל פאַר צוועלף יאָר סלוזשבע דעם צאַר. אָט־וואָט אַן אָנדענק!

## קאַפּיטל 2

שמיד באַקומט ווידער אַ באַפעל זיך אַריבערצוקריגן קיין אוקראַינע, אויף דער דייטשישער זייט, אויספירן אַ וויכטיקע שליחות. ער דערפילט זי

איצט איז ער שוין פריי, קאָן טון וואָס ער וויל. גוט. ער וועט זין פרווון דערשלאָגן קיין פוילן. קיין וואַרשע. דאָרט איז נאָך אַלץ רוי. עו וויל נישט קומען צום פאַרטיקן. דאָרט דאַרף מען די רעוואָליוציע ערשו מאַכן. ער וויל אויפסנייי אַן אָקטאָבער. נאָכאַמאָל אָנהייבן. ער וויל דאָרט זיין. נו, און דאָרט איז אויך דאָ די מאַמע, דער טאַטע, שיינדעלע. די ברי־

דער. העכער פיר יאָר פון זיי נישט געהערט. העכער פיר יאָר דאָרט נישט געווען. ער מוז זיך פּרוּוון דערשלאָגן אַהיים.

און ער האָט דעם וועג אָנגעהויבן. צופוס, מיט פורלעך, מיט באַן. דער טאַקט פון די באַן־רעדער, פון דעם פערדס ריטמישע טריט, פון זיינע אייגענע טריט, איז שוין אַצינד כסדר געווען נאָר: רע—וואָ—לוצ—יע; מאַ—מע; היים! מאַמע, היים, רעוואָליוצ—יע!

זיך שוין דערשלאָגן קיין ראָוונע, פון דאָרט קיין כעלם. עס געדויערט וואָכן. פון כעלם צופוס קיין לובלין. אומעטום נאָר — פראָסט, קעלט, שניי, בויט, הונגער, דייטשן. עס איז נאָוועמבער 1918. אָנגעקומען קיין וואַרשע. מיט זיינע אויגנבליקן לעקט ער די גאַסן פון וואַרשע, גלעט, זוכט. פאַרוואָס זענען די גאַסן געוואָרן אַזעלכע הויכע בערג? ער גייט אויף זיי אַרויף. העכער. און זיי בייגן זיך אַלץ אויס שיעף און שיעפער. ער וויל מיט איין טראָט־שפּרייז פאַרנעמען אַ גאַס. אָבער דווקא גייען זיינע פיס נאָר אויף איין אָרט. מיטן אויג האָט ער שוין איינגעשלונגען די גאַס, אָבער מיט די פיס נאָכנישט. די גאַס בייגט זיך אויס שיעף און ער מוז אויף איר קלעטערן ווי אויף אַ באַרג. און די אויגן רייצן זיך מיט די פיס — נאָך אַלצנישט, נאָך, ווייטער, גיי, גיי, לויף. די מאַמע מוז דאָך נישט וווינען דווקא אויף סמאָטשע, ער קאָן זי שוין טרעפן אויף אַ גאַס פריער, אָבער אַז די גאַסן זענען אַזעלכע לאַנגע, אַזוי באַרג־משופּע, און מען דאַרף זיך דראַפּען אַרויף, קלעטערן — ווי דערזעט מען שוין די סמאָטשע!

אָט איז זי. נומער 4. גיך אין הויף אַריין. גיך אויף די שטיגן אַרויף. אָט איז די טיר. זי איז פאַרמאַכט. הערש מעכל קלאַפּט, מיט די הענט, מיט די פיס. גאָרנישט. מען ענטפערט נישט. ער איז אַוועק צו די שכנים. יאָ, טאַקע אויסטערליש, שוין עטלעכע טעג זיי נישט געזעען, נישט דער מאַמען און נישט שיינדעלען.

— און דער טאַטע ווו איז? אַ? דער טאַטע? —

מ׳עט אים שוין זאָגן. נישט אַצינד.

— די ברידער? דער שוואָגער?

— שוין לאַנג אַוועק אין די אַרמייען. שוין יאָרן.

מ׳פּרוּווט נאָכאַמאָל קלאַפּן און האַקן אין טיר. פאַרמאַכט. פאַרהאַקט.

מ׳פילט עפעס אַ ריח. אַ שלעכטן ריח. מען רייסט אויף די טיר. די מאַמע, שיינדעלע, זיי ליגן אין אייזערנעם בעטל, אַרומגענומען. די גראָבע ווי־גאָניע־קאָלדרע אָפּגעדעקט, צעריסן. די קליידער אויף זיי — צעריסן. ס׳שטינקט אין שטוב. אַ גאַס־גרויע פאַרנאַכט־חשכות — כאָטש ס׳איז סאַ־מע מיטן טאָג. די מאַמע, שיינדעלע — אימוויי אימוויי, זיי לעבן נישט! שוין לאַנג טויט. געפרוירן. די מלבושים, די וועש אויף זיי — צעביסן פון שטשאָרעס. זייערע גופים אויך צעביסן פון שטשאָרעס. וויי־וויי, וויפל טעג די שכנים האָבן זיי שוין נישט געזעען, אפשר אַ וואָך, און אפשר שוין צען טעג. ס׳איז נישט איינגעפאַלן אַ קוק צו טוען, „רויזעלע געזונט זאָל זי זיין" — טויט. אַז מ׳איז פאַרנומען מיט זיך, הונגער. ס׳האָט טאַקע זיך געשפּירט אַ ריח, אַ פּזשיקרער ריח, נאָר ווער זאָל זיך רעכטן?

הערש מעכל — זייער טויט האָט זיך אים אַריינגעהאַקט ווי אַ קלין צווישן ביידע שורות ציין, קאָן זיי נישט צומאַכן. אַ ברענענדיקע טרוקע־ניש אין די אויגן. קיין טרער נישט. מיטן קלין אין מויל גיט ער נאָך אַ פאַרהאַקטן פרעג:

— און ווו דער טאַטע?

— דער טאַטע? נאָך אין אָנהייב מלחמה. געהונגערט, איז ער אַרומ־געגאַנגען בעטלען. געפאַלן אין גאַס.

דאָס מויל און די ציין זענען אים נאָך אַלץ פאַרשטייפט, מען מוז אַרויסשטופּן דעם געפרוירענעם קלין פון מויל:

— אַהאַ! נו־נו. מ׳דאַרף ברענגען צו קבורה. די מאַמען. שיינדעלען.

ס׳איז היינט אַ טומל אין גאַס. געשעעניש. די דייטשן אַנטלויפן. די פּאָליאַקן דערקלערן מלוכהשע אומאָפּהענגיקייט. פענער אין די גאַסן. ווייס־אַמאַראַנטאָווע. — נו־נו. מ׳דאַרף קובר זיין די מאַמען. שיינדעלען. ער ווייסט נישט ווו זיך צו פאַרען. די שכנים וועלן צוהעלפן. רויזל פאַר־דינט נאָך אַזאַ חסד פון די שכנים. וואָס זי האָט אַלץ נישט געטון פאַרן הויף. — נו־נו, מ׳דאַרף זיי ברענגען צו קבורה — די מאמען, און שיינדע־לען, צוזאַמען. אַ רגע, ער דאַרף עפעס זעען — און ער איז צוגעגאַנגען צום בעטל, עפעס געפּאָרעט זיך ביי זייערע צעביסענע גופים און צעריסע־נע וועש און מלבושים. אָט האָט ער עס:

פון שיינדעלען האָט ער אַראָפּגענומען די קליינע פידל־בראָש, און

פון דער מאַמען — אַ שטיק פון דער צעריסענער, ווייסער מאַרקיזעט־בלוזקע, וואָס זי פלעגט טראָגן ראש השנה צום שופר־בלאָזן.

ער האָט עס אַריינגעלייגט אין בוזעמטאַש פון זיין וואַטענער קורטקע און פאַרקנעפּלט. נו, ער איז פאַרטיק. דער קין האָט זיך שוין ווידער פאַר־שטייפט, דאָס מויל צעעפנט, דער קלין צווישן ביידע שורות ציין. אַזוי ביזן אויפן בית עולם. ביז צו דער קבורה. עפעס רעדט מען צו אים, מ׳מאָנט ביי אים קדיש. אַ זאָטעניש האָט געשפּאַרט פון אינעווייניק, און ענדלעך, דעם קלין אַרויסגעשטופּט — מיט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין.

# די וואָנסעס העכער פון דער פּאָן...

די פּאָליאַקישע פריצישע וואָנסעס זענען העכער פאַריסן ווי זייער נאַ־ציאָנאַלע פּאָן פון אומאָפּהענגיקייט. העכער הונדערט צוואַנציק יאָר זענען זיי, די פּאָליאַקן, געווען געשמידט און פאַרקייטלט אין נאַציאָנאַלער שקלאַ־פעריי; רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך האָבן כּסדר געדלאָביעט די אויגן פון שטאָלצן פּוילישן אָדלער, געריסן פעדערוויז די פליגלען פון דעם ווייסן אָדלער זייערן — דעם סימבאָל פון זייער נאַציאָנאַלן האָנאָר, מלוכהשער זעלבסשטענדיקייט, מדינהשער אומאָפּהענגשאַפט. נישט איינמאָל האָבן די פּאָליאַקישע פריצים געמוזט טאַנצן פאַר זייערע האַרן — דעם חניפהקן, מה־יפיתדיקן בערנטאַנץ, דעם זעלבן וועלכן זיי האָבן געצוווּנגען צו טאַנצן זייערע איבערגעשראָקענע אַרענדאַרן — די מאָשקעס און יאַנקעלס. איז אָט — ווי נאָר זיי זענען פריי געוואָרן די דאָזיקע פּאַנעס, באַקומען די אויס־געבענקטע, אויסגעחלומטע, באַזונגענע נאַציאָנאַלע פרייהייט — און שוין האָבן זיי געדריקט מיט זייערע קאַוואַליערסקע רייטשטיוול, געריסן מיט די שפּאָרעס דאָס לעבעדיקע פלייש פון די מיטבירגער — די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

באַקומען נאַציאָנאַלע פרייהייט? — איז באַלד עקסצעסן, פּאָגראָמען אויף די יידן — לויט דער „שענסטער" טראַדיציע פון דער פּוילישער שליאַכטע.

דער ספּעקטאַקל הייבט זיך אָן מיט רייסן בערד ביי אַלטע יידן, דער־

נאָך — איבערדרייען שפּאַציר־וועגעלעך מיט יידישע קינדער, אונטער־שלאָגן מיט קאָסטעטן יידישע אויגן; צערייסן מלבושים, אָפּפּליקן פּאָ־לעס, ווי כלבים, פון די לאַנגע יידישע כאַלאַטן. דערנאָך קומען בלבולים, באַשולדעגישן אין שפּיאָנאַזש פאַרן שונא, אַרעסטן פון אַלע וויכטיקסטע טוער פון די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען. עס מערן זיך די אָנפאַלן אויף די גאַסן, צעברעכן די שויבן, צעחרובן קראָמען. פּאָגראָמען. אָפיציעלע עקזעקוציעס, דערשיסונגען, תליות — אין לעמבערג, פּינסק, ווילנע.

דער טאָן פון די נייע פּוילישע הערשער — פּאַריסן, ברוטאַל, כאַמסקע — כאַטש אָפט פאַרשמירט מיט בוימלדיקן מליצה־לשון, אָנגעבלאָזענעם קאָנצעלי־אַריע־זשאַרגאָן.

די טורמע־קעלערן שוין איבערגעפּולט מיט רעוואָליוציאָנערע טוער. מען מוז זיך אויסבאַהאַלטן, טוישן די דירות, די פּעסער, אַפילו דאָס אויס־זען — די פאַרב פון די האָר, מיט אַ באָרד און אָן אַ באָרד, פאַרשידנערליי וואָנסעס. טראָגן אַ האַרטן מעלאָניק און אַמאָל אַ צעקנייטשטן ליציפּעד, אָדער מאַטשעיוווקע. הערש מעכל, דער ברייטפּלייציקער, ברייטביינע־קער, מיט אַ פּנים אין וועלכן יעדער שטריך איז געשניטן פון ענערגיע און רעוואָלט, וואָס איז צייטנווייז שווער און אומגעלומפּערט ווי אַ בער און אָפּטמאָל פלינקער ווי אַ וועוועריק און האָז — איז שוין געגנוג געניט אין דעם גאַנצן רעפּערטואַר פון א קאָנספּיראַטאָר.

ס'ווערט צוגעגרייט, אָרגאַניזירט, אַ גרויסע, רעוואָליוציאָנערע מאַסן־דעמאָנסטראַציע אויפן זאַקסישן פּלאַץ אין וואַרשע.

הערש מעכל געהערט צום געהיימען רעווקאָם.

מיט דער דעמאָנסטראַציע פירן אָן עטלעכע פּאָפּולערע, באַליבטע און באַרימטע רעוואָליוציאָנערן פון „ס.ד.ק.פּ.ל.‟ און „פּ.פּ.ס. — ליעוויצע‟. אויסגעפּרוווטע קאַמפּסהעלדן, אויך יונגע אַקטיוויסטן. צווישן זיי — שאַכנע קאַראָלסקי, דאַמבאַל, סאָכאַצקי און „האַרישמאַכו‟.

די יידישע רעוואָליוציאָנערן וועלן זיך פריער פאַרזאַמלען אויף טלאָ־מאַצקע, ביי דער סינאַגאָגע, און פון דאָרטן אַריבערמאַרשירן צום זאַקסישן פּלאַץ.

שאַכנע קאַראָלסקי, אָן אויפגעהויבענער אויף די אַקסלען פון עטלעכע

אַרבעטער, האַלט זיין רעדע, אין פּויליש, מיט צוויי רעוואָלווערן אין ביי־
דע הענט. זיינע רייד — צינד־קנויטן אויף דינאַמיט. צום רעדנער רייסן
זיך שוין „קאַנאַריקעס״ (זשאַנדאַרן) און „שפּיצלעס״. אין דער לעצטער
מינוט טיקט זיך שאַכנע אונטער אין דער מאַסע, פליקט אַראָפּ זיין צוגע־
קלעבט בערדל, די וואָנסעס, און פאַרשווינדט. אין דער זעלבער צייט, אין
אַ צווייט ווינקל, הייבן עטלעכע דעמאָנסטראַנטן אַרויף אויף זייערע אַקס־
לען אַ צווייטן רעדנער, וועלכער רעדט יידיש, — האַרישמאַכו.

ער באַמיט זיך רעדן רואיק, נישט ווי צווישן אַ פּאָליציי־געיעג וואָס
וועט אים אין אַ רגע אַרום דערגרייכן. ער לייענט דאָך פּאָר, פון אויסנוויי־
ניק, אַ טויטאורטייל — דעם קאַפּיטאַליזם, אימפּעריאַליזם, די אונטערדריי־
קער און פאַרשקלאַפער, די מערדער:

— זיי דאַרפן אומקומען, זיי מוזן אומקומען, זיי וועלן אומקומען! —
מיר, די אַרבעטער, די אונטערדריקטע — מיר וועלן זיי אומברענגען! זייער
אָרדענונג, זייער רעזשים. נידער מיט דער בורזשואַזיע! זאָל לעבן די באַ־
פרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס! זאָל לעבן דער — — — די זשאַנדאַרן האָבן
זיך צו אים דערנענטערט און ר'האָט אינדערגיך פאַרענדיקט דעם אויסרוף
— די רעוואָליוציע!

ער האָט נאָך באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען פון די אונטערהאַלטערס אַקס־
לען.

פענער זענען געוואָרן אינדערגיך אַראָפּגענומען פון די שטעקנס און
באַהאַלטן אין בוזעמס. דעמאָנסטראַנטן זענען שוין געלעגן אין קופּעס,
אויף דרערד, צעקאָפּעטע פון זשאַנדאַרן. אַנדערע אַנטלויפנדיקע דעמאָנ־
סטראַנטן זענען אַנטלאָפן איבער זייערע קערפּערס. די זשאַנדאַרן האָבן
געשלאָגן מיט די שווערדן, די פּאָליציאַנטן האָבן געטליקעט מיט די ביקסן,
מ'האָט געשאָסן פון ביידע צדדים.

מ'האָט געכאַפּט הערש מעכלען, אים ארונטערגעדרייט די הענט. ער
האָט זיך געוועֶרט. מ'האָט געזוכט אין זיין בוזעם־קעשענע אַ פאַרשטעקטע
רויטע פאָן. ער האָט מיט די ציין געביסן די זשאַנדאַרסקע הענט. זיי האָבן
פּאָרט אַרויסגעצויגן — אַ ווייס שטיקל שטאָף, עפּעס אַ שטיק צעריסענע
ווייסע בלוזקע. זיי האָבן נישט געוווּסט דערמיט וואָס צו טוען, עס אים גע־
געבן אַ שטופּ אַריין צוריק אין קעשענע און אויף אים אַ ריטש געטון:

— מאַש סאַביע שטאַנדאַר! ידזש סטאַנד פּרעטש! (האָסטו דיר אַ פּאָן! וואָן אַוועק פּונדאַנען!).

## נו, וועט מען אַוועק צו דער מאַמען...

די רוסישע רעוואָליוציע אָטעמט מיט אירע געזונטע לונגען אויף גאַנץ אייראָפּע אַרויס — דער ספּאַרטאַקוס־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד, אויפשטאַנד אין אונגאַרן, רעוואָליוציאָנערע דעמאָנסטראַציעס אין אַלע אייראָפּייאישע הויפּטשטעט.

אין וואַרשע האָט אויפגעריסן די ציטאַדל מיט אַלע געווער־מאַגאַזינען. אַן אויפרייס מיט אַסך קרבנות. הייזער אַרום זענען איינגעפאַלן, טויזנטער שויבן פון די אַרומיקע פענצטער נאָנט צו דער ציטאַדעל זענען אַרויסגעפאַלן. עטלעכע טעג האָט דאָרט געדויערט די שריפה און ווייטערדיקע אויפרייסן. דעם דאָזיקן סאַבאָטאַזש־אַקט האָבן געקאָנט אויספירן נאָר הויכע אָפיצירן, וועלכע האָבן געקאָנט דאָרט אַריינקומען, פאַרבאָרגענע רעוואָליוציאָנערן.

מען אונטערדריקט די אויפשטאַנדן, ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט ווערן דערמאָרדעט. דער אונגאַרישער אויפשטאַנד דעשטיקט. בעלאַ קון — אַנטלאָפן. אין וואַרשע — מאַסן־אַרעסטן. אָבער דער שטורעם וועט זיך שוין נישט איינשטילן, קיין שום דאַמבע וועט אים נישט פאַרהאַלטן.

די רויטע אַרמיי גייט אויף פּוילן. נעמט איין שטאָט נאָך שטאָט. אין וואַרשע ווערט געשאַפן אַ געהיימער רעוואָליוציאָנערער קריגס־קאָמיטעט. הערש מעכל געהערט צו אים. מען גרייט שוין צו אין דער שטיל אַ פּוילישע ראַטן־רעגירונג. אויך דער „בונד" האָט שוין געגעבן זיין הסכמה און גרייטקייט אַריינצוטרעטן אין יידישן ביוראָ ביי דער ראַטן־רעגירונג, אויף אויספירן די יידישע אַרבעט. די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך צו וואַרשע.

אויף דער זיצונג פון געהיימען רעוואָליוציאָנערן קריגסראַט, וועלכע דויערט שוין 36 שעה אָן איבעררייס, האָט הערש מעכל אַריינגעטראָגן אַ פאַרשלאַג, אַז מ'זאָל נאָך היינטיקע נאַכט אויפרייסן די קערבעדזש־בריק

ביי פראַגע־וואַרשע, כדי ס'פּוילישע מיליטער זאָל נישט האָבן ווהין צו אַנטלויפן און שטעלן אַ ווידערשטאַנד. די דאָזיקע אויפגאַבע, האָלט ער, איז אַ דרינגענדע און זי דאַרף שוין ווערן אויסגעפירט. אַזיוווי עס זענען נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייטן און צייט אויף באַזונדערע צוגרייטונגען, — וועט ער אויף זיך אָנטון אַ לאָדונג דינאַמיט, אַרויס אויף דער בריק און זיך דאָרטן אויפרייסן.

ווען ער האָט דאָס געזאָגט איז אין יענעם שטיבל שוין געווען אַזוי אָנגערייכערט, די אויגן פון אַלעמען שוין מידע, שווינדלדיקע, די פּנימער בלאַסע, אויסגעמעגערטע — אַז ס'איז שוין נישט מעגלעך געווען צו זעען ביי וועמען עפּעס אַ באַזונדערן אויסדרוק. הערש מעכלען איז שוין אומ־מעגלעך צו האַלטן אָפן די אויגן, איז זאָלן זיי זיין פאַרמאַכט, זעט ער זיך שוין דאָ אַן אויפגעריסענעם אויף שטיקלעך. אויב אַזוי, וועט ער דאָך שוין נישט קאָנען זיך טוליען צו זיין טויטער מאַמען ווי עס האָט געטון שיינדע־לע.

נאָר סייווי, זיין פאַרשלאָג ווערט נישט אָנגענומען — צוליב טאַקטי־שע און פּראַקטישע טעמים. ער האָט געקריגן אַנדערע סכנהדיקע פונק־ציעס אויסצופירן. און ער האָט זיי אויסגעפירט.

## אַ לידל — אַ פּיסטויל

אַלטער קאַציזנע האָט איבערגעזעצט אַלעקסאַנדער בלאָקס פּאָעמע „צוועלף". אַן אַריינפיר־וואָרט פון שאַכנע קאַראַלסקי. און עס איז באַקאַנט געוואָרן אַ זאַג פון קאַראַלסקי, וואָס איז גיך באַוווסט געוואָרן אין די רע־וואָליוציאָנערע קרייזן, אַז האַרישמאַכו וואָלט געקאָנט זיין דער פּראָטאָ־טיפּ פון איוואַנען אין אַלעקסאַנדער בלאָקס „צוועלף".

הערש מעכל באַנוצט אין זיינע רעדעס גאַנצע סטראָפן פון דער דאָזי־קער פּאָעמע. דער יידיש אין דעם ביכל איז געשריבן אין אַ צולהכעיסדיק־משונהדיקער אָרטאָגראַפיע. הערש מעכל לייענט עס סייווי מיט זיין וואָר־שעווער אויסשפּראַך (און עד היום רעדט ער דעם דאָזיקן ברייטן, פאַר־

צויגענעם, לויזן ווארשעווער לשון). דאָס ביכל האַלט ער תמיד ביי זיך. די באַליבטסטע סטראָפּן חזרט ער איין ווי אַ תפילה:

„דער שניי — ער פליט, דער ווינט שפּאַצירט,
און כעוורע „צוועלף״ אין גאַס מאַרשירט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַלטער הונט, נישט וואַג צו קריכן,
כ׳שינד פון דיר דיין האַרטע פעל,
אַלטע וועלט — צום הונט געגליכן
רוק זיך אָפּ, איך מאַך אַ טעל!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

העי כאַווער, ציל זיך, זיי נישט פויל,
אין הייליק רוסלאַנד שיק דיין קויל!
טיר און טויערן פאַרמאַכט,
מען וועט רויבן היינט ביינאַכט!
שפּאַנט, אַ שפּאַנט רעוואָליוציאָנערן,
זאָל דער נאָנטער פיינט דערהערן!
פאָרויס, פאָרויס, פאָרויס,
דיין האַס און כעס לאָז אויס!
די פראַיהאַיט געיט! אַ וואָרע מאַך!
טראַך—טאַך—טאַך!
טראַך—טאַך—טאַך!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

העי כאַווער, ציל זיך, זיי נישט פויל,
אין הייליק רוסלאַנד שיק דיין קויל!

## אַ היימיש ווינקל, און דער מאַמעס אַ בליק — — —

ווען הערש מעכל האָט זיך איינמאָל געפונען אין זאַקסישן גאָרטן, באַדאַרפט זיך טרעפן מיט וועמען און עפּעס דערליידיקן, האָבן זשאַנדאַרן פאַרשלאָסן דעם גאָרטן פון אַלע זייטן. אַ שטייג. ער האָט נישט ביי זיך קיין

שום דאָקומענט. מ׳האָט אים אַרעסטירט. אַ שווערע, שאַרפע אויספאָרשונג מיט די אויסטערלישסטע צענדליקער פראַגן, אָבער ער ענטפערט לגמרי נישט. עס העלפן נישט קיין שום דראַקאָנישע מיטלען. אַ מיליטערישע שנעל־געריכט. מ׳פאַרמשפּט אים צום טויט. מ׳פירט אים, און נאָך אַ גרו־פּע אַרעסטאַנטן, איבער דער גאַס. פריער אין פאַוויאַק אַריין און פון דאָרטן וועט מען איבערפירן אין ציטאַדעל, צו דער עקזעקוציע. מ׳פירט זיי צו־פוס. אויף יעדן אַרעסטאַנט — אַ זעלנער מיט אַן אויסגעשטרעקטן ביקס. 16 אַרעסטאַנטן — 16 זעלנער. אָט גייען זיי שוין דורך קאַרמעליצקע גאַס. ס׳איז פאַרנאַכט. הערש מעכל, דער אַמאָליקער בונדיסט, דערזעט דאָ אַ באַקאַנטן אַדרעס, אַ באַקאַנט טויער — קאַרמעליצקע 29. דאָרט איז א ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון בונדיסט בראָניסלאַוו גראָסער. אַ היימישער אַדרעס. היימישע זכרונות. ס׳ווערט וואַרעם. הייס. אַ זיסע היץ זידט אויף ביים האַרץ־גריבל. דער דאָזיקער הויף האָט נאָך אַן אייגנשאַפט, ער האָט א צווייטן אַרויסגאַנג־טויער אויף דזשעלנע. א מאָדנער בין השמשות היינט, אַ האַניק־ריח וואָס ביטערט אונטער דער צונג. אַ יום־כיפּורדיקער פאַרנאַכט. דער תענית ענדיקט זיך, אָבער מען גייט נישט עסן צו קיין סעודה. פאַרטאָג וועט ער שוין זיין אַ דערשאָסענער אין ציטאַדעל. ער וואַרפט אַ האָזן־בליק צום היימישן הויף—מ׳קאָן פּרוּוון א שפּרונג טוען. איינס און צוויי — אַריין קודם דאָרטן, כאָטש אויף ווי לאַנג ס׳זאָל נישט זיין. וועט מען אים כאַפּן, וועט ער כאָטש האָבן דאַפיוער געווען אין אַ היימישן הויף. ער גיט אויף אַ פּיצל רגע׳טשקע אַ פאַרמאַך די אויגן. דער־זעט ער וואָס ער וויל דערזעען, און גיט אַ פרעג:

—ני, מאַמע, ווי מיינסטע?

זי שאָקלט צו אים אויף גיך מיטן קאָפּ אויף — יאָ־יאָ!

ער דערהויבט זיך אין אַ פליגלדיקן שפּרונג, אַרויף אויף די עטלעכע שטיגעלעך, ער איז שוין דורך דאָס הויפל, שוין ביים צווייטן טויער, שוין אויף דזשעלנע גאַס. אַריין אין וויעזשענע געסל. ער לויפט. ר׳איז שוין אויף פאַוויע. ער לויפט. אויף דער לינקער זייט איז דער מויער פון דער פאַוויאַק־תפיסה, די רויטע ציגל־מויער מיט שטעכיקע דראָטן. מיט וואַד־טורעמס. ער לויפט. די פיס, דער קאָפּ. דער טויט לויפט אים נאָך. ער

פליט, שוועבט, ס׳רעקל אַראָפּגעוואָרפן, אַריין אין א טויער, אין א הויף, אַראָפּ אין אַ בעקעריי, אין האַלץ־קאַמער אַריין:

— כאַוויירים, פּאַשליסט די קאַמז. גיאַך, שנעל!

שוין. ער ליגט צווישן האָלץ. אין קעלער. פינצטער. ער אָטעמט גיך און שווער, אָטעמט אַרויס פון זיך דעם טויט, אָטעמט אַריין לעבן. ער לעבט, הערש מעכל, לעבט.

צוויי וואָכן איז ער דאָרט געלעגן. אַנגעבונדן דעם געהעריקן קאָנ־טאַקט. דאָ אַהער האָט מען אים אַריינגעברענגט אַ פּאַס, ווידער עפּעס אַ נייעם נאָמען, צום פיפטן מאָל שוין געביטן.

מ׳וועט אים אַריבערשמוגלען קיין דייטשלאַנד, קיין שטעטין. דאָרט דאַרף ער זיך אַריינשמוגלען אין אַ לאַגער פון רוסישע געפאַנגענע, וועלכע וועלן אָפּגעשיקט קיין רוסלאַנד.

צוויי וואָכן איז ער אָפּגעווען אין געפאַנגען־לאַגער אין שטעטין און אַוועק מיט אַן עשאַלאָן קיין רוסלאַנד. דאָרטן איז ער שוין אַרויס און זיך פאַרבונדן ווו און מיט וועמען ער האָט באַדאַרפט. נאָך 3 חדשים דאָרט אָפּ־זיין, האָט אים די פוילישע פּאַרטיי צוריקגעפאָדערט, ער איז נייטיק אין לאַנד אויף אַרבעט, אים קאָן איצט קיינער נישט פאַרטרעטן. ער איז צו־ריקגעפאָרן. אין מינסק איז ער געוואָרן איבערגעגעבן צו אַ חברה פוילישע גרענעץ־שמוגלער, מיט וועלכע די סאָוויעטישע גרענעץ־וואַך האָט געהאַט אַ נישט־געשריבענעם אָפּמאַך אַז זיי מעגן אַריבערברענגען פון פוילן פּראָ־דוקטן, מלבושים, אָבער דערפאַר מוזן זיי פון צייט־צו־צייט אויך אַריבער־פירן אַ מענטש וועלכן מ׳וועט זיי איבערגעבן. זיי דאַרפן אים אַריבערפירן און צושטעלן אויף אַ זיכערן פונקט. זיי האָבן אים דערפירט ביז באַראַנאָ־וויטש. פון דאָרטן איז ער שוין אַליין געפאָרן קיין וואַרשע.

## און ווידער

מ׳האָט באַדאַרפט ווערבירן אַ גרעסערע צאָל מענטשן, וועלכע זאָלן אַריבערפירן, פון וואַרשע קיין רוסלאַנד, די נייעסטע מאַפּעס, פאַרשידענע דאָקומענטן. צו דער אַרבעט האָט מען געמעגט ווערבירן אַפילו נישט קיין

קאָמוניסטן, נאָר סימפּאַטיקער, פון סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. מ׳צאָלט זיי אַ ברייטהאַרציקן טאָגלוין. מ׳דאַרף זען אַז יונגע, שיינע פרויען זאָלן זיך באַקענען מיט פּוילישע אָפיצירן, קומען מיט זיי אין נענטערער פאַרבינדונג, אויף „ביבקעס״, פאַרווײַלונגען. מ׳דאַרף אַרויסבאַקומען פון די אָפיצירן די סאַמע פאַרשידנסטע ידיעות, אויך פשוטע אַדרעסן, נעמען, ציפערן. ס׳איז געוווּנטשן אַז די דאָזיקע פרויען זאָלן זײַן פון די רײַכערע ספערן, סאַלאָן־פעיִק, פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ. ס׳איז גענוג אַז זיי זאָלן בלויז זײַן לײַכטע סימפּאַטיקערינס, זיי זאָלן עס טוען פאַר אידעע, צי פאַר געלט — דאָס איז שוין נישט אַזויפיל וויכטיק, דאָס באַשליסט שוין דער ראַיאָנער אויפן אָרט.

הערש מעכל האָט נישט דערמיט דירעקט צו טוען — אָבער ער דאַרף האָבן די אויבערשטע אויפזיכט אויף די ווערבירער און אָרגאַניזאַטאָרן.

איינער פון די טרעפפּונקטן איז אויך קאַרמעליצקע 17, אין אַ קאַוויאַר־ניע. די קעלנערין איז דאָרט אויך אַן אייגענע (אָפיציעל געהערט זי צו די לינקע פּועלי־ציון און קומט אָפט אַרויף אין זייער קלוב אויף קאַרמעליצ־קע 23). מ׳זאָגט איר די פאַראַלן און זי זאָגט שוין ווו, ווען און וואָס. דער קליינער לייבעלע, דער געוועזענער לערער, געוועזענער פּועלי־ציוניסט, איז איינער פון די הויפּט־ווערבירער. לייבעלע איז אַ פריילעכער, שוואַרץ־טשופּריניקער, אַ שיינער זינגער פון פאָלקסלידער, רוסישע, אוקראַינישע, יידישע. ער קען אויך גוט טרינקען. איז אַ ווייבערניק אויך. נאָר אים נעמט מען עס נישט פאַר אומגוט. ער האָט אַסך וויסן, געניטשאַפט, אַ פּראַקטישער אָרגאַניזאַטאָר, אַ פלינקער, דרייסטער. און האָט אַ ברייטע האַנט, איז נישט קאַרג אויף קיין גראָשן. און אַ ווערטל־זאָגער. די חברטעס האָבן ליב צו פינגערן זײַן זייד־ווייכע פאַטישע טשופּרינע.

אין אַ צייט פון אַרבעטלאָזיקייט זענען די דאָזיקע ברייטהאַרציקע פאַר־דינסטן גאַנץ גוט צונוץ געקומען טייל חברים. איין רייזע אויף דריי־פיר טעג און מ׳האָט פאַרדינט אויף אַ גאַנצן חודש אויסהאַלט. אָט זיצט דאָ איצט דער חבר וועגדע, ער איז אַ רעזשיסער פון אַ דראַמאַטישן קרייז אין אַן אַרבעטער־קלוב. ער קריגט דערפאַר גראָשנס. אָבער ער איז שטענדיק אָנגעטון אין אַ העל־געפּרעסטן אָנצוג, אָפּגעפּוצט, פריש ראַזירט, רייכערט די בעסטע ציגאַרעטלעך. אָבער ווער ווייסט דען אַז ביי זיך אין שטוב

גרימירט ער און כאַראַקטעריזירט קאָנספּיראַטאָרן, חברים וועלכע דערפילן פאַרשידענע וויכטיקע פונקציעס. אויך די וועלכע פאָרן אויףביידע זייטן גרענעצן.

הערש מעכל מוז איבערגעבן זיין פונקציע צו אַ קלענערן פון זיך אין פאַרטיי־רינג, צו אַ געוויינלעכן פאַרטיי־„טעכניקער". ער מוז פאָרן און אָרגאַניזירן אַ פאַרטייאישע ראַיאָן־קאָנפערענץ אין בריסק.

אין דער פאַרטיי פון יענעם ראַיאָן איז געווען אַ חבר איינער אַ פּאָלי־ציאַנט, וועלכער האָט געבראַכט וויכטיקע אינפאָרמאַציעס אין דער פּאַר־טיי אַריין. ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז ער גיט גלייכצייטיק איבער דער פּאָ־ליציי וויכטיקע ידיעות פון דער פאַרטיי. די קאָנפערענץ איז „פאַרשיט" געוואָרן. אַלע 16 אָנטיילנעמער זענען אַריינגעפאַלן. צווישן זיי 3 פרויען, איינע אַ מיידל פון 16 יאָר. מ'האָט זיי בעת דער אויספאָרשונג געפייניקט, באַזונדערס דאָס זעכצניעריקע מיידל. אַריינגעשטעקט שטעקנס צווישן די פינגער, געבראָכן די פינגער צווישן דער טיר. ס'זאָל האָבן אויך דער־גאַנגען צו פאַרגוואַלדונגען.

הערש מעכל האָט אַ דאָקומענט אויפן נאָמען פון דוד עלמאַן. אין ער־געץ נישט איינגעמאָלדן. ער איז זיך צו גאָרנישט מודה. צוליב אים ווערט אָבער אויפגעהאַלטן דער פּראָצעס פון אַלע איבעריקע. און יעדער אַרעס־טאַנט וויל שוין וואָס גיכער איבערקומען די אויספאָרשונג און געמשפּט ווערן. אַלע ווערן צוליב אים געפייניקט. האָט ער באַשלאָסן זיך מודה זיין און אָנגעבן זיין ריכטיקן נאָמען. אָבער עס איז שוין שווער צו געפינען ערגעץ אַן אָפיציעלן מעלדונגס־אָרט מיט זיין נאָמען. האָט ער אָנגעגעבן דעם אַדרעס ווו זיין זיידע האָט אַמאָל געהאַט אַ הויז, אַ קליין הויז, אויף וואָלינסקע גאַס. אָבער ס'האָט זיך נישט אויסגעפונען קיין שום עדות דאָס צו באַשטעטיקן. איז ווידער אַלץ געבליבן הענגען אין דער צייטווייליקייט. דער אויספאָרשער ווערט שוין אין כעס און איז אים מכבד מיט דעם „קאָמ־פּלימענט" —

— זשידאָווסקאַ מאָרדאַ!

הערש מעכל שווייגט און פרווט אַרויסגיין פון קאַמער.

דער אויספאָרשער הייבט אויף די האַנט און פאַרמעסט זיך אים צו דערלאַנגען.

— וואָגט נישט! איר וועט באַדויערן!

און שפּיזט אַן זיין בליק צום נאַפטלאָמפּ וואָס שטייט אופן טיש. דער אויספאָרשער דערניוכעט דעם בליק און פאַרשטייט זיין באַדייט. ער זידלט, אָבער שוין אויף אַ חניפהשער מעלאָדיע:

— דו, אַן אַרעסטאַנט, וואָס וועט פאַרפוילט ווערן אין טורמע, סטראַשעסט אַ פּוילישן אָפיצער?

— נאָר נישט „דו"!

— „איר"! א—י—ר וועט דאָ פאַרפוילט ווערן אין טורמע!

— דער חשבון איז נאָכנישט אונטערגעצויגן!

— אַ וועלט ווילן זיי חרוב מאַכן, די יידן. נאָר איבערקערענישן ווילן זיי, נאָר צעשטערן, נאָר רעוואָליוציעס! אַז עס איז גאָרנישט זייערס, וואָס שאַדט עס זיי די זשי — — —

האָט נישט פאַרענדיקט דאָס וואָרט און אים אָפּגעשיקט אין קאַמער אַריין. צוזאַמען מיט קרימינעלע.

אויפצומאָרגנס, צום ערשטן מאַי, זענען אַפילו אויך די קרימינעלע אַרעסטאַנטן אַרויסגעגאַנגען אויף שפּאַציר מיט רויטע קאָקאַרדעס אין די לאַצן.

אָפּגעזעסן 16 מאָנאַטן. צום פּראָצעס זענען געקומען פאַרטיידיקן די באַרימטע אַדוואָקאַטן פּאַסכאַלסקי, דוראַטש, שמיאַראָווסקי. די טורמע־מאַכט האָט מורא געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל צוליב פּייניקן די אַרעסטירטע פרויען בעת דער אויספאָרשונג. און כדי אויסצומיידן אומאַנגענעמע אינצידענטן — אַלע 16 אַרעסטאַנטן באַפרייט.

דער פּראָקוראָר האָט אַפּעלירט. מען זוכט אַלעמען צוריק צו אַרעסטירן. אייניקע זענען אַוועק קיין אַרגענטינע, אייניקע האָט מען אַוועקגעשיקט קיין רוסלאַנד. הערש מעכל האָט באַקומען אַ נאָך מער פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, אין ביאַליסטאָק, איז מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ווייסרוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און סעקרעטאַר פון יידישן ביוראָ. די אַרבעט אין יענע געגנטן האָט ס׳מיינסט געטראָגן אַ מיליטערישן כאַראַקטער, דורכגעפירט סאַבאָטאַזש־אַקטן, אָנגעפירט מיט אַ פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, באַפאַלן באַנען. (צום צענטראַל קאָמיטעט אין ווייסרוסלענדישן שטח אין פּוילן האָבן געהערט 4 יידן און 1 ווייסרוס).

עס איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון צענטר צוצוגרייטן אַן אויפשטאַנד. דער ציל: אָפרייסן דעם ווייסרוסישן שטח פון פוילן. די אַרבעט פון צ.ק. איז געוואָרן איינגעטיילט — איינער דאַרף זיצן אין ביאַליסטאָק, איינער אין ווילנע, דער דריטער אין בריסק, דער פערטער אין נאָוואָגרודעק און דער פיפטער, טאַראַשקעוויטש, דער סיים־דעפוטאַט פון דער „הראָמאַדע", האָט באַדאַרפט אַרומפאָרן איבער די דערפער. צו הערש מעכלס געביט האָט אויך געהערט גראָדנע. האָט ער שוין אָפגעקוקט דאָס הויז פון וואָיע־וואָדע, ביים ניעמאַן, צו קאָנפיסקירן דאָס דאָזיקע הויז נאָכן אויפשטאַנד. ער איז נאָך קיינמאָל אין קיין רעכט בעט נישט געלעגן און אין קיין רעכט שטיבל נישט געוווינט — וועט ער פרוון זיך אויסרוען נאָכן אויפשטאַנד אין דאָזיקן וואָיעוואָדישן פּאַלאַצל.

אַלץ איז געוואָרן צוגעגרייט צום אויפשטאַנד. דאָס פּאָלק מיליטער אין באַראַנאָוויטש וועט אַוודאי גיך איבערגיין אויף דער זייט פון די רע־וואָליוציאָנערן. אין דער זעלבער צייט קומט פאָר אַן אויפשטאַנד אין עס־טאָניע, און פאַלט דורך. ווערט דאָ דער אויפשטאַנד אָפגערופן. אויף אַ זי־צונג פון ראַיאָן־קאָמיטעט פּראָטעסטירן עטלעכע ווייסרוסישע חברים. זיי זענען קעגן אָפרופן דעם אויפשטאַנד. מ׳דאַרף נישט נעמען צו קענטעניש דעם באַפעל פון צענטר. איינער פון זיי, באַהומיל, אַרגומענטירט:

— האָסטו שוין אָנגעשטעלט די ביקס אויפן האָז, איז נישט געטראַכט, ער וועט נישט וואַרטן. אויך די רעוואָליוציע אַזוי. זי קאָן אַנטלויפן פונקט ווי אַ האָז, און וועסט זי שוין נישט כאַפּן. חברים, מעדיטירט נישט אַזויפיל, די ביקס איז אָנגעצילט!

— אַ רעוואָליוציע איז דיר נישט קיין יאַגד אויף האָזן, ליבינקער, דאָס איז אַן אַקושערישער אַקט פון אָפּנעמען דאָס צייטיקע קינד, אָפּנעמען פאַר דער צייט, איז עס אַ מפּילע, אין בעסטן פאַל אַ קריפּל, און ברענגט אויך אום די געבערערין.

— נישט פאַר מיינע איידעלע ציין צו צעקייען אַזאַ געלערנטע בולקע.

די זיצונג האָט זיך לאַנג פאַרצויגן, ביז די פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט די דירה. נאָר אַ טייל איז געלונגען צו אַנטלויפן. צווישן די געכאַפּטע איז אויך געווען באַהומיל, דער ווייסרוס. אין טורמע איז ער געוואָרן אַ פּראָ־וואָקאַטאָר. נאָכן אַרויסלאָזן אים פון טורמע, האָט ער געפּרוווט גרינדן אַ

פּאַרטיי, וואָס איר ציל דאַרף זיין אָפּצורייסן ווייסרוסישע שטחים פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד. די פּאַרטיי האָט באַשטימט אַז מ׳מוז אים אָפּרוימען און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אים דערשאָסן.

דריי וואָכן איז הערש מעכל געזעסן אין אַן אייַנצלקאַמער. מ׳האָט פון אים גאָרנישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. מ׳האָט די אַרעסטירטע פרויען אויסגעטון נאַקעט און געצוווּנגען חברים זיי צו פאַרגוואַלדיקן. די פרויען זענען געלעגן געבונדן מיט שטריק, מ׳האָט זיי געהאַנגען ביי די בריסטן. צוויי יונגע פרויען פאַרגוואַלדיקטע זענען משוגע געוואָרן.

ביים אַריבערפירן אים אין אַ צווייטער טורמע האָט אַן אייגענע „באָיוווקע" אים אָפּגעשלאָגן פון דער פּאָליציי. ער איז שוין ווידער פריי. דאָס הייסט — ערגעץ אויסבאַהאַלטן אין אַ צימערל ביי אַ חבר, ליגט צו־בעט, מכלומרשט אַ קראַנקער. דער אורלויב איז נישט קיין לאַנגער. ער איז אַ פּאַרטיי־פונקציאָנאַר און מוז ווידער אויספירן זיינע אויפגאַבעס. און דווקא אין די דאָזיקע ראַיאָנען. ער באַקומש זיין חודש־לוין אין דאָלאַרן, אַ גאַר לייטישע פּענסיע — אָבער דאָך גייט ער אַרום ס׳רוב אין צעריסענע שיך, ווייל ער האָט אַ גאַנץ בינטל חברים־פרייַנט, וועלכע זענען אין אַ קלאָגעדיקן מאַטעריעלן מצב, טיילט ער מיט זיי זיין געהאַלט.

אַ געוויסן שבת אַכט אינדערפרי דאַרף ער זיין אין שטעטל וואָלקאָוויסק, אויף אַ פּאַדפּונקט. דער באַשטעלער קאָנטאַקטלער איז נישט געקומען. האָט הערש מעכל אַדורכשפּאַצירט דורכן שטעטל, געזוכט. אין אַ פראָסטיקן שבת אַכט אינדערפרי, אַ פרעמדער מענטש אין שטעטל, אין יענע געגנטן — רופט עס אַרויס פאַרדאַכט. די פּאָליציי האָט אים פאַרבעטן אין קאָמיסאַריאַט אַריין. ער האָט זיך אויסלעגיטימירט און געפונען אַ פּאַסיקן תירוץ. מ׳האָט אים אַרויסגעלאָזט. האָבן די פּאַרטיי־חברים, וועלכע האָבן אים פריער נישט געזען אין שטעטל, אים דערזעען אַרויסגיין פון קאָמיסאַריאַט. האָט ער ביי זיי אַרויסגערופן אַ חשד. דערווייל איז אָנגעקומען דער קאָנטאַקטלער און זיך צו אים דערנענטערט. יענעם האָבן נאָכגעלויערט געהיימאַגענטן. זיי האָבן אים אָנגעכאַפּט. ער האָט נאָך באַוויזן אַ שריי צו טון צו הערש מעכלען:

— אַנטלויף!

הערש מעכל איז אַריבערגעלאָפן די באַן־רעלסן, אַריין אין אַ טיפן, גע־

דיכטן שניי און געלאָפן. אַזוי אָפּגעלאָפן 23 קילאָמעטער. פינף קילאָמע־טער פאַר סקידל איז ער אַריין אין אַ וואַסער ביזן האַלז. ווי האַלב־פיש און האַלב־חיה האָט ער זיך געוועדט קעגן אומקום. עס זענען אים צוהאַנט גע־קומען די אַלע כוחות, וועלכע קומען נאָר אין אַ לעבנס־סכנה — און ער האָט זיך אַרויסגעדראַפּעט. ער איז אַריינגעלאָפן אין אַביידל פון אַ באַנוועכ־טער. פון דאָרט געמוזט ווידער לויפן און דערלאָפן ביזן פּאַרשטעטל. ער איז אַריין אין דער ערשטער יידישער שטוב. אָפּגעלעגן דאָרט אַ שטיק צייט. די פיס אָנגעביילטע און צעקיילטע, די שענקלען געשוואָלן, אין די אויערן שפּיזלט אַ הוילקייט. פון אָנגעשפּאַנטקייט צום מינדעסטן קלאַנג בויערט אַ ווייטיק. לאַנג דאָ ליגן קאָן מען נישט. ער האָט זיך צוריק דער־שלאָגן קיין ביאַליסטאָק. ווידער יאָגט אָן פּאָליציי, שפּרינגט ער דורך אַ פענצטער, קריכט אַריבער אַ פּאַרקאַן און ווערט נעלם. דערשלאָגט זיך קיין גראָדנע. דאָרט ווערט ער געכאַפּט. ס'איז אַ הונגערשטרייק אין טורמע. הערש מעכל פירט מיט אים אָן. די טורמע־אַדמיניסטראַציע טראַנספּאָר־טירט אים גיך איבער קיין ווילנע, אין דער לוקישקער טורמע.

פאַר יעדן ערשטן מאַי און זיבעטן נאָוועמבער האָט מען אים אין יעדער טורמע איבערטראַנספּאָרטירט אין אַ צווייטער טורמע אַריין.

אין לוקישקער טורמע איז הערש מעכל רעדאַקטאָר פון א צייטונג אין יידיש און ווייסרוסיש, וואָס דערשיינט אומלעגאַל אין שטאָט. צו אים שיקט מען פריער אַריין (דורך איבערגעקויפטע וועכטער) דעם מאַטעריאַל צום רעדאַגירן.

צום הייַנטיקן זיבעטן נאָוועמבער איז אים אַפּילו געלונגען אַריינצו־באַקומען אין זיין קאַמער אַריין די בילדער פון לענין און טראָצקי. אין קאַ־מער זיצן 21 חברים. ער האָט די בילדער אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט. ווען דער טורמע־אינספּעקטאָר איז אַריין צו זיי אין צעל און דערזעען די רויט־געפּוצטע בילדער פון לענין און טראָצקי — האָט ער זיי באַגריסט —

— ס'פּראַזדניקאָם!

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1926. פאַרן פאָרלייענען דעם אורטייל אין געריכט, האָבן אַלע באַשולדיקטע געזונגען דעם „אינטערנאַ־ציאָנאַל״. די פּאָליציאַנטן האָבן געשלאָגן. אַ פאַרוואונדעט געזאַנג. ווידער אַ הונגערשטרייק. סטאַראָסטע פון דער קאַמער איז הערש מעכל. ער פירט

אָן מיטן הונגערשטרייק אין דער גאַנצער לוקישקער טורמע. ווען מען ברענגט אַריין אין די קאַמערן די קעסלען מיט עסן, עפענען די אַרעסטאַנטן די פענצטער און זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל״.

עס איז שוין דער דריטער הונגער־טאָג. דער סאַמע קריטישסטער. דער פערטער, דער פיפטער טאָג, מ׳רירט זיך שוין נישט פון אָרט, מ׳ליגט, שווער צו עפענען ס׳מויל, קוים מען אָטעמט. ס׳קומט אַריין דער פּראָקו־ראָר צוזאַמען מיט די וועכטער און קרימינעלע אַרעסטאַנטן. פאַרוואַרפן קאָלדרעס אויף די קעפּ פון די הונגערשטרייקער, מ׳שטעלט זיך מיט די פיס אויף זייערע בייכער. ס׳קומען אַריין פעלדשערן מיט בלאַנקע באַנגעטן. מיט געוואַלט שטופּן זיי עסן אין מויל אַריין. הערש מעכל שטעלט אַ ווי־דערשטאַנד, כאַפּט די שיסל און פאַרמעסט זיך זי וואַרפן דעם פּראָקוראָר אין קאָפּ אַריין. עס כאַפּט אים אָן פאַר דער האַנט דער וואָלקאָוויסקער חבר (וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן יענעם שבת מיט עטלעכע יאָר צוריק), קושט אים מיט געבעט, האַלדזט אים. הערש מעכל צעוויינט זיך. מ׳נעמט יעדן באַזונדער, מען שמידט זיי הענט און פיס, צובאַגלייט מיט קלעפּ. צווייוויייז וואַרפט מען זיי אַריין אין איזאָלאַטאָרן. אין יענעם טאָג האָבן אכציק פּראָ־צענט חברים זיך איינגעבראָכן און גענומען עסן.

הערש מעכל איז געשמידט צוזאַמען מיט א חבר א ווייסרוס, פּאַפּניוק, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט. הערש מעכל איז אָן באַוווּסטזיין, רעדט פון היץ, לאַכט היסטעריש. די צוואַנציק פּראָצענט שטרייקנדע חברים ווערן מיט געוואַלט געשפּייזט דורך אַ גומענער רער. צוואַנציק פּראָצענט, נאָר מיט איין קליינעם מינוס — הערש מעכל. ער נישט. פּאַפּניוק בעט זיך ביי אים מיט געוויין:

— מיכאַל, איך וויל שטאַרבן אויף באַריקאַדן, אָבער נישט פון הונגער אין אַ טורמע. דער שטרייק איז סייווי פאַרשפּילט. רייס איבער, מיכאַל, דעם הונגער, בלייב לעבן און וועסט זיי נאָך אָפּצאָלן מיט טורמע און הונ־גער, מיט נאָך אַ בלייענעם צוגאָב!

הערש מעכל שאָקלט מיטן קאָפּ אַ ווילדן, ברייטן „ניין״. — ער מוז גע־ווינען. ער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט אונטערגעגעבן. נישט נאָכגעגעבן.

ער הונגערט שוין דעם ניינטן טאָג. ניין, ער וועט נישט אויפגעבן. ער איז גרייט צו זיין דער קרבן. ער וועט פאַרבינדן דעם האַנטעך אויף די

קראַטן און זיך אויפהעגנגען. דעמאָלט וועט ער שוין פועלן און זיי וועלן מוזן נאָכגעבן. הערש מעכל האָט זיך דאָ געהאַט פאַרליבט אין אַ חברטע. ער האָט זי געזעען אויף די שפּאַצירן פונוויטנס און זיי האָבן זיך געשיקט אין געהיים — ליבעסבריוועלעך. אַצינד מוז ער דאָך מיטטיילן זיין ליבער חברטע דעם לעצטן באַשלוס זיינעם, עס איז דאָך ס׳לעצטע בריוול צו איר. ער טוט זיין שריט נישט, חלילה, צוליב אַנטוישונג, צוליב פאַרצווייפלונג, נאָר ער וויל ראַטעווען דעם כבוד פון דער טורמע־קאָמונע. ער איז שוין ווידער אין אַן אומבאַוווסטזיין־צושטאַנד. האָט אין היץ אַרויסגעפּלאַפּלט פאַר פאַפּניוקן זיין פּלאַן. מוז פאַפּניוק שוין אויף אים גוט אַכטונג געבן.

דער שטרייק האָט באַקומען אַן אָפּקלאַנג אין אויסלאַנד און פון לאַנ־דאַן איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון דער אומאָפּהענגיקער לייבאָר־פּאַרטיי. די דעלעגאַציע איז געקומען באַזוכן די לוקישער טורמע אין ווילנע. האָט די אַדמיניסטראַציע גיך נאָכגעגעבן אַלע פאָדערונגען פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. הערש מעכל הייבט אָן עסן. דער איינציקער וואָס האָט אויס־געהאַלטן ביזן סאַמע סוף. פאַפּניוקן האָט מען צוגענומען און איבערגעפירט אין אַן אַנדערער טורמע. הערש מעכל האָט אַריינבאַקומען אַ בריוול פון זיין חברטע. ער האָט עס געלייענט און זיך דאַביי געשאָקלט, ווי זיין טאַטע ביים דאַווענען.

## וועגן ווייבער און לייבער גאָר?

דאָס גערייד אין תפיסה־קאַמער וועגן מיידלעך, חברטעס, פרויען — איז אַנדערש ווי ווען מען שמועסט וועגן זיי אין קאַפעהויז, ביי אַ גלעזל וויין, אָדער אַפילו אויף אַ לאַנקע. און אַוודאי שוין אַנדערש ווי ווען מען זיצט מיט די פרויען ביי איין טיש.

ווען דו שטייסט ביי אַ פענצטער, זעסט אינדרויסן אַ פעלד, גראָז, ביי־מער, אַ פערד־און־וועגעלע, אַ קיעלע פאַשעט זיך, אַ פויגל פליט — עפּן דאַן אויף דאָס פענצטער נאָר אויף אַ העלפט און קוק אויף דער זעלבער לאַנדשאַפט אין דער שויב אַריין, וואָס האָט הינטער זיך אַ טונקעלע דעקונג און שפיגלט אָפּ דאָס געזעענע — עס איז שוין אַנדערש. ס׳האָט שוין פע־

רעספּעקטיוו, פּאַרטיפּטקייט. ס'איז שוין באַלאַדע. ס'האָט שוין די פאַרב און טאָן פון אַ קונסטבילד.

רעדן וועגן פּרויען אין טורמע־קאַמער — איז נישט באַר ווי קוקן אויף זיי ווי אין אַ פענצטער־שויב אַריין; אויף אַ צוגאָב נאָך — קוקן דורך אַ לאָרנעט — עס איז מער. עס איז נאָך דערצו קוקן מיט פאַרזשמורעטע אויגן, אין בין השמשות, דורך לאָרנעט און אין פענצטער־שויב — עס איז געכפּלטע באַלאַדע. און ערשט דער כוח הדמיון מיט זיינע באַגלייטער. און די געבליטן טוען זיך דאַביי אויף דאָס זייעריקע. צוויקט דעמאָלט אַ זיסע בייסעניש אין גוף, תאווהדיקע מידקייט בונטעוועט די גלידער — בענק־שאַפט צו ווייב, צו לייב און נפש. —

— נו, חברה, גענוג צעווייבערט די פאַנטאַזיע! דאַלאַי מיטן חשק!

יוסף ווינטער איז דווקא באַקאַנט פאַר אַ ווייבערניק, נאָר ס'שטייט אים נישט אָן וועגן זיי צו רעדן. עס איז באַוווּסט אַז ער האָט עפּעס זיינס אַן אייגן חנ'דעלע און ספּאָסאָבל מיט וועלכן ער פאַנגט גאָר גיך ווייבערי־שע נשמות, אַ פשיטא שוין זייערע גופים. אָבער מעשה ספּאָרט־פישער לאָזט ער זיי לאַנג צאַפּלען אויף זיין ליבע־ווענדקע.

אויך לוי לעווין איז קעגן רעדן וועגן ווייבער. ער איז גאָר פון אַ גאַנץ אַנדערער מענטאַליטעט. ער וואָלט מסתמא געוואָרן אַ רב'ל ווען ער ווערט נישט פריער אַ לערער, דערנאָך סעקרעטאַר פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, און דערנאָך שוין — אַ קאָמוניסטישער פונקציאָנאַר. ער איז צניעותדיק. ער קאַרגט ווערטער, און קאַרגט הויך רעדן. די וועלכע קענען זיין ווייב, וואָלטן אויף איר אויך געזאָגט אַז זי רעדט ווי אַ רביצין. ביי איר איז קאָ־מוניזם, רעוואָליוציע, פירערשאַפט — אַן ענין פון מצוות, גאולה, רבי'סטווע.

לוי לעווין און יוסף ווינטער זענען צוויי פּאָלאַר־קעגנזעצלעכע טיפּן און נאַטורן. קעגנזעצלעך אין יעדן וואָרט, אין יעדן פינטל מיטן אויג, אין יעדער תנועה. יוסף ווינטער וויל אַלץ נעמען פון דער וועלט, נעמען פאַר זיך, האָבן הנאה פון לעבן; לוי לעווין וויל זיך אָוועקגעבן דער וועלט, וויל זיך אָוועקשענקען, וואָלט וועלן זיין אַ קרבן. קאַמף און גאולה מיינט פאַר אים — קודם ברענגען זיך פאַר א קרבן. וואָרן וואָס איז ער דען לגבי דער אידייע?! אפילו נישט קיין ציגל אין דער געביידע פון דער וועלט־גע־

שיכטע. ער איז קוים אַ שטויבעלע פונעם ציגל וואָס דאַרף ווערן אויסגע־קנעטן, אים פאַרקנעטן. —

— צעלאָזענע מיילער, האָבן אינזינען בורזשואַזע נאַרישקייטן, לעבקט נאַר אָפּ פון דער קאַמפּס־פעיקייט, פון דער עקשנותדיקער דערהויבנקייט און גאַנג צום ציל. כ׳בין נישט קיין פּרוש, אָבער מ׳רעדט נישט וועגן דעם. מ׳פּאַרט זיך מיטן ווייב, מ׳האָט קינדער און דיינו.

זענען שוין צוויי קעגן רעדן וועגן פרויען. אָבער עס זיצן איצט אין קאַמער נאָך שפּאַר חברים, העכער צוואַנציק. עטלעכע פון זיי פאַרנעמען הויכע שטעלעס אין דער פּאַרטיי. אייניקע האַלט מען אַפילו פאַר באַדייטנ־דיקע אינטעלעקטואַלן. און פאַראַן אויך אַמכאַדיקע חברים פון דער באַוועג־גונג, גוטע, איבערגעגעבענע, ווערטפולע פּאַרטיי־טוער, כאָטש פּראָסטלע־כע, אַפילו פּרימיטיווע. און דווקא ווייל מען רעדט וועגן אויפהערן רעדן אויף דער טעמע — ווייבער, צעוואַרעמט זיך ערשט רעכט אַ שאַרפער שמועס.

— אַז יאַך וועל אַראָאָס פון טפּיסע, וועל יאַך אַראַן אין מאַן שטיב אַראַן, פאַרשליסן די טיאָ, פאַרהענגען די פענצטאָ, און וועל קאַן מיניט נישט פאַרזאַמען, כעל מאַאַן כאַווערטע אָסניצן ביזן גרונט, אַן אויפהעיאָ — אַ מאַקע דער בורזשואַזיע — אַ שאַד יעדע רעיגע, אויף נעמאַנעס!

די דאָזיקע רייד געהערן צו לייבל מאַנקיטאָווער פון וואַרשע, אַ באַ־טעמ׳טער פּראָסטאַק, אָבער אויך אַ גוטער שלעגער און קעמפער. העריש מעכל האָט אים ליב כאָטש בלויז דערפאַר, ווייל ער רעדט מיטן ריכטיקן וואַרשיוואָ לשון — געגוי אַזוי ווי ער, העריש מעכל.

עטלעכע אינטעליגענטן פאַרדרייען אומצופרידן די קעפּ. לוי לעווין נוקעט פרום, ווי אַ רב, בעת ער דערהערט ווי מען רעדט, דערצו נאָך עזות־קייטן, אין מ׳טן „שמינעסרע״. אָבער טייל אינטעליגענטן האָבן גאָר הנאה־דיק און הסכמה׳דיק געכאָכאָטשעט:

— אַ מחיה, אַ תענוג! אָט רעדט געזונטער אינסטינקט, אַן גרים, אַן צענזור.

עס קומט באַלד דער קאָנטר־אַטאַק:

— מ׳רעדט מיט בורזשואַזער, אויסגעלאָסענער הנאה וועגן קערפער־לעכע, געשלעכטלעכע באַפרידיקונגען; מ׳רעדט מיט צעשפּילטער, פאַר־

סליונעטער תאווה! נישט אַזוי רעדט אַ קאָמוניסט! די העכסטע הנאה דאַרף זיין אין דער אידייע! אין קאַמף! פאַרן זיג פון קאָמוניזם! פאַרן זיג פון דער פּאַרטיי. אַלערליי אַנדערע תאווהס און הנאהס לענקען נאָר אָפּ דעם חבר פון קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף, פון דער עקשנותדיקער, אומדער־מידלעכער וואַכזאַמקייט אין קאַמף קעגן אַלערליי שונאים, אין קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אונזער הייליקן אידעאַל.

— קאָמוניזם איז נישט קיין קלויסטער פון מאָנאַכן, חבר לוי.

— מיר דאַרפן זיי איבערשטייגן אין שטרענגקייט, יאָ, אַז מ׳דאַרף — וועלן מיר אויך זיין אַסקעטן, אַז נישט וועלן טאַקע זיי באַהערשן די וועלט!

לייבל מאַנקיטאָווער און זיינע אונטערשטיצער האָבן זיך אַביסל דער־שראָקן, זיי האָבן גאָרנישט געמיינט אַזוי ווייט און אַזוי ערנסט ווי לוי נעמט עס. און אין דער לעצטער צייט האָט חבר לוי לעווין דעם שליסל צו דער פּאַרטיי־דעה. הערש מעכל האָט נאָך פריער צוגעשאָקלט באַיאָענדיק צו לעווינס רייד. האָט זיך אָבער אויסגעפינען אַ בונטאַר, אַ וווּליוּנגערי־שער פערטל־אינטעליגענט (אויב מ׳קאָן דאָס אַזוי גענוי אַרשינאָווע אויס־מעסטן), אויך אַ וואַרשעווער, ער גיט זיך אַ וויש מיטן אַרבל איבערן מויל און רופט אויס, ווי ביי אַ פייערלעכער דעקלאַראַציע:

— מ׳קאָן אַפילו זאָגן לענינס א וויצע, און דאַביי נישט זאָגן קאָן טימ־טאָם!

ס׳מעסטל איז איבערגעפולט. מער איז שוין סכנהדיק צו רעדן.

די דיסקוסיע האָט אָפּגעצויגן אַביסל פון דער ליידנשאַפט־בענקשאַפט, אָבער ס׳איז נאָך געבליבן געגוג פאַרן כוח־הדמיון זיך אַ שפּיל צו טוען בלחש זיין דמיון־שפּיל מיט פרויען־לייב און געניסן פון אויסגעטרוימטע תאווה־תענוגים. די קאַמער איז איצט פול מיט פרויען־געשטאַלטן און מיט האַלב־וואַכיקע האַלוצינאַציעס פון אינטימען לייב־לעבן...

# זיין תפילה — דער „אינטערנאַציאָנאַל״

## קאַפּיטל 1

מען שיקט איבער הערש מעכלען אין אַ צווייטער טורמע. מ׳האָט אים געוואָלט שמידן אין קייטן, אָבער ער האָט זיך געראַנגלט, זיך געוואָרפן אויף דרערד, מ׳האָט געזעען אַז דער ווידערשטאַנד איז אַ שאַרפער, מ׳האָט אים נאָכגעגעבן. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אים איבערגעפירט אין ביאַליס־טאָקער טורמע. אים איינגעזעצט אין אַ איזאָלאַציע־קאַמער. עס איז דער 1טער מאַי. זינגט ער אין איזאָלאַטאָר דעם „אינטערנאַציאָנאַל״. שלאָגט מען אים. זינגט ער ווייטער. שלאָגט מען אים שטאַרקער. איז שוין זיין „אינטערנאַציאָנאַל״ נישט קיין געזונגענער נאָר אַ געקרעכצטער, אָבער ער שטייט נישט אָפּ — ס׳איז דער ערשטער מאַי, זיין יום טוב, „אינטערנאַ־ציאָנאַל״ איז זיין שבועה, זיין הימן, זיין נשמה. שלאָגט מען דעם גוף, צע־בלוטיקט, צעקיילט, מילא —

— דאָס וועט זיין — שוין דער לעצטער,
און אַנטשידענער שטרייט —
מיט דעם אונטערנאַצ — —
ווידער קלעפּ. ווידער —
— מיט דעם אונטערנאַצ — — —

זינגט און קרעכצט — „מיט דעם אונטערנאַצ — (א ו נ ט ע ר — אַזוי זינגט און זאָגט בפירוש הערש מעכל, אַזוי איז ביי אים פאַרבליבן דאָס וואָרט נאָך פון די יוגנטיאָרן אין וואַרשע) — שטייט אויף, איר אַרבעטס־לייט !״ — און ס׳ברעכט זיך דאָך איין — נישט הערש מעכל, נאָר דער טור־מע־נאַטשאַלניק. און רעדט שוין צו הערש מעכלען אָפּיציעל־פריינטשאַפט־לעך :

— איך בין אַן אָנגעשטעלטער, באַאַמטער, אַ סלוזשביסט, כ׳האָב גע־דינט דעם צאַר, כ׳דין איצט פוילן, כ׳וועל דינען די סאָוויעטן אויב זיי וועלן קומען צו דער מאַכט !

מ׳האָט הערש מעכלען איבערגעפירט אין אַ שעדלעצער טורמע. דאָרט איז אַ לייכטערער רעזשים, צוויי מאָל אין טאָג שפּאַציר, אַסך פרעסע און

ביכער, אַן אייגענע חברים־שולע, רעפעראַטן, קורסן אין פּאָליט־עקאָנאָ־מיע. מען ווערט געוואָר אין טורמע וועגן אַ שטאַרקן אינערלעך־פּאַרטיי־אישן שטרייט אין ראַטנפאַרבאַנד, אַן אָפּאָזיציע מיט טראָצקי און זינאָוויעוו אין דער שפּיץ. הערש מעכל, קלאָר, האַלט מיט טראָצקין און זינאָוויעוו. פּאַפּניוק וואָרנט אים:

— אויף דער פריי וואָלט מען דיך דערפאַר אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי.

## קאַפּיטל 2

ערשטער מאַי יאָר 1928. דער נאַטשאַלניק פון טורמע מעלדעט:

— קיין שום דעמאָנסטראַציעס! פּאָליציי וועט שיסן אין די פענצטער אַריין!

15 מינוט צו 12 איז אָנגעקומען פּאָליציי־פאַרשטאַרקונג. זיי שטרעקן אויס די געלאָדענע ביקסן. אַלע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן שטעלן זיך מיט אָפּגעדעקטע ברוסטן ביי די פענצטער און רופן:

— שיסט!

און זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די פּאָליציי שיסט נישט.

סוף זומער איז אַן אַמנעסטיע. הערש מעכל באַקומט געשאָנקען אַ דריט־חלק פון זיין אורטייל אויף 8 יאָר טורמע. די דריי יאָר זיצן אין אויס־פאָרש־צושטאַנד, ביזן אורטייל, ווערן אים בכלל נישט פאַרעכנט. טייל חברים גייען שוין אַרויס אויף דער פריי. הערש מעכל גיט זיי אָפּ זיינע שיך, זיינע מלבושים, און בלייבט זיצן נאָר אין העמדל, אָן הויזן, אָן אַ רעקל. ער שטייט ביים פענצטער און קוקט ווי די חברים גייען אַרויס אויף דער פריי. ער איז גראָד שווער קראַנק. עס איז אים שווער צו אָטעמען, ער האַלט זיך קוים אָן אין פענצטער. ער פילט אַז בקרוב וועט ער זיך שוין זען מיט דער מאַמען און שיינדעלען. בעסער וואָלט געווען אַז ער זאָל זיין אין אַן איינצל־קאַמער, ער וויל נישט אַז חברים זאָלן שטיין דערביי און זען ווי ער שטאַרבט. מ׳האָט אים זיין בקשה צוליב געטון. פונדאַנען וועט מען אים אַוודאי שוין אַרויספירן. וואָסער שווערע מידקייט ס׳בלייט אין זיין לייב.

די אברים אַטראָפּירן איינצלווייז. ער הערט זיי אויף צו פילן, הערט אויף פאַר זיי צו אָטעמען. אָן איבעריקער אבר, איבעריקער אָטעם. דער גוף גייט איין אברימווייז, נאָך אַביסעלע, נאָך אַ ווינציק ביסעלע. ס'איז אַזוי שווער, שווער, זאָל עס שוין אויפהערן. זאָל עס זיך שוין ענדיקן, פריי ווערן פון דער דאָזיקער פּרעסעניש. מילא, — די מאַמע, שיינדעלע — —

ס'עפנט זיך די טיר פון קאַמער — דער נאַטשאַלניק אַליין קומט אַריין און מעלדעט:

— איר ווערט באַפרייט פון טורמע!

הערש מעכל אָטעמט קוים אַרויס:

— ס'אַ טעות!

דער נאַטשאַלניק גייט אַרויס אַ פאַרחידושטער. ביינאַכט קומט אַריין דער שליסער און ווייזט אים מיט דער האַנט צו דער טיר:

—אַרויסגיין! נאַ וואָלנאָשטש! (אויף דער פריי).

אין קאַנצעלאַריע זאָגט דער אינספּעקטאָר:

— דער פּראָקוראָר האָט זיכער געהאַט אַ טעות. וואָס טוט מען מיט דיר? דו דאַרפסט זיצן נאָך אַסך אַסך יאָרן, איך בין זיכער אַז דער פּראָקו־ראָר איז זיך טועה. נאָר פאַרפאַלן! זאָל דער פּראָקוראָר דערפאַר טראָגן די אחריות!

און קראַנקערהייט איז ער געגאַנגען. און נאָך וויאַזוי! (און הערש מעכל זאָגט איצט צו מיר, זיין פאַרצייכענער):

— איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם דאָזיקן מאָמענט. פונקט ווי כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די רעוואָליוציע!

ער האָט באַקומען פון חברים אונטערוועש, הויזן און איז אַרויס פון דער טורמע. אַלע חברים זינגען ביי די פאַרקראַטעוועטע פענצטער דעם „אינטערנאַציאָנאַל". ער שטייט אינדרויסן פאַרן טויער פון טורמע און זינגט מיט זיינע חברים פון אינעווייניק דעם „אינטערנאַציאָנאַל". ער פאַר־ענדיקט נאָך מיט אַ לאָזונג:

„זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פאַרטיי!"

אַכט יאָר, מיט קליינע איבעררייסן, איז ער אָפּגעזעסן אין טורמע.

אַזוי גיך ווי ער איז נאָר אַרויס, ער איז נאָך געווען אין דער שטאָט שעדלעץ, ווי ער איז געוואָר געוואָרן אַז עס איז טאַקע געווען אַ טעות. די

פּאָליציי זוכט אים שוין אַרום. ער איז אַוועק שלאָפֿן און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ שטאַל. מ׳האָט אים אין אַ מיטנגאַכט קוים אַרויסגעפֿירט פֿון שטאָט. די פּאַרטיי האָט אים אַוועקגעשיקט אויף אַ חודש אָפּרו קיין אָטוואָצק.

## זיין חברטע

זיין חברטע. ער האָט זי געזעען נאָר איינאַונאיינציק מאָל. אין הויף פֿון דער לוקישקער טורמע אין ווילנע. זי איז אים גלייך געפֿעלן געוואָרן. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט ביי די חברים אויף איר פּאַרטיי־סטאַזש. ער האָט זיך מיט איר אַדורכגעבריווט. זי וועגן אים האָט שוין אַסך געהאַט געהערט. אַלץ וואָס זיי האָבן זיך געהאַט קעגנזייטיק צו דערקלערן, האָבן זיי עס געטון אין בריוו. קיין סך צו רעדן און דערקלערן וועגן פּערזענלעכע ענינים איז נישט פּאַראַנען. וועגן ענינים פֿון ליבע, מאַן און ווייב־פּראָבלעמען — דאָס האָבן שוין געטון די ביכער, סיי די ראָמאַנען, סיי די סעקסואָלאָגישע ווערק, אויך די סאָציאָלאָגיע. קעגנזייטיקייט, נאָנטקייט, צוגעבונדנשאַפֿט האָבן זיי פֿונדעסטן געגנוג אַרויסגעפֿילט פֿון די געהיימע טורמע־בריוולעך זייערע. זעט אויס אַזביידע זענען זיי דערצויגענע אין נויט, פֿילן זיי שטאַרק די פֿאַמיליען־איינזאַמקייט, און זענען ערגעץ אין טיפֿן פֿאַרבענקט צו צערטלעכקייט.

אָבער שוין עטלעכע יאָר פֿאַריבער זינט ער האָט זי געזעען. מ׳האָט אים איבערגעשיקט אין אַנדערע טורמעס. עטלעכע יאָר, און ער האָט זי געזעען נאָר איינאַונאיינציק מאָל. איז דער צופֿאַל נישט קיין צופֿאַל? ווייל אָט־אָט, אָט גייט זי דאָך אים אַנטקייגן אויף דער דזשיקע גאַס אין וואַרשע, טאָקע זי, רוטאַ!

זי איז געווען אָנגעטון אַסך ערגער פֿון באַשיידן, גראָע, אָרעם־נעבעכדיקע מלבושים, שיער נישט אָפּגעריסן. פּאַרדרוס. מיטגעפֿיל און ליבע פֿאַרפּלאָנטערן זיך גיך אין איין קנויל — און קעגן די כּללים פֿון קאָנספּיראַציע — האָט ער זי האַסטיק אַרומגעכאַפּט. זי האָט זיך נישט פֿאַרגינען אויף אים רעכט צו קוקן. מ׳דאַרף נעמען אַ דראָזשקע. ס׳צווייטע מאָל אין

איר לעבן זעט זי אים פון דער נאָענט, און ס׳ערשטע מאָל האַלט זי זיין האַנט אין אירער.

ער איז מיט איר אַוועק, און זיך פאַרבונדן אין מאַן און ווייב. נאָך אין דער זעלביקער נאַכט. אין אַ צימערל ביי אַ חבר. ווי זי איז נישט איבער־ראַשט, און אירע אויגן פלעמלען מיט סיורפּריז־גליק, זוכט זי פונדעסטן נאָך אַלץ זשעדנע אין זיינע הענט, ווי זי וואָלט געזוכט — אַ בוקעט בלומען. דעם גאַנצן אָוונט ווי זי קוקט כסדר אויף זיינע ליפּן, זוכט רייד — וועגן ליבשאַפט — — —

הערש מעכל איז אַלט דרייאונדרייסיק, זי — מיט צוועלף יאָר יונגער. וואָס געשעט אַלץ אַזוי איילִיק? געפינען זיי זיך אין אַ גיכעהילף־קעטשל?!

ס׳איז אַ הייסע זומער־נאַכט. אַ געדעכטע, פעכיקע, דעמפּיקע היץ. רוטאַ וויל אויסלעשן ס׳עלעקטרישע לעמפּל, הערש מעכל שאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט, אויף „ניין״, באין אופן נישט. נאָך מיט אַ געפרעג אין די אויגן — „פאַרוואָס? נאַכוואָס?״

עפּעס קומט פאָר אינדערגיך אַן אָנווערטערדיקער דיאַלאָג, איינער וויל אין דער גיך באַנעמען דעם צווייטן, פאַרשטיין. ס׳פאַרעט די היץ און ס׳בריען ריטשקעלעך שוויס. און דווקא איצט געפינט א שעת הכושר א פעטע, זשומענדיקע פליג — זי לאָזט נישט צורו הערש מעכלען, קריכט אים איבערן האַלז, איבערן אויער, אין אויער־שיסעלע, און ער ניינט מיטן קאָפּ אין דער ברייט, וויל פּטור ווערן פון דער פליג, און זי טרעט נישט אָפּ. ר׳איז געצווונגען צוצונעמען די האַנט פון רוטען און גאָר פאַרפירן אַ געראַנגל מיט דער פליג. מיט אַ שטאַרקן זעץ צעקוועטשט ער זי אויפן האַלז. ער איז בייז. רוטעס גליק־געפיל כאַפּט ערגעץ אַ קנייטש, אָבער אַלץ מוז איצט אָפּ־טרעטן — — —

אינטימקייט פון לייבער, צוויי פרעמדע גופים ווערן צו־איינס, ווי גאָט אַליין וואָלט אין דער רגע זיך געמיט אַז ס׳זאָל פאַרייניקט ווערן זיין באַ־שאַף. ער גיט זיין ברכה, מאַכט לייב־היימיש מענטשן פון צוויי מינים. מחיהדיקע וואַרעמקייט, ווייטיקדיקע זיסקייט. אור־צעטיילטע פון אַמאָל גופים גיסן זיך צוריק צונויף אין איינס, אין גאַנצקייט, תענוגדיקע לייב־אייניקייט.

הערש מעכל גיט איר איבער זיין דאַנק־קוש.

שוין ערב־פּאַרטאָג. אַן ערשט־געבוירן ווינטל אַוודאי קומט פריש מיט אַ גרוס פון טייך און וואַלד און קילט די גופים. רוטאַ וואַרט פונדעסטן נאָך אַלץ אויף אַ באַזונדער צערטל־וואָרט פון הערש מעכלען. ער איז א פּאַר־שלאָסענער, שווערלעכער, ווי אַ בער. עפּעס מורמלט ער יאָ אָפּגעריסענע קלאַנגען. עס דאַכט זיך איר ווי ער ווידערהאַלט עפּעס איניציאַלן, ווי עף־עף. דערנאָך הערט זי שוין דייטלעכער אים זינגען עפּעס אַ ניגונדל מיט אַ צוזינג —

„דריי פּאַרטאַלאָך אָף צוויי!"

שוין אין פולן פרימאָרגן. זיי זיצן ביים טיש און פרישטיקן, רוטאַ קען נישט איינהאַלטן איר נייגעריקייט און דורך פּאַרשידענע אומוועגן באַמיט זי זיך דעליקאַט אַרויסצובאַקומען פון אים וואָס ער מיינט מיט די איניציאַלן עף־עף. ער זאָגט איר מיט צערטלעכקייט און קינדישן טריומף:

— פיזיאָלאָגישע פונקציע!

ווי אַ שמיץ מיט אַ נאַסער בייטש איבער איר לייב. בפירוש אַ וואָרם קריכט אויף איר גוף און נאָדלט זיך אַריין אין דער נשמה.

עס האָט געדויערט לאַנג ביז זי האָט דעשיפרירט דעם מיין און זינען פון זיין זאָגן די דאָזיקע צוויי אומגעלומפּערטע ווערטער — דווקא מיט אַזאַ צערטלעכער פייערלעכקייט. הערש מעכל, דער געניטער קאָנספּי־ראַטאָר, רעוואָליוציאָנער, טעאָרעטיזירער — איז בסך הכל אַ תמימות־דיקער, האַלב־נאַיווער, נישט דרייסטער מענטש, נישט גענוג פלינק אויפן מויל, באַזונדערס אין אַזעלכע פאַלן. ער האָט געמיינט אַז מיט די דאָ־זיקע צוויי ווערטער דריקט ער אויס רוטען די סאַמע טיפסטע, אינטימסטע געפילן פון דאַנקבאַרשאַפט און ליבע צו איר.

ער האָט זי איבערגעבעטן מיט אַן אַנטשולדיק־קוש.

נאָך אין דער זעלבער וואָך איז ער געוואָרן אָפּגעשיקט קיין רוסלאַנד. דאָרט האָט מען אים אַוועקגעשיקט קיין סוכום, אויף אַ חודש אָפּרו.

## צי מעג מען טרינקען שאַמפּאַניער?

נאָכן אָפּרו־אורלויב איז הערש מעכל טייכגראַז, וועלכער האָט איצט

דאָ באַקומען דעם נאָמען פון מיכאיל קאַץ, געוואָרן אויפגענומען דורך קנאָכינען, איינער פון די הויפט־קאָמיסאַרן אין ווייסרוסלאַנד, פון די אַנפירער פון קאָמינטערן. קנאָכין האָט אים פאָרגעלייגט צו פאַרבלייבן אויף תמיד אין ראַטנפאַרבאַנד, זאָגנדיק צו אים פאָטערלעך:

— האָסט שוין אַזויפיל אַוועקגעגעבן פון דיין לעבן פאַר אונזער זאַך, אַז עס קומט דיר שוין אָפרו אויף אַ שיינע פאָר יאָר.

מיכאיל ענטפערט אים:

— כּל־זמן די רעוואָליוציע אין פוילן איז נישט זיגרייך דורכגעפירט, קאָן איך נישט רוען און וועל נישט רוען.

מ׳האָט אים צוריק אָפגעשיקט קיין פוילן. ער האָט בקומען אַ טשע־כישן פאַס און איז געפאָרן דורך לעטלאַנד, ליטע, בערלין. נאָכאַמאָל איבערגעביטן דעם פאַס און געפאָרן קיין דאַנציק. דאָרט האָט שיע קאָ־זשעוויק שוין דערליידיקט די אַלע אומלעגאַלע פאַס־ענינים. אין דאַנציק איז געלעגן פאַר אים אַ בריוו פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניס־טישער פאַרטיי, מיט דער מיטטיילונג, אַז ער ווערט אַרומגעזוכט פון דער פאָליציי אין גאַנצן לאַנד און עס וועט זיין אוממעגלעך אים אויסצובאַ־האַלטן. ער מוז תיכף צוריקפאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד.

איינער פון די הויפט־אָנפירער פון געהיימען קאָמוניסטישן פאַרטיי־אַפּאַראַט איז דעמאָלט גרשון דוואַן. ער איז איצט אין דאַנציק. ער האָט באַשטימט צו געזעגענען מיכאלן מיט אַ לייטישן באַנקעט. מיכאל האָט אַ שאַרפע טענה צו דוואַנען און פראָטעסטירט קאַטעגאָריש קעגן דעם וואָס אויף דעם באַנקעט טרינקט מען — שאַמפּאַניער. אויף דער דאָזי־קער ביבקע זענען, חוץ די געוויינלעכע פאַרטיי־אַפּאַראַטשיקעס, אויך בייגעווען עטלעכע פון די קוריערקעס. יונגע, שיינע מיידלעך, ס׳רוב נישט־געענדיקטע סטודענטקעס. דוואַן, צוזאַמען מיט די קוריערקעס, לאַכן פון דעם נאַיוון, פאַרצייטישן, פרעהיסטאָרישן רעוואָליוציאָנער — וועלכער ציטערט פאַר אַביסל שאַמפּאַניער־משקה. דאָס וויל ער לאָזן פאַר דער בורזשואַזיע, און אַליין טרינקען נאָר ריינע, ליודאָווע וודקע. מיכאל גיט נישט נאָך, כעסט זיך, מוסרט זיי. האָט זיך עס געענ־דיקט נאָר דערמיט וואָס ער אַליין האָט נישט געטרונקען קיין שאַמפּאַניער און אַלע איבעריקע יאָ. מ׳האָט עס נאָר פאַרביסן מיט אַ דיסקוסיעלע אויף

דער טעמע: צי שוין געניסן פון לעבן? צי וואַרטן ערשט אויף נאָך דער וועלט־רעוואָליוציע?!

אָבער בראָנפן האָט ער געטרונקען מיכאל, און זיך צוגעבאָמ־קעט אַ יידיש לידעלע (דאָ האָבן אַלע גערעדט פויליש און רוסיש).

איינע פון די קוריערקעס האָט אים מהנה געווען מיט אַ קוש און זאָגט צו אים אויך אויף יידיש:

— אונזערס אַ מענטש, וואָס לעבט ס׳רוב מ׳בין טורמע ל׳טורמע, מעג זיך פאַרגינען אין דער קורצער קעגנוואַרט, אין דער קליינער פרייהייט־פויזע, איינצובייסן זי מיט אַלע ציין. מיטן פולן מויל אויסנאָגן ס׳גאַנצע ביסל זאַפט אירס — נישט וואָר?

מיכאלן איז געפעלן געוואָרן איר ווייך־יידישלעכער טאָן פון די רייד, און גאָרנישט לויט זיין טבע, איר אָפּגעענטפערט מיט אַ קוש.

ער האָט געמוזט אויסטרינקען, אויף פאַרזוכן בלויז, אַ קליין באָקאַ־לעכל שאַמפּאַניער.

ער האָט אָנגעשריבן אַ קליין בריוול עס אָפּצושיקן צו רוטאַן, און אַוועקגעגאַנגען צום וואָקזאַל, כדי ווידער דורכצופאָרן אויף דעם אומ־וועג — דאַנציק, בערלין, קאָוונע, ריגע — קיין מינסק און מאָסקווע.

## אין לענין-אינסטיטוט

ער האָט באַקומען צוגעטיילט די רעכט וואָס עס האָט יעדער פאַרטיי־פירער פון אַ ראַיאָן, אָדער מיטגליד אין צ.ק. נאָך 4 יאָר אומאיבעררייס־לעכער טעטיקייט — צו פאָרן קיין מאָסקווע און אַריינטרעטן אין דער לענין־שולע אויף 3 יאָר צייט. אין 2 חדשים אַרום האָט מען אים נאָכ־געשיקט זיין פרוי רוטאַ און זי איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע.

מיכאיל קאָץ לערנט אין לענין־אינסטיטוט און זיין פרוי רוטאַ אַר־בעט אין איינער פון די גרעסטע פאַבריקן אין מאָסקווע, אַ פאַבריק פון עלעקטרישע מכשירים, מיט 20 טויזנט אַרבעטער. ער עסט און שלאָפט אין זיין אינסטיטוט־אינטערנאַט, און רוטאַ — אין איר פאַבריק־אינטער־נאַט. זיי טרעפן זיך פאַרנאַכט אין דער שטאַט־ביבליאָטעק און פונדאַנען

גייען זיי אַוועק אין פּאַרק. עס קומט צווישן זיי צו שאַרפע שטרייטן און אינצידענטן. זי דערציילט אים וועגן שטייגער־לעבן אין דער פאַבריק, וויאַזוי מ׳אַרבעט דאָרט, וואָס מען עסט, וויאַזוי ס׳פירט זיך אויף נאַ־טשאַלסטווע. ער וואַרפט איר פאָר — קליינבירגערלעכקייט, דאָס נישט דערשעצן דעם גראַנדיעזן פאַרנעם פון דער בויאונג אין לאַנד, נישט פאַרטיפן זיך אין פאַרשטיין די באַדינגונגען. ער דערגייט אַזוי ווייט ביז ער זאָגט איר:

—דו, רוטאַ, דאַרפסט אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי. ביסט אָנגע־שטעקט מיט קאָנטררעוואָליוציע. מיר הערן אויף צו האָבן צווישן זיך עפּעס וואָס געמיינזאַמס, רוטאַ.

זי קוקט אויף אים מיט באַדויערנדיקער חכמה און באַליידיקטן ווי:

— פאַראַן, מיכאַל, דערצו אַ רפואה, אַן אויסוועג. מיר וועלן וואַרטן אַ צייט, נישט רעדן צווישן זיך, וואַרטן. איך וועל דערנאָך קומען צו דיר, אָדער דו צו מיר, דאָס וועלן מיר שוין זען —

און זיי האָבן זיך גיך און קאַלט געזעגנט.

עס איז אַדורך נישט קיין לאַנגע צייט און ער איז אין אַן אָוונט גע־קומען צו לויפן אין ביבליאָטעק, און זי געטראָפן זיצן אויפן זעלביקן אָרט ווי אַמאָל, ווי זי וואָלט זיך מיט אים באַשטעלט און געוואַרט אויף אים. ער האָט זי קוים דערקענט. פאַרבלאָזע אויגן, אַ בלייך־בלאַס פּנים, אויסגעמאָגערט — נישט צו פאַרגלייכן אַפילו מיט יענעם אויסזען בעת זי איז געווען אין דער לוקישקער טורמע. דעמאָלט האָט פון אירע אויגן געשפּיזט רעוואָלט און געפינקלט ביטחון, איצט דאָ — באַליידיקטע האָפענונג, גראָער יאוש. און פּשוט — הונגער אין די אויגן און אויף די ליפּן. זי דערלאַנגט איםביידע הענט, נעמט זיי אַריין אין אירע:

— כ׳האָב געוווּסט אַז דו וועסט קומען, מיכאַל.

איצט וויל ער שוין אַז זי זאָל אים דערציילן וואָס מערער וועגן שטיי־גער־לעבן אין פאַבריק. דערצו מוזן זיי שוין זוכן ליידיקע און באַקווע־מערע פּלעצער.

זי דערציילט אים וואָס מען באַקומט עסן. אָבער נישט נאָר דאָס ווירקט אַזוי דעפּרימירנדיק, ערגער איז די מורא פאַר יעדן נאַטשאַלניק, די חניפה. יעדער וואָס איז נאָר מיט איין גראַד העכער אין ראַנג, קוקט

שוין אויפן נידעריקערן פון זיך ווי אויף אַן אונטער־חבר, שפּל'ער בריאה. און אויף דעם העכערן פון זיך — ווי אויף אַן איבער־חבר, אַ טשעמפּיאָן און געביטער. ער קוקט אויף אים מיט באַוווּנדערונג, מיט קנאה און מיט כּעס, און מיט דער טריפהנער, פאַרבאָרגענער מחשבה: ווען פאַרנעם איך שוין זיין אָרט!

דאָס כּסדרדיקע נישט־דערעסן, זיין אונטערדערנערט, גיט נאָך צו אַ ספּעציעלן טאָן, און אַפילו ריח, אירע האַלב־הייזעריקע, פאַרוווּנדע־טע רייד.

אויך ער דערציילט איר עפּעס, דערווייל נישט קיין סך, נאָר קליי־ניקייטן. אַז יעדן טאָג גיט מען זיי, די אַספּיראַנטן פון לענין־אינסטיטוט — גרויסע פּאָרציעס פלייש. אַפילו יאַיכלעך מיט הינדלעך. יעדן טאָג קאָמפּאָטן. און נישט נאָר ברויט בלייבט ליגן אויף די טישן, נאָר עס בלייבן אויך אַסך אַנדערע נישט־דערעסענע מאכלים אויף די טעלערס.

ניין, זיי דיסקוטירן נישט איצט צווישן זיך קיין טעאָרעטישע פראַגן פון מאַרקסיזם־לעניניזם, נאָר רעדן צווישן זיך פּראַקטישע פראַגן, וועגן עסן, וואָס מען גיט אין אינסטיטוט אויפן נאָמען פון לענינען, ווו מ'לערנט מאַרקסיזם.

פון היינט אָן טרעפן זיי זיך שוין ווידער יעדן אָוונט אין דער שטאָט־ביבליאָטעק. רוטאַ קומט מיט אירס אַ חברטע פון פאַבריק. ער ברענגט מיט אין זיינע קעשענעס, פּאַרפּאַקט אין אַ טיכל, אַביסל עסן פון אינ־סטיטוט. תחילת האָט רוטאַ דערפון נישט געוואָלט געניסן, נאָר כּדי די חברטע אירע, וועלכע איז מער אויסגעהונגערט פון איר, זאָל זיך נישט פילן אומבאַקוועם, האָט זי אויך אָנגעהויבן מיטהאַלטן. זיי בייטיקן זיך דערין ביידע, און עס סטאַיעט אויף פאַר ביידע. אַ געשמאַקע רויטקייט שלאָגט אַרויס אויף זייערע באַקן בעתן עסן. די רויטקייט אַליין דאַנקט מסתמא אויך פאַר דער מעגלעכקייט זיך צו באַווייזן אויף זייערע באַקן.

פונדעסטוועגן האָט מיכאל געוואָרט מיטן רעדן און אויסדערציילן זיך — ערשט ווען רוטאַס חברטע איז אַוועק פון זיי. יאָ, די דירעקטאָרשע פון אינסטיטוט האָט אים אַרייגערופן צו זיך אין קאַנצעלאַריע און אים פאָרגעלייגט אַז ער זאָל איבערגעבן אַלץ וואָס עס רעדן זיינע חברים. דער עיקר — צו שמועסן אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען געבוי געוואָר ווערן יענעמס

אַנשויאונגען וועגן יעדער געגעבענער אַקטועלער פראַגע. יענעמס אָפּע־נע און אויך פאַרבאָרגענע מחשבות.

זינט ער איז געוואָרן שילער אין דאָזיקן אינסטיטוט, האָט ער צוביס־לעכווייז, אַזוי אומבאַמערקט, אָנגעהויבן פאַרלירן זיין זעלבסטשטענדי־קייט. זיין אָנגעלעזנקייט אין מאַרקסיסטישע פּראָבלעמען און געשיכטע איז ערגעץ ווי מיטאַמאָל אויסגערונען. ער פאַרלירט אויך, זעט אויס, זיין גאַנצן קאַמפּס־טעמפּעראַמענט, זיין צילבאַוווסטקייט. זיין גאַנצע הערהאָישע פאַרגאַנגענהייט מעקט זיך עפּעס אָפּ, רייבט זיך אָפּ. ער איז געוואָרן אַ יונגער געזעלן אין אַ וואַרשטאַט פון טעאָרעטישע ענינים, וועלכע רעדוצירן זיך צו גאַנץ פּראַקטישע מעשים. נישט פון וועלט־רעוואָליוציע, נאָר קליינטשיקע ענינימלעך:

שפּיצלעוועען חברים, אונטערשטעלן פיסלעך, אָפּנאַרן, זיי פּראָוואָצירן.

און ערשט: אַרויסטראָגן פון דאָרט בגנבה שטיקלעך ברויט און ביס־לעך עסנס אין די קעשענעס — וואָס איז פון אים געוואָרן? וואָס איז ער און ווו איז ער? ווו געפינט ער זיך?!

דערציילט אים שוין רוטאַ, אַז איר חברטע ניוסאַ האָט איר איבער־געגעבן אַ סוד, אונטער אַ שבועה, אַז זי איז געוואָרן באַאויפטראַגט דורכן לייטער פון פאַבקאָם אַז זי זאָל זיך חברן מיט איר, רוטען, כדי זי צו אָב־סערווירן, אַלץ דערציילן וואָס זי, רוטאַ, רעדט, מיט וועמען זי טרעפט זיך.

מיכאל גיט זיך האַסטיק אַ פיר מיט דער האַנט איבערן פּנים, אַ פינ־גערעווע דורך די טשופּרינע, און ער טרייסט זי און זיך:

— עס איז אַלץ צייטווייליק, פאַראיבערגייענדיק. וועסט זען, רו־טאַ. אפשר איז נאָך אין קערפּער פון דער נאָך־רעוואָליוציע פאַראַן נאָך אַ סך ווילדוווקס? מוז מען אויסשניידן.

— ניין, מיכאַל, מען שניידט דאָס געזונטע פלייש! —

רוטאַ האַלט די האַנט נאָנט צום מויל, כדי אין נויפטאַל — גיך עס צו פאַרשטעלן, און זאָגט אין געאייל:

— אומצוטרוי צו די אַרבעטער, אומצוטרוי צו די פאַרטיי־חברים — דאָס איז אַ גיפטיקע שלאַנג פון שפּאַניש־קאַטוילישן מיטלאַלטער, און נישט פון גרויסן לעניניש אָקטאָבער —

מיכאל לייגט איר אַרויף די האַנט אויפן מויל — — —.

# די צונג בונטעוועט זיך...

מ׳האָט מיכאיל קאַצן, ווי אַסך אינספּיראַנטן פון אינסטיטוט, פאַנאַנ־דערגעשיקט אויף אַ חודש צייט אויף פּראָפּאַגאַנדע־טורן אין די פאַבריקן, דערפער, קוילנגרובן. עס איז אַ שפּייז־מאַנגל אין לאַנד. ס׳האָט זיך אָנ־געהויבן די קאָלעקטיוויזאַציע, — קאָלכאָזן. די אספּיראַנטן האָבן באַ־דאַרפט האַלטן רעדעס און דערציילן פאַר די פּויערים און אַרבעטער, אַז די פּויערים און אַרבעטער אין מערב־אייראָפּע לעבן זיך אין באַדייטנד שווערערע מאַטעריעלע באַדינגונגען ווי דער סאָוויעטישער פּויער און אַרבעטער.

אַ רוסישער אַרבעטער — האָב איך געמוזט אויסרופן — עסט דריי מאָל מער פלייש ווי אַ פראַנצויזישער אַרבעטער!

דאָס וואָס איך האָב גערעדט רוסיש מיט אַ שלעכטן אַקצענט איז דווקא דעמאָלט געווען אַ מעלה, האָט מען אין מיר געזען דעם פּריש־גע־קומענעם אויסלענדער.

ווען ער איז צוריקגעקומען אויף עטלעכע טעג קיין מאָסקווע און זיך געזען מיט רוטען, האָט ער אָנגעהויבן זיינע רייד צו איר — מיט פאַנאַנדערגעוויין:

— פאַרוואָס זאָל איך אָפּנאַרן דעם פּראָלעטאַריאַט? וואָסער שייכות האָט דאָס מיט סאָציאַליזם?

אָבער ער איז ווידער אַרויסגעפאָרן אויף פּראָפּאַגאַנדע־טורן און ווי־דער גערעדט. גערעדט וועגן דער פּיאַטילעטקע וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן, אַז מען דאַרף זי ענדיקן נישט אין יאָר 1934, נאָר מיט אַ גאַנץ יאָר פריער. און דעמאָלט וועט מען זיך שוין אינגאַנצן אויסגלייכן מיט דעם ענגלישן אַרבעטער.

אַלע סטודענטן און סטודענטקעס פון לעניך־אינסטיטוט, וועלכע זע־נען אין וואַקאַנס־חודש אַרומגעפאָרן איבער די פאַבריקן און קאָלכאָזן אַגיטירן, האָבן אויך דאַרט זיך געשפּייזט — זענען אַלע קראַנק געוואָרן פון דעם שלעכטן עסן, אָבער ווייטער גערעדט אין דעם נוסח —

„ביי אונז אין דייטשלאַנד״, „ביי אונז אין אַמעריקע״, „ביי אונז אין פראַנקרייך״, בולגאַריע, ענגלאַנד — ביי אונז שטאַרבן אַסך אַרבעטלאָזע

פון הונגער, שטאַרבן דאַכלאָזע פון קעלט און נויט, אין בעסטן פאַל — קראַנקהייטן. דאָ אָבער, אין זיגרייכן ראַטנפאַרבאַנד, ווערט מיט יעדן טאָג דער מאַטעריעלער מצב אַלץ בעסער און בעסער!

איינמאָל איז צוגעגאַנגען אַ פאַבריק־אַרבעטערין צו אַזאַ סטודענט־קע־רעדנערין, אַן אַמעריקאַנערין, זי אַנגענומען ביי איר זיידן בלוזקע־לע, גוט אָנגעטאַפּט דאָס דאָזיקע עלעגאַנט־זיידענע בלוזקעלע, און צו איר געזאָגט:

— אָבער אַזאַ שטאָף, זעסטו, איז ביי אונז נישטאָ!

מ׳האָט מיכאלן געשיקט רעדן אויך אין אַ יידישן קאָלכאָז ביי כער־סאָן. מ׳האָט אויך מיט אים מיטגעשיקט אַ רומענער. אין קאָלכאָז איז גראָד געשעען אַ צרה, מ׳האָט נישט געקאָנט אַראָפּנעמען די תבואה פון די פעלדער. עס זענען נישט געווען קיין לייצעס צו די פערד, קיין פּאָד־קאָוועס, קיין טשוועקעס, קיין רייפן צו די רעדער. די תבואה איז דער־ווייל פאַרברענט געוואָרן פון דער זון —

— האָבן מיר ביידע דאָרט נישט געהאַלטן קיין רעדעס. דעם רומע־נער, וואָס איז געווען אַ שמיד, האָב איך געשיקט שמידן די פערד, און איך בין אַרויס אין פעלד אַריין זיי העלפן אין דער אַרבעט. אַזוי האָב איך זיך שוין אויך געפירט שפּעטער אין די אַנדערע קאָלכאָזן. אַנשטאָט רעדעס, זיי צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט אויפן פעלד. אַז מ׳האָט אין קאָל־כאָז געהאַט צו עסן אַ שטיקל ברויט מיט אַ רעטעך, האָט עס שוין גע־הייסן אַז מ׳עסט נישט פאַסנע.

ווען מ׳איז נאָך דעם דאָזיקן פּראָפּאַגאַנדע־טור צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, אין לענין־אינסטיטוט, האָט איינער מורא געהאַט צו קוקן אויפן צווייטן. די אויגן האָבן גערעדט טויזנטער רייד, אָבער די ליפּן — קיין וואָרט נישט. מ׳האָט גערעדט וועגן זייטיקע, אומבאַדייטיקע ענינים.

אין אַ גאַנץ קורצער צייט אַרום האָט מען אונז ווידער אַרויסגעשיקט, נישט ווייט פון מאָסקווע, אין אַ גרויס דאָרף פּאַר פּיצוכט. מיר האָבן באַ־דאַרפט דאָרט צוהעלפן דורכפירן מיט געוואַלט די קאָלעקטיוויזאַציע. מיר קומען אַהין, זיך זע ווי די פּויערים שטייען און רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, שלוכצן, ספּאַזמירן (מיר האָט זיך אין יענעם מאָמענט אויסגע־דאַכט, אַז אַזוי אוודאי האָבן געשלוכצט די יידן אין קעשענעוו בעתן באַ־

ווסטן פּאָגראָם). איך פרעג איינעם פון זיי פאַרוואָס ער וויינט אַזוי, כ׳וויל אים באַרואיקן, שטרעקט ער די הענט און רופט שלוכצנדיק:

— אַלע שלאָגן אונז, דער צאַר, דער באַלשעוויק. געהאַט צוויי קי, האָט מען זיי צוגענומען. אַלע קי אַריינגעשטעלט אין איין שטאַל אַריין, האָבן זיי אויפגעהערט צו געבן מילך.

ערגער איז געווען מיטן געוויין פון זייערע ווייבער, דאָס איז שוין שווער צו פאַרטראָגן אַפילו פאַר אַן אויסגעבריט האַרץ. די זעלנער האָבן זיי געדראָט מיט די נאַגאַנען. איך בין אַוועק צום סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי אין ראַיאָן און אים געפרעגט:

— פאַרוואָס הייסטו זיי טרייבן אונטער רעוואָלווערן?

— איך טו גאָרנישט אַליין — האָט ער מיר געענטפערט — איך מוז יעדע שעה מעלדן דורכן טעלעפאָן קיין מאָסקווע וויאַזוי עס גייט צו די קאָנפיסקאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע. און זיי פאָדערן פון מיר אַלץ מער און מערער!

נאָכדעם ווי ער זעט מיינע דאָקומענטן, ווייזט ער מיר אַ טייל פון אַ געהיימער אינסטרוקציע: „צו אַלע פּאַרטייאיש־סאָוויעטישע אַרבעטער און אַלע אָרגאַנען פון דער אָגפּאו, געריכטן און פּראָקוראַטורן״ (שטרענג געהיים).

„דער פאַרצווייפלטער ווידערשטאַנד פון די קולאַקעס קעגן דער קאָ־לעקטיוויזאַציע, וועלכער נעמט אָפּט אַן פאָרמען פון אונטערצינדונגען און טעראָריסטישע אַקטן קעגן די קאָלכאָז־טוער, שאַפט די נויטווענדי־קייט פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט דורכצופירן מאַסן־אַרעסטן און רע־פּרעסיעס אין דער שאַרפסטער פאָרם, אויך אַ מאַסן־איבערזידלונג פון די קולאַקעס צום ווייטסטן צפון״. עס רעדט זיך ווייטער וועגן די פּראַקטישע אופנים פון די אַרעסטן, וויפל יעדער ראַיאָן דאַרף צושטעלן אַרעסטיר־טע, וויפל אין די טורמעס, וויפל אין די לאַגערן, וויפל אויף פאַרשיקונג. דער אויפרוף איז אונטערגעשריבן פון מאָלאָטאָוו און סטאַלין.

איבערגעשלאָפן די נאַכט אין דאָרף, בין איך אויפצומאָרגנס ווידער אַרויפגעגאַנגען צום פּאַרטיי־סעקרעטאַר און איך ווער דערשטוינט צו זען ווי ער זיצט און וויינט, רייסט זיך די האָר פון קאָפּ נישט קנאַפּער ווי

נעכטן די פויערים. וואָס איז געשעען? אַ ריי אויפשטאַנדן פון די פויע־רים אין אַרומיקע דערפער פון זיין ראַיאָן.

אין דער פרימאָרגן־פרעסע האָט זיך באַוויזן סטאַלינס באַרימט־געוואָרן אַרטיקל אונטערן נאָמען —

„קאָפשווינדלעניש פון דערפאָלגן" —

ער לויבט און הנפעט די פויערים, אפילו די קולאַקעס, און זידלט די יעניקע קאָמוניסטן וואָס זענען צו שטרענג און באַגייען זיך אומגע־רעכט מיט די פויערים. די דעמאָלט אויפשטענדיקע פויערים האָבן עס זיך פאָרמולירט קורץ און שאַרף:

„דאָלאָי קאָמוניסטאָוו, דאַ זדראַווסטווויעט אַסוואָבאָדיטעל קרעס־טיאַנסטוואַ — נאַש דרוג יאָסיף סטאַלין!" (נידער מיט די קאָמוניסטן, זאָל לעבן דער באַפרייער פון די פויערן — אונזער פריינד יאָסיף סטאַלין), —

זענען די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרטייצעס, די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע, איבעראַשטע און צעטומלטע, דערשטוינטע:

— פאַרוואָס האָט מען אונז נישט פריער געמאָלדן אַז מען ציט זיך צוריק פון דער צוואַנג־אַקציע אין די דערפער? דורכן טעלעפאָן פאָדערט מען ווידער פון דער גפּאו פאָרטזעצן, נאָך מיט מער שטרענגקייט, די רע־פרעסיעס קעגן די פויערן — און פון דער צווייטער זייט דער דאָזיקער סטראַטעגישער ריקצוג פון סטאַלינען! וויאַזוי אַרויס פון דער דאָזיקער טאָפלטער קלעם? —

די אויפשטאַנדן האַלטן אָבער ווייטער אָן. עס קומט אָן אַ געהיימע אינסטרוקציע — „די רויטע אַרמיי טאָר נישט באַנוצט ווערן צום אונטער־דריקן דעם אויפשטאַנד. די קורסאַנטן און סטודענטן דאַרפן דורכפירן די אַקציע קעגן די אויפשטענדיקע פויערים".

עס קומט אָן די ידיעה, אַז פון טורקעסטאַן זענען צענדליקער טויזנ־טער פויערים אַריבער די גרענעץ און אַנטלאָפן קיין פערסיע. מ'האָט אונז אַלעמען מאָביליזירט, אָבער אינגיכן האָט מען די מאָביליזאַציע אָפּ־גערופן, ווייל אין צווישנצייט האָט שוין די געפּעאו אַליין ליקווידירט דעם אויפשטאַנד.

אויף דער 12טער זיצונג פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמינטערן

אויף וועלכן איך בין געווען אַנוועזנד, האָב איך געהערט דעם געהיים־פּאַרטרוילעכן פּלאַן וועגן קאַמף אין די דערפער:

„עס זענען פאַראַנען 4 מיליאָן קולאַקן־פאַמיליעס. 2 מיליאָן מוזן ווערן אַוועקגעשיקט אין די לאַגערן, 1 מיליאָן וועט זיך מוזן צופּאַסן אויפן אָרט, און 1 מיליאָן וועלן מיר שיקן אויף שמעלץ, צום ליקווידירן״ —

ווען איך האָב דעמאָלט דערהערט די דאָזיקע ווערטער, בין איך דער־שיטערט געוואָרן. אַ פראָסט האָט מיר דורכגעפרירט דורכן גאַנצן גוף — „איין מיליאָן פויערים אויף שמעלץ, ליקווידירן״. און מיר האָט עס גע־שריגן מיין מאַמעס ווערטער און רייד —

„אַ בראָך איז צו מיר און צו מיין ווייטיק!״ אָבער דער פאַרטייער אין מיר האָט גלייך פאַרוואָרפן אַ „נאַמאָרדניק״ אויף מיינע ווייטיקן און מחשבות — שוייג! די רעוואָליוציע גייט, דער גרויסער ים־שטורעם רייסט מיט קרבנות, פאַרמאַך די אויגן, פאַרקוועטש דאָס האַרץ, און בייל ווידער די פויסט צום קאַמף, אַזויווי אַ באָלשעוויק דאַרף עס טוען, פאַר־פאַלן!

## די „גוטע בשורה״ און מיין שמועס מיט יעזשי סאָכאַצקי

ער האָט אָנגעשריבן אַן אַרבעט וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַ־וועגונג אין פוילן און אַן אַרבעט אונטערן נאָמען: „דער פאַרבאַדינג פאַר דער אַנטשטייאונג פון מאַרקסיזם״. די ערשטע אַרבעט איז געוואָרן אָנער־קענט דורכן אינסטיטוט פאַר רויטע פּראָפעסאָרן. נאָכן ענדיקן דעם לענין־אינסטיטוט קאָן ער אַריבער אין אינסטיטוט פאַר רויטע פּראָפע־סאָרן.

— נאָכן ענדיקן דעם פוילן קורס אין לענין־אינסטיטוט, האָט יעדער פון אונז באַדאַרפט איבערנעמען די אַרבעט פון אַן אַגענט און שליח פון קאָמינטערן. עס האָט שוין דעמאָלט זיך געפירט אַ שאַרפער קאַמף קעגן דער רעכטער אָפּאָזיציע. פריער האָבן סטאַלין, ריקאָוו און בוכאַרין גע־

הערט צו איין גרופע. איך האָב געהערט רעדן בוכאַרינען. נישט נאָר מיר קורסאַנטן, נאָר אַלע וועלכע האָבן אים געהערט האָבן אים פאַרגעטערט.

אין אינסטיטוט האָבן ראַפּטעם זיך אָנגעהויבן אַרעסטן. אַז די געפּעאו איז בײַנאַכט געקומען אין אינסטיטוט אַרײַן וועמען אַרעסטירן, האָבן טייל סטודענטן זיי צוגעהלאָפן דעריין. די אַרעסטירטע האָבן צו זיי געשריגן:

— חברים, וואָס טוט איר? וואָס כאַפּט איר פרייוויליק לאָפּעטעס מיטצוהעלפן באַגראָבן?

דער ענטפער איז געווען:

— דאָס איז אונזער ערשטע און וויכטיקסטע פליכט — צוהעלפן דער געפּעאו!

אויף אַ זיצונג פון דער „טשיסטקע"־קאָמיסיע אין אינסטיטוט האָבן די מערהייטלער מיך געוואָלט קאָמפּראָמיטירן, און איינער האָט מיך אַ פרעג געטון:

— ווו ביסטו געווען, מיכאיל קאַץ, אין אָקטאָבער יאָר 1917? (יענער איז זיכער געווען, אַז איך בין דעמאָלט געווען אין פּוילן אָדער פראַנקרייך). דערויף האָט אים אָפּגעענטפערט מיצקעוויטש:

— ער איז געווען דאָרט ווו יעדער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער האָט באַדאַרפט זיין.

אויף צומאָרגנס האָב איך צופעליק אָנגעטראָפן אין גאַס מיין ליבן טורמע־חבר פון פּוילן, דעם ווייסרוס פּאָפּניוק, זיך געוואָלט מיט אים אַרומכאַפּן, דערפרייען, האָט ער זיך פון מיר שאַרף אָוועקגעדרייט און אויסגעמיטן, זיך נישט געגריסט אַפילו. ער האָט שוין מורא געהאַט טאָמער קוקט מען אים נאָך. און אויב מ׳עט מיך אַמאָל אַרעסטירן, וועט מען אים באַשטראָפן בלויז פאַרן האָבן זיך באַגריסט מיט אַן אָפּאָזיציאָנער.

די קעגנזייטיקע מסירות זענען געוואָרן אַ מאַסנדערשיינונג, אויף הורט. יעדע עטלעכע וואָכן איז אויך געביטן געוואָרן דער סעקרעטאַר פון אינסטיטוט. אַ חודש צייט בין אויך איך געווען סעקרעטאַר ביי די 200 שילער פון אינסטיטוט. בוכאַרינען אַלס דירעקטאָר פון אינסטיטוט האָט מען שוין געהאַט אַראָפּגענומען. פאַרוואַלטער פון דער שולע איז דע־

מאַלט געווען יאַראָסלאַווסקיס פרוי. דערנאָך איז געוואָרן פאַרוואַלטער די פרוי פון שרייבער קירסאַנאָוו. זי האָט פון מיר אָפּט געמאָנט אַז איך זאָל קומען צו איר און איר באַריכטן וועגן די שטימונגען ביי די סטו־דענטן, ווער און וואָס. איך בין אָבער צו איר קיין איין מאָל נישט גע־גאַנגען מיט קיין מעלדונגען פון אַזאַ מין און כאַראַקטער. איך ווייס אַז זי האָט באַלייגט אַ מעלדונג דאָרט ווו מ׳דאַרף, אַז „דורך צוויי יאָר צייט האָב איך ביי זיך אין קאַבינעט קיין איינמאָל נישט געזעען ס׳פּרצוף פון מיכאיל קאַץ״.

עס איז דאָס יאָר 1931. אין דער פּאַרטיי קומט פאָר אַ באַזונדערס גרויסע טשיסטקע. אין אינסטיטוט לערן איך שוין העכער צוויי יאָר צייט. מ׳לערנט דאָרט אין 4 שפּראַכן — ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש און רוסיש. ס׳רוב פון די אַספּיראַנטן זענען אַזעלכע, וועלכע האָבן אין אויס־לאַנד געהאַט אויף זיך טויטאורטיילן. פאַר דעם געפּייניקט געוואָרן יאָרן אין טורמעס. ביי יעדער גרעסערער טשיסטקע אין אינסטיטוט, האָט יע־דער פון אונז ווידער און ווידער אַמאָל באַדאַרפט אויפסניי אָנשרייבן זיין ביאָגראַפיע. די שילער זענען געווען ס׳זאַלץ פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, די בעסטע זין פון קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט, די שענסטע טיפן פון בונטאַרן און קעמפער, וועלכע זענען תמיד געווען גרייט אַוועקצוגעבן זייער לעבן פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, פאַר דער רעוואָליוציע. דווקא די רוסישע שילער צווישן אונז — זענען געווען נישט קיין געליטענע, נישט קיין קעמפער־נאַטורן, נאָר טיפּישע פּאַרטיי־אַפּאַראַטשיקעס (צווישן אַלע 200 שילער זענען נאָר געווען זיבן רוסישע, זעקס רוסן און דער זיבע־טער, אַ ייד, מיטן נאָמען מיצקעוויטש, געשטאַמט פון ליטע). ער האָט ביי יעדער מינדעסטער געלעגנהייט, אין יעדער רעדע, געלויבט די רוסן, זיי געפרופן ליבלעך — מאַלאַדצי. ס׳איז נישט געווען געוווּנטשן צו לויבן די פּאַרטיי אין דעם לאַנד פון וועלכן מ׳איז געקומען. אויב לויבן, איז נאָר די רוסישע קאָמפּאַרטיי. אַז נאָר אַדאַנק איר אָנפירונג האָט די פּאַרטיי אין זיין לאַנד צו עפּעס דערגרייכט. מ׳האָט אָנגעהויבן זיך אויסלערנען אַזאַ מין קונסט ווי — זעלבסט־שמייסעריי. זיך אַליין שפּייען אין פּנים אַריין. ווער עס האָט גיך געכאַפּט דעם דאָזיקן שניט — איז גיך געשטיגן אין דער פּאַרטיי־היעראַרכיע.

אין איינער אַ נאַכט, שוין פאַרן לייגן זיך, האָט מיר אַ חבר צוגעוווּנקען אַרויסצוגיין אינדרויסן. עס איז געווען אַ יוגאָסלאַווישער חבר. אינדרויסן האָט שוין געוואַרט נאָך אַ יוגאָסלאַווישער חבר. ביידע האָבן מיר איבערגעגעבן מיט דער שנעלקייט פון אַ קויל:

— מיכאַיל, ביסט אויף דער ליסטע!

איך בין באַלד אויפצומאָרגנס פאַרטאָג אַוועק צו יעזשי סאָכאַצקין, דעם פאָרשטייער פון דער פוילישער קאָמפּאַרטיי ביים קאָמינטערן. (מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט סאָכאַצקי געהאַט געהאַלטן אַ רעפעראַט אין קאָמינטערן און אָנגעוויזן אויף דער אויפשטאַנד־שטימונג אין פוילן. אַלס סימן האָט ער געבריינגט דעם פאַקט, וואָס די יידישע חברים פון דער פאַרטיי האָבן געשאָסן אויף דער בונדישער מעדעם־סאַנאַטאָריע פאַר קינדער אין מיעדזעשין ביי וואַרשע. [ אין דאָזיקן מאָמענט האָב איך אים איבערגעריסן, הערש מעכלען, און דערציילט, אַז דער הויפט־אָנפאַלער אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע וועלכן איך האָב גראָד גוט געקענט, לאַסמאַן, האָט אין יאָר 1940 באַקומען אין ראַטנפאַרבאַנד 8 יאָר טורמע פאַר קאָנטררעוואָליוציאָנערע רייד.]) — איך האָב דעמאָלט געזאָגט צו סאָכאַצקין:

— חבר יעזשי, איך בין נישט אַהערגעקומען כדי דאָ צו פוצן די שטיוול פון די אַפּאַראַטשיקעס. די גרויסע רעוואָליוציאָנערע העלדן, די עלטערע קעמפער פון אויסלאַנד ווערן אפילו נישט אַריינגענומען אין דעם פאַרבאַנד פון די אַלטע באָלשעוויקעס. איך מוז אַהיימפאָרן! איר מוזט מיך גלייך אַהיימשיקן, אַז נישט וועל איך מאַכן אַ סקאַנדאַל! (איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, נישט דערציילט וועגן דער פאַרטרויליכער ידיעה פון דער לעצטער נאַכט). סאָכאַצקי, וועלכער האָט אין פוילן 15 מאָל מיך אָפּגעראַטעוועט פון אַרעסטן, אייניקע מאָל אָרגאַניזירט אַז מ׳זאָל מיך אָפּשלאָגן פון דער פּאָליציי בעתן פירן מיך פון איין טורמע אין דער צווייטער, סאָכאַצקי, דערהערנדיק אַצינד מיינע רייד, איז געוואָרן בלייכער פון קרייד, האָט מיך אַרומגעכאַפּט, מיך גענומען קושן:

— איך בעט דיך, מיכאַל, איך בלאַגע דיך, איך קוש דיך, בלייב שטיל, באַרויק זיך, איך האָב גאָרנישט פון דיר געהערט, רעד נישט מער, קיין איין וואָרט נישט מער, איך וועל אַלץ פאַר דיר טון און דיך אַהיימשיקן.

עס איז אים געלונגען. גאַנץ אינגיכן איז שוין מיכאל געפאָרן, דורך די געוויינלעכע אומוועגן, אַהיים קיין פוילן.

— אויפן וועג אַהיים קיין פוילן, בין איך באַגלייט געוואָרן פון אַ גאַנצן עשאַלאָן מיט מחשבות — שפיציקע, ווייטיקדיקע, ביטערע; אָבער אויך מחשבות — פאַרקיילעכיקטע, זיסלעכע און באַנגלעכע. פון דעם אַלעם האָט זיך דערוויל סומירט אין מיר איין מחשבה, אַ צענטראַלע:

— אין ראַטנפאַרבאַנד איז שוין אַלץ פאַרטיק, די פּראַקטיק קאָפּעט כסדר אָוועק דעם אידעאַליזם אין א זייט. נישט נאָר איז ער מער נישט נייטיק, נאָר שטערט אפילו. עס איז שוין אַ מלוכה, מיט פּאָליציי, מיט געהיימאַגענטן, אונטערדריקונג פון מחשבות. פרעגן איז פאַרבאָטן, אַלע פאַרוואָסן ווערן דערשאָסן. אַזעלכע ווי איך בין זיי שוין נישט נייטיק. אָבער דאָ, אין פוילן — דאָ איז די באַוועגונג אַן אומלעגאַלע, נאָך אַן אי־דעאַליסטישע. דאָ דאַרף מען נאָך אַקערן און זייען, און דורכגיין שטור־רעמס, און טרוקענישן. צום שניידן די זאַנגען און זיך רייסן איבערן חלק — וויפל וועמען — איז נאָך ווייט. דאָ דאַרף מען נאָך די רעוואָליו־ציע צוגרייטן. דאָ וואַרטן נאָך די אונטערדריקטע און פאַרשמאַכטע — אויף באַפרייאונג, אויף אויסלייזער און אויסלייזונג. אפשר וועט עס דאָ דאָך אַנדערש זיין, מירן זיך שוין האָבן אָפּגעלערנט פון די בלאָנדזשע־נישן, זוכענישן און חסרונות פון דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע, וועלכע איז שוין היינט אין פערצנטן יאָרעלטער. יאָ, זי קריכט נאָך טיילמאָל ווי אַ ראַכיטיש קינד, און טיילמאָל טרעט זי שוין און צעטאָפּטשעט ווי אַן אַלטער דעגענערירטער פּאַראַליטיקער. מיר דאָ וועלן מוזן אויף די דאָ־זיקע פעלערן זיך לערנען און זיי אויסמיידן.

און הערש מעכל איז גאַנץ גיך צוריק אַריין אַרבעטן אין פּאַרטיי־אַפּאַראַט. אין צוויי חדשים אַרום איז אים נאָכגעקומען זיין פרוי, חברטע רוטאַ.

## ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל...

די פּאַרטיי האָט איצט געהאַט אין קורס ווי ווייט מעגלעך צו פאַר־שאַרפן די שטרייקן אין לאַנד, גרויסע ווי קליינע, צוליב פּאָליטישע ווי

צוליב עקאָנאָמישע מאָטיוון, ביי דעם מינדעסטן סיכסוך. מ׳האָט אפילו באַדאַרפט דערפירן צו סיכסוכים, פּראָוואָצירן — אַבי צו דערפירן צו שטרייקן. דער סאַמע מינדעסטער שטרייק רייסט אַרויס אַ שטיינדל צי אפילו א ציגל פון קאַפּיטאַליסטישן בנין. און פּוילן גייט אַלץ ראַשער צום פאַשיזם. דאָס איז שוין דער העכסטער אויסדרוק פון אונטערגייענדיקן קאַפּיטאַליזם. דאָס איז שוין דער בוידעם, דער לעצטער שטאָפּל אויפן לייטער פון קאַפּיטאַליזם. און פון דאָרטן — פאַלט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג שוין גלייך אין פייער־שויס פון דער רעוואָליוציע.

ער איז אויף אַ געהיימער זיצונג פון די דעלעגאַטן אין קאָמוניסטישן קעמערל ביי די טראַמוויי־אַרבעטער אין וואַרשע, אויף שעראַקאָווסקע. אויף אַ צווייט אָרט קומט פאַר אַ זיצונג פון קאָמיטעט פון די טראַמווייער אין מוראַנאָווער ראַיאָן. פונדאַנען שיקט מעכל שליחים מיט אינסטרוקציעס וויאַזוי צו דערפירן צו אַ שטרייק. מען דאַרף מאַנעווּרירן, צוזאָגן מאַטעריעלע שטיצע, אונטערשטעלן פאָליטישע פיסלעך די פּעפּעעסישע דעלעגאַטן, מען דאַרף אַלץ טוען אַז ס׳זאָל דערקלערט ווערן אַ שטרייק. דאָס אַלץ קאָן אַמאָל זיין אָפּהענגיק נאָר פון דער שטימע פון איין דעלעגאַט, עס קאָן זיין אָפּהענגיק נאָר פון איין געלונגען וואָרט, פון אַ פליַנקער לאָזונג, סטראַטעגישן מאַנעוור, אַ פּאַסיקן צוזאָג, אַמאָל אַפּילו בלויז פון אַ שפּאַסיקן זאָג, אַ ווערטל, אָדער גאָר פון אַ פּשוטן טריק — אַרויסנאַרן אַ קעגנערישן דעלעגאַט, ער זאָל נישט בייזיין ביי דער אָפּשטימונג. עס העלפט אַ שאַרף פּאָלעמיש ווערטל, אַ שטאַרקע פראַזע. הערש מעכל זיצט אין אַ שטוב וואָס איז בלויז צוויי מינוט גאַנג פון דער טראַמוויי־רעמיזע, פון לאָקאָל ווו ס׳קומט פאָר די דעצידירנדע זיצונג פון די טראַמוויי־דעלעגאַטן. זי געדויערט שוין זעקס שעה די דאָזיקע זיצונג, עס איז שוין נאָך צוויי ביינאַכט. ענדלעך האָט מעכל באַקומען דאָס פלאַטערנדיקע צעטעלע, ווי אַ ווייסע טויב, מיט דער גוטער בשורה:

„באַשלאָסן אַ שטרייק!״ —

הערש מעכל האָט באַקומען אַ גליק־איינשפּריצונג. שטרייק פון אַלע טראַמווייען אין וואַרשע!

ער גייט צומאָרגנס פאַרטאָג איבער די וואַרשעווער גאַסן — די טראַמוויי־שינעס פּוסטעווען, געגעצן, חוזקן פון דער פאַרחידושטער און

אויפגערעגטער בורזשואַזיע, רייצן זיך מיט זיי, און ווינקען צו הערש מעכלען פון דער סמאָטשע גאַס:

„ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל,
בלייבן אַלע רעדער שטיל!״

אַ גראָב־גופיקע דאַמע בייזערט זיך, שעלט די שטרייקערס, און אַן עלעגאַנט־אויסגעשטייפטער אָפיציר ווייזט מיטן פינגער צום מוראַנאָוו —

— דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט פון די יידישע קאָמוניסטן! —

וואָסער טייערער קאָמפּלימענט פאַר הערש מעכלען.

מען הערט נישט דעם טראַמוויי־געקלאַנג. ווען ער קען, וואָלט ער דאָס שווייגעניש פון די טראַמווייען, דאָס לידל פון די שינעס, דאָס ביי־זעניש פון די רייכע — אַוועקגעטראָגן ווי אַ בלומענקראַנץ אויפן קבר פון זיין מאַמען און שוועסטער, דאָ נישט ווייט, אויפן גענשער בית עולם.

זיינע טריט זענען האָפערדיקע, פריידיקע, זיי זינגען. ער באַגלייט זיי מיט אַ מעלאָדיע און ווערטער פון זיינס אַ באַליבט ליד:

„אָ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן!
טראָגט צו מיין קבר אונזער פאָן!
די פרייע פאָן מיט די רויטע פאַרבן,
באַשפריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן!

און דאָרט אונטער דעם פלאַג דעם רויטן,
זינגט מיר מיין ליד, מיין פרייע ליד,
מיין ליד „אין קאַמף!״, וואָס קלינגט ווי קייטן,
פון דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און ייד!״

# די ליבע צו שנאה

אָבער אין דעם זעלבן אָוונט איז דער שטרייק געבראָכן געוואָרן און דורכגעפאַלן. דער מאָמענט איז, זעט אויס, נישט געווען קיין צוגעפּאַס־טער פאַר אַ שטרייק, די נישט־קאָמוניסטישע טראַמווייער זענען באַפאַלן די קאָמוניסטישע טראַמווייער, אויף זיי געוואָרפן די שולד, געזידלט, אַז

דאָס האָבן זיי מסתמא באַקומען אינסטרוקציעס פון מאָסקווע אָדער „מורדזשעל״ (מוראַנאָווער ראַיאָן, יידישער קוואַרטאַל אין וואַרשע, יידי־שע סעקציע אין דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי).

מ׳האָט מיכאלן אַרויסגערופן אויף אַ זיצונג, אויף וועלכער ס׳איז גע־וועזן אָנוועזנד איינער וועלכן ער האָט נישט געקענט. יענער איז פון פאַרבינדונגס־אַפּאַראַט מיטן קאָמינטערן, וואָס באַווייזט זיך נאָר אין עקסטרע פאַלן. יענער האָט מיכאלן געשטעלט עטלעכע פראַגעס אויף אַזאַ מין אופן, אַז מיכאל האָט זיך געזען געצוווּנגען מיט כּעס יענעם צו־ריקצופרעגן:

— צי הערט איר אויס מיין באַריכט און מיינונג, אָדער איר פאָרשט מיך אויס?

— יעדע פרוכט וואַקסט באַלד מיט אירס אַ שאָל. וואָס דיקער די שאָל, אַלץ זיכערער די פרוכט. יעדע אינעווייניקסטע אויפגאַבע אונזע־רע דאָ, מוז זיין געהילט אין אַ שאָל פון אומצוטרוי. אויך צו די אייגענע אַפּאַראַטשיקעס אונזערע. וואָס דיקער די שאָל פון אומצוטרוי, אַלץ זי־כערער די גאַנצקייט פון דער פרוכט.

ער האָט אַרויסגענומען אַ ווייס, זיידן טיכעלע און זיך אַ וויש געטון איבערן מויל ווי אַ רעדנער נאָך אַ לאַנגער, צעהיצטער, שוימיקער דרשה. דער דאָזיקער בלאָנדער, מיטן פאַרקירצטן נאָמען לוץ, מיטן שטאַרק שמאָלן פּנים וואָס איז אַ קאָנצעטראַט פון ענערגיע און שווייגעניש, ווי אַ שטאַב־אָפיציר אין ציוויל, האָט אויגן וואָס ווייזן אַז זיי ווייסן אַסך און פאַרבאָרגן נאָך מער. מיכאל איז געוועזן אָנגענעם איבעראַשט פון אים. ער קען אַפּאַראַטשיקעס און ווייסט, אַז יענע באַנוצן זיך נישט מיט מליצה־דיקע אויסדרוקן, מיט פּאָעטישע פאַרגלייכענישן. עס טרעפט יאָ אַמאָל צווישן זיי אַן אַדורכגעפאַלענער פּאָעט, אַ שיכּור. פלוידערט אַמאָל אַזאַנער אויך אַביסל פּאָעטעכץ, אָדער האָט גאָר ליב זיך צו באַווייזן מיט אַ קליין צאַצקעדיק רעוואָלווערל קונציק פאַרשטעקט אין אַרבל, וואָס איז אין דער גרויס און פאָרם פון אַ פּאַפּיראָסן־צינדער.

לוץ נעמט אויפן אָרט אַראָפּ מיכאלן פון זיין אַרבעט ביי די טראַמ־ווייער און באַשטימט אויף זיין אָרט יעזשי באַרנאַשן. די דאָזיקע זיצונג קומט פאָר אין א שטוב פון אַ פּוילישן טראַמווײ־אַרבעטער, אויף וואָליע.

באַרנאַש איז אַזוי איבעראַשט פון דער דאָזיקער וויכטיקער נאָמינאַציע, אַז כּדי צו באַווייזן אז ער איז אַ נאַש־בראַט א פראָסטאַק, גיט ער שנייץ אויס די נאָז אויף דער פֿאָדלאָגע און אַ צערייב מיטן לאַטש. די באַלע־באָסטע אין קיך קאָן זיך נישט איינהאַלטן, זי דאַרף, אייגנטלעך, נישט אַריינקומען אַהער בעת דער זיצונג חוצן ביים דערלאַנגען טיי, נאָר זי קומט דאָך אַריין מיט אַ שטשערקע אין האַנט און ווישט רוגזהדיק אויס די פֿאָדלאָגע. באַרנאַש איז דערפון צופרידן. ער, דער ליטעראַט, מיט אַ גלענצנדיקער, בליציקער פעדער אין דער פויליש־ליטעראַרישער פרעסע, באַזונדערס אין „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע”, אַ זון פון אַ באַוווסטן יידישן נאַציאָנאַלן עסקן, קען יידיש און אַפילו העברעאיש — וויל ער כּסדר באַווייזן אַז ער איז ווייט פון זיין סביבה, ווייט פון אַלע פאָראור־טיילן און געוווינהייטן. ער האָט אפילו אַמאָל אויף אַן עפנטלעכער פאַר־זאַמלונג אין ליטעראַטן־קלוב, אויף וועלכער עס איז אַרויסגעטרעטן זיין טאַטע, שאַרף מיט אים פאָלעמיזירט און וויציק געזאָגט:

— איך באַדויער זייער, וואָס דער באָטשאַן האָט מיך אַמאָל אַריינ־געטראָגן צו אייך אין שלאָפצימער, הער באַרנאַש, און בין געבוירן גע־וואָרן אייער זון!

יעזשי האָט צוליב זיין רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט, נאָך זייענדיק אַ סטודענט, געמוזט אַנטלויפן קיין פאַריז. דאָרט איז ער אַ צייט געווען אַנאַרכיסט, אפילו אָנטייל גענומען אין אַן עקספּראָפּריאַציע־אַקט. ער איז אויך געווען אַ שטיקל צייט סעקרעטאַר ביים האַלב־אַנאַרכיסטישן, האַלב־פּאָגראָמיסטישן אַטאַמאַן פון אוקראַינע, מאַכנאָ. ווען יענער האָט זיך געוואָלט רעהאַביליטירן פאר די יידן אין פאַריז, איינגעאָרדנט אַן עפנט־לעכן אַרויסטריט, האָט באַרנאַש, ווי א זון פון א באַרימטן נאַציאָנאַלן עסקן אין וואַרשע, אַסך צוגעטון יענעם צו רעהאַביליטירן.

ווען מען זאָל וועלן כאַראַקטעריזירן וואָסערע פּסיכישע אייגנשאַפטן עס באַהערשן דער עיקר באַרנאַשן, וואָלט מען זיי געקענט רעדוצירן צו:

האַס, צו־להכעיס, געוועלטיקן.

ער האָט ליב שנאה. האַס איז זיין תענוג. צו־להכעיס אזי זיין טונקל־פלאַמיקסטע ליידנשאַפט. זיין חבר זיצט אַרעסטירט אין פּאַוויאַק, האָט געלאָזן אַ פרוי, וואָס איז ערשט עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה —

לעבט מיט איר יעזשי. נאָכנישט פֿאַראַן קיין פּאַרטיי־קאָדעקס ווי צו האַנדלען אין אַזאַ פֿאַל, צי מ׳דאַרף טאַדלען בארנאשן. מ׳ווייסט נאָכנישט וויאַזוי צו קוואַליפֿיצירן אַזאַ מין פֿאַל. נאָר מ׳האָט אים פֿיינט. אַלע אַרום האָבן אים פֿיינט. און דאָס פֿאַרשאַפֿט אים הנאה. דאָס איז פּאַר אים ווי טוי פֿאַר אַ פֿלאַנץ, ער בליט דעמאָלט און שיינט. נישט נאָר האָט ער פֿיינט אַנדערע, נאָר ער האָט אויך ליב ווען מ׳האַסט אים.

מיכאל קריגט אַן אַנדערע באַשטימונג. דווקא גאָרנישט קיין קליינע, פֿאַר אים זיכער א וויכטיקע. ער ווערט סעקרעטאַר פֿון יידישן צעבע (צענטראַל־ביוראָ) ביי דער פּאַרטיי. עס ווערט אים אויך צוגעטיילט אַכ־טונג צו געבן און אָנפֿירן מיט דער רעוואָליוציאָנערער יידישער שרייבער־גרופּע. מ׳דאַרף אויסנוצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן וואָס עס האָט די דאָ־זיקע גרופּע, אַרויסקומענדיק אין אַלגעמיינעם יידישן שרייבער־פֿאַריין אויף טלאָמאַצקע 13.

עס איז דעמאָלט דער פּעריאָד ווען די סאָציאַליסטן ווערן באַצייכנט פֿון די קאָמוניסטן — ווי סאָציאַל־פֿאַשיסטן, אַז מען דאַרף שליסן איינ־הייט נאָר מיט די מאַסן, איבער די קעפּ פֿון די פֿירער, וועלכע ווערן באַ־צייכנט ווי פֿאַרעטער פֿון אַרבעטער־קלאַס; די דאָזיקע פֿאַרעטערישע פֿירער זענען דער לעצטער שטיצפּונקט פֿון דער פֿאַלנדיקער קאַפּיטאַ־ליסטישער וועלט. מ׳דאַרף נאָר נאָך איין פּעסטן, דעצידירטן שטויס טון — און דער גאַנצער בנין פֿון קאַפּיטאַליסטישן רעזשים וועט זיך פֿאַנאַנ־דערפֿאַלן.

## אין די פּאָליטישע קעלערן...

אינסטרוקציעס:

מ׳דאַרף אָנהייבן פֿון קליינע דעמאָנסטראַציעס, אַפֿילו גרופּן פֿון צענדליקער, אויף יעדער גאַס, אין יעדער צייט פֿון טאָג און נאַכט, אין די שפּאַציר־גערטנער, אויף די באַזאַרן, פֿאַר די טעאַטערן. דורכפֿירן קליינע איבערפֿאַלן איבער שפּייז־געוועלבן, מלבושים־קראָמען, צעהאַקן די שויבן, כאַפּן ברייטלעך, ווורשטן, שיך; אַנטלויפֿן, שלאָגן זיך, וואַר־

פן שטיינער, פאַרוואַרפן רויטע פענער אויף די טראַמוויי־דראָטן, צע־שלאָגן אָנגרייפנדיקע פּאָליציאַנטן, אַפילו אויך אַמאָל זיך באַנוצן מיט אַ רעוואָלווער ביי מהומות. ענערגיש ליקווידירן פּראָוואָקאַטאָרן, נישט ווי ביז איצט זיי אַרויסנאַרן אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד, כּדי דאָרט איבער זיי אויספירן דעם אורטייל, נאָר עס דאַרף געמאַכט ווערן אויפן אָרט, אויף דער גאַס, אין אַ הויף. זאָל עס אַרויסרופן אַן אַנטשפּרעכנדיקן אָפּקלאַנג.

דאָס איז איין פּונקט פון דער נייעסטער אינסטרוקציע. דער צוויי־טער פּונקט רעדט וועגן אַ העפטיקער קאַמפּאַניע אין דער פּרעסע, פּראָק־לאַמאַציעס, מיטינגען:

אַראָפּרייסן מיט אַלע שאַרפסטע מיטלען די קעגנער, אין דער ערש־טער ריי — די סאָציאַלדעמאָקראַטן (קעגן די אייגענע אָפּאָזיציאָנערן אויך נוצן די שאַרפסטע מיטלען, אָבער ווי ווייט מעגלעך אין די אייגענע קרייזן, ס׳זאָל וואָס ווייניקער דערגיין צום דרויסן) ; טאָגטעגלעך אַריינעגבערן, אַריינבוייערן און אַריינשרויפן אין די מוחות פון די אַרבעטער, אַז די גע־פערלעכסטע קעגנער זייערע זענען — די סאָציאַלדעמאָקראַטן, וועלכע זענען געצאָלטע, פאַרקויפטע אַגענטן פון דער בורזשואַזיע. באַנוצן זיך מיטן געווער „ל״ פון אַלע קאַליברען און ביי אַלע אומשטענדן (לאָמיר באַלד אויפקלערן, אַז די אַפּעראַטשיקעס ווייסן דעם באַדייט פון דעם גע־היימניספולן „ל״ — דאָס באַדייט פשוט, אויף רוסיש — „לאָזש״, [און אויף יידיש — ליגנס]).

דערקוטשען די קעגנערס אַזוי, אַז עס זאָל זיי פאַרמיאוסט ווערן ס׳לעבן, אַז זייער געווער זאָל זיי אַרויספאַלן פון די הענט. באַליידיקן, פאַרמיאוסן, חוזקן, טוען אַלדאָס מעגלעכע צו דערגיין זיי די יאָרן, פאַר־מיאוסן די טעג, דערקוטשען, טאָגטעגלעך, אומאויפהערלעך, עקשנותדיק. וואָס מער עמפּינדלעכער יענער אָביעקט איז אויף אַזעלכע מיני באַ־האַנדלונגען, אַלץ מער פאַרשטאַרקן און פאַרמערן אויף אים די אַטאַקעס. דער שונא איז האַרט און כיטרע. מען מוז אים באַקעמפן מיט זיין אייגן געווער. מען דאַרף עס טוען פלינק, שפּרינגען דורך אַלערליי הינטער־וועגן און שטעגלעך. איר זאָלט אים נישט געבן קיין רו דעם שונא, אין דער ערשטער ריי דעם שונא נומער איינס — די אַזויגערופענע סאָציאַ־

ליסטן. וואָס לינקער דער פליגל, אַלץ געפערלעכער איז ער. זיך נישט וואַקלען צו גיין אַ שטיקל וועגס צוזאַמען, ביי געוויסע אַקציעס, מיט די עקסטרעם־רעכטע, וועלכע בונטעווען זיך קעגן געוויסע אייגנשאַפטן פון געגעבענעם רעזשים. מיר דאַרפן אויסנוצן יעדן מין בונט און אומצו־פרידנקייט, זאָלן דאָס זיין פרומע רעליגיעזע פאַנאַטיקער, קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן, שאָוויניסטן. דאָרט ווו ס׳קאָכט און זידט אומצופרידנ־קייט — דאָרט דאַרפט איר זיין צווישן די, וועלכע לייגן אומזעבאַר אונ־טער שטיקער קיניקע האָלץ צום פייער. זאָל פלאַקערן, זאָל זיך קאָכן וואָס שטאַרקער. די קונסט פון מלחמה פונקט ווי די קונסט פון רעוואָליו־ציאָנערער סטראַטעגיע — איז נישט קיין איינפאַכע. זי איז טייוואָליש קאָמפּליצירט, פונקט ווי פּאָליטיק, וועלכע איז נישט — ווי חבר לענין האָט געזאָגט — אַזוי גלאַטיק ווי דער נעווסקי פּראָספּעקט.

צושיקן באַריכטן וויאַזוי עס זענען געוואָרן דורכגעפירט די דאָזי־קע אינסטרוקציעס.

# ווען מיצווה געבערט עבירה

מ׳האָט באַדאַרפט אָפּרוימען אַ פּראָוואָקאַטאָר. עס האָבן עס דורכגע־פירט צוויי חברים. איינער פון זיי אַ באָטאַק־מאַכער, וועלכער האָט אָנ־געהערט צו דער „באָיוווקע״. ער האָט געשאָסן. ס׳איז געווען אין די יידי־שע גאַסן. דער צווייטער חבר האָט אים „געדעקט״, אים אויסבאַהאַלטן אין אַ קלאָזעט אין אַ הויף. פאַרשלאָסן איינע פון די צוויי אוביקאַציעס אין קלאָזעט. געהיימאַגענטן און פּאָליציי רינגלען אַרום די גאַס פון אַלע אויסגענג און ס׳איז אוממעגלעך צו אַנטלויפן. יענער זיצט פאַרשלאָסן אין קלאָזעט שוין שעה׳ן. ס׳איז שוין פאַרנאַכט. שוין נאַכט. יענער פאַרבלייבט דאָרט אַ גאַנצע נאַכט. די לאָקטאָרן קאָנען אָנהייבן פאַר־דאַכטן און יענער קאָן יעדע רגע דורכפאַלן. ער זיצט שוין דאָרט דעם צווייטן טאָג. מ׳דערלאַנגט אים אַריין עסן דורך דער אויבער־עפענונג. ער זיצט שוין דאָרט די צווייטע נאַכט. שוין דעם דריטן טאָג. ס׳איז אים אוממעגלעך אַרויסצופירן, ווייל קוים כאַפּט מען אים, קאָן נאָך אַזעלכער

אָנהייבן „שיטן" אויף. אַ שווערע סיטואַציע. דאַן באַשליסט מען דאָרט ווו מען באַשליסט אַזעלכע זאַכן, אַז מען מוז אים „אַפּווישן", נישטאָ קיין ברירה. דער חבר וואָס דאַרף אים אַריינדערלאַנגען עסן דורך דער אויבער־עפענונג אין קלאָזעט, זאָל אים אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ. דער רעוואָלווער ווערט באַוואָרנט מיט אַ הילך־טעמפּער, וועט מען נישט הערן דעם שאָס.

הערש מעכל ווערט דערפון געוואָר אין דער לעצטער רגע און דערלאָזט נישט דערצו. מ׳עט פאַר יענעם מאַכן אַ פּאַס און הערש מעכל וועט זיך פאַרנעמען מיטן אַריבערשיקן אים קיין דאַנציק און פון דאָרט — קיין מינסק.

ער האָט זיין אויפגאַבע דורכגעפירט, אָבער נאָר טיילווייז. אויפן פערטן טאָג האָט ער יענעם אַרויסגעפירט פון קלאָזעט, אים געגעבן אַ פּאַס, אָבער יענער האָט נישט געוואָלט פאָרן קיין רוסלאַנד. ער וועט פאַרבלייבן ערגעץ אין אַ פּראָווינץ־שטעטל אין פּוילן. ער איז דורכגעפאַלן. די פּאָליציי האָט אים געכאַפּט. די פּאַרטיי האָט אים נישט געגעבן קיין שום שטיצע, פאַרקערט, גאָר אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף, אַז פּעלטע באָסאַק־מאַכער איז — אַ פּראָוואָקאַטאָר.

הערש מעכל האָט אויף דער נאָנטסטער זיצונג פּראָטעסטירט. געקלאַפּט אין טיש. דאָס איז אייגנטלעך אַ מליצה — אַז ער האָט געקלאַפּט אין טיש. מען קלאַפּט נישט אין טיש אויף אַ זיצונג פון קאָמוניסטישן צענטראַל־ביוראָ. מען שטרעקט, העכסטנס, אויס די האַנט, מיט א פרעגצייכן, מען שטרעקט אויס די צווייטע האַנט מיט אַ טענה־צייכן, מען זוכט מיט די אויגן אַן אָפּן אָרט ווו מ׳קאָן אַריינלאָזן אַ טראָפּן טענה און מאַנונג אויף גערעכטיקייט. ער ווייסט אַז במשך איין אויגנפינטל קאָן ער ווערן פון אַ באַשולדיקער — אַ באַשולדיקטער. פאַרייכערט ער אויף גיך אַ שטאַרקן פּאַפּיראָס, אַן „אַוואַנטי" (פון דעם ביליקערן סאָרט), וואָלט מיט פאַרגעניגן אַריינגענומען אין זיך צוויי פּאַפּיראָסן אויף אַמאָל. געבן אַ פּעסטן צי און אַריינגעמען אין זיך מיט איינמאָל כאָטש אַ קריגל מיט רויך — פאַרויכערן זיין ביטערקייט און כעס. ער שווייגט, און שוין צופרידן וואָס יענע שווייגן אויך, ענטפערן נישט. כאָטש נישט־ענטפערן קאָן אַמאָל באַדייטן עפּעס ערגערס אויך.

# שרייבער-טשודאַקעס

ביי די שרייבער אין קלוב. יאַקוב וואַסערשטראָם, דער וויכטיקסטער מיטגליד פון דער לינקער שרייבער־גרופע, פירט אַ וויכּוח מיט דעם שרייבער שמעון ראַנטשניק. וואַסערשטראָם האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ בוך: „קונסט און רעוואָליוציע״. שווער צו דערגיין פון וואַסער שטוב, פון וואַסער היים און סביבה ער קומט, צי ער האָט אַ ווייב, קינדער. ער וועט תמיד אויסמיידן ענטפערן אויף אַזעלכע פראַגן. ער איז באַלעבאַטיש־דיק, ווייך־אַנגעגאָסן. פולע באַקן מיט אַ קינדישער רויטקייט. ברילן מיט האַלב־געשניטענע גלעזלעך. ער טראָגט אַ מאַנטל פון אַ באַלעגאָלישן בורקע־שטאָף, אָדער איבערגעמאַכט פון אַ מיליטערישן שינעל. ער איז שוין אין די פערציקער. לויט זיין יידיש־רעדן איז אַפילו שווער צו דערגיין צי ער איז פון וואָלין, צי פון קאָנגרעס־פוילן, צי גאָר פון דער ליטע. פונקט ווי ס׳איז שווער צו וויסן צי ער איז פון אַ חסידישער היים, אָדער אַסימילירטער, אָרעמער צי רייכער. ער איז אַ זעלטענער קענער פון מוזיק. נישט נאָר דער קלאַסישער, נאָר אַפילו אויך גערשווין, די דזשאַז־מוזיק. די פיפטע סימפאָניע בעטהאָווענס קען ער אַבסאָלוט פון אויסנווייניק, פון דער ערשטער נאָטקע ביז דער לעצטער, די פּאַרטיעס פון יעדן אינסטרומענט באַזונדער. נאָר ווען ער זינגט זי איבער, דערהערט מען ערשט, אַז ער זינגט זי נישט, נאָר באַריכטעט זי, דעשיפרירט די נאָטן. די מעלאָדישסטע שטעלן קומען ביי אים אַרויס אַמעלאָדיש, צומאָל אַפילו — אַנטי־מעלאָדיש. ער צענעמט די מוזיק אויף אירע באַשטאַנד־טיילן, אור־עלעמענטן, אַטאָמען. שאָפּען, שובערט, סקריאַבין, גערשווין — וואָס איז דען דער חילוק ווען מען נעמט פאַנאַנדער זייערע טענער אויף די מוזיק־אַטאָמען? פונקט ווי מענטש און חיה באַשטייען פון די זעלבע קעמערלעך. מען קען זיי פאַנאַנדערלייגן, פאַנאַנדער־נעמען — מענטש און חיה, און ביים צוריקצונויפשטעלן קאָן מען זיי אַביסל צונויפמישן, פאַרמישן, אָן סכּנה.

יאַקוב וואַסערשטראָם האַלט רעפעראַטן אויף די טעמעס:

„קונסט און סאָציאַליזם״ — „מוזיק און מאַרקסיזם״ — „פילאָלאָגיע

און רעוואָליוציע". „באַלעט און רעוואָלט" — „פּאָרנאָגראַפיע און רעאַק־ציע".

ער רעדט שטרענג וויסנשפאַטלעך, אילוסטרירט זיינע רייד מיט ליכט־בילדער, מיט מוזיק־פּליטן. ער רעדט זייער רואיק און ווייך, געמיטלעך־באַלעבאַטיש, קיינמאָל נישט מיט קיין אויפגעהויבן קול, אָן דעם מינדעס־טן פּאַטאָס.

ער קען באַווייזן און אויפווייזן די שייכות פון בעטהאָווענס 9טער סימפאָניע מיט די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן פון יענער צייט.

פונקט ווי ער איז בעת זיינע רעפעראַטן ציפערדיק־־פּאַרבלאָזן, אַזוי איז ער אין די שמועסן ביי אַ טישל — פּריוואַליש, מיט פעטן, געפעפערטן מגושמדיקן הומאָר. האָט ליב רעדן וועגן עראָטיק ווי אַן אייגנטימער פון אַ ווינקעלער אין סאַן־מישעל־קוואָרטאַל אין פּאַריז (און וואַסערשטראָם איז שוין געווען אין פּאַריז און אין דייטשלאַנד און אין אַמעריקע — ווו מ'רופט נאָר אָן אַ לאַנד און אַ געגנט — איז ער שוין דאָרט געווען).

שמעון ראַנטשניק, דער מחבר פון מערערע פּאָפּולערע פאָלקס־ראָ־מאַנען, געדרוקט אין ביכער און אין המשכים אין די טאָגצייטונגען, איז אַ הויך און אומגעלומפּערט פאַרמלאָזע געשטאַלט, מיט אַן אַנגעגאָסענעם בויך ווי אַן איבערגעפּאַקט זעקל, מיט אַ ציגל־רויט פּנים, אָבער קינדיש ווייכע בליקן, איז תמימותדיק, פּראָווינציעל־נאַיוו. וואַסערשטראָם האָט ליב זיך צו רייצן מיטן צניעותדיקן, אומבאַהאָלפענעם ראַנטשניק, וואָס איז אוודאי נישט יונגער פון אים, נאָר רעדט צו אים פאָטערלעך־פּאַטראָ־ניש און גוטברודעריש. ראַנטשניק פרעגט אים:

— נו גוט, לאָמיר זאָגן אַז מ'האָט שוין דערגרייכט דעם סאָציאַליזם, מ'אַרבעט נאָר פיר שעה אין טאָג, אַלע עסן אַזעלכע מיטאָגסער ווי מ'קריגט שבת אין באַר „מעטראָפּאָל", איז וואָס וועט מען טוען מיט די איבעריקע שעה'ן אין טאָג?

וואַסערשטראָם: וועט מען אויך בייטאָג זיך אָנטון תענוג מיט אַ חברטע־שיקסע.

ראַנטשניק: נו גוט, שוין, און נאָכדעם?

וואַסערשטראָם: איז עודך. און טאַקע שוין אַביסעלע אַנדערש אוי־כעט. פאַרוואָזשע נישט? לכבוד זיין מאַיעסטעט דעם תענוג. וואַן דע

וועלדע, פראָפעסאָר בלאָך, פראָפעסאָר הירשפעלד, אויגוסט פאָרעל און אַנדערע סעקסואָלאָגן שרייבן וועגן צענדליקער אופנים פון געשלעכטס־אַקט, בנאמנות, ווי איר זעט מיך אַ ייד —

און ער כאַכאַקעט נאָכדעם לאַנגע מינוטן און פאַרהוסט זיך אַזש, און ווישט די געשליפענע, האַלב־געשניטענע ברילן־גלעזלעך מיט אַ פּאָר־ביק־זיידן טיכעלע.

ביי ראַנטשניקן זענען ערגעץ אַנטלאָפן די ווייסלען פון די אויגן, קאָן מיט זיי אפילו רעכט נישט קיין פינטל טוען. די ווייסלען זענען באַלד צוריקגעקומען, נאָר שוין צוזאַמען מיט — טרערן. ראַנטשניק ווישט מיט די פינגער זיינע אויגן, ווישט אויס די טרערן, ער וויינט פשוט פון חרפה און כעס:

— איר זענט אַ וואולגאַרער יונג, אַ ציניקער. איר ליבט זיך אין קע־מערלעך און נישט אין גוף מיט נשמה. איר דערשיסט מאַלעקולן. אַ פידל שפּילט ביי אייך אַטאָמען־מוזיק, מענטש און חיה זענען ביי אייך נאָר סובסטאַנצן פון איין שטאָף.

וואַסערשטראָם: און האָבן אויך איינאונדעמזעלבן סוף. —

און ער לאַכט. שוין מיט קנאַפּערער הנאה. הינטער די געשליפענע ברילן זיינע זעט מען שוין לויפן רויטע פעדעמלעך אין די אויגן, אָבער ער וויל דאָך נישט אָפּשטיין פון זיין פריערדיקן, וווּליוונגעריש־אויסגע־לאַסענעם טאָן און באַמקעט לידלדיק צו ראַנטשניקן:

— יאָ, יאָ עודך — דעם תענוג אַ מתנה. דער קאָסמאָס וועט דערפון גאָרנישט ליידן, און די ז י וועט דערפון הנאה האָבן — און איר אַליין אפשר אויכעט—כע—כע—כעט — — — — .

הערש מעכל איז בייגעווען ביי דעם דאָזיקן שמועסל און קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אַלע געוואָלטע רייד — צוריקגעשלונגען. בעסער אַזוי.

## האַנקע די בלאָנדע און אַנקע די ברונעטקע

מ'האָט, פאַרשטייט זיך, ליב געהאַט די שיינע, חנ'ע מיידלעך. ווען דערצו נאָך אינטעליגענטע — איז אַוודאי אַנגעלייגט. און ס'רוב האָבן

אַזעלכע געשטאַמט פון בעסערע היימען. ס'מיינסט מיינט דאָס אויך — פון רייכערע היימען. האָבן אַזעלכע מיידלעך געענדיקט מיטלשול, אָנ־געהויבן לערנען אין אוניווערזיטעט, געווען אָנגעטון ריין און שיין, בכּבודיק. געגאַנגען אין טעאַטער, אויף סימפאָנישע קאָנצערטן, זענען געווען אָנגעלייענט און געהאַט געשליפענע צינגלעך צו קאָנווערסאַציע. פוילישע פרויען אין דער קאַמבאַוועגונג זענען געווען קנאַפּ — אַ גאַנץ קליינער פּראָצענט פאַבריק־אַרבעטערינס, לערערינס. דער גרעסטער פּראָצענט פרויען אין דער באַוועגונג — זענען געווען יידישע. די אַק־טיווסטע זענען געווען — אינטעליגענטקעס, דערצויגענע אויף פויליש, פון גוט־סיטואירטע היימען. וואָס העכערע פונקציעס ס'האָבן געהאַט אַזעלכע פרויען אין דער פּאַרטיי, אַלץ פון א העכערער שיכט האָבן זיי געשטאַמט. און אַלץ מער האָבן אַזעלכע פרויען זיך געוואָלט פירן פּראָסט־לעכער, פּאָלקישער, פּראָלעטאַרישער. ביי זיי האָט עס געמיינט:

פריי פון צוימען, פריי פון טראַדיציע, אַנטי־סאַלאָניש.

נישט אַלעמאָל איז עס זיי געראָטן, אָבער נאָך ערגער — נישט אַלע־מאָל האָבן זיי דערמיט אויסגענומען — דווקא ביי די אָנפירנדיקע קאָ־מוניסטן. די וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַרבאָרגן, אויך פון די ברייַ־טערע פּאַרטיי־קרייזן, כּמעט קיינמאָל נישט אויפגעטרעטן עפנטלעך. קאַמופלירטע פונקציאָנאַרן פון אַ העכערן ראַנג און באַזונדערן באַדייט. זיי האָבן געגרנער די מיידלעך־חברטעס וועלכע פירן זיך מער צוריקגע־צויגן, אַרטיקער, אויף אַ דיסטאַנס, נאָר אַ קליינטשיק ביסעלע נאָכלאָזן פון די בורזשואַזע פּאַראורטיילן און געוווינהייטן. דער עיקר טאַקע אין דער באַציונג כּלפּי זיי גופא, אין די אַזויגערופענע ליבע־ענינים.

זינט האַנקע האָט זיך באַקענט מיט אַנקען, האָט מען זיי שויןביידע גערופן צוזאַמען — די צוויי אַנקעס, אָדער — אַנקע די בלאָנדע און אַנקע די ברונעטע. צי האָבן זיי זיך באַקענט אין פילהאַרמאָניע, ווו זיי זענען געווען סטאַבילע גייערינס, אָדער אין געהיימען רעוואָליוציאָנערן סטו־דענטן־קרייזל — געדענקען זיי שוין נישט. ס'האָט זיך פאַרמישט אין זיכּרון, געוואָרן איינס, פונקט ווי ס'איז ביי זיי איין באַגריף — שיינע קלאַסישע מוזיק און — רעוואָליוציאָנערער קאַמף.

ווער פון די ביידע אַנקעס איז שענער — איז שווער פעסטצושטעלן.

ס׳איז אפשר גאָרנישט נייטיק אויך. גיכער דערגעגנצן זיי זיך ביידע. דער מוזיקאַלישער שאולקע פינגערינג, זייער אָפטער קאָמפּאַן, זאָגט חכמהדיק — אַז פאַר אים זענען זיי איין קלאַוויר, אויף וועלכן ס׳איז, פאַרשטענדלעך, נייטיק צו שפּילן מיט ביידע הענט.

אַנקע די ברונעטע דערלאָגט אַפילו נישט דעם מיטלוווקס. זי איז עטוואָס ברייטלעך, מיט אַ האַלב־רונדיק אָליוון־פּנים, אויגן פון אַ מאַנדלשניט, טיף־טונקל־בלאָע, מיט אַ שאַרף־גרינלעכן אָפּגלאַנץ. זייער בליק דערקוויקט און לעשט יעדן כּעס און מינאָרע שטימונג. אירע האָר — אַלטמאָדיש פאַרקעמט און מיט אַ וואַלץ פאַראָלקעוועט אויפן האַלז. מאַכט זי אויסזען אויף צוויי־דריי יאָר עלטער. זי איז סײַוויי שוין אַריבער די צוואָנציק. ווען מ׳זעט זי נאָכן הערן אַ קאָנצערט, באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז אירע ליפּן זענען דעמאָלט אָנגרייפעריש, קושנדיקע, גרייט אויסזייגן זאַפטן פון ליבנדיקע ער־ליפּן. אָבער בלד קומט זי צו זיך, ווערט קלוג־אינטעלעקטועל, און אירע רייד מעלאָדיעווען אויס רײַפע, וויין־זאַפטיקע חכמה־רייד.

אין די פאַרנאַכטן זעט מען זי זיצן אויף נאָוואָליפּקי גאַס, פאַרן גימנאַזיע־גאָרטן, ביים שטאַכעטן־פּלויט, צוזאַמען מיט שאולקע פינגערינג, אינוואַליד אויף אַ פוס. ער איז געווען אַמאָל סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון האַנדל־אָנגעשטעלטע, הײַנט איז ער אַ שרײַבער פון דעטעקטיוו־ראָמאַנען אין די בירגערלעכע נאָכמיטאָג־צײַטונגען, שרײַבט זיי אונטער אַ פּסעוודאָנים, און וועגן מוזיק שרײַבט ער אָפּהאַנדלונגען אין אַ סאָציאַליסטישער צײַטונג, שוין אונטער זיין אייגענעם נאָמען. ער איז אַוודאי מיט פופצן יאָר עלטער פון איר, נאָר ס׳האָט באמת נישט קיין באַדייט. ער איז יאָרן געווען נאָנט מיט איר עלטערער שוועסטער, אויך אַ סטודענטין, האָט זי לסוף חתונה געהאַט, דווקא באַלעבאַטיש, מיט אַ סוחר פון דער נאַלעווקעס, און געהאַט צו דער געגנויער צייט מיט אים אַ קינד. בעת אַ גוט וועטער פאָרט זי דאָ אַמאָל אַדורך פאַרנאַכט מיטן קינדערוועגעלע. כאַפּט מען אַזאַ לופטיק, צופעליק שמועסל, ווייל די ווערטער ווילן זיך באַין אופן נישט אײַנסדרן אין אַ סדר און אין אַ זינען, פּיקירן זיך געגנזייטיק און שטויסן זיך אַראָפּ פון שטעג.

* * *

האַנקע די בלאָנדע, ווי זי וואָלט זיין דער ריינסטער אָפּשטאַם פון פויליש־פּריצישן יחוס. איר יונג־פאַרשטאָרבענעם פאָטער האָט ווינציק־ווער געקענט. אויך זי אַליין געדענקט אים קוים פון די פריע קינדעריאָרן. די מאַמע האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט אַ חסידיש־גבירישן ייד, וואָס זיין הויך, ברייט און דיק — איז אַ שם דבר. זיין סימעטריש־דיקע שוואַרצע באָרד — ווי זי וואָלט געוואַקסן אין אַ קוואַדראַטנעם פּוטעראַל, אַזוי יחוסדיק־פּאַריסן — רב באָרד. די ציגיינער וואָלטן אַזעלכן געמאַכט פאַר זייערס אַ קעניג. ער האָט צוויי שקאָלע־ייִנגלעך פון פריערדיקן ווייב און אַ גרויס וואָרשטן־געשעפט אויף דזשיקע גאַס.

האַנקע איז כמעט קיינמאָל נישט אַראָפּגעקומען אין געשעפט אַריין. צוריקקומענדיק פון שקאָלע, איז זי תּמיד געווען אין דער גרויסער, אוממיימלעכער, פינצטערלעכער דירה, וואָס איז שוין געווען לעבן דער וואָרשטעריי, דאָרט ווו מען האָט דעם וואָרשט אויסגעאַרבעט, ווו אין גאַנצן אַרום זענען דאָרט אַרומגעלאָפן מחנות שטשורעס. און זי איז נישט אָפּגעטרעטן פון קלאַוויר. זי האָט גערעדט נאָר פּויליש. נאָר אום שבת האָט זי דער שטיף־פאָטער געצוווּנגען אין שטוב צו רעדן יידיש.

זי איז האַרמאָניש שמאָל, נישט צופיל הויכלעך ,ווייך־בלאָנד, בלויאויגיק. איידעלער ליפּן־שניט, אַ געפלעגט העל פּנים, דין און דורכזיכטיק. שטילן טריט. ווי זי וואָלט תּמיד געשפּילט שאָפּענען און געלייענט סלאָוואַצקין. זי ווירקט אַזוי באַרואיקנדיק — ווי בלוי ווירקט באַרואיקנדיק אויף קראַנקע אין שפּיטאָל. זי רעדט ווינציק. און וואָס זי רעדט — איז עס ערב־קאָמפּאָנירט געזאַנג.

אָבער מיט יעדן טאָג האָט זי זיך געביטן. דווקא זי האָט אָנגעהויבן רעדן ראַציקע רייד, עראָטיש־באַווירצטע. אין פּאָליטישע ענינים איז זי לינק־עקסטרעם, קאָמפּראָמיסלאָז. וויל נישט זיך לערנען די קונסט פון מאַנעווּרירן, פון רעדן מעסיק — כאָטש מיינען אַנדערש. האָט מען באַדאַרפט אויספירן ריזיקאַלישע פונקציעס — האָט זי אויף זיך גענומען עס דורכצופירן.

אַז ביידע אַנקעס גייען אַרויף צו שאולקע פינגערינג אין שטוב אַריין, צו זייערע עלטערן, פאַרברענגט האַנקע אין שמועסן מיט שאולס יונגערן ברודער, אַבראַמעק, וועלכער איז נאָך יונגער פון איר, גאָר אַ יוגנטלע־

כער, אָבער האָט שוין זיינס אַ מיידל און געהערט שוין צום ז.מ.ק. (פאַר־באַנד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט). אַבראַמעק געהערט אויך צום שבט מעלאָמאַנען, האָט ליב מוזיק און לייענט אַ גוט בוך. אַבראַמעק פאַרוויילט זהאַנקען דערמיט, וואָס ער דערציילט איר וויאַזוי זיינע חברים פון בּיוראָ, ווען זיי זעען זי זונטיק אין פילהאַרמאָניע, — וויאַזוי זיי רעדן וועגן איר — אַז זי איז אַ מאָצאַרטישער מענועט, אַז זי איז אַוודאי גע־וואָרן אַרויסגעגנבעט פון הימל, איז אַ פאַרשטעלטער מלאך. וויל איצט האַנקע דווקא שפּילן די ראָלע פון דעמאָנס א שוועסטער און פּרוּווט אָנ־סטראָיען רייד אויף אַ טריוויאַלער, ווולגאַרער נאָטע:

— ווען אַזאַ בחורל דערפילט פון דעם מלאכל אַ דרוק מיט אירע שענקלען — וואָלטן אים שדימלעך געלאָפן פאַר די אויגן.

ווערט אַבראַמעק אַליין אויך אימפּולסיווער און צעחשקט, ווערט אויך זיין טעמפּעראַמענט געראָטן אין זיין ברודערס, און וויל אַנקען אַרומ־כאַפּן. זי וויל נישט לאָזן און לאָזט אים, ס׳שטייט איר נישט אָן מיט אים זיך צו אַמפּערן, זאָל ער זיך הנאה׳נען, צערייצן.

שאולקעס און אבראַמעקס עלטערן זענען טראַדיציאָנעלע, באַלעבאַ־טישע מענטשן. דער פאָטער, פון שיינעם יחוס, פון קליינעם וווקס, טראָגט א יידיש היטעלע, האַנדלט אָבער היינט מיט קליין־צעלניק, און דאָס גאַנצע קרעמל טראָגט ער אויף זיך אין אַ קעסטעלע און פאַרקויפט עס פאַרן באַזאַר — שפּיגעלעך, קעמעלעך, שעלקעס, שיכבענדלעך. עס זענען פאַראַן אין שטוב פיר שוועסטערן. די מאַמע — אַ שטילע און איי־דעלע פרוי, א קליינע און גיטיטשקע. אַלע זענען זיי אַצינד אין צווייטן צימער. נאָר סייווי מוז אַבראַמעק איינהאַלטן און באַהערשן זיינע גוף־גלוסטעניש.

— נו, גענוג פאַר דיר, אַבראַמעק — זאָגט האַנקע מיט איר סאָפּראַ־נענעם פּויליש־לשון — ווי צו אַ קינד וועלכן מ׳בעט אויפהערן וויינען.

***

היינט קומט פאַר אַ זיצונג ביי די פינגעריינגס אין שטוב, אַ זיצונג פון דער לינקער שרייבער־גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון הערש מעכל טייכגראַז.ביידע אַנקעס זענען די פאַרבינדלעריגס צווישן דער דאָזיקער גרופּע און דעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל, וואָס דערשיינט, צוליב לע־

גאַליטעט־מעגלעכקייטן, אין אַ קלײנער פּראָווינץ־שטאָט. זיי זענען אויך פאַרבינדלעכינס צווישן דעם יידישן און פּוילישן זשורנאַל, וואָס דערשיינט אין קראָקע. דאָס איז ווייט נישט זייער וויכטיקסטע אַרבעט. צוזאַמען מיט די מאַנוסקריפּטן דאַרפן זיי אָפּטמאָל איבערפירן אויפרופן פאַרן מיליטער, וואָס ווערט פון קראָקע איבערגעשיקט קיין מזרח־גאַליציע, צו די אוקראַינער. זיי פאַרבעט מען קיינמאָל נישט אויף זיצונגען פון דער שרייבער־גרופּע, אָבער הײנטיקס מאָל האָט מען זיי צוגעשיקט, וועלן זיי יאָ אָנטייל נעמען. מסתמא דאַרפן זיי.

נישט אָפּגערעדטערהייט האָט יעדער פון די אָנטיילנעמער געפילט, אַז די הײנטיקע זיצונג איז פון אַ באַזונדערער וויכטיקייט. מ'דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט א וואָרט און מ'דאַרף אויפפּאַסן און זיך גוט צוהערן צו יעדן האַלב־וואָרט, זעען דאַביי דעם אויסדרוק, הערן דעם בייקלאַנג און אויפכאַפּן יעדן קנייטש. חוץ זעען און הערן, אויך — דערשנאַפּן. מ'קאָן זאָגן אַז ס'האָט זיך געפילט דער ריח פון פּולווער, כאָטש ביי יעדן איז געשטאַנען אַ גלאָז הייסע שוואַרצע קאַווע און דער אָנגענעמער ריח האָט געדאַמפט אין דער נאָז אַריין. יעדע פופצן־צוואָנציק מינוט האָט מען אָנגעשטעלט שפּילן אַ פּליטע אויפן פּאַטעפאָן, צוליב קאָנספּיראַציע, מ'זאָל אינדרויסן זיך נישט כאַפּן וואָס דאָ קומט פאָר.

דער דיכטער שמחה בונעם באַקומט אַ שטרענגן פאָרוואורף פאַר זיצן אין ליטעראַטן־פאַריין ביי איין טיש מיטן שרייבער סעגאַלאָוויטש און שפּילן מיט אים אַ שאַך. עס איז געענדיקט די צייט פון זיצן מיט אָפענע שונאים ביי איין טיש און שמועסן מיט זיי. מ'דאַרף זיך פון זיי אָפּגרענעצן, אָפּרוקן. מ'קאָן רעדן און מ'דאַרף רעדן מיט די וואַקלדיקע, מיט די נייטראַלע, אַפילו מיט די פרומע און רעכטסטע — אויב זיי דריקן נישט אויס אַגרעסיוו זייער קעגנערשאַפט צום ראַטנפאַרבאַנד. אָבער זיין געוואָרנט פון קומען אין קאָנטאַקט מיט יענע, וועלכע זענען פאַרביסענע, אָפענע, דעצידירטע שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד און מ'ווייסט אַז זיי וועלן זיך שוין נישט בייטן; וועלכע דערשרעקן זיך אַפילו נישט פאַר קיין דראָונגען אַז ס'וועט אויף זיי אַמאָל קומען דער טאָג פון באַצאָלונג. אויף אַזעלכע ווירקן נאָר אַזעלכע דראָונגען ווי בענזין אויף אָנגעצונדענעם קין — עס פלאַקערט נאָך האַסטיקער אויף זייער שנאה.

אין ליטעראַטן־פּאַריין באַהאַלט מען אויס אומלעגאַלע ליטעראַטור. עס בלייבט דאָרט שלאָפן אַ חבר אויף די בענק, ס׳הייסט אַז ער האָט נישט וווּ צו שלאָפן. עס ווייסן וועגן דעם נאָר געציילטע פון פּאַריין. איצט מוז מען זעען איינאָרדענען אַז מ׳זאָל קאָנען דאָרט אין זייטיקן צימער פון די אַלטע צייטונגען, מיט דעם בלינדן פענצטער, איינאָרדענען אַ קליין פּראַ־וויזאָריש דרוקערייעלע, כּדי אָפּצודרוקן עטלעכע אויפרופן וואָס זענען דרינגענד נייטיק.

— מעגן מיר איינשטעלן אַזאַ וויכטיקע אינסטיטוציע ווי אַ ליטעראַ־טן־פּאַריין מיט עטלעכע הונדערט שרייבער? טאָמער פּאַלט מען אַדורך, פּאַרמאַכט מען דעם גאַנצן לאָקאַל. חוץ דעם וועט זיין קעגן אונז אַ גרוי־סער כּעס און מ׳עט אונז פּאַרשרייען, באַיקאָטירן —

דאָס פרעגט מאָטעלע איילבירט, אַ שרייבער וואָס איז אויך אַ ספּע־ציאַליסט אין שעקספּירן, איז ערשט נישט לאַנג אַ מיטגליד אין דער גרו־פּע. ער האָט, זעט אויס, באַזונדערע רעכט און פרעגט אַלע אויסטערלי־שע קשיות. כּמעט אַלע האָבן זיי ליב צו הערן זיינע שפּיציקע שאלות און נאַיווע קשיות. אים ענטפערט אָפּ מאַרעק מאַרסקי (פּסעוודאָנים, זיין אמתער נאָמען — מנחם בוקשפּאַן), אַ בלאָנדער און קנאַכיקער, אַ געווע־זענער לערער אין די נידעריקע קלאַסן פּאָלקסשול אין וואָלין. ער זעצט איבער אויף יידיש ענגעלס „אַנטי דירינג". אַרבעט שוין דאַביי גאַנץ לאַנג. ער ענטפערט איילבירטן:

— אפשר זענט איר נאָך אַ וועגעטאַריער אויך, חבר איילבירט? ביי אונז, אַזויצוזאָגן (מאַרסקי קען נישט שאַרף אַרויסזאָגן קיין „ז", ער רעדט פּאַליפּיש־אונטערנאַזיק, קומט ביי אים אַרויס דאָס וואָרט אַזויצו־זאָגן — אַנויצונאָגן. און גראָד באַנוצט ער עס אין יעדן צווייטן־דריטן־זאַץ), ביי אונז האַלט מען נישט פון קיין וועגעטאַריער. אַ כירורג אָדער סאָלדאַט — אַנויצונאָגן — קאָן נישט זיין קיין אַקטיוויסט — אַנויצונאָגן — פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, קיין אמתער אַקטיוויסט — אין דער קאָמפּאַרטיי, חבר איילבירט. וואָסער באַדייט האָט דען דער גאַנצער ליטעראַטן־פּאַריין, אויב ער קאָן אונז נישט דינען פּאַר אַ שטיגל — אַנויצונאָגן — צום בנין פון דער זיגרייכער רעוואָליוציע?

מ׳האָט אויפגעשפּילט אַ נייע פּליטע אויפן פּאַטעפּאָן.

שפרינגט מאָטעלע איילבירט איבער אויף אַ צווייטער טעמע און שטעלט שוין ווידער זיינע געוואַגטע אויסטערלישע פּראַגעס. ער באַרירט דעם ענין פון שאַפן אַ געצנדינערישן קולט פון יחידים אין דער באַוועגונג, מעגן זיי זיין ווי פּעיִק און ווי גרויס. ענגעלס האָט געהייסן זיין גוף פאַרברענען און דאָס אַש צעבלאָזן מיטן ווינט אויף אַלע פיר עקן, כּדי מ׳זאָל נישט קאָנען פּראַווען נאָך אים קיין פּערזענלעכקייט־קולט. עס איז קעגן דער מאַרקסיסטישער איינשטעלונג און קעגן דער פּראָלעטאַריש־רעוואָליוציאָנערער טראַדיציע.

די דאָזיקע פּראַגע — ווי זי וואָלט געווען אַן אַפּאַראַט וואָס פּראָדוצירט געפּרעסטע שטילקייט. מ׳האָט מורא פאַרן אָטעמען. דערויף ענטפערט שוין אַפּ זאַכאַריע. בעת ער רעדט, קוקט ער נישט אויף קיינעם. זיין בליק איז געווענדעט ערגעץ אַנדערשוווּ. אויף דעם פּנים פון דעם דאָזיקן מענטש איז נאָך זיכער קיינמאָל נישט דורכגעלאָפן קיין שמייכל. און אויב ער איז יאָ דורכגעלאָפן, איז ער אַוודאי גלייך פאַרפרוירן געוואָרן אויפן אָרט.

זאַכאַריע האָט נאָך עטלעכע ברידער און שוועסטער, זיי זענען אַלע רעוואָליוציאָנערן. אַלע זענען זיי לייבאייגן מיט נויט, דחקות. זיך געכאָוועט אין אַ פינצטערער, טוכלער קעלער־שטוב אין דער יידישער אָרעמער געגנט, קענען אַלע מדרגות פון בייזער נויט, מחלות, באַליידיקונגען. דערנאָך געוואָרן אויסגעבונדן מיט קאָנספּיראַטיווער, רעוואָליוציאָנערער אַרבעט, געזעסן אין די תּפיסות, באַקומען קלעפּ, וועלכע האָבן נאָך מער געררייפט און געפעסטיקט זייערע גופים און נשמות קעגן יעדער ווייכקייט און פּשרהדיקייט אין קאַמף קעגן שונא. און אַ שונא איז אויך דער אייגענער ברודער, וועלכער וויל נישט ווערן אויס פּועלי־ציוניסט. האָט מען זיך דערלאַנגט אין שטוב מיט בענקלעך איבער די קעפּ, זיך צעממיתט. איז יענער ברודער דערנאָך אַוועקגעפאָרן קיין קאַנאַדע, שיקט צו אים בריוו, אָבער שוין עטלעכע יאָר ווי שמאי זאַכאַריע עפנט נישט די בריוו כּל זמן יענער איז נאָך אַ קאָנטררעוואָליוציאָנער („כאָטש מיט רעוואָליוציאָנערע פּראַזעס אין פּיסק״).

אמת איז אויך, אַז שמאי זאַכאַריע איז שוין לאַנג נישט קיין שטריקער, נאָר אַ פונקציאָנאַר אין דער פּאַרטיי, אָבער ער האָט נאָך אין זיך גע־

נוג זאַפּאַס אויף קלאַסן־האַס אויף נאָך הונדערט און פופציק יאָר. ער האַלט אַז ס׳איז נאָך אַלץ נישט גענוג אָפּגעצאָלט פאַר דעם פּאַרגאָסענעם אַרבעטער־בלוט בעת דער פּאַריזער קאָמונע. אָט דאָס דאַזיקע בוך וועגן פאַלן פון דער פּאַריזער קאָמונע און ענלעכע ביכער, זענען געווען זיין תנ״ך, זיין דאַווענען, זיין לאַטיין, זיין פּאָעזיע, זיין גראַמאַטיק און געאָ־מעטריע — נאָר אַזעלכע ביכער האָט ער געלייענט און זיי געדאַוונט. אים וועט מען נישט איינברעכן. קיין שום רייד און קיין שום אַרגומענטן, ווי שיין זיי זאָלן נישט זיין און ווי לאָגיש זיי זאָלן נישט קלינגען, ווערן גלייך צוריקגעשטויסן פון זיינע אויערן, ער לאָזט זיי רעכט אינעווייניק נישט אַריין, זיי ווערן צוריקגעשאָסן. דאָס וועט געדויערן אַזש ביז דעמאָלט, ביז מען וועט נישט דערפירן די וועלט־רעוואָליוציע ביז צו איר זיגרייכן סוף. וואָס און וויפל עס זאָל דער פּרייז נישט זיין — אין קרבנות — אַלע שטערונגען אויפן וועג וועלן ווערן אַוועקגעשליידערט אין אַ זייט און מען מוז מאַרשירן ביז צו דער מעטע — די הערשאַפט פון רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד.

שמאַי זאַכאַריע איז פון אַ הויכן וווקס, נאָר ער ציט תמיד אַריין דעם קאָפּ אין דער פּלייצע, ווי זיין הויכער וווקס וואָלט אים לגמרי געווען אומ־נייטיק — ווער דאַרף עס?

ער ענטפערט איצט אָפּ איילבירטן — צי דען נאָר אים?

— די בורזשואַזיע וויל נישט אָפּטרעטן די מאַכט פרייוויליק, אמת? און זי איז גענוג געניט אין די כיטרע גענג פון פּאַראַט און באַטרוג. שיקט זי צו אונז אריין אירע שונאים, קויפט זי איבער אין די רייען אונזערע — טייל פון די אקטיווערע אפילו מיט־אָנפירער פון דער באַוועגונג. שיקט זי אַריין סיי פּשוטע פּראָלעטאַריער, סיי באַרימטע פּראָפעסאָרן, קינסט־לער און ספּאָרטלער, נאַציאָנאַליסטן און אַנאַרכיסטן. זיי קומען אַריין אין דער פּאַרטיי, זענען אין איר אָפּ עטלעכע יאָר, פּלוצים נעמען זיי שטעלן אומשולדיקע פּראַגעס, תמעוואַטע, דערנאָך גרינדן זיי שטילערהייט פּראַקציעס, טרייבן אָפּאָזיציע, דערנאָך גייען זיי שוין איבער צו פּאַר־באָרגענעם און אָפענעם פּאַראַט. פּאַרקויפן זיך צום פיינט, אָדער פירן אויס די פון פריער שוין ביי אים באַשטעלטע קאָנטררעוואָליוציאָנערע אויפגאַבעס. דער חבר נומער איינס — אַזוי וועלן מיר אים אָנרופן צוליב

קאָנספּיראַציע, ער איז דער געטרייעסטער צוואה־אויספירער פון לעניגען. נאָר אים דאַרף מען אַלץ געטרויען, נאָר דאָס וואָס ער זאָגט דאַרף זיין פאר אונז הייליק. זיין וואָרט איז באַפעל. ער איז אונזער מוח, אונזער מויל, אונזער ווילן, אונזער האַנט — ער איז די רעוואָליוציע. איז דעריבער ווער עס פרעגט עפּעס אָפּפרעגנדיקס וועגן אים, איז — קעגן אים. איז יענעם וועלן מיר צעשמעטערן. דאָס מיין איך נישט, פאַרשטייט זיך, חבר איילבירט, נאָר אין אַלגעמיין. (מאָרסקי האָט הסכמהדיק צובאַוועגט מיט די ליפּן און מ׳האָט געזעען אַז ער זאָגט איצט אין דער מחשבה דאָס וואָרט — אַנויצונאָגן).

(ראַנד־באַמערקונג פון מחבר: מיר מוזן צוגעבן, אַז מיר האָבן איי־בערגעגעבן זאַכאַריעס רייד עטוואָס געענדערט, דאָס מיינט צו זאָגן — געענדערט נאָר אין דער פאָרם, אָבער נישט אין תוכן. ווייל זאַכאַריע רעדט סטראַשנע מאַנאָטאָן און פאַרבלאָז, צעציט אַ זאַץ, די ווערטער זיינע קריכן אַרום אַזוי גראָ ווי עס איז זיין פּנים, זיין גאַנצער הולך. ער רעדט אָן אַ קאָמאַ, אָן אַן אויסרופצייכן, אָן אַ בינדשטריך, אָן אַ פרעגצייכן, אָן אַ מיטלפּונקט. ער ווייסט נישט פון קיין מוזיק, פון קיין פרייד, ליבע — ווי די דאָזיקע וועלט זאָל נאָר זיין פאַר אים אַן אָפּקומעניש, אַ פּרוזדור צו דעם קומענדיקן עולם הבא, וואָס וועט ווען עס איז, ווען עס זאָל נאָר נישט זיין — אַמאָל דערגרייכט ווערן. יעדע אינסטרוקציע וואָס קומט אָן פון צענטער — טאָר נישט אַרויסרופן קיין „פּ אַ ר ו ו אָ ס״ — דער ענט־פער, דער „פּ אַ ר ד אָ ס״ איז ביי אים דאָ נאָך פאַרן „פּ אַ ר ו ו אָ ס״).

דער שרייבער מאָטעלע איילבירט, דיכטער, דערציילער, עסייאיסט*, האָט איצט נאָטירט אין זיין זכרון קורצע צייכענונגען און כאַראַקטערסטי־קעס — ווי עס איז געוווּינט צו טוען אַ בעלעטריסט. ער האָט אַצינד, נאָך זאַכאַריעס ענטפער, אַזוי נאָטירט אין זיין מחשבה:

* לאָמיר שוין דאָ זאָגן, טאָמער וועט אונז שוין נישט אויסקומען אים מערער צו דערמאָנען אויף די ווייטערדיקע בלעטלעך — אַז ער איז אין א גאַנץ קורצער צייט אַרום אוועק — נישט נאָר פון דער קאָמוניסטישער שרייבער־גרופּע, נאָר אוועק העט ווייט־ווייט, געוואָרן א בעל תשובה, א בעל מצווה׳ס. די מלחמה־יאָרן האָט ער פאַרברענגט אין ראטנפארבאנד — און געוואָרן נאָך פרומער. זיך פאַר־לאָזט באָרד און פאות. היינט געפינט ער זיך אין ישראל, אין בני ברק, נאָך דער ארבעט זיצט ער און לערנט אין בית מדרש, שרייבט און פאַרעפנטלעכט אמאָל א העברעאישן שיר.

„אַזוי גייען זיי אַרום, די נקמה־נעמער, וועלכע טראָגן אַ כּעס צו דער וועלט. מוזיק — טרייסט זיי נישט, קונסט — פילן זיי נישט, גוטסקייט — פאַרשטייען זיי נישט, הומאָר — פאַרטראָגן זיי נישט, גאָט — דאַרפן זיי נישט (און מסתמא האָבן זיי נאָך אויף אַ צולאָג — בייזע, מיאוסע ווייבער אין שטוב)".

מאַטעלע איילבירט האָט שוין סייווי זויף זיך אַ חטא: אין דער גרופּע איז געווען אַ שרייבער ישראל אַנגל, וואָס האָט געהאַט געוווינט אויף נאַוואָליפּיע 7, אַ טיר־און־טיר מיט דער רעדאַקציע פון „בונד". דאָרט זענען אָפט פאָרגעקומען זיצונגען פון בונדישן צענטראַל־קאָמי־טעט. האָט ישראל אַנגל זיך אַמאָל אַרויסגעכאַפּט, אַז זיין צימער גרע־נעצט זיך מיט דער וואַנט פון יענער רעדאַקציע און ער הערט אַלץ וואָס יענע רעדן אויף זייערע זיצונגען. אָבער ווי ער דערהערט נאָר אַז דאָרט הייבט זיך אָן די זיצונג, גייט ער אַרויס פון זיין צימער, כּדי ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן מיט אונטערהערן זיך וואָס עס רעדן אַנדערע מענטשן, כאָטש פאַרטיי־שונאים. האָט מען אים אין דער גרופּע דערפאַר גאַנץ שיין אויסגעשייגעצט — אַז ער איז אַ לעמעשקע, אַ צעקראָכענער אינטעלי־גענט מיט בורזשואַזע נטיות. מ'האָט אים אויפגעפּאָדערט, אַז ער זאָל דווקא פון היינט אָן — שוין גראָד יאָ זיצן און אונטערהערן, אַלץ פאַר־צייכענען און עס איבערגעבן דער פאַרטיי. אַנגל האָט זיך געקווענקלט, זיך נישט געקענט דערויף באַשליסן. האָט מען אים פאָרגעלייגט אַרויפ־צושיקן צו אים אַן אַנדערן חבר צו אים אין צימער אַריין, וועט שוין יע־נער פאַרצייכענען וואָס מען דאַרף. האָט אַנגל צוגעזאָגט צו געבן ענט־פער אין עטלעכע טעג אַרום. זיין ענטפער אין עטלעכע טעג אַרום איז געווען: — איך האָב מיך שוין אַרויסגעצויגן פון דאָרטן. — מ'האָט אים דערפאַר אויסגעשלאָסן פון אַלע פאַרטייאישע גרופּעס און אינסטאַנצן. אָבער מאַטעלע איילבירט האָט אים דווקא גענומען אין שוץ. ס'האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן דאַביי, אַז אויך אים זאָל מען אויסשליסן.

אין דער גרופּע איז היינט דאָ אַ נייער, אַ צוגעקומענער, אַזש פון די רעליגיעזע — בעני אַדלער. ער איז אַפילו געווען באַוווסט מיט זיינס אַ געדרוקטער פּאָעמע וועגן ווילנער גאון. ער האָט שוין געהאַלטן אַ רע־פעראַט אין ליטעראַטן־פאַריין און אַרויסגעוויזן בקיאות אין דיאַלעקטישן,

מאַרקסיסטישן מעטאָד אין דער ליטעראַטור־אָפּשאַצונג. זיין אויפטריט האָט געמאַכט אַ רושם. מיט עטלעכע וואָכן פאַר דעם האָט ער נאָך ערשט געהאַט געדרוקט אין דער אָרטאָדאָקסישער וואַרשעווער פרעסע שירים און מאמרים ווי א גלייביקער, דענקנדיקער מאמין, געשריבן דאָס וואָרט ג אָ ט אָן אַן א׳ און מיט אַ צווישנשטריך צווישן ג׳ און ט׳.

מאָטעלע איילבירט, וועמעס האַרץ איז פול געווען מיט פּאַטאָס און עקסטאַז, האָט פונדעסטוועגן תמיד געלאָזט אין זיין מוח פונקציאָנירן אַ קריטישן ווענטילאַטאָר. ער האָט געוואָלט צעקייען דעם בעני אַדלערן, געוואָלט פּרוּוון פאַרשטיין וויאַזוי מ׳קאָן אַוועקוואַרפן אַזאַ טייערן אוצר ווי אמונה — אויב מ׳האָט אים נאָר אויף אַן אמת — און אים איינטוישן אויף אַן אידעאַל פון פאַרניכטונג, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, אויסן דער־מיט ווידעראויפבוי, נייעם, בעסערן, אָבער דערווייל, ביז וואָס־ווען...

מאָטעלען איז אַצינד קאַפּויער געקומען אַ סענטענץ, וואָס ס׳האָט אים אַמאָל געזאָגט יעזשי באַרנאַש, וועלכער האָט עפּעס באַזונדערס ליב תמיד זיך צו רייצן מיט מאָטעלען און אים פאַרקומען ווילעריש־ציניש:

„אַ מענטש אַן אַ פּגם קאָן נישט זיין קיין ריכטיקער, אַקטיווער קאָ־מוניסט — אָדער ער וועט מיט דער צייט אַליין אַוועק, אָדער מ׳וועט יענעם משלח זיין".

ער האָט עס אים אַפילו אילוסטרירט מיט אַ ביישפּיל:

„איך בין אַ געוויסע צייט געווען אַ ווערבירער פון מענטשן צו אַ גע־וויסער אַרבעט —

איינקויפן און איבערפירן מיליטערישע מאַפּעס אויף יענער זייט גרענעץ אַריבער, און נאָך מער וויכטיקערע פונקציעס. איך בין געזעסן מיט יענעם אין אַ רעסטאָראַן. מ׳האָט אים דערלאַנגט אַ טעלער מיט אַ שניצל. ס׳איז געווען אין אַ פאַרוואָרפן רעסטאָראַנדל אויף דער שטאָט־פּעריפעריע. דער טעלער איז געווען אויפן ראַנד אַביסל אָפּגע־האַקט, אָפּגעשטשערבעט פון גלייז, האָט יענער געבעטן דערלאַנגען אַ צווייטן טעלער, ער פאַרטראָגט נישט קיין אָפּגעשטשערבעטן טעלער. דאָס האָט דעצידירט. איך האָב אים צו יענער אַרבעט שוין נישט גענומען".

מ׳האָט ווידער געלאָזט אָפּשפּילן אַ פּליטע. ס׳איז געשען אַ נישט־

געוויינלעכע זאַך פֿאַר זאַכאַריען — ער האָט געשיקט נאָך עטלעכע פּלעש־לעך בראַנפֿן.

געניטע דערשנאַפּער האָבן דערין פֿאַרגעפּילט עפּעס בייזעס. נאָכן אויסטרונקען די ערשטע גלעזלעך, האָט זאַכאַריע דערקלערט:

— איצט בין איך אייך מחויב פֿאַרצולייענען דעם אויפֿרוף, וועלכן מיר מוזן נאָך היינט אָפּדרוקן.

ער לייענט איבער דעם אויפֿרוף אין וועלכן ס׳זאָגט זיך, אַז — יעזשי סאָכאַצקי, דער פֿאַרשטייער פֿון דער פּוילישער סעקציע ביים קאָמינטערן אין מאָסקווע, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ געוויינלעכן פּילסודסקי־שפּיאָן. ער האָט זיך דערין אַליין מודה געווען. דער רעוואָלוציאָנער טריבונאַל האָט אים פֿאַרמשפּט צום טויט, דורך דערשיסן. עס ווערט נאָך צוגעגעבן אַזאַ דעטייל, אַז אַ מינוט פֿאַר דער עקזעקוציע האָט ער אויסגעשריגן — „זאָל לעבן פּוילן!״

אַסך פֿון די פֿאַרזאַמלטע האָבן געוואָלט אַראָפּלאָזן די אויגן, אָבער מורא געהאַט.

הערש מעכל טייכגראַז האָט אַ זעץ געטון אין טיש און ס׳האָט זיך איבערגעקערט אַ פּלעשל בראַנפֿן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָבן זיך די ווערטער פֿאַרקײַלט, פֿאַרפּלאָנטערט און פֿאַרהאַקט אונטער דער צונג. האָט ער זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראַנפֿן און אויסגעטרונקען. צי האָט ער געוואָלט דערמיט צוריקשטופּן די ווערטער אין דער קעל אַריין, אָדער פֿאַרקערט — זיי אַרויסהייבן?

אינצווישן האָט מאָטעלע, אַן אויפֿגעקאָכטער און ווי אָפּגעקאָכטער, זיך אָפּגערופֿן:

— איך וועל פֿרעגן אַ דיאַלעקטישע קשיא:

— ווער גלייבט דאָס דען אַזאַ מנוול אַ שפּיאָן ווי סאָכאַצקי? מאַלע וואָס ער זאָגט און איז זיך מודה?!

הערש מעכל, וויפֿל זאַצן ער האָט נישט באַוויזן צוריקצוטרייבן פֿון דער צונג, איז פֿון דעם יאָ־געזאָגטן — האָט מען שוין געקאָנט אָפּשאַצן פֿון וואָסער מין און מיין זיי זענען און אין וועמען ער צילט. ער האָט געזאָגט קורץ:

— אויב אַזוי, איז אַנצונעמען, אַז אויך צווישן אונז זענען פֿאַראַן פּראָוואָקאַטאָרן!

מ׳האָט אויפֿגעשטעלט אַ נייע פּליטע.

קלאָר, אַז זאַכאַריע און מאַרסקי האָבן שוין יאָ געוווּסט וואָס און וועמען טייכגראַז מיינט צו טרעפֿן.

פֿון פֿאַרלעגנהייט אַלעמען האָט ווידער אַרויסגענומען מאַטעלע, ווידער מיט זיינס אַ תמימותדיק־תמעוואַטער קשיא:

— ווי איז דער דין אַזוי: מ׳האָט אין גאַס איבערגעפֿאָרן אַ מענטש, ער איז שווער פֿאַרוווּנדעט. מ׳טעלעפֿאָנירט אין דער גיכער הילף. מ׳שיקט אַרויס ס׳שפּיטאַל־קעטשל ראַטעווען דעם איבערגעפֿאָרענעם. דער אַמבולאַנס פֿאָרט אָבער מיט אַזאַ האַסטיקער גיכקייט, אַז ער פֿאָרט איבער אויפֿן וועג צען אַנדערע מענטשן, פֿאַרוווּנדעט זיי, צעממיתט, ממיתט ממש. און דאָס אַלץ נאָך איידער ער קומט ראַטעווען יענעם איבערגעפֿאָרענעם — און שוין זענען דאָ עטלעכע טויטע און צעקאַליעטשעטע אויפֿן וועג.

מאַרסקי קוקט אויף זאַכאַריען צי ער זאָל אָפּענטפֿערן. זאַכאַריע נעמט צו דעם בליק, הייסט עס אַז נישט ער דאַרף ענטפֿערן, זאַכאַריע רופֿט אויף מיטן בליק דעם מאַגיסטער פּינקעל צו ענטפֿערן. פּינקעל האָט אַ פֿלינקע פּעדער און איז אַ פֿלינקער רעדנער, און ער רעדט נאָך מיט האַרץ אויך — מ׳זאָל אים גלייבן. מאַגיסטער פּינקעל אַרבעט מיט אין דער בירגערלעכער פּרעסע, טעכנישע אַרבעט, כראָניק, קליינע מאמרים. ער גייט אָן עפּנטלעך פֿאַר אַ נאַציאָנאַלן ליבעראַל. איז אין גוטער חבר־שאַפֿט מיט אַלע בירגערלעכע שרייבער. אַזוי הייסט אים די פּאַרטיי. ער האָט זיינס אַ באַשטימטע ראָלע אויסצופֿירן. זיין אָנגעהעריקייט צו דער פּאַרטיי ווערט געהאַלטן בסוד־סודות. ער מעג לפֿנים אַרויסווייזן נאָר מיטלוויפֿערישע סימפּאַטיע צום קאָמוניזם, ווי אַסך שלאַבעריקע אינטע־ליגענטן. ער מעג שרייבן אַפֿילו קעגן דער פּאַרטיי, מיט באַוואָרענישן, אַזוי מיט אַ קנופּ און שלייף, ס׳זאָל הייסן — אַז די בירגערלעכע קאָנען האָבן צוטרוי צו זיין אָביעקטיווקייט.

פּינקעל ציטערט פֿאַר זאַכאַריעס בליק־באַפֿעל. ער פֿילט אַז ער דאַרף

זיך דאָ ווידער שטעלן פאַרן פאַרטיי־עקזאַמען. ער ענטפערט אָפּ אויף מאָטעלע איילבירטס לעצטער פראַגע:

— אויב די לאָגיק טויג פאַרן שונא, איז זי נישט קיין לאָגיק, דאַרפן מיר זי נישט. בעתן שיסן חשבונט מען נישט. טאָמער שטעלט מען זיך דעמאָלט אַוועק טראַכטן און מעדיטירן, נוצט דער שונא אויס דעם מאָ־מענט און צילט אין דיר זיין קויל. מיר זענען איצט אין דער שלאַכט, מיר שיקן ס׳גיכע הילף־קעטשל ראַטעווען די רעוואָליוציע, דעם פּראָ־לעטאַריאַט. איינמאָל פאַראַלעמאָל זיך געשטעלט דעם ציל — פרעגט מען שוין נישט מער. אַ חבר, מיט דער מינוט ווען ער טרעט אַריין אין דער פאַרטיי, איז ער שוין דעמאָלט ווי אַן אַריינגעלייגטער סנאַריאַד אין דער האַרמאַט־רער. ער פרעגט נישט מער נאָכוואָס און פאַרוואָס און וווהין. מ׳שיסט אים אויס און ער אימפּעוועט, פליט — דעם ציל ווייסט שוין דער שיסער, דער אַרטילעריסט! דער ציל איז — דעראָבערן די מאַכט. האַלטן די מאַכט! מיט אַלע מיטלען! (ער ווישט אויס זיינע ברילנגלעזלעך פון דער פאַרלאָפּענער פאַרע, די אויגן זענען אָנגעלאָפן אויף רויט און אויך די אויערנלעפּלעך האָבן שוין געכאַפּט אַ קאָליר פון צעפלאַמטן בלאָ).

— אַוודאי איז עס נישט אַזוי פּשוט. פאַראַן דערויף קריגס־סטראַטע־גיע. מען דאַרף אויך איבערנעמען דעם שונאס מעטאָדן, אויב זיי טויגן און זענען אונז נוצלעך. חברים רעדן אָפּטמאָל, ברומען אונטער, קווענק־לען זיך — ווען זיי דאַרפן אָפּנאַרן, איבערכיטרעווען דעם שונא. זיי נעמען שטאַמלען ווען זיי דאַרפן זאָגן א ליגן. אָבער אויב מ׳באַנוצט אַ געווער, דאַרף עס זיין פּערפעקט. באַנוצסטו זיך מיטן געגעבענעם ליגן, וואָס איז דאַן נויטיק, וואָס איז אַ געווער, — איז נוץ עס שלימותדיק, מיטן פולן מויל. דו דאַרפסט אַרומגיין, אַרומקרייזן דעם שונא, דו דאַרפסט פאַר אים קיינמאָל נישט באַווייזן דיין נאַקעט פּנים, פּונקט ווי נישט יעדער דאַרף וויסן דיין פּסעוודאָנים. פּונקט ווי אַ קאָנספּיראַטאָר דאַרף אָפּט טוישן זיין דירה, אַזוי דאַרף ער אויך תמיד האָבן ביי זיך אין רעזערוו אין טאַש — עטלעכע מאַסקעס. דריי, פיר, און אפילו מער. יאָ, דו טוסט אָן די פּאַסיקע און אַנטשפּרעכיקע מאַסקע ווען דו גייסט רעדן, פירן אונטער־האַנדלונגען מיטן שונא. ס׳ווענדט זיך ווער דער שונא איז, אין וואָסע־רע אומשטענדן און באַדינגונגען.

איך ענטפער נישט דירעקט דעם חבר איילבירט, ווייל אים שלעפן זיך נאָך אַזויפיל קליינבירגערלעכע צויטן, אַז ער דאַרף זיך אַקטיוו היילן זיין פסיכיק אין אונזער פּאַרטיי־סאַנאַטאָריע. ער דאַרף זיך איבערדער־ציען און פּטור ווערן פון די פּאַרווייכטע, רחמנותדיקע, קוואַזי־הומאַניס־טישע ליבעראַלע נייגונגען און שוואַכקייטן.

מאַגיסטער בער (אָדער בערנאַרד) פינקעל פּאַרפּעסטיקט מיט צו־פרידנקייט זיין פּענסנעי אויף דער נאָז. אַזוי איז ער געוויינלעך תמיד איבערגעשראָקן, פול מיט קאָמפּלעקסן אַז מ׳גלייבט אים נישט אין דעם וואָס ער רעדט, דער עיקר טאַקע זאַכאַריע. און אויך מאַרסקי שנאַפּט תמיד מיט דער נאָז — צי פינקעל מיינט עס טאַקע ערנסט.

און אַ חידוש טאַקע — שרייבט ער און רעדט ביי די בירגערלעכע, מיט זייער סטיל און לשון, רעדט ער אויך אַזוי איבערצייגנדיק, מיט האַרץ, פלאַקערפייערדיק — אַז בעת מעשה מוז מען אים גלייבן. זעט אויס, אַז ער אַליין, פינקעל, גלייבט אויך, בעת מעשה, דערין... (ווי ער וואָלט געקענט די טעכניק פון אויטאָסוגעסטיע). רעדט ער צווישן די חברים, זעט עס אויס אַז ערשט דאָ רעדט ער די ריכטיקע רייד. ערגעץ מוז ער דאָך פעלשן — איז וווּ?

אָבער אַז נאָך פינקעלס אָפּרעדן האָט זאַכאַריע דריי מאָל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ — זענען פינקעלס אויגן געוואָרן כולו התלהבות. כאָטש נעם און צעוויין זיך — ענדלעך האָט אים היינט זאַכאַריע געגלייבט.

און ערשט נאָך דעם אַלעם פאַרענדיקט הערש מעכל טייכגראָז דעם אָפּזאָץ, וואָס ער האָט פריער, זעט אויס, נישט געקאָנט פאַרענדיקן:

— יעזשי סאָכאַצקי האָט מיך אין פוילן פּופּצן מאָל אָפּגעראַטעוועט פון אַרעסט. ער איז געווען אַ פלאַמיקער, אויפריכטיקער, מיט האַרץ און לייבאונלעבן־איבערגעגעבענער רעוואָליוציאָנער, אַן איבערגעגעבענער חבר דער פּאַרטיי. ער איז פריער געהאַט געווען אָנפירער פון דער פּ.פּ.ס.־ליעוויצע. מיר ווייסן וואָסער גרויסע ראָלע ער האָט געשפּילט אין פוילן און האָט געקאָנט שפּילן — טאָ וואָס האָט אים געצווונגען אז ער זאָל אוועק אין ראַטנפאַרבאַנד? נישט כּדי צו לייטן און צוגרייטן די רעוואָליוציע אין פוילן, נאָר כּדי צו טרייבן פּשוטן שפּיאָנאַזש לטובת דעם פאַשיסט פּיל־סודסקי? וואָס האָט אים דערצו געצווונגען? ווען איז ער דאָס געוואָרן

אַ שפּיאָן? און פאַרוואָס? נאָכוואָס? פאַרוואָס זענען נישטאָ קיין אויס־פּירלעכע פּרטים וועגן דעם?

זאַכאַריע האָט אַ ווונק געטון אַז מען שליסט די זיצונג.

גלייך איז צוגעגאַנגען אַנקע די ברונעטקע און איבערגעגעבן טייכ־גראָזן אַ צעטעלע. אויך מאַרסקין האָט זי איבערגעגעבן אַ צעטעלע. אין דעם צעטעלע איז געווען געמאָלדן, אַז מיכאל טייכגראָז ווערט אַראָפּ־גענומען פון זיין איצטיקער פונקציע — ביז אַ נייער באַשטימונג. אויף זיין אָרט ווערט באַשטימט מאַרעק מאַרסקי.

האַנקע די בלאָנדע האָט אויך עפּעס געגראַבלט ביי זיך אין בייטל. עפּעס אויך אַרויסגענומען אַ צעטעלע. שווער געווען צו זען וועמען זי האָט עס איבערגעגעבן.

מ׳האָט אויפגעשטעלט די לעצטע פּליטע אויפן פּאַטעפאָן — עפּעס אַ ביליקער, פאַרוויגנדיקער טאַנגאָ.

# דריטער טייל

# מען מיסטיקט די פעלדער פון דער רעוואָליוציע...

## קאַפּיטל 1

עס איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די ציִשאָ־שולן און טייכ־גראַז האָט באַקומען אַ באַפעל אָנצושרייבן אַן אויפרוף קעגן די יידישע שולן. ער האָט אָפּגעזאָגט.

מ׳האָט אים געהייסן אָנשרייבן אַן אויפרוף קעגן דער פאַשיסטישער פאַרוואַלטונג פון יידישן ליטעראַטן־פאַריין, מעכל האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ „ניין”. זיי זענען דאַלטאָניסטן די חברים פון צעקאָ, זיי אונטער־שיידן נישט פון לגמרי שוואַרץ ביז גראָ און בלאָ און גרין און געל און האַלב־ווייס. אויב די פאַרוואַלטונג פון יידישן ליטעראַטן־פאַריין — פאַלקיסטן, לינקע ציוניסטן, סאָציאַליסטן — זענען פאַשיסטן, — און די עקסטרעמע פוילישע און אוקראַיניש־נאַציאָנאַליסטישע פּאָגראָמשטשי־קעס זענען פאַשיסטן — טאָ וואָס אונטערשיידט זיי?

ער איז שוין צופיל אין כעס און עס גענוגט אים נישט בלויז אָפּצו־ענטפערן מיט אַ „ניין”, ער שרייבט אַן אַ מעמאָראַנדום צום צ.ק. וועגן אַ ריי ענינים, וועגן וועלכע ער האָט נאָך ביז אַצינד געשוויגן. ער שרייבט קעגן דעם אומבאַגרינדעטן און אומבאַרעכטיקטן אַרויסרופן שטרייקן, ווען עס זענען נישטאָ דערצו נישט קיין סיבות און נישט קיין באַדינגונגען. נאָך אַ פאַרשפּילטן שטרייק וואַרפן די פאַבריקאַנטן אַרויס די קאָמוניס־טישע אַרבעטער. יעדע פאָר טעג ווערט מען גערופן צו גאַסן־דעמאָנ־סטראַציעס, עס קומען אַ 200 יידישע יוגנטלעכע, אָבער קיין מאַסקווע ווערט געשיקט אַ באַריכט — אַז ס׳האָבן אָנטייל גענומען 10 טויזנט דע־מאָנסטראַנטן,„ צווישן זיי — 9 טויזנט פּאָליאַקן — ווען אין דעראמתן איז אַפילו קיין 1 פּאָליאַק נישט געווען. די אַלע באַוואָפנטע דעמאָנסטראַ־ציעס, די קליינע עקספּראָפּריאַציעס אין די קראָמען פּאַסירן נאָר אין דער יידישער געגנט, אויף יידישע קרעמלעך, פון יידישע יוגנטלעכע, וועלכע זענען גראָד באַלעבאַטישע יונגעלייטלעך, וועלכע טוען זיך איבער אויף עטלעכע שעה אין אָפּגעריסענע בגדים. די דאָזיק קינסטלעכע, כלומרשטע רעוואָליוציאָנערע שפּאַנונג שאַפט פאַלשע אילוזיעס ביי דער אָנפירונג

אין צענטר. וואָס אַ טאָג ווייטער אַלץ ווינציקער הערט מען אויף צו קו־מען צו די דעמאָנסטראַציעס, אַלץ ווייניקער הערט מען דעם רוף צו שטרייקן. מען מאַכט אַ תל פון די רעוואָליוציאָנערע קאַדרען שוין איצט, און זיי וועלן שוין נישט זיין בעת ס'וועט קומען די רעוואָליוציע. מען מוז האָבן געדולד אויב מען גלייבט אין דער רעוואָליוציע. מיט אַזעלכע נישט־צייטיקע שריט — ווי אָפטע דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן, אַריינ־וואַרפן אין איין זאַק קליינע שונאים — האַלב און פערטל־שונאים, צוזאַ־מען מיט די גרויסע שונאים — איז לויט מיין מיינונג, געפערלעך, אומגעלומפערט, נישט־סטראַטעגיש. מ'דאַרף זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן פרווון אָנהייבן אַן אויפריכטיקע איינהייט־אַקציע מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

איז פון מאָסקווע געקומען אַ באַפעל שוין בקרוב צונויפצורופן אין דאַנציק אַ קאָנפערענץ פון דער פוילישער קאָמפּאַרטיי. דעם רעפעראַט אויפן צוזאַמענפאָר אין דאַנציק, אין נאָמען פון קאָמינטערן, וועט האַלטן ראַטערדאַם (דער אַמאָליקער לינקער פועלי־ציוניסט) און דעם קאָר־רע־פעראַט וועט האַלטן — מיכאל טייכגראַז.

ער האָט צוגעגרייט אַן אויסשעפנדיקן רעפעראַט. נאָך ראַטערדאַמען האָט מיכאל געלייענט זיין קאָר־רעפעראַט. גלייך נאָכן ענדיקן, ער האָט זיך נאָכנישט באַוויזן אָנוועקצוזעצן, איז שוין אויפגעשטאַנען ראַטערדאַם און אָפּגעענטפערט:

— הערט אויס, חבר מיכאל טייכגראַז, איר, אַן אַלטער גוטער מאַרק־סיסט און פלאַמיקער רעוואָליוציאָנער דערקייקלט זיך, ווי איך זע, צו די רענעגאַטן! ציט זיך צוריק כל זמן איר האָט נאָך צייט! לאָמיר ביידע צדדים זיין גוט געוואָרנט, געדענקט חבר מיכאל, איר הענגט שוין נאָר קוים אויף אַ דינעם פאָדעם, נאָר איין לייכטן ריר — און איר פאַלט אַראָפּ אין אָפּגרונט! אויב דאָס איז אומפאַרמיידלעך, וועלן מיר זיך נישט וואַק־לען אייך צו דערלאַנגען דעם געהעריקן שטויס — אַז פאַלן זאָלט איר פאַלן ווי דער ערגסטער שונא אונזערער, איך וואָרן אייך!

שוין נאָך דער ערשטער זיצונג איז מיכאל געווען זיכער, אַז מ'גייט אים נאָך, מ'אָבסערווירט אים — נישט פון דער פּאָליציי, נאָר פון דער אייגענער פּאַרטיי. האָט ער זיך אויפגעיך אָפּגערעדט מיט דעם חבר אַלעק־

סאַנדער מינצנער, אַ וויכטיקן חבר, וואָס איז אויך געניגט צו מיכאלס טעזן, פּשוטער — גענייגט אָפּאָזיציאָנעל — מיכאל האָט דאָס אַרויסגע־פילט — און זיי האָבן זיך באַשטעלט צו באַגעגענען אין דער שטאָטישער באָד. דאָרט וועלן זיי נעמען אַ טאָפּלטע וואַנע, כּדי זיך קאָנען ווי גע־העריק צונויפּצורעדן.

**
*

נאָך דער קאָנפערענץ (עס איז אין יאָר 1932), ווען די דעלעגאַטן זענען געווען צוריק אויף זייערע ערטער, איז צו מיכאלן גקומען אַן עקס־טרע שליח פון מאָסקווע (דאָס איז געווען אַנקע די ברונעטקע, זי האָט חתונה געהאַט מיט איינעם פון די אַפּאַראַט־שפּיצן און מיט יענעם אַוועק־געפאָרן קיין מאָסקווע) און אים געמאָלדן, אַז פון מאָסקווע פאָדערט מען אַרויס אים, אבא פלוגן, און נאָך עטלעכע חברים, זיי זאָלן ווי צומגיכסטן אַהינקומען. זייערע פרויען וועלן בלייבן דאָ און באַזאָרגט ווערן מיט אַלדאָס נייטיקסטע. איינער בלויז איז געפאָרן (עס איז אַפילו איבעריק צוצושרייבן אין קלאַמערן וואָס עס איז מיט אים דאָרט געוואָרן, ווייל דאָס איז קלאָרער ווי די זון אין יוני [נישט אין צפון־סיביר, דאָרט איז זי אין יוני נאָך געבנוג פאַרנעפּלט], אַפילו וואָס עס איז געוואָרן מיט אַנקע דער ברונעטקע — איז אויך קלאָר — ווי די זון אין מזרח). מיכאל האָט דער־ווייל אָפּגעלייגט די רייזע, ער וויל פריער זען אַ געוויסע צייט די באַצי־אונג פון דער פּאַרטיי צו אים דאָ, אויפן אָרט. ער האָט נישט לאַנג באַ־דאַרפט וואַרטן און עס איז געמאָלדן געוואָרן דער באַשלוס, אַז מיכאל טייכגראַז און זיין פרוי רוטאַ, אַלעקסאַנדער מינצנער, יאַקוב אַשקענאַזי (פאַר זיין אַרטיקל אין דער „ליטעראַרישער טריבונע" אונטערן נאָמען „די 12טע שעה", וועגן שליסן אַן איינהייט־פראָנט מיט די סאָציאַל־דע־מאָקראַטן, כאָטש מיט אַ צייט צוריק געהאַט געשריבן אַ וואָגיקן אַרטיקל קעגן טראָצקין *) אַבאַ פלוגן און נאָך אַ ריי חברים פון די שפּיצן. דער סאַמע בעסטער אַקטיוו פון דער פּאַרטיי איז געוואָרן אויסגעשלאָסן.

* הײנטצוטאָג — אײנער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן פון סאָוויעטישע ענינים, מחבר פון עטלעכע יוסטע ווערק וועגן טראָצקי און סטאַלין, אַרויסגעגעבן דורך אוניווערסיטעטן, געשריבן אין אַ מערב־אייראָפּעאישער שפּראַך און איבער־געזעצט אין אַסך שפּראַכן.

אַט איין וואָרט נאָר — „אויסגעשלאָסן", הערש מעכלען אויסגעשלאָסן. פֿאַרמאַכט פֿאַר אים דאָס טויער פֿון דער וועלט, פֿון דער צוקונפֿט. האָט אים די רעוואָליוציע דערלאַנגט אַזאַ קאָפּע אין פּנים אַריין? געזעגנט אים? געדאַנקט אים? טרייבט אים אַוועק פֿון זיך? נאָך אַזויפֿיל יאָרן זיין איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן! האָט אים זיין נשמה — די רעוואָליוציע, אַזאַ שפּיי געטון אין פּנים? — ניין, ס'הייבט זיך נישט אָן! ער וועט זיך ערשט אַצינד רעכט צו איר צוטוליען. זי וואָרט אַ פֿאַרלוירענע, אַ באַליידיקטע — אויף אים און זיינסגלייכן.

## קאַפּיטל 2

לייבוניו, פֿון מאַנקיטאָף (מאַקאָטאָוו, פּעריפֿעריע אין וואַרשע), אַמאָליקער אונטערוועלטניק און היינט איינער פֿון דער קאָמבאַיוווקע אין יידישן ראַיאָן אין וואַרשע, גייט נאָך יעדן טאָג שטיקער וועגס נאָך הערש מעכלען און דראָט אים אין יעדן ווינקל מיט זיין רעוואָלווער. די אויפֿגאַבע פֿון לייבוניוס איז, זעט אויס, נישט צו דערשיסן הערש מעכלען, נאָר אים דערגיין די יאָרן, דראָען, דערקוטשען, פֿאַרמיאוסן ס'לעבן.

די אויסגעשלאָסענע גרופּע טוער, די אָפּאָזיציאָנערן, וועלכע מ'רופֿט „טראָצקיסטן", גיבן אַרויס אויפֿרופֿן און זשורנאַלן אין פּויליש און יידיש. דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמפּאַרטיי האָט שוין אַרויסגעגעבן אַן אויפֿרוף קעגן די סאָציאַל־פֿאַשיסטן, די רענעגאַטן, די פֿאַרעטער יאַקוב אַשקענאַזי, הערש מעכל טייכגראַז, לעאָנעק — און קאָמפּאַני — די פֿאַרטיידיקער פֿון פֿאַשיזם.

די פּוילישע פּאָליציי איז, זעט אויס, נישט מסכּים מיט דער דאָזיקער מיינונג, זי האַלט אַז טראָצקיסטן זענען געפֿערלעכער פֿאַר דעם רעזשים ווי די אָפֿיציעלע קאָמוניסטן.

נאָך דעם אויפֿרוף פֿון דער פּאַרטיי, קומען ווייטערע שריט. אויף פֿאַרזאַמלונגען ווערן שוין טייכגראַז און אַשקענאַזי מיט זייער גרופּע באַצייכנט ווי דירעקטע אַגענטן פֿון יאַפּאַנישן מיקאַדאָ. מען באַפֿאַלט זיי

מיט קלעפּ, מען צערייסט זייערע אויפּרופן און מלבושים. און מאָדנע — קיינמאָל קומט נישט אָן קיין פּאָליציי בעת די דאָזיקע געשלעגן.

די לעצטע געלטער ביי דער גרופּע האָבן זיך אויסגעלאָזט, זיי האָבן שוין נישט — נישט נאָר אויף אַרויסצוגעבן אויפרופן, נאָר יעדער פון זיי באַזונדער האָט נישט אויף קיין דירה־געלט, אויף ברויט און מילך. אַש־קענאַזי גייט אַרבעטן אַלס קאָרעקטאָר אין אַ בירגערלעכער פּויליש־יידי־שער צייטונג, הערש מעכל גייט אַרבעטן צו באַסאַק־מאַכעריי. אָבער דער פאַריין פון די באָסאַק־מאַכער, דער פאַריין וועלכער איז געגרינדעט גע־וואָרן פון אים, הערש מעכלען, וויל אים נישט צולאָזן צו קיין אַרבעט. דער פאַריין איז באַהערשט פון די ליניע־קאָמוניסטן, וועלן זיי קיין אָפּאָ־זיציאָנער נישט צולאָזן. און זיי האָבן אים אַראָפּגענומען פון זיין אַר־בעטספּלאַץ. נויט — ער איז אפשר גאָר פון איר צופרידן, זי איז אים אַזוי נאַטירלעך און אינטים ווי זיין מאַמע, ער פילט זיך מיט איר היימישער; אַ ביטערע נויט — אָבער זי האָט עפּעס איר אייגענעם טעם, צוזאַמען מיט דעם הונגער־נאָגעניש, און ער ברומט צופרידן זיינס אַ באַליבט לידל:

„מיר ווערן געהאַסט און געטריבן; מיר ווערן געפּלאָגט און פאַר־פּאָלגט; און אַלעס דערפאַר ווייל מיר לי—י—בן — דאָס אָרעמע שמאַכטענדע פּאָלק!"

## קאַפּיטל 3

אין יאָר 1933 איז פאָרגעקומען אין פּאַריז די קאָנפערענץ פון 4טן אינטערנאַציאָנאַל.

— איך האָב געמוזט דאָרט אַהינפאָרן, בלויז שוין צוליב דעם כאָטש, ווייל ס'האָט מיר דאָ געדראָט געהרגעט צו ווערן פון די „סטאַליניסטן". כ'בין געפאָרן דורך ווין. דאָרט בין איך דורכגעפאַלן מיט מיין פאַלשן פּאַס. פירנדיק מיך דורך אַ גאָרטן בין איך אַנטלאָפן פון אונטער די באַגנעטן, מ'האָט מיך אָבער געכאַפּט. ביי דער אויספאָרשונג האָב איך געלייקנט אַז איך בין שוין צוויי וואָכן צייט אין ווין און געהאַט קאָנטאַקטן. (איך האָב נישט געוווּסט, אַז די חברטע וואָס האָט מיר געהאַט איבערגעגעבן

דעם פּאַס אין גאָרטן, אַז איר געליבטער צו ווען זי האָט מיך געפירט שלאָפן — איז אַ געהיימאַגענט, און זי האָט אים שוין געהאַט וועגן מיר אַלץ דערציילט). איך האָב אַלץ עקשנותדיק געלייקנט, האָבן זיי מיר אַריינגעבערענגט די וואַליזקע מיט מיינע העמדער, וועלכע האָבן געהאַט וואַש־נומערן אויף די קעלנער נאָך פון מאָסקווער אינסטיטוט. זיי האָבן געזוכט דעם שיפר פון די דאָזיקע נומערן און באַין אופן נישט געקאָנט דערגיין. איך האָב בכלל געלייקנט אַז ס׳איז מיין וועש (כאָטש דאָס איז דאָן געווען מיין איינציק פאַרמעגן). זיי פרעגן ווייטער —

„קענסטו דעם געגנאַסע פון דער דאָזיקער פרוי, וועלכע האָט אייך איבערגעגעבן דעם פּאַס אין גאָרטן?" — „ניין!" — האָט מען יענעם אַריינגערופן: — דער מאַן זאָגט דאָך אַז ער קען אייך, און איר קענט אים — פאַרוואָס לייקנט איר? —

בלית ברירה האָב איך שוין געמוזט אויסזאָגן:

„ווייל כ׳בין ביי אים געשלאָפן און נישט געוואָלט אים פאַרשאַפן קיין אומבאַקוועמלעכקייטן" —

— זיי האָבן אַלץ געוווּסט, ביי ווען איך האָב געגעסן, ביי ווען איך בין אַלץ געשלאָפן במשך די צוויי וואָכן. זיי האָבן געברענגט אַהער־צופירן דעם סעקרעטאַר פון די טראָצקיסטן אין ווין. איך האָב צו אים אַ ווונק געגעבן מיטן קאָפּ אויף „ניין". די פּאָליציי האָט מיך געדראָט מיט שלאָגן אויב איך וועל נישט מודה זיין אַז איך בין אַ טראָצקיסט און בין געפאָרן קיין פּאַריז צו דער קאָנפערענץ פון 4טן „אינטערנאַציאָנאַל". איך האָב זיך אין גאָרנישט מודה געווען. איך האָב גראָד דעמאָלט געהאַט הויכע היץ, געווען שווער פאַרקילט. דער אויספאָרשער, וועלכער איז אַמאָל געווען שפּיאָן אין בולגאַריע, האָט מיר געזאָגט — אַז ווען איך וואָלט אַריינגעפאַלן אין בולגאַריע, וואָלט איך שוין דאָרט זיך גיך מודה געווען; איך וואָלט דאָרט געקראָכן אויף די ווענט מיט דער הילף פון עלעקטרישן טאָרטור־אינסטרומענט. נאָר דאָ, אין עסטרייך — קלאָגט ער זיך פאַר מיר — זענען די אויספאָרש־מעטאָדן נאָך אַזלכע פאַרצייטיש־ליבעראַלע. און איך האָב אַלץ געשוויגן. זיי האָבן נאָך אַלץ נישט געווּסט אַפילו מיין נאָמען. האָבן זיי אין די פּאָליציי־אַקטן מיך פאַרשריבן אונטערן קריפּטאָנים:

„דער מאַן וואָס שווייגט״ —

— זיי האָבן מיינע פינגער־אָפּדרוקן איבערגעשיקט קיין פוילן אין דער פּאָליציי, און פון דאָרט האָבן זיי שוין באַקומען ענטפער אַז איך בין דאָרט שוין געזעסן מערערע יאָרן און מערערע מאָל, נאָר אונטער די פאַרשידנסטע נעמען ווי — בעלמאַן, ראָזענבלום, טייכגראַז, ענגין. — די עסטרייכישע פּאָליציי זאָגט מיר צו צו באַפרייען, אויב איך וועל איר אויסזאָגן דעם ריכטיקן נאָמען. האָב איך זיי געהייסן שרייבן אויפן אַד־רעס פון מיין פרוי אין וואַרשע, ערשט דעמאָלט זענען זיי געוואָר געוואָרן מיין ריכטיקן נאָמען. זיי האָבן מיך באַפרייט און נישט צוריקגעשיקט קיין פוילן. אַ זשאַנדאַר האָט מיך באַגלייט קיין שווייץ. די עסטרייכישע מאַכט האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ באַשטעטיקונג, אַז איך בין אַן עסטרייכישער בירגער און אַז איך גיי אַריבער די גרענעץ כּדי צו קויפן דאָרטן קאַווע.

— ווי נאָר כ׳וועל אַריבערגיין — איז מיר געוואָרן אָנגעזאָגט — זאָל איך צערייסן דעם דאָזיקן דאָקומענט.

פון פּאַריז האָט מען שוין געהאַט אָנגעפרעגט אויף מיר ביי די חברים־טראָצקיסטן—אין צירין. איך בין דעמאָלט געווען אין באַזעל. צוויי חברים זענען געגאַנגען מיט מיר שפּאַצירן צו דער גרענעץ. זיי האָבן גערעדט הויך זייער באַזעלער דייטש, איך בין געגאַנגען צווישן זיי אינמיטן, און אַזוי האָבן זיי מיך אַריבערגעפירט די פראַנצויזישע גרענעץ.

## די גרויסע באַגעגעניש

דאָס איז שוין געווען אין יאָר 1935, און דעמאָלט איז ער, הערש מעכל, באַשטימט געוואָרן אויף אַ ראַנדעוווּ הינטער ווערסייל מיט — לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקי.

דער שמועס, אין רוסיש, האָט געדויערט צוויי פולע שעה. (ראַנד־באַמערקונג פון פאַרצייכענער: ווער עס גלייבט אין אַזאַ מין זאַך ווי שכינה, וועט מוזן זאָגן נישט אַנדערש נאָר — אַז אויף הערש מעכלען, בעתן דערציילן אַצינד וועגן זיין באַגעגעניש מיט טראָצקין, האָט געלויכ־טן די שכינה. קאָן זיין אַז מען זעט נאָר איצט בלויז אַ טייל פון דעם

שכינה־ליכט וואָס האָט אויף אים געלויכטן דעמאָלט, הינטער ווערסייל, ווען ער האָט געזעסן אויג אויף אויג און גערעדט פה על פה מיט אים, דעם כריסטוס פון דער רעוואָליוציע. איר פאַרשטייט און איר באַרעכטיקט אַצינד דאָס פּלוצימע פאַרשווייגן הערש מעכלס, זיין איבעררייסן דאָס רעדן. איר פאַרשטייט, אַז הערש מעכל, מיט אָפענע אויגן, קוקט דאָ אויף דעם אָרום, אָבער זעען זעט ער נאָר אים — לעוו דאַווידאָוויטשן. זיין ליכט, זיין בערדל, זיינע ברילן, ס׳טיפע, דורכדרינגלעכע פּראָזשעקטאָרן־ליכט דורך די ברילן און פון הינטער די ברילן; זיינע רייד — נשרפים און כרובים פון זיין מויל — די שכינה פון דער וועלט־רעוואָליוציע, וועלט־דערלייזונג. ער וועט דאָך פאַרבלייבן איר קרוין און איר סימבאָל לעולם נצח).

איך וויל אים נישט צופיל קוועלן מיט אונטערפראַגעס, נאָר ווינישט־ווי רייסן זיך ביי מיר דורך אַזעלכע פרעגעלעך, און זיי פאַרשטעכן זיך אים ווי שפּענדלעך אונטער דער הויט. הערש מעכל זאָגט, כּלומרשט פאַרטראַכט, אָבער מיט בפירושער הנאה:

— איך האָב געהאַלטן אַז אין פּוילן איז אַ פאַשיסטישער רעזשים און טראָצקי האָט געהאַלטן אַז אין פּוילן איז אַ באָנאַפּאַרטיסטישער רעזשים.

— אָבער זאָגט מיר עפּעס נאָך וועגן טראָצקין גופא, איידער איר גיט איבער דעם שמועס מיט אים —

— טראָצקי? איך מיין אַז דאָס איז דער גרעסטער מענטש פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט — ביז היינט. ער איז איינער פון די גרעסטע און אינטערעסאַנטסטע פיגורן אין דער וועלט־געשיכטע. וואָס איך האָב דע־מאָלט געפילט? אַז איך זאָל וועלן רעדן מיט אייער נוסח און סטיל וואָלט איך געזאָגט אַז — אָט שטייט פאַר מיר די וועלט־רעוואָליוציע מיט א קליין, שוואַרץ, האַלב־שפּיציק בערדעלע, און ברילן (בינאָקלען מיט אַ צוויקער).

איך דרינג נאָך מער פּרטים, קומען נאָך עטלעכע דעטיילן און דע־טיילעכלעך:

— אָרום ברילן־צוויקער — אַ רויט אָפּגעקוועטשט רעדעלע, אויך די גלעזלעך פון די ברילן האָבן זייער צאַפּל, אויפרעגונג — צוזאַמען מיטן בערדל באַשטעטיקן זיי זיינע רייד אָדער ניינען ווען ער פרעגט אָפּ. — אָבער דאָס זענען באמת נישט־וויכטיקע און גאָרנישט־זאָגנדיקע פּרטים,

וואָס איר, דער בעלעטריסט, ווילט פון מיר אַרויסציען מיט געוואַלד. —
דעריבער גיט ער ווידער אַ זאָג שאַרף:
— איך האָב מיט טראָצקין נישט מסכים געווען אין נאָך מערערע ענינים.
אָבער איך לאָז אים אַלץ נישט צורו:
— האָט איר נישט געהאַט קיין מאָמענטן אין מיטן שמועס ווען אייך האָט זיך געוואָלט איבעררייסן, נישט מער זיך שפּאַרן מיט אים, וועלן פּאַר אים אַרויסזאָגן אייגענע, דווקא קעגנערישע מיינונגען — נאָר ווערן דעמאָלט אַ יינגל, אַ תלמיד, און אַרויפקוקן צו אייער גרויסן רבין און לע־רער און אים אַ קוש טון אין האַנט?
אַ שמייכל באַצווינגט זיין מויל, ער קוקט מיך אָן, וויל אויסמיידן צו ענטפערן, אָבער מיין בליק פעסטיקט אים צו אָנגרייפעריש, לאָז נישט — און ער מוז ענטפערן, און ער ענטפערט מיט קינדישער אמתדיקייט:
— אמת. נישט איינמאָל האָב איך געהאַט אַזאַ געפיל במשך די צוויי שעה, אָבער —
— נו גוט, גיט ווייטער איבער וועגן די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען און ענינים אין דאָזיקן שמועס מיט אים.
— ער האָט זיך אינטערעסירט מיט דער יידישער פראַגע, מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע. איך האָב אים דאָס אַלץ רעפערירט לויט מיין דעמאָלסדיק וויסן. ער האָט אַלץ אויסגעהערט מיט פירערשער, היסטאָריש־אחריותדיקער אויפמערקשאַפט, אָבער אין געווי־סע מאָמענטן — אויך פשוט ווי א שילער. נאָכן ענדיקן דעם שמועס האָט ער מיר געזאָגט אין אַ גאַנץ קאַטעגאָרישן טאָן, אַז אַלע טראָצקיסטישע פראַקציעס דאַרפן אומעטום אַריינטרעטן אין די לאַנדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. איך האָב אים גלייך קורץ און שאַרף געענטפערט:
— און איך בין קאַטעגאָריש קעגן! — איך האָב פאַר אים, פאַר־שטענדלעך, מאָטיווירט מיין שטעלונג. מיר זענען זיך צעגאַנגען אַביסל קעגנעריש געשטימט, דער עיקר צוליב מיין עקשנותדיקער שטעלונג, אַז אַלע טראָצקיסטישע פראַקציעס דאַרפן פאַרבלייבן באַזונדערע אָרגאַני־זאַציעס, אונטער דער אָנפירונג פון אים, טראָצקין. ער האָט זיך דייטלעך געברוגזט אויף מיר, איך האָב געזעען אַז ער איז אין כעס, אָבער ביים סוף

האָט ער מיך צונויפגעפירט און באַקענט מיט זיין זון סיעדאָוו און מיך געהייסן שטיין מיט אים אין אַן עפטערן קאָנטאַקט.

ווען ס'איז אין חדשים אַרום פאָרגעקומען אין פּאַריז די קאָנפערענץ פון דעם צוויי מיט דריפערטל אינטערנאַציאָנאַל, אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר קרוק פון פוילן, פרעהליך פון דייטשלאַנד, דאָריאָ און באַרבעי פון פראַנקרייך, גאָרקין פון שפּאַניע — בין איך דעמאָלט באַויפטראָגט געוואָרן פון טראָצקין צו זיין אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר און אים צו־שטעלן אַ גענויעם באַריכט. דעמאָלט טאַקע האָט זיך טראָצקי מיט מיר צוריק איבערגעבעטן און געלויבט מיין אַנאַליטישן און סינטעטישן באַ־ריכט.

עס איז מיר אָבער נמאס געוואָרן די בויט, דאָס אַרומוואַלגערן זיך גאַנצע חדשים צייט און נישט האָבן ווו צו שלאָפן, אויסזוכן ליידיקע, פאַר־וואָרפענע פלעצער, אַמאָל אויך אויף די פעלדער הינטערן שטאָט, נישט געהאַט קיין ווינרעכט אין פאַריז, נישט געהאַט קיין אַרבעטסרעכט — און בין אין יאָר 1935 צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע.

## צווישנוואָרט נומער פיר

לאָמיר דאָ ציטירן פון צווישנוואָרט נומער איינס. דאָרט זאָגט זיך:

„מיט איין מאַך־אַוועק מיט דער האַנט פטרט ער אָפּ אַ פעריאָד פון עטלעכע יאָר לעבן. אַמאָל וואַרפט ער מיר צו עטלעכע סקעלעטישע פאַקטן — — —

...ער רייסט אָפּ פאַקט נאָך פאַקט, אַמאָל ווי מען רייסט אָפּ אַ ווייך, סאַמעטן בלימל, אָבער אָפטער — ווי ס'וואָלט זיין אַ שטענגל בריעכץ, קראָפּיווע".

מיר האָבן איצט צו טון מיט אַ פּעריאָד וואָס וואָלט באַדאַרפט הייסן:

## „דער טאַנץ-דועט פון פאַרברעכן מיט משוגעת"

אפשר קען ווער געפינען אַן אַנדערע באַצייכענונג, מער פאַרהילט אין בעלעטריסטישן זייד, אָבער עס איז סייווי קוים אַ ברוכטייל און קוים־שאָטן פון דער פאַקטישער רעאַליטעט פון אַ ריי פּאַסירונגען אין די דאָ־זיקע יאָרן. —

היטלערס קומען צו דער מאַכט, די צוואַנג־קאָלעקטיוויזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט אָפּגעקאָסט מערערע מיליאָנען אַרעסטירטע פּויערים, פאַרפּייניקטע, דערשאָסענע, געשטאָרבענע פון הונגער *); דער קיראָוו־מאָרד אין יאָר 1934; די מאָסקווער פּראָצעסן אין די יאָרן 1936—1937; די אַרעסטן פון אַסך מיליאָנען קאָמוניסטן פאַרדעכטיקטע אין

---

*) די ציפער ווערט געשאַצט אויף 11 מיליאָן. הערש מעכל האָט ביי זיך אַ קאָפּיע פון אַ געהיימער אינסטרוקציע פון 8טן מאַי 1933, וואָס איז געוואָרן אונ־טערגעשריבן דורך וו. מאָלאָטאָוו (סקריאַבין) און י. סטאַלין. עטלעכע שטעלן פון דאָרט:

„אין צענטראַל־קאָמיטעט און סאָווגאַרקאָם זענען פאַראַן ידיעות, אַז אונזערע מיטאַרבעטער זעצן נאָך ווייטער פאָר די פּראַקטיק פון אָרדנונגסלאָזע אַרעסטן. מען אַרעסטירט פאָרזיצערס פון קאָלכאָזן, דאָרפסראַטן, סעקרעטאַרן פון די יאָ־טשעיקעס. אויך די אָגעפּעאו און מיליץ פאַרלירן די מאָס און אַרעסטירן אָן דער מינדעסטער באַגרידונג, פירנדיק זיך לויט דער רעגול: פריער אַרעסטירן, דער־נאָך ערשט זיך פאַנאַנדערקלייבן.

...אויסזידלונגען זענען דערלאָזבאַר נאָר אין די פאָלגנדע געביטן און ראַמען: אין אוקראַינע — 2 טויזנט ווירטשאַפטן; צפון־קאַווקאַז — 1000; אוראַל — 1000; ווייס־רוסלאַנד — 500; גאָרקי־קרייז — 500; מיטלאַזיע — 500 — — —" (דאָ זענען נאָר 6 פון 14 אויסגערעכנטע געביטן).

„מ'דאַרף באַשטימען דעם מאַקסימום וויפל ס'קאָנען געהאלטן ווערן אַרעס־טירטע אין יעדער טורמע און אַרעסטאָרט. די אַלגעמיינע צאָל אַרעסטירטע אין גאַנצן לאַנד (אין די טורמעס און אַרעסטהייזער, חוץ אין די לאַגערן און „קאָ־לאָניעס"), דאַרף זיין בישט העכער פון 400.000 (פיר הונדערט טויזנט). פאַרפליכ־טן דער אָגעפּעאו און נקיו/יוסטיץ־קאָמיסאַריאַט/אין אַלע פאַרבאַנד־רעפּובליקן, און די פּראָקוראַטורן פון ראַטנפאַרבאַנד, דרינגענד צוטרעטן צו אַנטלאַסטן די טורמעס און אַרעסטהייזער און דערפירן במשך 2 חדשים די צאָל אַרעסטירטע פון 800.000 ביז 400.000".

(פון פאַרצייכענער: אין די טורמעס און אַרעסטהייזער זיצט בלויז אַ נישטי־קער פּראָצענט פון דער צאָל אַרעסטאַנטן אין די לאַגערן און „איבערדערציערישע אַרבעטס־קאָלאָניעס". און דאָס איז נאָך געווען פאַרן יאָר 1934, פאַר יאָר 1936—1938).

אָפּאָזיציע, מאַסן־עקזעקוציעס איבער הונדערטער טויזנטער אַקטיוויסטן, פון די קאַדרען, אַלטע באָלשעוויקעס, אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי, לערער, ארבעטער, פּויערים, פּראָפעסאָרן, סטודענטן, — כמעט אַלע אויסלענדישע קאָמוניסטן, פון פּוילן — די פירער ווארסקי און חברטע קאָסטזשעוואַ, די פּוילישע רעוואָליוציאָנערע דיכטער, אַלע קאָמינטערן־קורירן, זייערע פרויען, אַלעמען, אַלעמען, זייערע ווייט־סטע משפּחות און באַקאַנטע; טויזנטער טשעקיסטן מיט זייער אָנפי־רער בערמאַן בראש און דערנאָך אויך לעבעדיעוון, סטאַלינס אַ געהילף *

לאָמיר זיך דערמאָנען אין ווייטערע געשעענישן אין יענעם פעריאָד — די רעוואָליוציע אין שפּאַניע און די ראָלע פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט דערפירט צו דער מפּלה פון דעם שפּאַנישן אויפשטאַנד; דאָס וואָס ראַטנפאַרבאַנד האָט פאַרקויפט טאַנקערס מיט בענזין צו איטאַליע בעת איר אָנפאַלן אויף אַביסיניע; די קאָנטאַקטן און געהיימע באַציונגען צווישן דער רויטער אַרמיי און דער ווערמאַכט, וועלכע האָט זיך נאָך פאַקטיש געפירט אַפילו פאַר יאַנואַר 1933; דאָס קעפּן אין דייטשלאַנד דעם קאָמוניסטישן מאַטראָז אַנדריי; דאָס דורכפאַלן פון די אינסצעניזאַ־טאָרן פון די מאָסקווער פּראָצעסן (בעת דער עדות גאָלצמאַן האָט אָנ־געגעבן אַז טראָצקי האָט זיך מיט אים געטראָפן אין יאָר 1932 אין האָטעל

*) מ׳האָט זיי אוועקגעפירט אין סוואָבאדקא, מ׳האָט זיי אָפּגענארט, זיי אריינ־געזעצט אין וואַגאָנען און געזאָגט זיי אַז מ׳פירט זיי איבער מיטן עטאַפּ אין אַנ־דערע טורמעס, מ׳האָט זייערע וואַליזקעס באקלעפּט מיט צעטעלעך, אויפגע־שריבן זייערע נעמען און אדרעסן, א רשימה פון די זאכן, דערנאָך האָט מען ארויסגעפירט אייַנציקווייז, יעדער האָט געדארפט אַדורכגיין א שמאָלן קאָרידאָר באַלויכטן מיט שטארקע עלעקטרישע פּראָזשעקטאָרן. דאָרט האָט מען אים פאַר־שטופּט דאָס מויל מיט א קאָליק מיט שמאַטעס, אים גיך געבונדן די הענט און פיס, אים אריינגעוואָרפן אין א לאסטאויטאָ, אָנגעלייגט אַ קופּע און זיי דערשאָסן פון קוילנוואַרפער — דאַביי האָבן די אויטאָ־מאָטאָרן געראַשט און דערנאָך האָט מען זיי אוועקגעפירט אין היילן פון אויסגעלאָשענע קראַטער־בערג — און זיי פאַרברענט צוזאַמען מיט זייערע באַנדעראָלירטע וואַליזקעס און דאָקומענטן. דער איניציאַטאָר פון דאָזיקן עקזעקוציע־אָרט, לעבעדיעוו, איז אויך דאָרט פאַר־ברענט געוואָרן. בכלל איז שוין כמעט קיינער פון דאָרט נישט ארויס קיין לעבע־דיקער, אויך נישט פון טורמע־וועכטער און עקזעקוציע־פּלוטאָנען. די געציילטע וואָס זענען פון דאָרט ארויס און עס איז זיי געלונגען צו אנטלויפן קיין אויסלאַנד — זיי דערציילן דאָס וועגן די ערשטע קאַלכאויוונס פאַר ארעסטירטע.

„בריסטאָל״ אין קאָפּענהאַגען און אים איבערגעגעבן דעמאָלט די מאָרד־אינסטרוקציעס. אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז אַזאַ האָטעל מיטן נאָמען „בריסטאָל״ עקזיסטירט שוין נישט זינט יאָר 1917, איז צעשטערט גע־וואָרן בעת דער מלחמה פון אַ דייטשישער באָמבאַרדירונג). די כוואַליע פון זעלבסטמאָרדן פון איידעלע קאָמוניסטן אין פוילן, פראַנקרייך, טשע־כיע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דאָס פאַרברעכן און משוגעת פון מאָסקווער כפל כפלימדיקן טהאָמאס דע טאָרקוועמאדאַ־סטאַ־לין, און זיין געהילף־אינקוויזיטאָר — אַנדריי ווישינסקי.

הערש מעכל איז אַזעלכער, וואָס האָט פאַר אַלע דערשיינונגען — באַשטימטע באַצייכענונגען און דעפיניציעס. ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ גייסט און אויף טעאָריעס וועלכע זענען אַלץ קלאָר, ווייסן וועגן אַלץ. יעדע זאַך האָט איר קעסטעלע, ווי אין אַן אַפּטייק, מיט איר נאָמען, און באַשטימונג. אַלץ סעגרעגירט, ער ווייסט אַלע סיבות און אייגנשאַפטן — נאָר בעתן רעדן וועגן דאָזיקן פּעריאָד, האַלט ער בײדע הענט אינדער־לופטן און פאָכעט מיט זיי און טרייבט פון זיך ווי קאָשמאַר־שדים. ער איז פאַרכלינעט, אָן אָטעם — ער קען נישט און קאָן נישט רעדן און וויל נישט רעדן, ער טרייבט נאָר פון זיך אַוועק די קאָשמאַר־שדים.

**
*

דערציילט ער אַזוי קאָרג, עטלעכע ווערטער פאַר אַ יאָר:

— ווען איך בין צוריקגעקומען אין יאָר 1935 קיין פוילן, זענען אַלע טראָצקיסטן כמעט שוין געהאַט אַריינגעטרעטן אין די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. די מער יידיש־פאָלקסטימלעכע זענען אַריינגעטרעטן אין „בונד״, די מער אינטעליגענטע־אַסימילירטע זענען אַריין אין פּעפּעס. יאַקוב אַשקענאַזי איז דער ערשטער אַריין אין פּ.פּ.ס.

דאָס ביוראָ פון דער קאָמפּאַרטיי אין וואַרשע האָט צונויפגעשטעלט אַ ליסטע פון אַלע טראָצקיסטן, זייערע גענויע נעמען, פּסעוודאָנימען, זייערע אַדרעסן, און איבערגעלאָזט די דאָזיקע ליסטע אין אַ שטוב ווו מען האָט זיך געריכט אַז די פּאָליציי דאַרף דאָרט אַהינקומען אויף אַ רע־וויזיע. אַזויערנאָך וועט אַריינפאַלן די ליסטע אין די הענט פון דער „דעפּע״ (דעפּענזיווע, פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי) און זי וועט שוין אויס־ענדיקן דאָס, וואָס די סטאַליניסטן קאָנען נישט דאָ דערגרייכן.

אויף די אַלע קאָמוניסטישע פֿאַרזאַמלונגען האָבן די רעדנער דער־ציילט וועגן גרויסן פֿאַראַט פֿון די רענעגאַטן־טראָצקיסטן: אַשקענאַזי, מינצבער, הערש מעכל, וועלכע האָבן פֿאַראַטן דאָס פּוילישן פֿאָלק, גע־שלאָסן אַ געהיימען אָפּמאַך מיט היטלערן אים איבערצוגעבן פּוילן. זייערע חברים־רענעגאַטן אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי האָבן געשלאָסן אַזאַ ענ־לעכן אָפּמאַך מיטן יאַפּאַנישן מיקאַדאָ אים איבערצוגעבן כינע.

איך בין ארויסגעטרעטן מיט אייניקע רעפֿעראַטן אין די פּראָפֿעסיאָ־נעלע פֿאַריינען — האָבן די סטאַליניסטן פֿאַרזיכערט מיט זייער ערן־וואָרט, יאָ־יאָ, אַז זיי האָבן דאָקומענטן וואָס באַווייזן, אַז איך בין אַן אַגענט פֿון יאַפּאַנישן מיקאַדאָ, אַז איך פֿיר אַ טאָפּל־לעבן, מכלומרשט אַלס אַר־בעטער, אָבער אין אמתן האָב איך גענוג געלט און קאָן הוליען און פֿאַר־ברענגען וויפֿל נאָר איך וויל.

מיינע רעפֿעראַטן האָב איך געקאָנט האַלטן נאָר אין די פֿרייטיק־צונאַכטסן אָדער שבת, ווייל אַ גאַנצע וואָך האָב איך געאַרבעט ביי באָסאַ־קעריי, סאַנדאַלן, פֿון זיבן אינדערפֿרי ביז צוועלעווע ביינכט. דער „בונד" האָט מיר פֿאָרגעלייגט אַ פּאָסטן אַלס פֿונקציאָנאַר אין זייערע אינ־סטיטוציעס, אָבער איך האָב אָפּגעזאָגט. ערשט אין יאָר 1938 איז מיר געלונגען, נאָך דריי יאָר שווערער אַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, אָנצו־קלייבן אויף דינגען אַן אייגן צימערל פֿאַר מיר און רוטען. אָבער גראָד דעמאָלט האָט די פּאָליציי אויסגעפֿונען די אַלטע טורמע־דאָקומענטן אין וועלכע ס'איז פֿאַרשריבן, אַז מ'האָט מיך אַמאָל אַרויסגעלאָזט פֿון טורמע פֿאַר דער צייט, בין זיי שולדיק געבליבן עטלעכע יאָר. און אָט זוכן זיי מיך אומעטום ארום, אַז איך זאָל קומען אָפּצאָלן דעם טורמע־חוב. איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן און זיי האָבן שוין געהאַט פֿאַרהאַלטן מיין פּרוי פֿאַר אַ משכן. אָבער מ'האָט זי אָפּגעלאָזט. איך האָב זיך גע־מאַכט אַ פֿאַלשן פּאַס (כ'געדענק שוין נישט אויף וואָסער נאָמען) און סוף יאָר 1938 זיך ווידער אַרויסגעקריגן פֿון פּוילן און זיך דערשלאָגן ביז פּאַריז. שוין צום דריטן מאָל אין פּאַריז.

## „ג ע ו ו ע ז ע נ ע"

וואָס איז דאָס גרויסע פּאַריז פאַר קליינשטעטלדיקע יונגעלייט פון פּוילן? פון דער שפּראַך קענען זיי נאָר געציילטע פון די נייטיקסטע און נוציקסטע ווערטער. און דאָס — גרייזיק, צעקאַליעטשעט, אָדער מאַכן זיי ענלעך צו זייערע יידישע ווערטער. ר י ד ע ר י ו ו אַ ל י ווערט — ר י ו ו ע ל ע ס ־ גאַס. אין דער געגנט פון צוואַנציקסטן אַראָנ־דיסמאַן, בעלוויל, אָדער דריטן און פערטן אַראָנדיסמאַן — אויפן „פּלעצל" (די דע ראָזיע) און אומגעסלעך — דאָרט האָט מען נאָך געקענט אויסקומען מיט דעם היימישן ביסל יידיש. די מאכלים אין די רעסטאָ־ראַנדעלעך און גאַרקיכן זענען אויך די זעלבע — אַ געדיכטן טעלער גערייִשטע קליסקעלעך מיט אַרבעס, כאָטש די קעלנער האָבן דאָס גערופן עטוואָס אַנדערש — „איין בויאָן מיט באַבעלאָך!".

די מלבושים זענען די זעלבע גראָ־צעקנייטשטע טאַנדעט־אַנצוג־לעך, מיט די שמאָלע קראַוואַטלעך, דער טריט אַ געשטרויכלטער, איבער־געשראָקענער, און אין די אויגן זייטלען די אַפּלען מיט פּחד — כאָטש די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז הי לעגאַל, און אַזאַ אַנטיסעמיטיזם ווי אין פּוילן איז אויך נישטאָ. אָבער וואוינרעכט און אַרבעטסרעכט איז אויך נישטאָ. דאַרף מען זיך קערעוועןן. זיך אַרויסדרייען פון אַבלאַוועס, אַר־בעטן אין די בוידעמשטיבלעך ביי לעדערנע טאַשן, גומי־מאַנטלען. אויסציִען דעם טאָג ווי א לעדער, פון פאַרטאָג אַן ביז אין דער נאַכט אַריין, און נאָך אין מיטנגאַכט אַריין, נאָך אַ שעה, נאָך אַ צענדליק פראַנק אַריינכאַפּן — אָנזאַמלען אויף פּאַפּירן — וואוינרעכט, אַרבעטסרעכט. כדי צו קאָנען אַרבעטן אָן שרעק און עסן דעם בויאָן מיט באַבעלעך אָן פּחד, און איבערכאַפּן דעם שלאָף אָן לויערנדיקער אימה, מ'זאָל שוין קאָנען זיין אַ נאָרמאַלער „פּאַסאַניער". אויף דעם בעט ווו מ'דאַרף שלאָפן ליגט די אויסגעאַרבעטע סחורה (דאָס איז אויך די זיצבאַנק), לייגט מען עס אַראָפּ אויף אַ קאָלדרע אויף דרערד, מ'לייגט זיך אַוועק איבערכאַפּן דעם שלאָף, גיך איבערקומען דאָס שווערסטע שטיק נאַכטצייט, ווען די שדים־פּעלערינעס, די גראָב־בייכיקע פּאַליציאַנטן מיט די גומי־שטע־קעלעך קומען פרעגן — „פּאַפּיעי סילוופּלעי!".

נישט אַלע קאָנען זיך אויסהאַלטן לאַנגע יאָרן. אָדער זיי פאָרן צוריק אין שטעטל אַריין, אָדער מ׳גייט מיט דעם ביסל אָנגעקליבענעם געלט ווידער צו שמוגלערס, פאַרמיטלער פון פאַלשע פאַפּירן, פעסער — קיין קובאַ, אַרגענטינע, טשילי. און נישט איינער ווערט באַשווינדלט, מ׳כאַפּט אים אויף דער שיף אָדער מ׳גיט אים איבער אין דער פאָרט־פאָליציי און הייבן אָן וואַנדערן איבער תפיסות, אָן אַ גראָשן געלט, אָן דאָקומענטן. געוועז פאַלן ווען די מאַטראָזן, פאַרבונדענע מיט דעם פּאַסאַזשירן־שמוגל, וואַרפן אַריין אַזעלכע אומגעוווּנטשענע קליענטן אין וואַסער אַריין, דווקא ווען די שיף איז שוין נאָנט צו די ברעגעס פון געגאַרטן לאַנד אויף די ווייטע אָקעאַנען. און נאָר די רעקינען ווייסן דעם סוף פון אַזאַ וואַנדערער.

די עקשנים און אויסהאַלטעוודיקע וועלכע פאַרבלייבן יאָ אין פּאַריז — איז ווינציק פון זיי געניסן פון דעם אַלעם, וואָס עס האָט דאָס גרויסע, שיינע פאַריז. אויפטוערס און דרייסטע באַרימערס האָבן ליב זיך צו באַווייזן אַז זיי עסן שוין ראַקעס, שלינגען שלימאַקעס, פאַרבייסן עס מיט גרין־ווערעמדיקן שווייצערקעז און פאַרטרונקען עס מיט רויטווייַן.

פאַר דעם רוב פון די קליינשטעטלדיקע אימיגראַנטן — איז פּאַריז אַ קליין שטעטל, זייער קאַרטיע (קוואַרטאַל) און אַראָנדיסמאַן (באַצירק), כאָטש זונטיק כאַפּט מען זיך ארויס אויף עטלעכע שעה צו די קאַרוזעלעס אויף פיגאַל און מ׳טרינקט דערנאָך אַ גרינעם אַפּעריטיף. די וועלכע זענען אָן די ווייבער, קענען שוין די רי בלאָנדעל, די גאַס פון האָטע־לעכלעך מיט רויטע לאַמטערן, וווהין מ׳גייט אויף אַ ביליקער געשלעכטס־פאַרוויילונג און מ׳פאַרטרינקט דערנאָך ביים בופעט אַ גרויסן קופעל ביער.

יענע געקומענע פון פּוילן וועלכע זענען שוין געזעסן אין תפיסות אַלס פּאָליטישע, אָנגעהערט צו פאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס — פאַר זיי האָט נישט געגוגנט אזא לעבן. זיי האָבן געמוזט האָבן פאַרטיי־קלובן, מי־טינגען, צייטונגען, דיסקוסיעס. די מער אינטעליגענטע האָבן אויך באַ־דאַרפט אַ טעאַטער, מוזיי, אַ מוזיק־קאָנצערט. די מערהייט פון אַלע יונגע

אימיגראַנטן, אַרבעטער, זענען אָדער שוין געקומען קאָמוניסטן, אויב נישט — זענען זיי עס געוואָרן דאָ אויפן אָרט.

די פראַנצויזן האָבן אַ שטאַרקע קאָמוניסטישע באַוועגונג, אָבער דער פראַנצויז איז קאָמוניסט — אין קלוב, אין דער „סע זשע טע" (פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, די מערהייט — אַ קאָמוניסטישע), אויף אַ מיטינג, אין פאַרטיי־רעסטאָראַן — אויב ער עסט דאָרט מיטאָג, עס איז אים צו דער האַנט, אָבער בכלל פירט ער אַ פריוואַט טיפיש־באַלעבאַטיש לעבן. דער אַקטיווער יידישער סאָציאַליסט און קאָמוניסט — זיין אַרבעט, זיין עסן איז רעכט אַן אָפּקומעניש, בלויז אַ מיטל אים צו דערהאַלטן פיזיש — כדי ער זאָל קאָנען זיין טעטיק אין דער באַוועגונג. ער איז אויף אַלע מיטינגען, אויף אַלע דעמאָנסטראַציעס, אויף אַלע פאַרטייאישע פיקניקס אין וואַלד — ביי אים איז דאָס נישט פאַרברענגען, נאָר פראַווען מיצווה'ס, אידעאישע, פאַרטייאישע עבודה, קדושה.

פאַראַן שוין אין פאַריז אַ גרופּע קאָמוניסטשע אַקטיוויסטן, צווישן זיי אויך עטלעכע שרייבער, קענען האַלטן אַ פען און עפענען אַ מויל. נישט נאָר רעדן אויף אַ מיטינג, נאָר האַלטן אַ רעפעראַט, אַ לעקציע, אַ פאַרלעזונג, רעדן מיט מער געהויבענעם ליטעראַרישן לשון, מיט אַ יוסטער וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע. סייווי קומען זיי אַלע ביים סוף רעפעראַט צום זעלבן אויספיר, רעדן שוין דעמאָלט מיט דער געווייינלעכער, טאָגטעגלעכער פאַרטייאיש־פּאָליטישער שפּראַך, זידלען אויס ווער עמען אָדער וואָס — און פאַרענדיקן פייערליך מיט א רוף צו שטיין אויף דער וואַך, צו פירן ווייטער דעם גרויסן היסטאָרישן קאַמף.

עס דערשיינט שוין אויך אַ פאַרטייאישע טאָגצייטונג, זי רעדט נישט קיין סך וועגן פאַרטיי־ענינים, זי דאַרף זיין אביסל פאַרמאַסקירט, כדי אַריינצוציען פאַר לייענער אויך די ברייטערע נישט־פאַרטייאישע לייענער און סתם די יידן פון אַ גאַנץ יאָר. די צייטונג הייסט פאָלקסטימלעך — „דאָס נייע בלאַט". זי איז דערמיט אויסן אָפּצוציען לייענער פון דער ציוניסטישער צייטונג — „דאָס פאַריזער בלאַט".

בעני אַדלער, פון וואַרשע, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ רעליגיעזער פּאָעט, מחבר פון אַ פּאָעמע וועגן ווילנער גאון — ער איז דאָ פון די הויפּט־רעדאַקטאָרן פון „דאָס נייע בלאַט". ס'זענען פאַראַן שוין אויך

עטלעכע פּאָעטן פון דער לינקער גרופּע אין וואַרשע, צווישן זיי כּלאַוונע כּהן — אַ תמימותדיקער, גוטהאַרציקער דיכטער, אַ מענטש מיט אַן אָפן פּנים, כאָטש ער טראָגט ברילן וואָס פאַרשטעלן די אוממיטלבאַר־קייט פון זיין וואַרעמען בליק.

איינער פון די מיטאַרבעטער איז אַ בחור'ל וואָס האָט אין פּוילן ליב געהאַט זאַמלען און פאַרשרייבן פאָלקסווערטלעך און זיי איבערשיקן צום „ייוואָ". זיין נאָמען איז אויך עפּעס אַזאַ מין פאָלקלאָריסטישער — גימפּל גלאָמפּ. ער זעט אויס צו זיין אַ פלינק און געשיקט בחורל. איז פאַר־ביסן, אַמביציעז, האָט סטראַשנע ליב צו זיין געדרוקט, וואָלט געוואָלט ווערן עפּעס מער ווי אַ רעפּאָרטער וואָס ער איז ביז איצט. ער לעבט אויף ווען ער דרוקט אָפּ אַ נאָטיצל מיט שטעכלקעס, זאָגט וועמען אַריין, עסט זיך איין אין יענעם מיט גיפּס־לאַפּקעלעך. ער איז אַ בלאַסער, ליידט פון ווערעם־גרימעניש. ביי זיינע עטלעכע צוואַנציק יאָר פּליכט זיך אים שוין דער קאָפּ. ער איז סמיינסט אויף אַ סוכאַרעס־דיעטע און האַלט זיך תמיד ביים בויך — קראַמפּן, דערקוטשעניש. נאָר טאָמער האָט ער היינט אָפּגעדרוקט א געלונגענע זידלערייקע — שיינט ער פון צופרידנקייט, לאַכט מיט א נחתדיק קול — גאַרנישט ווי א גרימיק, דאַר מענטשל, נאָר ווי ער וואָלט געווען אַ הויכער, גופיקער באַס־זינגער אין אָפּערע.

אַ צייט האָט ער זיך אונטערגעשריבן מיט זיין אייגענעם נאָמען, וועלכער האָט אים דווקא פאַרשאַפט הנאה, ווייל ער איז אַ צולהכעיסדי־קער נאָמען, אַ פּראָסטאַצקער, אַ פּראָטעסטירנדיקער. נאָר דערנאָך האָט ער צוליב פּאַרטייאישע תקנות (מ'דאַרף נישט אָפּדעקן דעם אייגענעם נאָמען) — געביטן זיין נאָמען אויף אַ פּסעוודאָנים, אויך אַ מאָדנעם דווקא — ווי ער וואָלט געווען א ייד מיט אַ באַלעבאַטישער, ברייטער ווייסער באָרד, און געהאַלטן, לאָמיר זאָגן, אַ כּשרן וויינהאַנדל — אריה זכריה קייזערמאַן.

ס'איז געווען די צייט פון שפּאַנישן בירגערקריג. פּאַריז איז גע־וואָרן דער צענטער פון ווערבירן רעוואָלוציאָנערע פרייוויליקע. פון פּוילן, טשעכיע, עסטרייך, רומעניע, ארץ־ישראל זענען כסדר געקומען גרופּן און איינצלנע פרייוויליקע, פאַרקאָנספּירירט. סאָציאַליסטן, אַנאַר־כיסטן, קאָמוניסטן — זיי זענען געוואָרן איבערגעשיקט קיין שפּאַניע

קעמפן קעגן די קאָמוניסטישע חיילות פון פראַנקאָ און זיינע מיט־העלפער.

„דאָס נייע בלאַט" האָט אַסך צוגעהאָלפן אין דער פּראָפּאַגאַנדע צו ווערבירן יידישע פרייוויליקע צוהילף דער פּראָלעטאַרישער, רעוואָליוציאָנערער שפּאַניע. דאָס זעלבע האָבן געטון סיי די „אימאַניטע", „סע־סואַר", סיי „פּאָפּילער" — אָבער „דאָס נייע בלאַט" האָט עס געטון מיט נאָך מער אייפער און עקסטאַז — זענען דאָך די יידישע מאַסן געווען מער פון אַנדערע, און פילן ביטערער דעם טעם פון רעאַקציע. און זיי זענען מער קרבנות־גרייט, זייער נשמה איז מער רעוואָליוציאָניזירט — ביי זיי איז עס אויך אמונה, עקסטאַז. און די בריגאַדעס „באָטווין" און „דאָמבראָווסקי" און „טעלמאַן" האָבן געהאַט אַסך יידן. פּוילישע יידן, כאָטש זיי זענען געקומען, חוץ פון פּוילן, אויך פון טשעכיע, עסטרייך, ארץ ישראל, און געווען פארשריבן ווי עסטרייכער, טשעכן, פּאַלעס־טינער...

עס האָט זיך אַ מיש געטאָן דאָס געשיכטע־בלעטל:

עס האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען פון שפּאַניע פארוווּנדעטע קעמ־פער, אָבער נישט נאָר פארוווּנדעטע פיזיש, נאָר אויך פארוווּנדעטע אין הערצער, נשמות, אַנטוישטע אין די אידעאַלן. די איידעלע, אידעאַלע קאָ־מוניסטן (און אַוודאי שוין סאָציאַליסטן) האָבן דערזען א אומהיימלעכע ווירקלעכקייט. סיי די אויפפירונג פון די ברייטע מאַסן אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן, זעט אויס, גאַנץ אייגנאַרטיק פאַרשטאַנען אַנאַרכיזם — אַזאַ אויפפירונג, וועלכע האָט כסדר געפּאַטשט אין פּנים די ציכטיקע קראָפּאָטקין־אידעאַלן; אָבער נאָך ערגער איז עס געווען מיט די קאָמו־ניסטן. אויב אין ערשטן פאַל האַנדלט עס זיך אין מאַסן־מענטשן, וועלכע האָבן נישט געקענטביישטיין דעם נסיון פון אָפּזאָגן זיך צו געניסן פון מאַטעריעלע ווערטן — פון א גוטן פרעס, זויף, צירונג, ווייַ־בער — אויף א נישט אַנשטענדיקן אופן (עס זענען דאָך פאַרט מלחמה־באַדינגונגען), — איז אָבער דער צווייטער פאַל, די קאָמוניסטן, נאָך דייט־לעכער — די סאָוויעטישע קוריערן, מאַכט־פאַרשטייער, אָפיצירן, טשע־קיסטן, וועלכע האָבן זיך אויפגעפירט אין שפּאַניע שיער נישט ווי ביי זיך אין סאָוויעטישן היימלאנד — האָבן אויף קאַלט געמאָרדעט אויפן

פראַנט, אין די אייגענע רייען — טראָצקיסטן, סאָציאַלדעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן. זיי האָבן דאָרט פּראַקטיצירט אַלע קרימינעלע גענג פון פּראָוואָקאַציע, אָפּנאַרן, שאַנטאַזש, מאָרד.

ווען די קעמפערישע יידישע אידעאַליסטן האָבן זיך אַנגעטראָפן מיט אַט דער ווירקלעכקייט פון „פּראָלעטאַרישן טעראָר", מיט די גוט־באַ־ארבעטע שקרים, ארומגעהילטע און פאַרמאַסקירטע מיט באַנדעראָלן פון אמת — דער נישט־צוטרוי צו חברים, די פאַריסענע באַציונג פון די רו־סישע לגבי די „זאַפּאַדניקעס" — מערב־מענטשן — ווי זיי האָבן גערופן די קאָמוניסטן פון די מערב־לענדער; די גראָבקייט, די ווולגאַרע באַציונג צו די פרויען, דאָס איינפירן דעם סיסטעם פון קעגנזייטיקער שפּיאָני־רונג צווישן די חברים, מסירות, אויספאָרשונגען, אונטערשטעלן פיסלעך, פאַרדרייען, אינסצעניזירן חברים־געריכטן, מיליטערישע געריכטן, וועל־כע האָבן שוין געהאַט ליגן דעם אורטייל אין שופלאַד צוזאַמען מיט די רעזערוו־רעוואָלווערן — האָט אַנטוישט, צעבראָכן, צעאומגליקט די ענ־טוזיאַזמירטע, אידעאַליסטישע קעמפער. די וועלכע האָבן נאָך געקעמפט אויף די פראָנטן, האָבן געבעטן ביי זייערע פאַרוווּנדעטע חברים, וועלכע דאַרפן ווערן צוריקגעשיקט קיין פראַנקרייך:

„דערציילט און דעקט אויף דעם אמת!"

די וועלכע זענען שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און געפילט אז זיי גייען אויס, האָבן אַנגעכאַפּט די האַנט פון דעם דאַלעבן־שטייענדיקן חבר און געזאָגט צו אים מיט אַ פאַרקרומט מויל, מיט ביטערניש און גאַל אין די ווערטער:

„נישט אַזוי האָב איך און מיינסגלייכן עס געמיינט — איך שטאַרב אַ טאָפּלטן טויט. גריס כאָטש מיינע טייערע טאַטע־מאַמע — און דערצייל פאַר די חברים!".

ס'האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען קיין פאַריז צענדליקער, הונדער־טער — און זיי זענען געוואָרן — „געוועזענע".

זיי זיצן אין די שטאָטישע פאַרקן פון פאַריז, גוף־ און נשמה־אינ־וואַלידן, בלייכע, בלאַסע, קרענקלעכע, פאַרהונגערטע, פאַרשריגענע דורך די אָפיציעלע ליניע־מענטשן פון דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע, גע־רודפט געוואָרן, פאַרשריגן און פאַרשפּיגן.

גוט האָט די דאָזיקע שפּיי־ און זידל־מלאכה אויסגעפירט אין „דאָס נייע בלאַט" — אריה זכריה קייזערמאַן. ער האָט געביסן מיט זיינע געל־שפּיציקע ציינדלעך זיינע אייגענע ליפּן בעתן שרייבן די פּאַמפלעטלעך קעגן די „געוועזענע". אַ געניטער אין פּאָלקלאָר, האָט ער געהאַט אַ רייכן וואָקאַבולאַר פון זידלערייען, קללות, צונעמענישן. ווען ער האָט באַלד פאַרטאָג איבערגעליינט זיין אָפּגעדרוקט פּאַמפלעטל אין בלאַט, איז ער גרייט געווען, פון גרויס הנאה, זיך באַדאַי אַליין אריינצוּשטעלן אַ לעבעדיקער אין דאָזיקן ווינקל פון בלאַט און עס הויך ארויסלייענען, אַרויסשרייען. אז מען וועט אים זאָגן — ארויסבילן — וועט ער זיך אויך נישט באַליידיקן. חוץ דעם פּאַמפלעטל שרייבט ער נאָך באַזונדער א זידל־לידל, אין גראַמען. אָך, ווען מ'שאַפט נאָך דערצו מוזיק? ער אַליין וואָלט עס דיריזשירט. די טאָג־גראַמעכצן שרייבט ער אונטער אָזש מיט 4 אות־יות — א.ט.ד.פ. — אז מען פרעגט אים וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען, פּסעוודאָנים — גיט ער זיך א וויש ס'מויל מיט דער גאנצער האַנטפלאַך און זאָגט פייערלעך אויס דעם באַדייט פון די איניציאַלן — זיי באַדייטן: אַ טויט די פאַרעטער —

דער עפעקט איז גרויסאַרטיק. דאָס איז אָוודאי דאָס איינציקע וואָס האַלט אים אוף אז זיין קראַנקער אָרגאַניזם זאָל נישט אינגאַנצן שוין דעגענערירן.

גימפּל גלאָמפּ דערקוויקט זיך צו הערן ווי די קאָמוניסטישע הויך־דיגניטאַרן, וועלכע אַליין שרייבן זיי נישט קיין וואָרט, האָבן אַפילו פיינט שרייבערס און שרייבעריי (צוליב קנאה אָוודאי), ווי זיי לויבן זיין שרייבן, קלאַפּן אים אין די פּלייצעס. זיי זענען די כמעט־דעצידירנ־דיקע דעה־זאָגערס און מאַכטהאָבערס אין דער פּאַרטיי, זיי באַקומען די ערשטע די אינסטרוקציעס פון הויפּטאָרט און ווייסן וויאַזוי צו קערעווען און לענקען, ווען צו בייטן די ליניע, ווען צו בייטן די מענטשן, פונק־ציאָנאַרן, וועמען דערהייבן און וועמען דערנידערן. אויף די באַגעגע־נישן יעדער דעקאַרע קריגט גלאָמפּ פון זיי גוטזאָגענישן און צוויב־קענישן. זיי רופן אים קאָמפּלימענטאַריש:

„דער בענדיקער פון די „געוועזענע".

דאָס איז פאַר גלאָמפּן אַ באַלזאַם־אָרדן, וואָס גלעט זיין פאַרדרענג־

טער, פּאַרקרענקטער, קנאהדיקער און נקמהדיקער אינעווייניקייט.

ווען וועט ער שוין באַקומען דאָס נאָמינאַציע־צעטעלע — אַז ער ווערט מיטרעדאַקטאָר? און אפשר טאַקע, אַלץ איז מעגלעך — שעף־רעדאַקטאָר?

צו די „געוועזענע” פון שפּאַניע זענען נאָך צוגעקומען די טראָצקיסטן, די אַלע אַנדערע אָפּאָזיציאָנעל־געשטמיטע וועלכע זענען ארויסגעטרעטן פון דער פּאַרטיי אָדער מ'האָט זיי אויסגעשלאָסן. פּאַרשטייט זיך אַז — אומצופרידנקייט, אַרויסטרעטן פון אַ פּאַרטיי (וועלכע איז אַ מאַכט און האָט אַ גרויסן כוח, אויך אין די לענדער ווו זי האָט נישט די מאַכט), קעמפן פאַר זעלבסטשטענדיקע מיינונגען, קעמפן פאַר אַ נישט־פּאָפּולערן אמת, זיין גרייט אויסצושטיין רדיפות, באַליידיקעס, אין געגנוג פאַלן — אויך אויף אַ מאַטעריעלער נויט — אויף אַזעלכעס וואָגן נאָר נישט קיין דורכשניטלעכע יחידים. אַזעלכעס טוען נאָר אינדיווידואַליטעטן, פשרהלאָזע אידעאַליסטן, מענטשן פון אַ געוויסער העכערער אינטעלעקטועלער און עטישער באַגאַבונג. אויסגעזען האָבן זיי אַלע פאַרצרה'ט. עס האָט יאָ טריומפירט אין זייערע בליקן די רוחניות־דיקע הנאה פון פירן אַ קאַמף פאַר אַ נישט־פּאָפּולערער יושר־אידיי, אָבער עס איז דאָך פאַרשאַטנט געוואָרן פון זייערע פאַרשטויבטע בגדים, פון זייערע נויט־סימנים אין פנים, פון ווערן כמעט יעדן טאָג פאַרשריגן און פאַרשפּיגן — מיט רייד, מיט געדרוקטן וואָרט און אַמאָל אפילו — בפועל ממש.

אַוועק פון דער פּאַרטיי זענע כמעט אַלע צוליב די איינע און די זעלבע סיבות — דער „ניין” איז ביי זיי אַלע געווען דער זעלבער, א קלאָר־דעצידירטער; אָבער דער „יאָ” — שוין אַ פאַרשידנאַרטיקער. זיי האָבן נישט קיין איינהייטלעכן פּראָגראַם אויף וואָס יאָ, און וויאַזוי. טייל זענען געניגט צו די סאָציאַלדעמאָקראַטן און טייל צו די אַנאַרכיסטן און טראָצקיסטן, און טייל זאָגן דייטלעך און בפירוש אָפן — אַז זיי ווייסן נאָך נישט וואָס יאָ. איינער פון זיי, וועמען ביטערניש, זעט אויס, האָט שוין פאַרשוועבקט דאָס האַרץ און דעם מוח, וועלכער טרענקט זיך שוין אין ביטערניש, שרייט כעס'יק אויס:

„וואָלט איך נישט געווען קיין ייד, וואָלט איך געוואָרן אַ פאַשיסט!”

עטלעכע פון זיי האָבן זיך באַמיט אַריבערצוקריגן קיין ארץ ישראל.

איינער פון די קאָנטיקסטע און פאַרביקסטע אין דער דאָזיקער גרו־פּע „געוועזענע" איז פישל (וועל פעליקס) אייזנשטאַט. —

אין וואַרשע האָט ער אין די אָנהויב צוואָנציקער יאָרן אָנגעהערט צו דער פּועלי ציון־„יוגנט". ער איז פון אַ סאָלידער, באַלעבאַטישער שטוב. דער טאַטע — אַ וואַלד־סוחר, צי אפשר נאָר אַ פאַרמיטלער צווישן וואַלד־סוחרים. פישל, וועלכן מ'האָט אין דער גמינע־סליעסאַר־שולע גערופן פעליעק, האָט באַוויזן נאָר איין יאָר צו טראָגן דאָס ברוי־נע, אַכטקאַנטיקע אַקאַדעמישע היטל פון פּאָליטעכניקום. אין שטוב איז געווען אַריסטאָקראַטיש־לאַנגווייליק, מיט שטרענגע טראַדיציעס און נהגותן פון אַמאָליקער גבירישאַפט און יחוס. די מוטער, פּאָסטעמפּאָווע־יידישלעך, גייט יומטוב אין שול אַריין, אָבער אויך איין־צוויי מאָל אין יאָר — אין טעאַטער אַריין, דווקא אין פּוילישן, אין האַנט אַ ליאָרניאָן מיט אַ גאָלד־באַפּוצט הענטל. די שוועסטער איז אין דער סקויטן־אָרגאַ־ניזאַציע „השומר הצעיר" און גרייט זיך צו פאָרן קיין ארץ ישראל. דער עלטערער ברודער ענדיקט שוין באַלד פּאָליטעכניקום, וועט ווערן אינ־זשיניער און וועט אויך פאָרן קיין ארץ ישראל. ער, פישל־פעליעק ווייסט נאָכנישט — צי זאָל ער זיך אריבערשמוגלען ,ווי אַסך יוגנטלעכע פון דער רעוואָליוציאָנערער סביבה — קיין סאָוויעטנפאַרבאַנד, אָדער קיין ארץ ישראל. געלאָזט האָט ער זיך קיין דאַנציק. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט אַוועק אָן דער הסכמה פון די עלטערן, איז ער אַוועק אָן געלט כמעט. אין דאַנציק זיך באַקענט מיט מאַטראָזן און ביינאַכט זיך אַריינ־געכאַפּט אין א לאַסטשיף, וואָס האָט זיך געגרייט אָפּצושווימען קיין שער־בור, פראַנקרייך. די פאַרט־פּאָליציי האָט אים געכאַפּט. ער האָט זיך אַרויס־געריסן פון זייערע הענט, זיך געוואָרפן אין ים אַריין. זיי האָבן אים אַרומגעזוכט מיט א מאַטאָר־שיפל און נישט געקאָנט געפינען. ער איז דערשווומען אין דער פינצטער צום סוף האַפן און זיך דאָרט פאַרשטעקט אין אַ צווייטער שיף, אַלצייינס וווהין זי וועט פאָרן — און ס'איז אים געלונגען.

נאָכן אָפּקויפן זיך מיטן לעצטן ביסל נאַסע זלאָטעס וואָס ער האָט געהאַט פאַרשטעקט אין די שיך, נאָכן אָפּאַרבעטן אין קיך פון דאַמפער די גאַנצע

צייט פון שלעפן זיך איבער דעם באַלטיק, צפון־ים און אַטלאַנטיק, שטיין לאַנגע טעג אין די פּאָרטן — איז ער אַנגעקומען קיין פראַנקרייך.

ער איז אַוועק אַרבעטן אויף דער פּראָווינץ צו א שמיד. דער באַלעבאָס האָט אים נישט לייטיש טראַקטירט, האָט אים פעליקס דערלאַנגט אַ באָקס אין צורה, אַפּגעזעסן עטלעכע וואָכן אין אַרעסט, געוואָרן אויסגעוויזן קיין בעלגיע, און אין דער זעלבער נאַכט צוריק אַריבערגעשמוגלט די גרענעץ קיין פראַנקרייך. אַוועק אַרבעטן אין אַן אנדער מקום. געאַרבעט אויך אויפן וואָקזאַל ביים אויסלאָדן משאות פון די וואַגאָנען. זיך נענטער באַקענט מיט די פראַנצויזישע אַרבעטער און אַריינגעטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פעליקס איז געשווינד געשטיגן אויף די שטאַפּלען פון דער פּאַרטייאישער לייטער. אויף די קאָמיטעט־זיצונגען אין זיין ראַיאָן האָט פעליקס נישט פשוט גערעדט, נאָר עקספּלאָדירט — מען מוז זיין ראַדיקאַל־עקסטרעם, עס איז אַ שאָד דער טאָג וואָס מ׳פּאַרזאָמט מיט דער רעוואָליוציע. די פראַנצויזישע חברים מוסרן אים לייכטמוטיק: — קאַמעראַד פעליקס, אויפן אָרט פון דיין האַרץ ליגט טאַקע א דינאַמיט־לאַדונג, דיר איז אַ שאָד אָפּצולייגן די רעוואָליוציע אפילו אויף איין מעת־לעת — ווייל דיר איז נישט קיין שאָד טאָמער וועט חרוב ווערן אַ שטיק פּאַריז. מיר האָבן ליב פּאַריז,איז עס אונז אַ שאָד, איז אונז נישט קיין שאָד אויב די רעוואָליוציע וועט קומען מיט א מעת־לעת שפּעטער. דיין רעוואָליוציאָנערן טעמפּעראַמענט דאַרפסטו, קאַמעראַד פעליקס, אַביסל מער קאָנסערווירן און האַלטן גרייט אויף דעם ריכטיקן טאָג, אויף דעם צייטיקן מאָמענט. מען קאָן נישט כסדר פאָרן מיט אַן עקספּרעס־צוג צו דער רעוואָליוציע, מ׳דאַרף אַמאָל אויך פאָרן אויף אַ געוויינלעכן הינטערשטאָטישן שלעפּצוג.

וויפל פעליקס האָט נישט באַהערשט די פראַנצויזישע שפּראַך, האָט אים פונדעסטן נישט געסטייעט ער זאָל דעם גאַנצן קנויל צאָרן־רייד מיט איינמאָל אַ וואָרף טון דאָ אויף דער זיצונג. מוז ער, נישט ווילנדיק, זיך באַנוצן מיט דער האַנט, קלאַפּנדיק מיט איר, אַ פּאַרפויסטע, איבערן טיש. האָבן אים די חברים אָנגעגאָסן אַ גרעסערן אַפּעריטיף, און דער זיצונגפירער גלעט אים פּאָטעריש איבער דער בלאָנדער, האַרט־באַרשטיקער

טשופּרינע, וואָס שטופּט זיך ווייט פון שטערן אַוועק, און סימעטריזירט זיך מיט דעם פאַרביסענעם, פאַרבויגענעם האַטשיק־נעזל:

— מאָן שער פעליקס, פאַרמאַך אַביסל דאָס דעקל פון דיין דאַמף־קעסל!

ער האָט וואָסאַמאָל מער באַקומען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי־פונקציעס, אויך געהיימע.

ער האָט אָפט באַדאַרפט פאָרן קיין אַנטווערפּן און זיך דאָרט באַגע־גענען מיט סאָוויעטישע מאַטראָזן וואָס זענען געקומען אויף שיפן פון רוסלאַנד. ער האט ביי זיי באדארפט אָפּנעמען געוויסע מאַטעריאַלן און זיי איבערגעבן געוויסע דאָקומענטן. ס'איז אים אויסגעקומען עטלעכע אומאַנגענעמע איבעראַשונגען — די מאַטראָזן האָבן פון אים געוואָלט ער זאָל זיי פירן צו די פריילעכע מיידלעך. ס'האָט אים אַ ברי געטון, פאַרדראָסן, אָבער באַלד פאַרביסן דעם איינדרוק, געפּרוווט זוכן דערפאַר פאַרענטפערונג. און ער איז דאָך דעמאָלט אַליין אויך געוועזן אַ געזונטער, לעבנסלוסטיקער בחורעץ — אַן עס, אַ טרונק, אַ טאַנץ, אַ פלירט — אָבער אַלץ אין יענע ראַמען פון האַלב־צניעותדיקער סטודענטישקייט. דער עיקר ביי אים, און טאַקע אפשר אַלץ — איז דאָך ביי אים דאָס אידעאישע לעבן.

האָט ער שוין באַקומען נאָך אַ פונקציע אין בעלגיע — העלפן פאַר־שטאַרקן די טעטיקייט פון דער דאָרטיקער קאָמפּאַרטיי. און ער האָט דאָרט אסך אויפגעטון, עס איז גיך געוואָרן קענבאַר. דאָרט ווו פעליקס איז פאַראַן, קאָן נישט זיין קיין שלווהדיקע שטילקייט, סאָלידע טעטיקייט — ער איז דאָס פייער אונטער דעם אָרגאַניזאַציע־קעסל — עס מוז קאָכן, צוואָלעווען.

און עס איז געקומען סוף־סוף דער דער גרויסער טאָג פאַר פישל־פעליקס אייזנשטאַט — ער איז געפאָרן קיין רוסלאנד. געפאָרן אין קדשי קדשים פון דער רעוואָליוציע — די געשטאַלטערין פון דער וועלט, פון דער געשיכטע, פון דער צוקונפט אויף טויזנטער יאָרן, פון דער מענטש־הייט, פון אירע הייליקסטע הייליקייטן.

וויאַזוי ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען איז שווער צו פאַרשטיין. אַלנפאַלס פאַר די וואָס ווייסן וואָס עס מיינט — צוריק זיך אַרויסבאַקומען

פון סאָוויעטנפאַרבאַנד. ער אַליין דערציילט נישט וועגן דעם קיין סך, נאָר קליינע פּרטים:

ער האָט געלערנט אויף אַ קורס פון סליעדאָוואַטעלעס (אויספאָרשער) אין געפּעאוּ, אין וואָלאַדיוואָסטאָק. די אַלע קורסאַנטן האָבן געהאַט אַ צופרידן לעבן — צו פרעסן און צו זויפן. אָבער ווען מ׳האָט זיי איבערגעגעבן די אויפגאַבע — אַז זיי דאַרפן זיך היינט אָוונט נאָר לייכט אָנטרינקען, און דאַן וועלן זיי גיין אין דער אינערלעכער געפּעאוּ־טורמע — און דאָרט צוהערן ביים אויספאָרשן יונגע מיידלעך, טראָצקיסטקעס, סטודענטקעס. אין אמתן האָט זיך זייער צוהערן אויספאָרשן אויסגעדריקט נאָר דערין — וואָס מ׳האָט זיי איבערגעגעבן די יונגע טראָצקיסטקעס אין טורמע — צום פאַרגעוואַלדיקן.

אָט יענעם אָוונט האָט שוין ביי פעליקסן געפּלאַצט דער רעזערוואָר פון סבלנות. דאָס געוויסן האָט אויפגעריסן ס׳האַרץ. אין מוח האָט דאַן רוּיט צעגליט זיך דאָס בילד פון זיין צאַרטער, בלאָנדער שוועסטער פנינה וואָס איז יונג אַוועק קיין ארץ ישראל. ס׳האָבן געבריט און געבילדלט אין זיין מוח די דין־איידעלע פּנימער פון זיין מאַמע און טאַטע; פון די יונג מיידלעך, די חברטעס פון דער „יוגנט״־אָרגאַניזאַציע — בעלאַ און ליאַלאַ — וועלכע ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרגינען א קוש צו טון, כאָטש ער האָט דאָס אַזוי אָפּט געוואָלט און אין די נעכט דערוועגן געחלומט. אים בריען און גליען איצט די בליקן פון די מיידלעך, קאָמסאָמאָלקעס, — רוסישע, יידישע, אוקראַאינישע — וועלכע האָבן מיט זייערע פאַרשטיקטע העלזער און מיילער קוים אַרויסגעדעכעט צו די פאַרגוואַלדיקער:

„מערזאַווצי!״

זייערע אויסגעביילטע אויגן־אַפּלען האָבן געטרערט מיט פייערדיקע טרערן פון שוימיקן האַס און צאָרן — און ווידער קוים אַרויסגעדעכעט א וואָרט:

— פאַשיסטי!

אין יענער נאַכט און אין יענעם צומאָרגנס האָט ער שוין געוווּסט, פישל, אַז אַלץ איז חרוב. און ס׳מוז חרוב ווערן ביזן סוף. אפשר דעמאָלט וועט זיך נאָך לאָזן עפּעס אָפּראַטעווען, איידער עס גאַנגרעניזירט די גאַנ־

צע וועלט. ער מוז פונדאַנען ארויס. וועט ער נאָך אפשר עפּעס אויפטון דאָס צו דערגרייכן.

ער מוז זיין פּייער פּאַרטוישן אויף קליינע, שטילינקע פּלעמלעך, ער מוז זיין צאָרן גרימירן מיט איינשטימיקע שמייכעלעך, וווילוינגעריש זיך באַלעקן מיטן פּרעס און זויף און תמיד שאָקלען, מאַריאָנעטיש, מיט דעם קאָפּ ווערטיקאַל — חלילה האָריזאָנטאַל. דערפאַר האָט ער געקענט במשך אסך חדשים, העכער א יאָר, איינמאָל אין חודש — באקומען צו־געשיקט א בריוו פון פּאַריז, אויפּ אַדרעס פון אַן אָנגעזעענעם אַלטן באָל־שעוויק אין וולאַדיוואָסטאָק, א הויכן פונקציאָנאַר, און אין דעם בריוו איז געלעגן בלויז איין גרין בלעטל פון א פראַנצויזישן פּאַס. במשך 16 חדשים האָט זיך פון די דאָזיקע בלעטלעך צונויפגעשטעלט א פולער פראַנצויזישער פּאַס. ער איז מיט אים אוועק, אונטער אַן אויסרייד, אין אַן אַנדערן ראַיאָן און דאָרט אריינגעגעבן זיין אויסלענדישן פּאַס אין „אָוויר". עס איז אים געלונגען. דער פּאַס איז וויזירט געוואָרן, און ער איז ארויסגעפאָרן פון סאָוויעטנפאַרבאַנד. צוריק קיין פּאַריז.

פונדאַנען איז ער געפאָרן קיין ארץ ישראל, איז אַריין אין קיבוץ ווו ס'איז זיין שוועסטער. האָט ער דאָך דאָרט גענומען זיך אָנדערציילן וועגן רוסלאַנד, איז גענוג געווען אז אין א קורצער צייט זאָל ער ווערן אַן אָביעקט פון שנאה און שפּאָט. אויך זיין שוועסטער האָט שוין צוליב אים געליטן.

זיין עלטערער ברודער איז שוין געהאַט לאַנג אַוועק פון קיבוץ, גע־הערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און אפילו געוואָרן דעלעגירט פון דער פּאַרטיי אין א שכנותדיק אַראַביש לאַנד — אויף אויסצופירן דאָרט באַשטימטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פונקציעס.

פישל איז צוריקגעקומען קיין פּאַריז. ער האָט דאָ חתונה געהאַט, האָט א טעכטערל, אַרבעט א גאנצן טאָג אין א פאַבריק, און יעדן פאַרנאַכט קומט ער אין לוקסעמבורג־גאָרטן און זעצט זיך אין דעם ווינקל ווו ס'זיצן אויף עטלעכע בענק „די געוועזענע".

ביינאַכט גייט ער אין קלוב פון די טראָצקיסטן. ער האָט שוין באַ־וויזן צו אָרגאַניזירן עטלעכע גרעסערע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. ער פילט — אז אויך ביי זיי וועט ער זיך לאַנג נישט איינהאַלטן. זיין שנאה

צום באַלשעוויזם — וואָס דאָס מיינט ממילא צום קאָמוניזם אומעטום — איז אזוי גרויס, אז זי קאָן נישט אריין אין די ראַמען פון א פּראָגראַם, אין די ראַמען פון אַן אָרגאַניזאַציע. פישלען איז ווינציק די 24 שעה אין מעת לעת אויף האַסן דעם סטאַלינישן קאָמוניזם. קיין שום „געוועזענער", קיין שום אָפּאָזיציאָנער האָט נאָך אוודאי אזוי נישט גערעדט ווי ער. ער וואָלט גערן, זאָגט ער, פאַרטווישט זיינע רייד אויף — קוילן. ער וואָלט געשאָסן יעדן קאָמוניסטישן פונקציאָנאַר — נישט די פשוטע אַרבעטער — פאַרפּירטע, ערלעך־מיינענדיקע — נאָר די פירער, די פּראָפעסיאָנאַלן, פונקציאָנאַרן, און אויך די אינטעליגענטע מיטהאַלטער, די מיטלויפער. זיי זענען, אָביעקטיוו, נישט בעסער פון יענע, געננוי אזוי שעדלעך ווי יענע. אויב ווילסטו טוען א הומאַניסטישע מיצווה — דערשיס א צו־קונפטיקן גרויס־מערדער. טאָמער קומט עס צו יענעם סטאַלינישן רע־זשים, וועט יעדער פון זיי מאָרדן צענדליקער, הונדערטער, אפשר טויזנ־טער און נאָך מער — טאָ פאַרוואָס זאָלן דיר נישט זיין קיין שאָד מענטש־לעכע לעבנס, אז דו קענסט שוין איצט איינשפּאָרן אַזויפיל — א קויל איינעם — און דו ראַטעוועסט הונדערט.

פישל טרעט אַרויס אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, האָט נישט קיין מורא צו גיין אויף קאָמוניסטישע מיטינגען, צום לייב אין פיסק — און זאָגט דאָרט וואָס ער וויל. און אויסטערליש — מ׳האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געשלאָגן אויף אזא פאַרזאַמלונג. מ׳האָט אים אפילו ליב צו הערן רעדן. ער זידלט, ער שעלט, ער רעדט אלץ וווּנדיק אָפן — און זיי, די קאָמוניסטישע מאַסן, הערן אים גערן — נישט קיין סך ווינציקער גערן ווי זיי האָבן אים געהערט אין יענע יאָרן ווען מיט זיינע רייד האָט ער גערופן צו רעוואָליוציע, ווען ער איז געווען זייער ליבלינג. אוודאי מאַכן זיי אים צווישנרופן, זידלען אים, אָבער אז די אַלע באַליידיק־ווערטער און אויסרופן נעמט ער אויף מיט עלעגאַנץ און אַרויסרופערישער שמייכ־לערײַ — און ס׳טרעפן אַזעלכע דיאַלאָגן צווישן עולם און אים:

— ביסט א קאָנטררעוואָליוציאָנער!

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט!

— ביסט א פאַשיסט!

— אַבי נישט קיין סטאַלינִיסט!

— ביסט א שפיאָן!

— א שפיאָן איז אין געהיים, און איך רוף אָפן צו צעשטערן די קרעמלישע באַסטיליע, דעם סטאַלינישן רעזשים און אלע זיינע צוהעלפער סיי אין מאָסקווע סיי אין פּאַריז.

ער פלעגט נאָך צוגעבן:

— ביי אייך מיינט דאָ קאַמף קעגן טראָצקיזם — בראַשורן, פּאָלעמיק, זידלערייען, אַמאָל אויך אונטערהאַקן וועמען פון די טראָצקיסטן אַן אויג — ביי מיר איז טראָצקיזם — פאַרגעוואַלדיקטע מיידלעך דורך די יונגע אַספּיראַנטן פון דער געפּעאו, מיטן אַנטייל פון מיר אַליין! — איך, פישל אייזנשטאַט.

דעמאָלט צעשטורעמט זיך שוין דער זאַל און מען לויפט אים כאַפּן אַרויסוואַרפן — לאָזט ער זיך נישט. אוודאי וואָלט מען אים געקאָנט לייכט באַזיגן און אַרויסוואַרפן, מ׳געפינט אָבער א בעסער געווער, דער פירער פון דער פאַרזאַמלונג דערקלערט — אז א פסיכיש קראַנקן דאַרף מען נישט שלאָגן — און זיי רופן די פאַרזאַמלטע אין א שכנותדיקן לאָקאַל.

אויף א פּאַרטרוילעכער זיצונג פון די קאָמוניסטן, אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען די פראַגע וויאַזוי צו האַנדלען מיט פישל אייזנשטאַט, וויאַזוי אים אומשעדלעך מאַכן, איז דאָרט באַשלאָסן געוואָרן צו טון אזא זאַך אויף וועלכער קיינער האָט זיך נישט גערעכט. אין איינעם א פאַרנאַכט האָט מען אויף די בענק פון די „געוועזענע" אין לוקסעמבורג־גאָרטן געפונען קליינטשיקע געדרוקטע אויפרופן, אונטערגעשריבן „די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע", אין וועלכע ס׳ווערט געזאָגט, אז דער חבר פישל־פעליקס אייזנשטאַט איז אַ טשעקיסט — א פּראָוואָקאַטאָר און מ׳דאַרף זיך פאַר אים היטן.

אוודאי האָט די טראָצקיסטישע פּרעסע נאָכדעם געליאַרעמט וועגן דער פּראָוואָקאַציע פון די סטאַליניסטן, וועלכע ווילן אַזויאַרום שטום מאַכן דעם חבר פישל — אָבער אפילו אַזאַ נאַריש בילבולע איז אַן אָנשטעקנדיקער, קלעפּיקער מיקראָב, עפּעס פון אים פאַרבלייבט שוין ווו און ביי וועמען עס איז. אָבער נישט פישל וועט זיך איינברעכן. ער איז נאָך מיט מער שאַרפקייט און אייפער ארויסגעטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען, און אָפטמאָל פשוט פאַר די קאַפעען, אפילו אויפן פלעצל — זיך אָוועק־

געשטעלט אין א זונטיק רעדן און דערציילן. ער האָט אויך דערציילט פּרטים פון זיין זיין א געוויסע צייט אין ביראָבידזשאַן און זיינע וויכוחים מיט דוד בערגלסאָן.

נאָך הערש מעכלס אָנקומען קיין פּאַריז און זיך פאַרבונדן מיט דער טראָצקיסטישער אָרגאַניזאַציע, איז עס געקומען צו געוויסע שטרייטן צווישן אים און פישלען. הערש מעכל האָט ליב צו רעדן אַנאַליטיש, טעאָרעטיזירן. הערש מעכל האָט באַלד פאַרנומען א חשוב אָרט אין דער פּאַריזער טראָצקיסטן־אָרגאַניזאַציע, אין דער יידישער גרופּע. פישלען האָט מען אָנגעהויבן פאָרוואַרפן — אַנאַרכיזם, סתם בלינד־סטיכישע שנאה.

פישל איז געוואָרן פּאַסיוו, זיך שוין באַנוגנט נאָר מיט זיצן פאַרנאַכט אין לוקסעמבורג־גאָרטן, אין דער אַלייע פון די „געוועזענע" און שמועסן א שעה־צוויי. מערסטנס איז ער שוין געזעסן מיט זיין קליין טעכטערל אויף דער האַנט. זעט אויס, אז אויך די ליבע צום טעכטערל האָט אַביסל אָפּגעצאַפּט פון זיין פּאָליטישער אַקטיווקייט. אָדער להיפוך? — די אויסגערונענע פּאָליטישע אַקטיווקייט האָט זיך איבערגעגאָסן און איבערגעשטאַלטיקט אין זאַפטיקער ליבע צו זיין טעכטערל, זשאַעל*).

## די רעוואָלוציע דאַרף בלוט־טראַנספוזיעס?

עס האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע רדיפות אויף די טראָצקיסטן אין פראַנקרייך — נישט פון דער פּאָליציי, נאָר פון די סטאַליניסטן.

— איך האָב זיך געוואָלט און באַדאַרפט זעען מיטן סעקרעטאַר פון 4טן אינטערנאַציאָנאַל (א דייטשער ייד); איך האָב זיך אויך געוואָלט זעען מיט מיין גוטן חבר סיעדאָוו טראָצקי און געוואָרן באַשטעלט אים צו זעען אין שפּיטאָל. א שעה פאַר מיין אָנקומען אין שפּיטאָל — איז שוין סיעדאָוו טראָצקי געווען טויט. די סטאַליניסטן האָבן אים אָפּגעסמט אין פּאַריזער שפּיטאָל. מ'האָט מיך נישט געהייסן גיין צו דער לוויה. חוץ אַלעם האָט מיך אויך געזוכט די פּאָליציי. איך בין דעמאָלט געווען גענצלעך אומלעגאַל.

*) מסתמא לויט דער תנ"ך־געשטאַלט יעל, וועלכע האָט אריינגעהאַקט א פלעקל אין מוח־שלייף פון כנענישן קריגספירער סיסראַ...

גאַל. אין דער אָרגאַניזאַציע אין פּאַריז איז געווען אַקטיוו א סטודענט פון סאָרבאָנע. ער איז געווען א באַנקירס א זון, פון קאָוונע. ער איז שוין אפילו געווען צו אַלט פאַר א סטודענט, נאָר אין סאָרבאָנע זענען דאָך פאַראַן אויך פּערציקיעריקע, און נאָך עלטערע סטודענטן, און ער, שאַרליק, איז געווען אין די דרייסיקער. ער האָט זיך פשוט געטוליעט צו מיר מיט זיין חברישקייט. ער האָט זיך געפירט מעשה־ברייטע, רו־סישע נאַטור פון באַרינישן שניט. א פריילעכער, געוואָרפן מיט געלט, געטרונקען, מכבד געווען מיט די בעסטע מיטאָגן — ער איז דאָך א באַנ־קירס א זון — אָבער מיר איז ער געווען דערווידער פון דער ערשטער מינוט אָן זינט כ׳האָב אים באַגעגנט. אין זיין מאָדנער עקסטרעמקייט, אין זיין עקזאַלטירטער שנאה צו די סטאַליניסטן — פישל אייזנשטאַט איז עס אויך — אָבער זיין האַרץ און אויפריכטיקייט ליגט אויף דער האַנט, אויפן פנים, אין יעדן גליאיקן וואָרט פישלס, אין יעדן אָפענעם בליק זיי־נעם — אָבער שאַרליק, דאָס קאָוונער באַנקערסקע זונדל — האָט אַזעלכע ווייכע, פאַלשע געגלעד. יאָ, אינטעליגענט איז ער, אַרבעטסזאַם, פעיק, פלינק. דארף מען א פאלשן פּאַס פאר א חבר, א דאָקומענט — שאַרליק באַקומט עס זייער שנעל. ער באַקענט זיך און פאַרבינדט זיך לייכט מיט מענטשן, א געריבענע צונג, א קעציש חנ׳דל, דאַביי ענערגיש — און אָנגעשטאָפּט מיט געלט — אזא איינער קומט צונויף אין אַן אָרגאַניזאַציע, דערצו נאָך אין אונזערע באַדינגונגען — און דאָך האָב איך אים ממש פיזיש, אָרגאַניש נישט פאַרטראָגן. און עס וועט אייך אפשר אויסזעען מאָדנע — ער האָט מיך סמיינסט אָפּגעשטויסן צוליב זיין ענלעכקייט צו א געוויסן טיפּ וואָס האָט זיך געראָפן לוק, אין פוילן, ווי יענער וואָלט זיין זיינס אַן עלטערער ברודער, אַלנפאַלס — ווי זיי וואָלטן ארויס פון איין פאָרעם. יאָ, עס איז כדאי אייך וועגן אים צו דערציילן עטוואָס מערער, הערט:

דער אין וואַרשע איז געווען אביסל העכער פון שאַרליקן. א בלאָנ־דער, די האָר ביי אים — ווי מושטירטע, אויפגעשטעלטע, שמעקן מיט גוטן פּאַרפום. ער האָט תמיד געטראָגן הענטשקעס, סיי ווינטער סיי זומער, זאַמשענע, זיידענע. אָנגעטון עלעגאַנט אָבער דאָך ווי אַן אינטעליגענט. בישט צופיל פּאַריסן, סאָלידער טונקעלער שטאָף—פון טייערסטן. גערעדט

אסך לשונות. ברילן האָט ער זייער אָפּט געטוישט, פון פאַרשידענע מוס־טערן און קאָלירן. אויף זיצונגען האָט ער אפילו ליב געהאַט צו קאָקע־טירן מיט אַריינשטעלן א מאָנאָקל אין אויג. אויגן האָט ער געהאַט קאַלטע, פאַרלאָשענע, און שיער נישט אומבאַוועגלעכע — האָסט אין זיי גאָר־נישט געקענט לייענען, פון זיי גאָרנישט געקענט דערגיין. מ׳האָט אפילו רעכט נישט געוווּסט פון וואָסער נאַציע ער איז. אויב דו האָסט אים אַמאָל עפּעס געפרעגט אַזעלכעס וואָס עס איז אים נישט געווען באַקוועם צו ענטפערן, האָט ער אָנגעשטעלט אויף דיר זיינע גרויסע קאַלטע אויגן — און ר׳האָט דיך אַנטוואָפנט, ס׳איז רעכט זאָלסט אין אזא מאָ־מענט אויפהייבן די הענט און אויסרופן — כ׳גיב זיך אונטער! — נישט אויסגעשלאָסן, אז ער האָט באַזיצט עפּעס פון א היפּנאָטישן כוח. יאָ, מ׳האָט אים גערופן לוץ, וואָרשיינלעך א פאַרקירצונג פון לוציאַן, כאָטש ער האָט פונקט אַזוי געקענט הייסן לעאָניד, לאַזאַר, לעאָנאַרד. אָבער אויך לוציאַן האָט ער נישט געהייסן. ער האָט געהאַט א גאַנץ מאָד־נע פונקציע —

אויב ס׳האָט וועגן פון די „טעכניקער״, פון די קוריערן, אַגענטן — באַדאַרפט עפּעס אַדורכפירן א מיאוס שטיקל ארבעט, א וויכטיקע פאַר דער פאַרטיי — און יענער האָט נישט געהאַט קיין דרייסטקייט, זיך גע־קווענקלט, געהאַט מאָראַלישע סקרופּולן, אָדער פשוט נישט געוווינט געווען, האָט לוץ געהאַט די אויפגאַבע יענעם ווי געהעריק צו באַאַרבעטן און צוגרייטן. ס׳האָט געדויערט נישט מער ווי עטלעכע טעג און לוץ האָט דעם האַרטסטן שטיין ווייך געמאַכט, דעם איידלסטן צי פאַרעקשנטן כאַראַקטער אַזוי צעקנייטשט, צעווייכט, און דערנאָך אים באַלד פאַר־האַרטעוועט אויף דעם נייעם פאַסאָן, אויף דעם נייעם לוצישן שטייגער און פאַרמע — אז יענער איז שוין דערנאָך פעיק געווען אפילו צו פאַר־געוואַלדיקן די אייגענע מאַמע און נישט פילן עס ווי א פאַרברעכן.

בלויז איין טאָג האָט ער מיך אַמאָל גענומען אויף זיין קאָפּיטע צו באַאַרבעטן, און איך בין אַוועק אין מיטן סעאַנס, אין מיטן זיין לעקציע, און שיער אים נישט אָנגעשפּיגן אין זיין פּרצוף אַריין. איך האָב דעמאָלט געקריגן א פאָרוואורף פון דער פאַרטיי, אָבער איך בין אין יענעם מאָמענט גרייט געווען אפילו אויף מער ווי אויף א פאָרוואורף, אַבי נישט זעען די

מאָרדע פון דאָזיקן — לאָמיך אייך שוין דאַביי זאָגן דעם ריכטיקן באַ־דייט פון לוץ — דאָס איז געווען א פאַרקירצונג פון לוציפער. ציי ער אַליין האָט זיך געגעבן דעם דאָזיקן קריפּטאָנים, אָדער אַנדערע — נאָר ער איז געווען נישט נאָר א תלמיד פון לוציפערן, נאָר ער האָט געקענט זיין א גרויסמייסטער ביי לוציפערן, א לערער פון אַשמדאי, דעמאָן, מע־פיסטאָ, און ביי אַלע גרויס־טייוואָלים און שדים.

זיין באַלערנדיקע לעקציע האָט ער, געוויינלעך, אָנגעהויבן נאָכן אויסטרונקען א באָקאַל שאַמפּאַן. זיין שילער האָט ער אויך מכבד גע־ווען מיט א באָקאַל פון דעם טייערסטן, שוימענדיקן שאַמפּאַניער, גע־האַלטן אויף אייז. איך וועל אייך נישט איבערגעבן גענוי אַלץ, נאָר איך געדענק גענוג גוט גאַנצע פראַזעס, זאַצן און אָפּזאַצן זיינע. למשל:

„אָט זאָגט מען דיר אַן אַז עס וועט באַלד אויסברעכן א ריזן־ שריפה, כמעט אַלץ וועט פאַרברענט ווערן; עס דאַרף א פלייץ טון א מבול אויף דער וועלט, א נייער נח־מבול; ס׳האַלט ביי געשעען א טאָטאַלע ערד־ציטערניש און כמעט אַלץ וועט פאַרלענדט ווערן; עס האַלט ביי אויס־ברעכן א גלאָבאַלע רעוואָליוציע. איז לאָמירזשע תמיד זיין גרייט ווי פאַר א שריפה, א מבול, אַן ערד־ציטערניש, א רעוואָליוציע. אַלע קאָדעקסן, אַלע באַגריפן, אַלע ווערטן — פאַרברענט, אָפּגעמעקט. מ׳הייבט אָן אַלץ צו באַטראַכטן פונסניי. אָדער לאָמיר זאָגן פשוטער: רוק אָפּ דאָס שייד־ווענטל פון יעדן מענטש, פון יעדן אָביעקט, פון יעדער זאַך, פון יעדן באַגריף. איז אָט פיר איך דיך צו צום שיידווענטל. נו, רוק עס אָפּ:

„זע נאָר דעם דינעם מהלך פון לעבן און טויט — א פאָדים. זע נאָר דעם מהלך פון א גרויסן געלערנטן, א חכם, ביז א תם, א אידיאָט, א משו־גענעם. פרעג ביים אַנאַטאָם, פיזיאָלאָג — ער וועט דיר זאָגן אויף וועלכן אָרט פון מוח אריינצושטעכן א שפּילקע — און יענער ווערט פון אַן איידלגייסט, פון א גרויס־חכם — א קרעטין־אידיאָט.

„קוק נאָר אַצינד אויף דעם דינעם, קוים־זעבאַרן ווענטל פון אָרנסט־לעכקייט און אומאָרנטלעכקייט. קוק אויף די אונטערשידן פון טעם, גע־שמאַק, מאָראַל. ביי אַ קאַרייער איז ס׳באַליבטסטע מאכל — הינטפלייש, וואָס א ייד, א קריסט און מוסלמענער וועלן עס בשום אופן נישט עסן. די פראַנצויזן עסן גערן פערדפלייש, שלימאַקעס, ראַקעס — א ייד, מוסל־

מענער — ווע‏לן עס זעלטן עסן. מוסלמענער האָבן צו עטלעכע ווייבער; עסקימאָסן זענען מכבד זייערס א גאַסט מיט דעם אייגענעם ווייב אָדער טאָכטער צום איבערשלאָפן זיך — און טאָמער זאָגסטו אָפּ, ביסטו עובר אויף זייער עטיק און ער איז גרייט דיך הרגנען. נו? איז ווו דער אייני־הייטלעכער טעם, געשמאַק, איינהייטלעכע מאָראַל?

„רוק איך פאַר דיר נאָכאַמאָל אָפּ ס׳ווענטל פון צניעות. אַט שטייסטו דאַלעבן אַ יונגער, איידעלער, צאַרטער, צניעותדיקער פרוי. נו, האָסט שוין אָפּגערוקט ס׳שיידווענטל? אַצינד טו זי אויס, אין דיין מחשבה, פון איר אונטערוועש. זע — אַ נעבעכדיק שטיקל גוף — וואָס דו קענסט עס זעען אַליין, אָדער אויף אַ מאלערישן אַקט, אָדער אויף די אילוסטראַציעס אין די ביכלעך פאַר פיזיאָלאָגיע. קוק אַראָפּ נידעריקער, אָט דער פראַג־מענט גוף אירס האָט זיינע אייגנטימלעכע אייגנשאפטן און פונק־ציעס — די זעלבע כמעט וואָס די קו, קאָבילע, צויג, ציג, קאַץ — דערוואַרעמט דעם מענלעכן זכר, רופט אַרויס א ספּאַזם, פאַרשאַפט א מין עקסטאַטישע באַפרוכפּערונג. איז וואָס באַזינגען דאָס די נאַרישע פּאָעטן אין מיליאָנען ביכלעך אָט די דאָזיקע פאַרוויילונג און דעם דאָזיקן פּראָ־דוציר־אַקט? און מאָראַליסטן האָבן וועגן דעם אָנגעשריבן תורה׳ס, קאַ־נאָניזירט קאָדעקסן מיט מאָראַלישע כללים, און אנדערע שטותים. מיין גאָט, וואָסערע אייזלקעפּ! ווילסט? גיי צו, דערנענטער זיך צו איר, פיר אַדורך דיין פונקציע. טראָגט זי יאָ ברילן אָדער נישט. איז זי יאָ א געלערנטע אָדער נישט, איז זי א פּראַנצויזין אָדער א יאַפּאַנערין, א יידישע צי א נעגערישע, וויל זי יאָ צי וויל זי נישט, איז זי דיינע א קרו־בה אָדער ווייטע, איז זי א צניעותדיקע צי פאַרשייטע — איין, ווי הייסט עס דאָרט, גוף־פראַגמענט, מוטער־אָרגאַן. מען איז צוגעבונדן, צוגע־ווינט, בירגערלעך, באַלעבאַטיש — ווי ס׳מינדסטע נידעריקע באַשע־פעניש. אפשר יאָ אַביסל בלוט־נאָנטקייט און אפשר נישט — מער באַזירט אויף פאָראורטיילן, אָנגעלייענטע, אָנגעהערטע, איבערגענומענע, פאַר־שטעלט און באַוואָרנט און אַרומגעצוימט מיט שיידווענטלעך.״

— איך האָב דערפילט, אַז ער טוט מיך אויס מוטער־נאַקעט, שינט פון מיר אָפּ די הויט, שניידט פון מיר אַרויס, ברענט אויס — אַלדאָס וואַ־רעמע פון אונטערן האַרץ, יעדע צוגעבונדנקייט צו נאָענטע, יעדע בענק־

שאַפט, יעדע ליבע, יעדע מאָראַל, יעדן אידעאַל. איך האָב זיך דערזעען אַן אָפּגעשינדענעם און שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין אַסך שווידער־טהאַטן פון חברים. איך האָב דערלאַנגט אַ האַסטיקן און הילכיקן שפּיי, שיער נישט אין זיין פּרצוף אַריין, און אויסגעשריגן —

„טפוי!״

ער האָט זיך צעלאַכט, ווי ער וואָלט געהאַט אין האַלז קאַסטאַניעטן:

„איר וועט מוזן צו מיר קומען אויף נאָך איין סעאַנס, מיר וועלן די דאָזע האַשיש פאַרצווייפּאַכן! דעם אַנטי־האַשיש!!

איך בין אַוועק צו וועמען מ׳דאַרף און מיטגעטיילט, אַז כ׳זאָג זיך קאַטעגאָריש אָפּ ווייטער צו גיין צו לוצן און זאָג זיך אָפּ אויסצופירן א גע־ וויסע באַשטימטע פונקציע, וואָס צוליב דעם האָט לוץ מיך באַדאַרפט פריער פּסיכיש אינסטרואירן, אויסקנעטן און אויסוועלגערן — ווי מ׳האָט עס גערופן.

קייגן וואָס דערצייל איך דאָס אַלץ? קודם כל מוז איך אייך זאָגן, אַז בעתן דערציילן אייך וועגן אים, שטייט ער פאַר מיר שאַרף־לעבעדיק פאַר די אויגן און כ׳האָב אָנגעהויבן צו מיינען — אַז אפשר איז פאַרט דאָס דער זעלבער טאַקע קאָוונער, באַנקירישער זונדל, כאָטש ער זעט אויס מיט בפירושע צען, צי אפילו פופצן יאָר יונגער פון לוצן?! נאָר אשמדאי אַליין ווייסט עס — צי ס׳דאַכט זיך מיר נאָר אויס, צי עס איז טאַקע פאַקטיש אַזוי!

ווי שוין געזאָגט פאַר אייך, האָב איך זיך באַדאַרפט זעען מיטן סעקרעטאַר פון 4טן אינטערנאַציאָנאַל. איך האָב געהאַט זיך מיט אים באַשטעלט אין בולאָנער וואַלד. אָבער א באמת משונהדיקער צופאַל האָט מיך דערפון אָפּגעהאַלטן. איך האָב באַקומען מאָגן־ווייטיק וואָס טרעפט ביי מיר גאָר זעלטן, און נישט געקאָנט קומען צו דער אָפּגערעדטער באַ־ געגעניש. עס האָט אויך דאָרט געזאָלט זיין דער קאָוונער שאַרליק. און אָט — אין אָט דעם פרימאָרגן און אין יענער שעה — האָט מען געפונען אין בולאָנער וואַלד דעם סעקרעטאַר פון 4טן אינטערנאַציאָנאַל — מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ. אויך מיט אָפּגעהאַקטע הענט, כדי מ׳זאָל אים נישט קענען אזוי גיך אידענטיפיצירן. מ׳האָט אים געפונען א שווימענדיקן אין דער סען. מ׳איז גיך געוואָר געוואָרן, אז שאַרליק, דאָס באַנקירישע

זונדל פון קאָוונע — איז אַן אַגענט פון דער געפּעאו און ער האָט דאָס אַדורכגעפירט דעם מאָרד. ער איז געווען מיט נאָך א געהילף. זיי זענען אין זעלבן טאָג אַריבער די גרענעץ קיין שווייץ.

טראָצקי און די גאַנצע פראַנצויזישע פּרעסע האָבן אָנגעשריבן וועגן דאָזיקן פאַל. די פּאָליציי איז גיך אַרויף אויף די שפּורן פון א פּאַר־צווייגטער געפּעאו־באַנדע אין פראַנקרייך, אָנגעכאַפּט דעם קנופּ. זי האָט געקענט אַרויסבאַקומען שאַרליקן פון דער שווייצאַרישער מאַכט — נאָר פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן דעמאָלט געהאַלטן ערב ביים אָפּ־שליסן דעם מיליטערישן פּאַקט מיט רוסלאַנד — האָט די פראַנצויזישע פּאָליציי באַקומען א ווונק צו פאַרייבן און פאַרווישן דעם גאַנצן ענין.

איך האָב דערנאָך נאָכגעטראַכט פאַרוואָס איך בין יענעם פרימאָרגן נישט געגאַנגען אין בולאָנער וואַלד צום ראַנדעוווּ מיטן סעקרעטאַר און מיט שאַרליקן, האָט זיך מיר געגומען אויסדאַכטן, אַז ס'איז גאָרנישט גע־ווען אַזוי קיין בויכווייטיק ווי עקל־ווייטיק ווידער צו באַגעגענען דאָס דאָזי־קע באַנקירישע זונדל שאַרליק. אַ גרויס־שד, אַ פּראָטאָטיפּ פון יענעם לוץ־לוציפער, וואָס דער שוואַרציאַר ווייסט זיי — אפשר איז עס טאַקע איינאונדערזעלבער פאַרשוין?

די טראָצקיסטישע גרופּע האָט נאָך דעם דאָזיקן פאַל מיך אויסבאַ־האַטלן פיר וואָכן צייט אין א דאָרף, ביי אַן אַלטער פרוי. עס איז פאַר־שטאַנען געוואָרן, אַז חוץ די צוויי, האָבן געמוזט זיין אין דער באַנט באַהאַלטן נאָך עטלעכע געפּעאו־צוהעלפער, וועלכע האָבן באַדאַרפט דעם סעקרעטאַר און מיך גלייכצייטיק ליקווידירן, מיט איינמאָל. און אוודאי זוכן זיי מיך נאָך ארום.

**
*

— די וואָכן, חדשים, זענען אין דעם יאָר 1939 געלאָפן משונהדיק גיך, געאיילט זיך. פאשיסטישע סטודענטן צוזאמען מיט אַראַבער האָבן שוין דעמאָנסטרירט אויף די גאַסן, געוואָרפן אַנטי־יידישע לאָזונגען, צע־שלאָגן פארבייגייענדיקע יידן. און עס איז געשען דאָס — וואָס האָט אויף עטלעכע טעג משונהדיק פארחידושט, געפּלעפט, שיער נישט משו־גע געמאַכט די איידלגייסטער, די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, סאָציאַליסטן, סימפּאַטיקער פון די קאָמוניסטן; די קאָמוניסטישע פירער גופא זענען

אויף א קורצער צייט — טעג, צי גאַר שעה׳ן — אַראָפּ אין די קעלערן, פאַרשטעקט זיך, געשעמט — עס איז געוואָרן אונטערגעשריבן דער טויט־אורטייל פאַר דער וועלט — עס איז געחתמעט געוואָרן דער שאַנד־אַקט, דער סטאַלין־היטלער־פּאַקט!

פאַר מיר גופא איז עס נישט געווען קיין צו שטאַרקע איבעראַשונג. פישל אייזנשטאַט האָט דעמאָלט געטאַנצט פאַר פרייד. ער האָט זיך אַוועק־געשטעלט פאַרן הויפּטלאָקאַל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּאַריז, געטאַנצט „קאָזאַטשאָקס" און כסדר געריפן:

— נידער מיט די מאַסקעס! זאָל לעבן די אויפריכטיקייט! זאָל לעבן דער סטאַלין־היטלער־פּאַקט! זאָל לעבן דער טאָטאַליטאַריזם! זאָל לעבן דער פריינטשאַפטלעכער קאָמונאַ־נאַצי־פּאַקט, אורררראַ!!!

בלויז עטעכע טעג זענען אַריבער, דעם ערשטן סעפּטעמבער האָבן שוין היטלערישע חיילות באָמבאַרדירט און מאַרשירט קיין מזרח־אייראָפּע. בלויז עטלעכע טעג זענען אריבער, זיבעצן טעג, און די רויטע אַרמיי האָט גענומען מאַרשירן פון דער צווייטער זייט. אויף דער אָקו־פּירטער טעריטאָריע פון פּוילן האָבן זיך פריינטלעך באַגעגנט די אַרמיי פון האַקנקרייץ און די אַרמיי פון דער רויטער פאָן, פון סערפּ און האַ־מער, די אַליאַנטן יאָסיף סטאַלין און אַדאָלף היטלער — — —

## „איך האב געזייעט דראקאנען און דער שניט האט מיר געבראכט פליי"

(קאַרל מאַרקס, ציטירט פון לענינען, 2טער באַנד, 1טער טייל, ז׳ 40)

***

הערש מעכל מעלדעט זיך פרייוויליק אין דער פראנצויזישער אַרמיי. מען נעמט אים נישט אָן.

חוץ דעם גרויסן שונא איז אויך פאַראַן אַ קלענער, אַ קליינלעכער שונא, וועלכער דערקוטשעט און צערט אויס דעם גוף — דאָס איז דער הונגער. ער גייט אַוועק אַרבעטן אין דער קיך פון „בונד", וואַשט דאָרט פּאָדלאָגעס, טראָגט די קוישן פּראָדוקטן. ער אַרבעט פאַר 300 פראַנק א חודש. אייניקע זיינע חברים פון וואַרשע, וועלכע זענען אויך געווען צווישן די אָנפירנדיקע אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און זענען אַוועק אין אָפּאָזיציע — פאַרנעמען דאָ היינט אָנפירנדיקע שטעלעס

אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און אירע אינסטיטוציעס. קומען זיי גראָד אַריין ווען ער וואַשט אין לאָקאַל די פּאַדלאָגעס — איז אָדער מ׳ציט זיך גיך צוריק, מען פאַרדרייט דעם קאָפּ אין א זייט, אָדער מען דער־לאַנגט אַן אין־ברירההדיקן, גוטברודערישן שלום עליכם און מ׳כאַפּט א שמועסל אויפן שפּרונג וועגן א לויפיק פּאָליטיש פּראָבלעם...

די קאָמוניסטן שטעמפּלען די אנטי־היטלעריסטן אַלס פּראָ־אמע־ריקאַנער, אלס אַגרעסאָרן, אימפּעריאַליסטן. זיי האָבן הנאה נישט נאָר ווען די לאָגיק ליגט שוין איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, נאָר ווען מען דערלאַנגט איר נאָך, אויף א צולאָג, מיטן שטיוול איבערן קאָפּ. דער פירער פון די פראַנצויזישע קאָמוניסטן באַווייזט א בריהשע, פּאַטריאָ־טישע טהאַט — ער דעזערטירט פון פראנקרייך, כדי זיך נישט צו שטעלן צום מיליטער און חלילה קעמפן קעגן סאָוויעטישן פאַרבינדעטן — די היטלער־חיילות.

ווען די דייטשן זענען שוין געווען אין פּאַריז, איז אַוועק צו זיי א דעלעגאציע פון די קאָמוניסטן און באקומען א דערלויבעניש ארויס־צוגעבן זייער קאָמוניסטישן צענטראַל־אָרגאַן „אימאַניטע". זיי האָבן זיך פאַרפליכטעט פאַר דעם דייטשישן גענעראַלשטאַב געטריי צו קעמפן קעגן — פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם...

לאַוואַל האָט צו זיך גערופן, פאַרטרוילעך, די טראָצקיסטישע פירער, און זיי פאַרגעלייגט געלט־שטיצע, נאָר מיט דעם באַדינג — אז זיי זאָלן דורכפירן גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, בונטן. די כוונה זיינע איז געווען, אַז דאָס וועט אים געבן אַ מעגלעכקייט זיך צו דינגען מיט די דייטשן וועגן עטלעכע קאָנצעסיעס פאַרן פאָלק. די טראָצקיסטן האָבן אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע מאַכינאַציע־פּראָפּאָזיציע.

די יידישע קאָמוניסטן, דער טייל פון זיי, וועלכע טרייבן שוין מסחרים, פאַבריקאַנטן, פאַרמיטלער — זיי האנדלען געשמאַק מיט די דייטשן, פאַרדינען גראָבע געלטער. אויף די טענות פון דעם רוב יידן — אז די דייטשן מאָרדן די יידן אין פוילן, קומט דער תירוץ: גרויל־פּראָפּאַגאַנדע!

און באַלד קומט צו א צולאָג־תירוץ — טאָמער איז עס פאַרט אמת: — מילא, וועלן דריי מיליאָן יידן אומקומען, וועט פון 17 מיליאָן

פאַרבלייבן 14 מיליאָן — עס גייט דאָך אין ראַטעווען די וועלט, באַפרייען זי פון אַנגלאָ־אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם!

הערש מעכל איז אויסבאַהאַלטן אין א דאָרף. ער האָט באַקומען א בריוו פון זיין פרוי פון וואַרשעווער געטאָ.

אַלע פּראָדוקטן וואָס ער האָט געהאַט אויף זיינע שפּייז־קאַרטן — אייל, צוקער, אויך וואַלענע זאכן — האָט ער אָוועקגעשיקט אין אַ פּאָסט־פּאַקעט קיין וואַרשע. ער האָט נאָך באַקומען פון איר איין בריוול מיט אַ צושריפט:

„דיינע אַלע זאַכן וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט, האָבן צוגענומען יאָסיפּס (געמיינט סטאַלינס) חברים (די דייטשן).״

הערש מעכל האָט זיך אַריבערבאַקומען קיין ליאָן, געווען דערנאָך א צייט אין גרענאָבל. בעתן זוכן אַרבעט האָט ער נישט איינמאָל זיך באַדאַרפט אָוועקשטעלן אויפן מאַרק און די אַרבעטסגעבער האָבן באַ־קוקט זיינע הענט, די מוסקולן, געטאַפּט די פיס, געפּרוווט זיין כוח.

א צייט פון עטלעכע חדשים איז אים אויסגעקומען צו ליגן באַ־האַלטן, אַן איינגעקורטשעטער, אין א קוילן־קעלער. דער אייגנטימער פון קוילן־קעלער איז געווען אַן אונטערוועלטניק. מ׳האָט אים געמוזט גוט באַצאָלן פאַרן אויסבאַהאַלטן. עס האָט געצאָלט דער יידישער קאָ־מיטעט און די אַלגעמיינע אונטערערדישע באַוועגונג.

עס איז שוין געווען די צייט ווען די קאָמוניסטן האָבן שוין גע־קעמפט קעגן די דייטשן, געפירט א פאַרצווייגטע אונטערערדישע טע־טיקייט. אַזעלכע ווי הערש מעכל האָבן זיך באַדאַרפט היטן פאַר די דייטשן און אויך — פאַר די קאָמוניסטן, ווייל ער איז דאָך א טראָצ־קיסט. און נישט איינעם האָבן זיי אָוועקגעלייגט דווקא אין דער צייט פון די קאַמפן קעגן די דייטשן.

לשם מער פינקטלעכקייט דאַרף געזאָגט ווערן, אז ער איז שוין נישט געווען קיין טראָצקיסט אין פריערדיקן זינען. בעת די עטלעכע חדשים ליגן באַהאַלטן אין די בונקערס און קעלערס, האָט ער געהאַט גענוג צייט צו דערהערן דאָס אויפקלאַפּן פון זיין געפיניקט יידיש האַרץ, וואָס איז ביז איצט געווען פאַרפּאַנצערט מיט א פרעמדן שטאָל פון

קאָסמאָפּאָליטישן אינטערנאַציאָנאַליזם. ער איז איצט א יידישער סאָ־ציאַליסט, א רעוואָליוציאָנער־ציוניסט.

ס׳איז אים אין גרעאַבל שוין געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די לינקע פּועלי ציון. זיי האָבן ארויסגעגעבן אַן אומלעגאַלע צייטונג און הערש מעכל האָט אין איר געדרוקט זיינע אַרטיקלען.

די גרויסע חלומות פון באַפרייאונג, רעוואָליוציאָנערן סאָציאַליזם, ארץ ישראל, האָבן זיך געברודערט מיט די טאָגטעגלעכע, לייביקע חלו־מות וועגן באַפרייען זיך פון די — לייז, באַקומען פרישע וועש, מלבו־שים, זיך אויסזייפן און זיך גוט אויסבאָדן. נו, און אויך אָנעסן זיך אויך. באַזונדערס נאָיעט דער חלום און בענקשאַפט — צו באַקומען א ידיעה, א בריוו פון זיין פרוי אין וואַרשעווער געטאָ. עס איז שוין זומער 1943. מ׳האָט שוין געהערט וועגן אַן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וועגן דעם פאַרטיליקן הונדערטער טויזנטער יידן דורך אַלע סאָרטן מיתות — הענגען, שיסן, דערשטיקן, פאַרברענען, פאַרפרירן, און צענדליקער אַנ־דערע מיתות משינות.

צוזאמען מיט הערש מעכלען איז א קורצע צייט געלעגן אין קוילן־קעלער איינער ראַבאָן, אויך א „געוועזענער״. הערש מעכל שמועסט מיט אים, דיסקוטירט, נאָר יענער איז א שטאַרק אימפולסיווער. פאַר הערש מעכלען איז קלאָר, ער באַגרינדעט דאָס און האָט דערויף אַן א שיער באַווייזן, אַז שולדיק זענען נישט אזוי די מושטירטע חיות אין מונדירן — די דייטשן, נאָר סטאַלין. ראַבאָן פּעפּערט צו:

— סטאַלין איז דער אבי אבות הטומאה! זיין מאַניאַקישער קנאָפּ־ווערט־קאָמפּלעקס, זיין פּסיכאָפּאַטישע קנאה־שנאה צו טראָצקין, אונ־טערגעשיקט אים הרגנען דווקא אין יאָר 1940, ווען ער האָט געהאַט דעם טייוול־פּאַקט מיט היטלערן; זיין מאַכטדורשטיקייט און כיטרעקייט, זיין טיראַנישער דעספּאָטיזם און נייגונג צו טונקעלן פאַראַט; זיין שדיש־קייט, וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט אַזוי גרויסמייסטעריש געשילדערט אין זיין „ביעסי״ נאָך מיט זיבעציק יאָר צוריק — נאָר ער, ער, ער — דער אור־שולדיקער, דער הויפּט־שולדיקער אין דער היטלעריי!

הערש מעכל איז נישט גורס אַזאַ מין טערמינאָלאָגיע און אזעלכע באַצייכענונגען, פאַרטראָגט זיי אפילו נישט. אין אַזאַ טאָן און סטיל —

זאָגט ער — שרייבן די אַלע וועלכע ווילן אָפּקומען לייכט, אויסזידלען סטאַלינען, אים צושרייבן עטלעכע פיזיאָלאָגישע, פּסיכישע אָפּנייגונגען — און פאַרטיק. די סיבה דאַרף מען זוכן נישט אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגיש, נישט פיזיאָלאָגיש — נאָר סאָציאָלאָגיש. ער האָפט נאָך וועגן דעם אָנצושרייבן א גרעסערע אַרבעט, א בראָשור, א בוך. אפילו מיט טראָצקיס אָפּשאַצונג פון סטאַלינען איז הערש מעכל נישט געווען מסכים. ער מיינט אז די מאַרקסיסטישע לערע גיט אויף אַלעם אן ענטפער, אין אירע ראַמען און מיט איר מעטאָד קען מען אויך געפינען א לעזונג פאַר דער רעטעניש פון קרעמל־פּאַראַט, פאַר דעם סטאַליניסטישן גאַנג. וואָלט נישט געווען סטאַלין, וואָלט א צווייטער געווען אויף זיין אָרט, וואָלט ער געהייסן, לאָמיר זאָגן, לוץ, וואָלט די שיטה געהייסן — לוציזם. עס איז א רעטעניש וואָס האָט זיין באַשייד אין דער סאָציאָלאָגיע. איך וועל נישט זאָגן — אַבסאָלוט, אפשר אויך טיילווייז אין פּסיכישע קאָמפּלעקסן.

עס קומען אָן גרוסן פון פּאַריז, אויך דאָרט האָט זיך שוין אָנגעהויבן דאָס פּאַרטיליקן די יידן, מען כאַפּט זיי און מ״שיקט זיי אַוועק אין א טויטן־לאַגער, דראַנסי. אין גאַנץ פראַנקרייך איז שוין איצט נישט זיכער דער ייד מיט זיין לעבן, אפילו ווען מען ליגט אין א קעלער. מ׳דאַרף צונויפנעמען אַלע כוחות און ענערגיע און זען זיך דורכראַטעווען, אַדורכהאַלטן — אפשר וועט געלונגען?

און ער האָט דערלעבט. אין אָקטאָבער 1944 איז שוין הערש מעכל געווען צוריק אין א באַפרייט פּאַריז.

**
*

8טער מאַי 1945. געענדיקט די מלחמה. מ׳דאַרף נאָך לאַנג וואַרטן, חדשים, אפילו א יאָר — ביז מ׳ווערט געוואָר — די פרוי זיינע אומגעקומען, אַלע זיינע נאָענטסטע און ווייטסטע קרובים — אַלע אומגעקומען. איינצלנע ווייטערע קרובים האָבן זיך געראַטעוועט קיין רוסלאַנד. פון זעקס — זעבען צוויי געשטאָרבן (געווען אין די טורמעס און לאַגערן, דערנאָך געפאַלן פון הונגער, טיפוס) נאָך 3 זעבען געזעסן אין די טורמעס, אָבער געבליבן לעבן, בלויז דער זעקסטער איז מער־ווינציק אַדורך נאָרמאַל (ווי געוויינלעך אין מלחמה־צייט, אין יענע באַקאַנטע, סאָוויעטישע באַדינגונגען).

הערש מעכל טרעט אַרויס פון צייטצוצייט מיט א רעפעראַט אין פּאַרטיי־קלוב, שרייבט אַרטיקלען אין דער צייטונג וועלכע דערשיינט איינמאָל אין צוויי וואָכן און דאָס אויך נישט רעגולער. ער גייט נאָך אַלץ אַן פּאַר אַ טראָצקיסט. אין פּעריאָד ווען די קאָמוניסטן זענען געווען באַטייליקט אין דער רעגירונג, איז די „סע זשע טע" אויך געווען שיער נישט ווי א געהילפס־פּאָליציי. ס׳האָט געקאָנט טרעפן אז א ציווילער, מיט א זשעטאָן פון סע זשע טע אויף דער לאַץ זאָל צוגיין צו א טראָצקיסט און אים צווינגען מיטצוגיין אין לאָקאַל פון סע זשע טע. דאָרט האָט מען אים אויסגעפּרעגט, אויסגעפּאַרשט — און נישט איינמאָל ווי מ׳איז אַוועק פון דאָרט מיט צעשלאָגענע זייטן.

ס׳איז דאַן געווען א צייט פון נישט־נאָרמאַלן מסחר. אפילו טייל אַרבעטער האָבן געטריבן מסחר, שוואַרצן, עס איז נאָך גאָרנישט געווען רעגולירט, מאַנגל אין שפּייזפּראָדוקטן, אויך אין בענזין, אין עלעקטריש ליכט — עטלעכע שעה אין טאָג פעלט אויס עלעקטרי, 2 טעג אין דער וואָך פעלט לגמרי עלעקטרי.

אפילו פישל אייזנשטאַט האָט במשך א קורצער צייט זיך פאַרנומען מיט האַנדל. זיין ווייב איז אים מלחמה־צייט יונג אַוועקגעשטאָרבן, אויף קענסער. טראָגט ער תמיד זיין שוואַרצן אָבל־קראַוואַט און שלאָפט נישט מער אויף קיין קישן. אָבער זיין טעכטערל יעל האָט ער — ער איז איר א טאַטע און מאַמע. ער וויל אז זי זאָל נישט הונגערן, ער וויל אז די שטוב זאָל זיין געהייצט, יעל זאָל נישט וויינען — פרוא, קאַלט. ער האָט אין די מלחמה־יאָרן אויסגעפּילט זיין נאָרמע לייד און פּיין. געדינט אין דער אַרמיי, זיך אויסבאַהאַלטן אין לאַסט־וואַגאָנען, געאַרבעט אין א באַן־וואַר־שטאַט, אַוועק מיט ווייב און קינד צו דער שווייצאַרישער גרענעץ און געכאַפּט געוואָרן, זיך קייגנגעשטעלט די דייטשן — און זיין געוואַגטקייט, זיין זידלען די דייטשן, זיין בראַוורישקייט און העלדישע האַלטונג האָבן אַזוי פאַרבליפט און געפּלעפט די „באָשן", אז זיי האָבן צוריקגעאַריינגע־לייגט די רעוואָלווערן אין די שיידלעך — און אים אָפּגעלאָזן.

פישל אייזנשטאַט האָט, פאַרשטייט זיך, גאַנץ גיך אַוועקגעוואָרפן דעם האַנדל און גענומען אַרבעטן. די שטובן וועלכע די געראַטעוועטע יידן האָבן אָפּגענומען, זענען געווען האַלב־אויסגעליידיקט. אָבער ס׳איז געווען

געגוג — ווייל אין א שטוב ווו ס׳זענען פריער געווען פיר־פינף, האָט זיך צוריקגעקערט איינער, צוויי — מערסטנס א מאַמע מיט א טאָכטער, זעלטן ווער מער. אָט האָט א פרוי אַליין נישט געקאָנט אויסהאַלטן צו זיין איינע אַליין אין שטוב, דער מאַן און דער זון זענען אומגעקומען אין אָשוויענטשים, נעמט זי דאָס גאַז־רערל אין מויל אַריין און פאַרענדיקט איר אָפּגעראַטעוועט לעבן. אין א טאָג ארום איז צוריקגעקומען איר מאַן, וועלכער האָט זיך צופעליק יאָ אָפּגעראטעוועט פון אוישוויץ (איינער האָט געהאָט איר דערציילט אז ער האָט אים געזען צווישן די געפירטע אין דער גאַז־קאַמער), האָט געטראָפן נאָך זיין פרוי ליגן ביים גאַזאָמעטער. אָט איז דער רעדאַקטאָר פון „דאָס פאַריזער בלאט", דער נאָבעלער אַל־טיטשקער קולטורטוער, וועלכער האָט נאָך אויף דער עלטער געלערנט אין סאָרבאָנע, געווען אמאָל פרעזעס פון „תרבות" אין פוילן, געהאט אַן אייגנהעגטיקן בריוו פון טעאָדאָר הערצלען, אָנטיילנעמער נאָך אין ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס — ער האָט יאָ איבערגעהאַלטן און זיך געראָטע־וועט, איבערגעלעבט די דייטשן. ער האָט געוווינט ביי ווערמען אין א קיך, מיט אַן אייזערן בעטל, נישט געהאַט צו עסן און נישט צו טרינקען, אין יענער שטוב איז געווען קאַלט און חושכדיק, און דער געוועזענער ברייטער בעל צדקה, דער אַדלמאַן, האָט פאַר קיינעם נישט דערציילט וועגן זיין מצב, און ער איז אויסגעגאנגען פון הונגער און קעלט אויף יענעם אייזערנעם בעטל אין א קיכשטיבל. מ׳האָט אים געפונען צוגעדעקט מיט זיין פאַלטן, אפילו קיין קאָלדרע נישט געהאַט, אַן אויסגעלאָשענעם.

געווען צווישן די געראַטעוועטע אייניקע יידן וועלכע האָבן נאָך גע־האָט געלט פון די מסחרים מיט די דייטשן. יענע האָבן מורא געהאָט פאַר פאַרוואָרפן זיי חטאים און זיי האָבן זיך צוגעשאַרט צו דער עקסטרעם־לינקער פאַרטיי, צו אירע אינסטיטוציעס. זיי האָבן געגעבן גרעסערע סומען געלט פאַר דער צייטונג „דאָס נייע בלאַט". אויף דער יידישער גאס אין פראַנקרייך האָט געהערשט כמעט איינציק און אליין די קאָמפּאַר־טיי און אירע סובאָרדינירטע אינסטיטוציעס.

הערש מעכל האָט איבער דער גאַנצער צייט, אויך אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן, ווען ווינציקע זענען דעמאָלט געווען געענגט אין געלט, מ׳האָט לייכטער פאַרדינט — האָט ער זיך אַרומגעדרייט שלינגאונשלאַנג.

ס׳האָט אים געפעלט א פּאַפּיראָס, נישט דערעסן צו דער זעט, ס׳האָט אים געפעלט אַ פּאָר וועש, אַ פּאָר שקאַרפּעטן, געוועןן פארשולדיקט פאַרן גע־לעגער. זיין אויסגעריבן ברוין־געשנירלט רעקל און זיין רויקער, גערול־דיקער בליק אין די אויגן, זיין שווייגערישע סבלנות, זיין קוקן אויף דער וועלט מיט גלאָבאַלן פאַרנעם, מיט א פערספּעקטיוו פון יאָרהונדער־טער; זיינע אָרעמע השגות פון טעגלעכן וווילזיין — ברויט, הערינג, אַ זופּ, א גלעזל טיי, אַ פּאַפּיראָס, א פּריש העמד, א קלאָר ציכל, און ועל כולם — ביכער, שרייבן מאמרים פאר דער באַוועגונג — האָבן אים צוגעגעבן חן און מילדקייט. מ׳האָט אים ליב געהאַט, געשעצט, אָבער שוין געווען אַזוי צוגעוווינט צום געדאַנק — אז הערש מעכל דאַרף אַזוי אויסזען, דאַרף נישט האָבן די עלעמענטאַרסטע מאַטעריעלע מיטלען. מ׳וואַרפט אים צו פון צייטצוצייט, פון דער פּאַרטיי, עפּעס א האָנאָראַר, א מין גאָב — אָבער גאַנץ אָפט שטופּט ער עס ענערגיש צוריק —

„מ׳דאַרף נישט, מ׳עט זיך באַגיין״ —

ס׳קומט אים אָן זייער שווער צו נעמען.

זיין חבר יאַקוב אַשקענאַזי, וועלכער איז געוואָרן א וועלט־באַרימט־קייט, מחבר פון מאָנאָגראַפיעס איבער די רעוואָלוציע־פירער, ספּעץ אין דער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק פון סאָוויעטנפאַרבאַנד, אַרבעט מיט אין די אָנגעזעענסטע זשורנאַלן, וווינט אין דער הויפּטשטאָט פון יענער זייט לאַמאַנש, האָט צו אים געשריבן און אים פאַרבעטן צו אים אַריבערקומען אויף א באזוך. אשקענאזי האָט שוין אויך געוווּסט דעם טעם פון נויט. ווען ער איז אָנגעקומען אויף יענער זייט לאַמאַנש, האָט ער קוים עטוואָס געקענט פון יענעם לשון. אָבער א סאָציאָלאָג און שרייבער מיט פאַרנעם איז ער שוין דעמאָלט געווען, האָט ער געשריבן אָפּהאַנדלונגען, אַרטיק־לען, קאָרעספּאָנדענציעס און עס געשיקט אין דער יידישער פרעסע קיין ניו־יאָרק, אָבער פון דאָרט האָט מען זיך צו אים באַצויגן קאַלט, מיט ביטול און רעזערוו — האָט אים דער כעס און ענערגיע אַ טרייב געטון — ער האָט זיך געפלייסיקט אין דער נייער שפּראַך און אָנגעהויבן מיט־אַרבעטן אין דער נישט־יידישער פרעסע און זיין נאָמען איז כסדר גע־וואַקסן און זיין פרעסטיזש געשטיגן. ער איז גרייט אים צו העלפן, זיין חבר הערש מעכל. קיין גביר איז אַשקענאַזי נישט געוואָרן, אָבער איז

פרייער אין א מטבע און ער וועט מיט גרויס פארגעניגן אים העלפן, זאָל ער צו אים אַריבערקומען. אָבער צוליב פאָרמאַליטעטן קומט אים דער־ווייל אויס אָפּצולייגן די רייזע אַהין.

***

פון 29טן נאָוועמבער 1947 ביזן 14טן מאַי 1948 האָט די וועלט־געשיכטע, נאָך 8טן מאַי 1945, נאָכאַמאָל פון זיך א טרייסל אַראָפּ געטון אַביסל שמוץ און שוידער פון איר פנים — און א שמייכל געטון מיט גערעכטיקייט. הומאַניש, מענטשלעך, וואַרעם. נאָכן זיג פון די אַליאַנטן איבער היטלערן, איז געקומען דער שמייכל, אויף א ווייל, צום אייביק געפּייניקטן פאָלק, צום אייביק געמאָרדעטן פאָלק.

אין יענע טעג פון נאָוועמבער 1947 ביז מאַי 1948 איז הערש מעכלס אויפפּאַסונג און וועלט־אַנשויאונג וואָס האָט אויף אַלע קשיות טעאָרעטיש־באַגרינדעטע ענטפערס, קאָן אַלע פּראָבלעמען לייזן דורך פאָרמולעס, סכעמעס, דיאַגראַמעס, ציפערן — אין יענע טעג זענען די אַלע פאָרמולעס און סכעמעס פאַרגאָסן געוואָרן מיט פּרימיטיווע, אוממיטלבאַרע, קינדערישע טרערן — פון גערירטקייט, אויפרעגונג, פרייד — דאָס יידישע פאָלק באַקומט מלוכהשע זעלבסשטענדיקייט. ווערט א פריי, נאָרמאַל פאָלק, מיט אייגענעם שטאָלץ, אייגענער ערד — אייגענע קרבנות — אין א גלייכן קאַמף פון גלייכע מיט גלייכע. ער וויל בישט וויסן דעם באַשייד פון זיינע טרערן, ס׳איז אים גוט אַזוי, און אין אַזאַ־אָ רגע — דערזעט ער ווידער זיין מאַמען אין דער ווייס־זיידענער בלוזקע, ווייס־זיידענעם שאַל אויפן קאָפּ, ער זעט זי גיין ראש השנה צום שופר־בלאָזן אין שול אַריין. די וועלט איז דעמאָלט כולו יום טוב. א שלל פון גוטסקייט און שלווה פון יומטובדיקער הייליקייט שפּילן אויף אירע באַקן, אויף אירע ליפּן, אין אירע אויגן. עס איז גוט אויף איר צו קוקן אַצינד, און עס איז גוט אַזוי צו וויינען אַצינד — אָט שטייט זי דאָך לעבן אים.

די יידישע נאַציאָנאַלע צייטונגען זענען דעמאָלט דערשינען מיט ריזיקע קעפּ, און אין איין צייטונג זענען די אותיות —

„יידישע מלוכה״ —

געוועזן די גרויס פון גרויסע טאַטעשע פסח־כוסות. אין דער־אָ צייטונג איז אויך געווען געדרוקט מיט דיק־פעטער שריפט א קאַפּיטל תהילים,

קכ״ו, אין דער איבערזעצונג פון יהואש. הערש מעכל האָט געזאָגט אמאָל א קאַפּיטל תהילים נאָך אין די פריסטע קינדעריאָרן. אַצינד, ווען ער האָט אויף זיך דערפילט דעם קוק פון דער מאַמען זיינער, האָט ער זיך פּאַמעלעך אויפגעשטעלט, כדי די געשטאַלט פון זיין מאַמען זאָל אים חלילה נישט אַנטרונען, פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום טיש, און הויך געלייענט אין יידיש דאָס קאַפּיטל תהילים —

שיר המעלות בשוב ד׳ את שיבת ציון —
א געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
אז גאָט האָט אומגעקערט די אומקערונג פון ציון,
זענען מיר געוועז ווי אין חלום.
דענסמאָל איז פול געוואָרן אונזער מויל מיט געלעכטער,
און אונזער צונג מיט געזאַנג;
דענסמאָל האָט מען געזאָגט צווישן די פעלקער:
גרויס געטאָן האָט גאָט מיט די דאָזיקע.
גרויס געטאָן האָט גאָט מיט אונז,
מיר זענען דערפרייט געוואָרן.
ריכט אונז, גאָט, ווידער אויף
ווי שטראָמען אין טרוקענעם לאַנד.
די וואָס זייען מיט טרערן,
זאָלן שניידן מיט געזאנג.
גיין גייט און וויינט
דער וואָס טראָגט דעם אויסשיט פון זריעה,
אָבער קומען זאָל קומען מיט געזאַנג
דער וואָס טראָגט זיינע גאַרבן.

ווען הערש מעכל האָט געזאָגט די שורות — „די וואָס זייען מיט טרערן — זאָלן שניידן מיט געזאַנג״, האָט ער עס אויך אַרויסגעזאָגט אזוי ווי ער האָט עס פון אַמאָל־אַמאָל געדענקט: הזרעים בדמעה, ברנה יקצרו. זאָגט ער זיי איצט נאָכאַמאָל הויך, די מאַמע זאָל זיי הערן, און ער זעט ווי די מאַמע שאָקלט צו מיטן קאָפּ אויף יאָ און וויינט. און אָט זעט ער און הערט זי פּליסטערן מיט די ליפּן:

„ה־ז־ר־ע־י־ם ב־ד־מ־ע־ה ברנה יקצרו״.

אין דער זעלבער צייטונג איז אויך געווען געדרוקט מיט גרעסערער שריפט די „שהחיינו״, און ער לייענט זי איבער אויפן קול, פּאַמעלעכקע, ווי ער וואָלט זי אַריינגעגלעטיקט אין די אויגן און אויערן אַריין פון זיין מאַמען:

„ברוך אתא, ד׳ אלוקינו מלך העולם שהחיינו, וקימנו והגיענו לזמן הזה״ —

ער איז גרייט צו שווערן ווי ער האָט זי געהערט אָפּענטפערן „אמן״ — און איז פארשוווּנדן.

ער איז אַוועק צום פּלאַץ, פאַר דער יידישער אַגענץ, ווו ס׳איז פאַר־געקומען א פייערונג לכבוד דעם פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה. עקסטאַז־געזאַנג, פלאַטערנדיקע פענער, טרערן פון פרייד, פלאַמיקע רעדעס, מען פאַלט זיך אין די אָרעמס, מ׳קושט זיך און מ׳ווינטשט זיך מזל טוב.

אין דער פּאַרטיי־צייטונג, וועלכע איז שוין דערשינען וועכנטלעך, האָט הערש מעכל געשריבן זיין אַרטיקל אונטערן נאָמען — „צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה ישראל״ —:

„די ענגלישע מאַנדאַטן־מאַכט וואָס האָט געהאַט באַקומען דעם מאַנ־דאַט כדי צו העלפן אויפבויען דאָס יידישע לעבן, האָט אָרגאַניזירט אַלע פינצטערע כוחות אָפּצושוועכן און טייכן יידיש בלוט אונזערע האָפע־נונגען. פונקט ווי זי טוט עס מיט גריכנלאַנד, אַזוי האָט זי אָרגאַניזירט אַלע רעאַקציאָנערע און פאשיסטישע כוחות קעגן יידישן פרייהייטס־קאַמף. אָבער אירע פלענער זענען צעשטערט געוואָרן דורכן אייזער־נעם ווילן פון יידישן ישוב און דורך דער גבורה פון דער העלדישער הגנה. דאָס איז די גרעסטע געשעעניש אין אונזער געשיכטע.

נישט דאָס ערשטע מאָל קומט דאָס יידישע פאָלק צוריק אין זיין לאנד אַריין. נאָכן ערשטן חורבן, ווען גרעסערע טיילן פון יידישן פאָלק האָבן געלעבט אין גלות, האָבן זיי זיך, נאָך א פּאָר צענדליק יאָר, צוריק־געקערט אַהיים. עס איז אָבער פאַראַן א גרויסער אונטערשיד, דעמאָלט זענען נאָך גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק איבערגעבליבן אין זייער לאַנד און אויך די פּאַרטריבענע האָבן אין בבל פאַרהעלטנישמעסיק גוט געלעבט. זייער צוריקגאַנג אין אייגענעם לאַנד איז געווען אַן אויסדרוק פון טיפער צוגעבונדנקייט צום לאַנד פון זייער אָפּשטאַם און נישט קיין

אויסדרוק פון פחד פאַר אונטערגאַנג. און אודאי שוין נישט פון מורא פאַר פיזישער אויסראָטונג.

אַנדערש איז עס היינט. —

פון טיטוס ביז צו אונזערע צייטן האָבן מיר דורכגעמאַכט א לאַנגע קאָשמאַר־געשיכטע. נישטאָ קיין ווינקל אויפן ערדקיילעך ווו מיר זאָלן נישט האָבן דורכגעוואַנדערט, און אומעטום איבערגעלאָזט צייכנס פון אונזער בלוט. מיר זענען געגאַנגען פון גזירה צו גזירה, פון שחיטה צו שחיטה, דורך בלוט־בלבולים צו פאָגראָמען — ביז מיר זענען דערגאַנגען צו מאַידאַנעק און טרעבלינקע. ווייטער גיין איז שוין נישטאָ וווהין. ווייטער איז דער תהום, איז אונטערגאַנג.

היטלער האָט געוויזן דעם וועג. איצט האָבן שוין אַלע אַנטיסעמיטן אָנגעכאַפּט זייערע אַלע טעאָריעס וועגן עקאָנאָמישן באָיקאָט, קולטור־אונטערדריקונג. זיי ווילן שוין איצט — נאָר גענצלעכע אויסראָטונג פון שארית ישראל. ביי אַזאַ לאַגע האָט דאָס איצטיקע אומקערן זיך פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד אַריין — אסך א גרעסערע באַדייטונג ווי נאָך גלות בבל.

דאָס מאָל ווערט אונז דאָס לאַנד נישט געגעבן, נאָר עס ווערט פון אונז אויסגעקעמפט. און דאָס וואָס מען קעמפט אויס — האַלט זיך שטאַרקער. נישט בלויז ווערט אין איצטיקן מאָמענט פאַרווירקלעכט א שיינער חלום, א צוויייטויזנט־יעריקע האָפענונג, נאָר די יידישע מאַסן ווערן פשוט געראָטעוועט פון א פיזישער אויסראָטונג.

...עס קומט אויס ווי עס וואָלט זיך פאַרווירקלעכט די וויזיע פון נביא, ווען די ביינער וואָס וועלן זיך באַדעקן מיט פלייש און הויט, און די גופים וועלן באַקומען א נשמה, און ס׳וועלן זיך אומקערן נישט בלויז די לעבעדיקע, נאָר אויך די טויטע — ווייל וואָס זענען די רעשטלעך געבליבענע פון טרעבלינקע און מאַידאַנעק — אויב נישט סקעלעטן?!

באַזונדערס גרויס איז די פרייד ביי אונז, יידישע אַרבעטער, ביי אונז, פּראָלעטאַרישע ציוניסטן, מיר האַלטן זיך פאַרן מאַרקסיסטישן אַוואַנגאַרד פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. און מיר זענען דאָס באמת. („פון מיינע 35 יאָר זיין טעטיק אין די רייען פון דער רעוואָליו־

ציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג — האָב איך במשך 28 יאָר באַקעמפּט דעם ציוניזם...״).

...אין דער גרויסער קאַטאַסטראָפע וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, זענען נישט נאָר אומגעקומען 6 מיליאָן יידן, נאָר עס איז פאָרגעקומען אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער אַן אומגעהויערע דעקלאַסירונג פון די יידישע מאַסן. און די גלות־פאַרטייען וואָס האַלטן זיך פאַר סאָציאַליסטן האָבן כמעט נישט אין זייערע רייען קיין פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. טאָ וויאַזוי קען מען בלייבן טריי דער מאַרקסיסטישער לערע וועגן קלאַסנ־קאמף, ווען דער פּראָלעטאַרישער עלעמענט פעלט אויס, אָדער פעלט כמעט אויס?

...אויף אייביק וועט פאַרשווונדן די שאַנד פון דער געלער לאַטע. ענדלעך וועט זיין איין שטיקל ערד אויף דער ערד וווּ עס קאָנען קעגן אונז נישט געפירט ווערן עקאָנאָמישע אָדער אנדערע באַיקאָטן. מיר וועלן זיין די באַלעבאַטים איבער אונזער אייגענעם גורל.

עס איז אונזער דור באַשערט איבערצולעבן דאָס, וואָס קיין שום דור האָט נישט איבערגעלעבט. מיר זענען געווען עדות פון א שרעקלעכן אומקום — און איצט זענען מיר ארויף אויף דעם שוועל פון אויפקום.

...די שוועריקייטן זענען נאָך זייער גרויס. מיר וועלן נאָך האָבן טעג פון שווערן קאמף. איין זאַך איז אָבער זיכער — אויף אונזער גאַס, אויף דער יידישער גאַס — האָט אויפגעשיינט די זון״.

ער האָט שוין געגוג אַרטיקלען געשריבן אין זיין לעבן, אָבער נאָך קיינמאָל האָט ער זיך נישט געפילט ווי נאָכן דאָזיקן אַרטיקל. ער הערט א ברומען פון דער ווייט, צי גאָר נאָנט אַרום זיך—אַ ברומען־געזאַנג, מיט א באַקאַנטן ניגון און באַקאַנט קול —

ה־זור־עים בדמ־עה — ב־רי־נה יקצורו — — — — — —

* *
*

דעם 18טן מאַי איז פאָרגעקומען א פייערונג לכבוד דער דאָזיקער גרויסער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער געשעעניש, אין וועלאָדראָם ד׳היווער. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט 30 טויזנט יידן. געגוי אַזויפיל יידן זענען געווען דאָ איינגעזאַמלט ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען די דייטשן האָבן זיי דאָ אַהער צונויפגעטריבן כדי זיי פונדאנען אָפּצוטראנספּאָרטירן אין

די טויטנלאַגערן. די שמחה פון צו האָבן דערלעבט צו אַזאַ מין שמחה — האָט געגליט און באַרוישט. נאַציאָנאַלער פּאַטאָס און עקסטאַז האָט דורכן געזאַנג פונעם עולם זיך געטראָגן ווי זיילן קרבנות־רויך צום הימל. ניצחון־טריומף.

אויך די יידישע קאָמוניסטן האָבן אָנטייל גענומען אין דער דאָזיקער פייערונג. „דאָס נייע בלאַט" האָט אין דאָזיקן טאָג אַרויסגעגעבן איר צייטונג אין ווייס־בלוי, מיט א גרויסן קפּ —

„זאָל לעבן די יידישע מלוכה!" —

מיט א בילד פון דוד בן גוריון און לידער פון יהודה הלוי און חיים נחמן ביאַליק.

אָבער ווי לאַנג האָט דאָס אַלץ אָנגעהאַלטן?

***

אויף א געסל נאָענט צו באַרבעס, ביי פּיגאַל, איין וואַנט איז אין דעם געסל א בלינדע, א מויער פון א שפּיטאָל — געפינט זיך דאָס קהלשע 4 שטאָקיקע הויז, א מושב פליטים. דאָרט זענען קליינע, איינצלנע שטיב־לעך, טונקעלע, שמאָלע קאָרידאָרן. עס וווינען דאָ איצט העכער צוויי צענדליק יידישע שרייבער, געקומענע פון לאַגערן — דייטשישע, סאָ־וויעטישע, אויך אַזעלכע וועלכע האָבן אין רוסלאַנד אויסגעמיטן די לאַגערן, אויך געוועזענע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. דאָס איז שוין געווען אין יענעם פעריאָד ווען קיין פּאַריז זענען שוין געהאַט אָנגעקו־מען הונדערטער צי גאָר טויזנטער, וועלכע זענען מלחמה־צייט געווען אין סאָוויעטנפאַרבאַנד. צווישן זיי אויך צענדליקער געזעלשאַפטלעכע טוער. עס האָט זיך געביטן דער גייסטיק־פּאָליטישער קלימאַט אין יידישן פּאַריז. ער האָט זיך געביטן עטלעכע מאָל און גאַנץ משונהדיק, אויס־טערליש. ווען עס זענען אָנגעקומען קיין פּאַריז די אַלע וועלכע זענען געווען אין רוסלאַנד — האָבן זיי אויפגעשריגן פון פרייען אָפּאָטעמען — מען מעג רעדן, מען מעג דערציילן, מען מעג שרייען. און זיי זענען געווען זיכער אַז איצט ווייסט דאָך שוין די גאַנצע וועלט דעם אמת וועגן רוסלאַנד, ווי אַזוי ס׳זעט דאָרט אויס די אידעע און איר פאַרווירקלעכונג — אַ פאַרבלענדעניש, אַ מיראַזש, א וויסטער חלום, א מקח טעות, א פאַרשלייערטער, בלוטיקער מאַסקאַרד. געראַטעוועט זיך.

שוין אַרויס. און זיי האָבן נישט געגלייבט אַז אין אויסלאַנד — ווייסט מען גאָרנישט, דערלאָזט מען נישט וויסן, וויל מען נישט וויסן, גלייבט מען נישט, מאַכט מען זיך נישט גלייבן. איז דען עפּעס אַזוי לייכט צו פאַרלירן אַ ליכטיקע אידיי, מיט וועלכער מ׳האָט אַזויפיל יאָרן געאָטעמט, געוואָרעמט אין האַרץ, פאַר איר געליטן, וועגן איר געחלומט, איז געווען דער יום טוב, די וויזיע פון גרויסן טאָג — גאולה!

יאָ, דאָ, אין פּאַריז — האָבן די קאָמוניסטן, אויף דער יידישער גאַס — כמעט די גאַנצע דעה. זיי האָבן אַלע אינסטיטוציעס, לאַנדס־מאַנשאַפטן. זייערע מענטשן אַרבעטן אויך, מאַסקירטע, אין די ציוניס־טישע אינסטיטוציעס, אַלס באַאַמטע, אויך אין די רעליגיעזע אינסטי־טוציעס, אין די הילפס־געזעלשאַפטן, אפילו גבאים אין די שולן — זיי זענען אומעטום. שטוינען די צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד — אַ נייע פאַרבלענדעניש! אפילו אַן אייגענער ברודער וויל נישט אויסהערן דער־ציילן זיין אייגענעם ברודער —

— וואָס? גלייבסט מיר נישט וואָס איך דערצייל דיר וואָס איך האָב דאָרטן דורכגעמאַכט? וויאַזוי ס׳זעט דאָרטן אויס?

— דערצייל מיר נישט, אויב דו ווילסט נישט אַז מיר זאָלן זיך צע־קריגן. איך וויל נישט הערן דעם אמת, איך גלייב דיר און ווייס אַז ס׳איז אמת — איך וויל אים אָבער נישט הערן! פּונקט ווי איך וואָלט נישט וועלן הערן קיין מיאוסע זאַכן וועגן דער מאַמען. איך וויל נישט! מ׳דאַרף עס נישט! דו רייסט אַרויס דאָס לעצטע ברעטל פון אונטער די פיס! פון איין זייט — פייער, גאַזקאַמערן, פון דער צווייטער זייט — וואַסער, טורמעס, פיין — ווו בלייבן מיר? צווישן פייער און וואַסער! און דו רייסט אַרויס דאָס לעצטע ברעטל — און נישטאָ זיך ווו צו ראַטעווען! פאַרמאַך די אויגן, ווער שטום אַביסל, פאַרליר דעם זיכרון — מ׳עט שוין אַ צווייט מאָל זוכן די סיבות, מאָטיוון, אַרגומענטן, תירוצים — נאָר לאָז אָפּ! האָסט געראַטעוועט דיין לעבן? אַ העלפט האָבן זיך גע־ראַטעוועט? אפילו אין די טורמעס — פאַרמאַך די אויגן און זאָג אַ דאַנק. קלויב אויס — פון דער צווייטער זייט שטייען גאַזקאַמערן, קאַלכ־אויוונס!

— אָבער —

— איך וויל נישט קיין שום אָבער, איך וויל נישט אז דו זאָלסט זיין גערעכט — לאָמיר וועגן דעם מער נישט רעדן!

דאָס איז שוין פון דער סאָלידסטער קלאָס שמועסן. די צוריקגעקו־מענע, די קנאָפּ־געניטע אין פּאָליטישער דיאַלעקטיק, נישט־געניטע אין די לאַבירינטן פון אַרגומענטאַציע מיט סטאַטיסטישע ציפערן, האָבן צו־ריק אַריינבאַקומען דעם שוין געהאַט אויסגעוועפּטן פּחד — און אויפ־געהערט רעדן און דערציילן וועגן רוסלאַנד. שוין געזאָגט בערך:

„מיר איז נישט אַזוי שטאַרק שלעכט געווען. ס'איז דאָך געווען מלחמה־צייט". אָבער אויך די שרייבער, וועלכע האָבן פאַרלאָזן שוין די־רות און פּאָסטנס אין פּוילן — און דורך אַלע וועגן און מיטלען, אויך ריזיקירנדיק מיט אַרעסט אויף יאָרן — געקומען קיין פּאַריז כדי שוין צו טון ענדלעך דעם לאַנג־געגאַרטן און דערוואַרטן טיפן פרייען אָפּ־אָטעם! זיך אויסרעדן, זיך צעשרייבן — האָבן גיך געכאַפּט א פּחד־פאַר־קילונג און ס'רוב פון זיי זענען אַוועק אין יענעם הויז פון „דאָס נייע בלאַט" — און מ'האָט אַהינגעטראָגן לידער צום דרוקן, געגעבן די פּאָטאָס צום פאַרעפנטלעכן, געגעבן אינטערוויוען, געשיקלט מיט די אויגן און מיט דער צונג, געשטאַמלט לויבערייען, געקרעקט זיך אַביסעלע נאַציאָ־נאַל, אַזוי וואַסערדיק, לעבלעך, אויף יוצא וועגן.

די ווינציקע וואָס האָבן נישט נאָכגעגעבן, נאָר געזשאַקיזט ביי יע־דער געלעגנהייט, ביי יעדן צונויפקום, גערעדט און געשריבן — די זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין יענעם הויז אויף דער „גן עדן־גאַס" ווו ס'האָט זיך געדרוקט „דאָס נייע בלאַט", צו דער פּען פון — גימפּל גלאָמפּ, וועל־כער האָט זיך נאָך אַלץ געחתמעט מיט דער אונטערשריפט — אריה זכריה קייזערמאַן. ער איז שוין געווען וויצע־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. שוין אַוואַנסירט. די מאַי־טעג פון 1948 זענען שוין לאַנג אַריבער, נישט נאָר דאַטיש — נאָר זייער גייסט ווערט שוין גיך אויסגעוואָרצלט. די בלאָע פאַרב פון יענעם־יומטובדיקן מדינת־ישראל־נומער האָט מען שוין לאַנג פאַרגאָסן מיט אלע טונקעלע פאַרבן. גלאָמפּ האָט זיך אויך געהאַט אביסל צו גיך מיטגעכאַפּט מיט דער ווייס־בלויער שמחה, געמיינט אז מען מעג שוין, און זיין אייגענע מאַמע וווינט דאָך אין דעם דאָזיקן אבותדיקן לאַנד, און אין די קינדעריאָרן האָט מען אויך געהאַט עפּעס אין זיך אַריינגע־

זאַפּט אַביסל יידישקייט. איז וויפל ער האָט שוין דערפון נישט אויסגע־צאַפּט — איז ביי אים און זיינסגלייכן נאָך אַלץ פאַרבליבן ערגעץ א שמץ — מ׳זאָל עס נישט באַדאַרפן. אָ, ווען ער כאַפּט זיך דעמאָלט נישט צו מיט אַזאַ אַפּעטיט צו דעם דאָזיקן נאַציאָנאלן מדינה־מאכל — וואָלט ער שוין היינט געווען שעף־רעדאַקטאָר. אָבער אזוי — איז ער וויצע. מילא, דאַנק גאָט דערפאַר, וואָס נישט אָפּגעשניטן ערגער. און אָט האָט ער באַקומען די ראָל צו בענדיקן יענע שרייבער, די צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, וועלכע באַשטייען נישט צו שווייגן.

יעדן טאָג דערלאַנגט זיי גימפל גלאָמפּ א פּאָרציע כיבוד. ווער האָט געשאַפן די לאַגערן אין אוישוויץ און מאַידאַנעק? — ווער? — אָט די שרייבער פון שפּיטאָל־געסל, וועלכע טראַכטן אויס בילבולים אויפן ראַטנפאַרבאַנד. זיי ווילן שאַפן נייע מאַידאַנעקס. זיי ווילן אייערע געראַ־טעוועטע קינדער ווידער פירן אין נייע קרעמאַטאָריעס. דאָס ווילן זיי, די יודאַשעס, די פאַרעטער, די געדונגענע פון וואָלסטריט, פון טרומאַן, אַבראַמאָוויטש, פּאַט, דובינסקי. אָט די שפּיאָנען, גראַפאָמאַנען, מנוולים, קאַפּאָס, מכלומרשט זענען זיי אָרעם, אָבער גלייבט זיי נישט. זיי קריגן גוט באַצאָלט פאַר זייער שפּיאָנישער אַרבעט און טרייבן א לוקסוסדיק, אויסגעלאַסן לעבן.

ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום וואָרט. ער האָט געוווּסט אז וואָס שאַרפער ער וועט שרייבן — אַלץ גרעסער וועלן זיין פאַר אים די שבחים און אָנערקענונג. די קעגנער רופן אים — פעדער־טשעקיסט — ווייסן זיי גאָרנישט וואָסער קאָמפּלימענט זיי האָבן אים דערמיט געמאַכט, וואָסער טובה זיי האָבן אים דערמיט געטון.

פונדעסטוועגן איז אין קיין שום אינסטיטוציע און אין קיין שום הויז נישט געווען אַזאַ מין וואַרעמע, נאַציאָנאלע אַטמאָספערע, אַזאַ גייסט פון אומרו, שעפערישקייט, רעבעלישקייט, שטרייטן און דיספּוטן אַרום אידייען און ליטעראַטור — ווי אין אָט דעם מרה שחורהדיקן, גראָען־מושב־פּליטים־הויז אויפן שפּיטאָל־געסל ביי בארבעס.

די שרייבער וועלכע זענען תחילת, נאָך זייער אָנקומען, ווידער גע־וואָרן קאָנפאָרמיש געשטימט, אַוועק קיין קאַנאַסע אין יענעם הויז פון דער „גן עדן"־גאַס, האָבן אָבער דאָך, נאָך א געוויסער צייט, פון זיך

אָפּגעטרייסלט דעם פּחד־ און פּשרה־גייסט (אייניקע זענען שוין אפילו אַוועק קיין ישׂראל). אויב זיי זענען נישט אַרויסגעטרעטן מיט זייער אַנטי־טאָן עפנטלעך — אָבער אין הויז פון שפּיטאָל־געסל זענען זיי געווען בונטאַריש, רעבעליש, פול מיט רעוואָלט.

אין דעם דאָזיקן הויז, אין די ענגע, אָרעמע שטיבלעך, ווי נישט איינער פון זיי האָט אָפּטמאָל נישט געהאַט אויף קיין ברויט צו קויפן, אָדער אויף א נייטיקן מעדיקאַמענט (אַט טאַקע „די געצאָלטע שפּיאָנען"), איז שטענדיק געווען א קלימאַט פון רוחניותדיקן חול המועד, צווישן יומטוב און יומטוב. זיי האָבן באַקומען א זאַל אין פּאַרטער, ווו ביז מיטאָג האָבן קינדערלעך געלערנט עברית און פראַנצויזיש, און פון צוויי אַזייגער אָן איז עס געוואָרן א גאָרקיך פאַר די שרייבער, ווו מ'האָט באַקומען א ביליקן מיטאָג. בייגאַכט איז עס געוואָרן א לייען־זאַל, פאָרלעזונגען, פאַרזאַמלונגען, קבלת פּנים פאַר ניי־געקומענע שרייבער, פאַר געסט פון אויסלאַנד, פאַר די עפנטלעכע דיסקוסיע־אָוונטן אויף פּאָליטיש־ליטעראַרישע טעמעס, נאַציאָנאַל־סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועגן נייערשינענע ביכער, היימישע קאָנצערטן.

הערש מעכל איז אָפּט אַריינגעקומען אין דעם דאָזיקן הויז. ער איז אַריינגעקומען שווייגן. זיין לשון איז נישט געווען דאָס לשון פון די שרייבער. הערש מעכל האָט שוין דעמאָלט געהאַט צונויפגעזאַמלט עטלעכע צענדליק זיינע מאמרים און אַרויסגעגעבן אין א בראָשור פון וואָסערע 150 זייטן. א פּאָלעמישע בראָשור מיט ערנסטע באַטראַכטונגען, טעאָרעטיש אויסגעאַרבעט, אילוסטרירט מיט פאַקטן פון 36 יאָר דערפאַרונג פון א אַרבעטער־טוער, רעוואָליוציאָנער. ער איז שוין געווען ביי זיין חבר יאַקוב אַשקענאַזי אויף יענער זייט לאַמאַנש. מיטגעברענגט מסתם א געוויסע סומע וואָס יענער האָט אים געגעבן. ער האָט זי באַלד אַריינגעלייגט אין די אויסגאַבן אויף דער בראָשור, האָט נאָך געמוזט אָנקומען צו הילף פון בעסער־סיטואירטע חברים. יענע האָבן אויך, דאַכט זיך, אים צוגעשריבן פאָרווערטער, צי נאָכווערטער. אָבער נאָכן דערשיינען פון דער בראָשור — האָט ער שוין ווידער נישט געהאַט אויף קיין פּעקל פּאַפּיראָסן. און אויך גראָד דעמאָלט ווען די יידיש־קאָמוניסטישע פּרעסע אין פוילן האָט זיך צו אים ווידער גענומען. מאַרעק מאָרסקי האָט אים

גערופן (אַנויצונאַגן) נישט אַנדערש ווי — „דער טראָצקיסטישער הונט" און זאַכאַריע האָט אים גערופן „דער באַוווּסטער געדונגענער אינטער־נאַציאָנאַלער שפּיאָן". מאַרעק מאַרסקי, בערנאַרד פינקעל, שמחה בונעם — זיי איז עס געראָטן און געלונגען אויסצומיידן סיי די דייטשישע קאַצעטן, סיי די סאָוויעטישע לאַגערן — און זיי זענען איצט אין פּוילן הויכע דיגניטאַרן, וווינען אין עטלעכע־צימערדיקע דירות, האַלטן דינסטן און קאָנען חתמענען צעטעלעך מיט וועמעס א נאָמען — און יענער זאָל גלייך שוין נעלם ווערן אין די טורמע־קעלערן... זיי לעבן אין מאַטעריעלן וווילטאָג, באַקומען טיטולן און אָרדנס און פּרעמיעס — און הערש מעכל, וואָס האָט זיך פון לאָנדאָן נאָר מיטגעבראַכט א נייע ברוין־געשנירלטע סאַמעטענע מינאַרקע, אָבער האָט נאָך אַלץ נישט קיין שקאַרפּעטן און אויף א שאָכטל פּאַפּיראָסן — איז „דער באַוווּסטער, געדונגענער אינטערנאַציאָנאַלער שפּיאָן".

הערש מעכל איז אַריינגעקומען אין דאָזיקן הויז פון די פּליטים־שרייבער כדי צו באָרגן א בוך, א זשורנאַל, אַמאָל צוגעוואָרפן א וואָרט אין וויכוח, אָבער נישט געפונען די אַנטשפּרעכיקע פּאָר אים מיט־שמועסער. די שרייבער שרייבן און רעדן וועגן פּאָליטישע פּראָבלעמען — אָבער עס שמעקט דאָך מיט ליטעראַטור, באָהעמיע. קיין נייע אַלייע אין לוקסעמבורג־פּאַרק פון „געוועזענע" איז מער נישטאָ, הגם די צאָל זייערע האָט זיך צענפאַך פאַרגרעסערט. אָבער זיי זענען צעשטויבט, צעזונדערט, צעאיינזאַמט, פאַרביטערט, מיד.

אָבער נישט פישל אייזנשטאַט. ער איז דאָ אַן אָפּטער איינגייער, ווייל ער האָט געפונען דאָ, צווישן די שרייבער, זיינס א יוגנט־חבר, נאָך פון דער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. דער שרייבער, משה אַמסטער, האָט די מלחמה־יאָרן פאַרברענגט אין רוסלאַנד און ער האָט אָנגעשריבן וועגן זיינע איבערלעבענישן עטלעכע דיקע ברוליאָנען וואָס וועט סטייען אויף צוויי דיקע ביכער. טייל האָט ער שוין געדרוקט אין אַן אַמעריקאַנער יידישער צייטונג. פישל האָט זיי שוין איבערגעלייענט אין כתב יד און ער חוזקט פון זיי:

— דיינע ווערק זענען שפּילצייגן, שוואַכינקע, בלייכינקע, אין פאַרגלייך מיט דער סאָוויעטישער פּאַקטישער, קרעציקער ווירקלעכקייט. די

האָסט אסך איבערגעלעבט, און געזען, און דערציילסט איבעראַשנדיקע זאַכן — אָבער דאָס אַלץ איז א סאַמעטענער גלעט איבער דער ביקס־לופע. איך האָב געוואָלט אז דו זאָלסט קומען מיט די שווערע מיטראַליעזן און אויפרייסן די דאָזיקע גיגאַנטישע ליגנט־פעסטונג. זאָלסט א טרייסל טון די זיילן (וועלכע זענען פאַקטיש אינערלעך צעפוילט און צעקרישלט) פון דעם דאָזיקן שרעק־ און שקר־לאַנד, וואָס האָט נישט צו זיך זיינס־גלייכן, וואָס אַלע ראָמאַנאָווישע און פריערע רוסישע דינאַסטיעס, צוזאַמען מיט אַלע סאַטראַפּן און טיראַנען אויפן גאַנצן גלאָבוס זינט טויזנטער יאָרן — האָבן אַזויפיל אַרעסטאַנטן נישט געהאַט. גיי, גיי, לאָז צורו, אַמסטער, די אמתע סטאַליניסטן וועלן דיך בענטשן פאַר דיין מילדקייט. ווייז מיר א מענטש אין דער וועלט וואָס האָט שוין געגוג באַנומען און דערגרונטעוועט די קאָמוניסטן — אַרטור קעסטלער? — עס איז נאָר א לייכטער קיצל אין דער קרעמלישער פּיאַטע. אפילו אויך נישט וויקטאָר סערזש. און אוודאי שוין נישט קראַווטשענקאָ. טאָ ווער וועט דאָס זיין דער פאַקטישער אַנטדעקער און אָפּדעקער פון יענעם מאַסקירטן גרויל־געשפּענסט ?

„דאָס נייע בלאַט" האָט דערווייל אָרגאַניזירט א גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל משפטן די יידישע קראַווטשענקאָס, דאָס הייסט די אַלע שרייבער אין פאַריז, וועלכע שרייבן קעגן רוסלאַנד. אלס עדות פון דער באַשולדיקונג זענען אַרויסגעטרעטן אויך צוויי אַקיטאָרן, וועלכע זענען געווען אין רוסלאַנד. איינער פון זיי — מ. געלמאַן, איז געווען אין רוסלאַנד שוין עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה. האָט ער ממילא נישט געהאַט קיין רעכט פון רעעוואַקואַציע ווי עס האָבן עס געהאַט יענע, וועלכע זענען געקומען קיין רוסלאַנד (פאַקטיש פאַרנומען געוואָרן אויף די אָקופּירטע פּוילישע געביטן) אין סעפּטעמבער 1939. האָט דער דאָזי־קער אַקיטאָר, וואָס האָט זיך אָנגעליטן בעת די „רייניקונגען" און אַרעסטן פון אויסלענדער אין די יאָרן 1936־1937 — נאָך דער מלחמה זיך אַריינ־באַקומען קיין רומעניע. פון דאָרט איז ער אין מיטן א פאַרשטעלונג ראַפּטעם פאַרשווונדן — ער האָט זיך אַריבערגעשמוגלט קיין פּוילן. פון פּוילן האָט ער זיך אַריבערגעשמוגלט קיין פאַריז. ער איז שוין דווקא שטאַרק פּסול געווען פאַר אַן עדות מצד דער באַשולדיקונג, נאָר ער האָט

געאַרבעט אין זייערס אָן אינסטיטוציע, רעזשיסירט, געשפּילט — האָט ער געמוזט עדות זאָגן. בעת דעם פּראָצעס־ספּעקטאַקל האָט איינער פון די פאַרזאַמלטע אַרויפגעשריגן צו געלמאַנען בעת ער האָט עדות געזאָגט קעגן „די קראַוושעקאָס״ —

— איר האָט דאָך אין טאַשקענט געהאַנדלט אויפן באַזאַר מיט ברויט־קאַרטאָטשקעס!

מ׳האָט דעם צווישנרופער גיך באַזייטיקט. דער צווייטער אַקטיאָר־עדות, ריקלענד, דווקא א באקאנטער פון אמסטערן, נאָך פון ווארשע, פון די יוגנט־יאָרן, האָט זיך געטראָפן מיט אַמסטערן אין סאָוויעטישן אַזיע, אין איינער א נאכט, ווען מ׳האָט זיך אַריינבאקומען אין א רעסטאָראַן און מ׳האָט באַקומען צו פאַרציעס מאַקאַראָן. אָבער קיין לעפל זענען נישט געווען. האָט ריקלענד געגעסן מיט א בלייפעדער, דערנאָך האָט ער אַמסטערן געבאָרגט דעם־זעלבן בלייפעדער, און ער האָט אים געגעבן א דריטן באַקאַנטן. ריקלענד איז נישט אַוועק ביז ער האָט נישט צוריק־צוגענומען דעם דאָזיקן לעפל־בלייפעדער. אין עטלעכע מינוט אַרום, אין דער ענגעניש און קוועטשעניש — האָבן זיי זיך פאַרלוירן און ערשט געטראָפן זיך אין זיבן יאָר אַרום — אין פאַריז.

איז אָט האָט דער אַקטיאָר ריקלענד איצט עדות געזאָגט, פּונקט ווי דער אַקטיאָר געלמאַן — אַז דאָס וואָס אַמסטער און זיינסגלייכן שרייבן וועגן רוסלאַנד (ווו ס׳איז, אגב, דאכט זיך, אויך דערמאָנט דער עפּיזאָד מיט ריקלענדס בלייפעדער־לעפל), איז אויסגעטראַכט, איז שקר.

און אָט טאַקע דער ריקלענד האָט זיך ארויסגעשמוגלט, שוין פון דעם פאָלקסדעמאָקראַטישן פּוילן, קיין פאַריז. נאָר זעט אויס, אַז ער האַלט נאָך אויך דאָס אָרט נישט פאַר געגנוג זיכער, די מאָסקווער קאָנען נאָך אויך דאָאַהער אַריינמאַרשירן, און ער האָט אין דער שטיל אין א מיטננאַכט, צוזאַמען מיט זיין ווייב די אַקטריסע, זיך אָפּגעטראָגן אין איינעם פון די ווייטע לענדער אין דרום־אַמעריקע.

אין דער נאַכט פון דעם משפּט, איז איינער פון די „געמשפּטע״, טאַקע פּישלס חבר, משה אַמסטער, געלעגן קראַנק צו־בעט, נאָך א האַרץ־אַטאַק אין גאַס. מ׳האָט אים אַהיימגעברענגט אין אויטאָ און אַרויפגעטראָגן אין בעט אריין. אָבער אויפן משפּט האָט מען דערציילט וועגן אים — דעם

טרומאַן־אַגענט און מלחמה־העצער, וואָס גרייט צו אַ נייעם אוישוויץ און טרעבלינקע. האָט אויף צומאָרגנס פאַרטאָג זיך אַריינגעכאַפּט אַ גע־לער יונג, אַן אָרדנער און שלעגער פון די קאָמוניסטן, און ער האָט אַ וואָרף געטון אַ ציגל אין דער טיר ווו ס׳האָט געוווינט דער שרייבער משה אַמסטער, און אַריינגעשריגן צו אים:

„פאַרעטער! פאַשיסט!״

די טיר האָט זיך אויפגעריסן, עס איז אַרויס אַ צעשראָקענע אַמסטערס פרוי, און באַלד האָט מען געזעען אַמסטערן לויפן אין דער הינטער־וועש און ער האָט געהאַלטן אַ האַק אין האַנט און היסטעריש עפּעס געשריגן צום אַנטלויפנדיקן אָנפאַלער.

דאָס פּליטים־הויז האָט מען שוין געהאַלטן ביים ליקווידירן. די אָנ־געגריפענע האָבן כמעט נישט געפינען קיין שוץ, אויך נישט פון די נאַציאָ־נאַלע אינסטיטוציעס און טוער. טייל פון די פירער זענען געווען אויפ־געקומענע גבירים און זיי האָבן פיינט געהאַט בתכלית השנאה די אָרעמע, דערשלאָגענע, אָבער רעוואָלטירנדיקע שרייבער. אויך דער אַדמיניסטראַ־טאָר פון הויז, אַן אָנגעשטעלטער אין דער נאַציאָנאַלער פעדעראַציע, איז געווען אַ קאָמוניסט און ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען פאַרוואָס די חברים פון דער ענקאַוועדע האָבן אַרויסגעלאָזט אָט די דאָזיקע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן. ער האַלט אַז די ענקאַוועדע האָט נאָר דעמאָלט אַ ווערט, אויב זי קען איבערשטייגן די געסטאַפּאָ אין אירע מעטאָדן ביים פאַר־טיליקן די קעגנער.

ביינאַכט האָט ער אַ וואַרשטאַטל אין דאָזיקן פּליטים־הויז (ער איז אַן אַלטער תושב פון פּאַריז, געקומען פון בעסאַראַביע) ווו ער אַרבעט אויס קינסטלעכע ציין. ער איז נאָך פאַר די פערציקער. ער האָט אַ יונגע שיינע פרוי, וועלכע ליידט אָבער אויף אַ קענסער. אויב עס וועט זיין אַמאָל אַן ענקאַוועדע אין פּאַריז, וועט ער זיין איינער פון אירע הויפּט־אינקוויזיטאָרן. ער האָט דאָס באַזונדער דערקוטשעט די שרייבער, און נאָך באַזונדער — די „קאָנטררעוואָליוציאָנערן״.

אַן איינוווינערין אין דאָזיקן הויז, פון דער פּען־משפחה, האָט אין מיטן נאַכט באַקומען שגעון־אַטאַקעס און די פראַנצויזן־שכנים זענען אָנ־געלאָפן מיט כעס — מ׳לאָזט זיי נישט שלאָפן.

דאָס אייזערנע טויער האָט שוין געזשאַווערט און געסקריפּעט. די פּרוי פון יידישן קאָנסיערזש איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַראָפּגעשפּרונגען פון א הויכן שטאָק.

די גביריש־אַסימילאַטאָרישע פראַנצויזישע יאַהודים, די פּאַטראָנען און פּראָטעקטאָרן פון דאָזיקן קהלשן פּליטים־הויז האָבן גענומען דרעגנגען אַז די שרייבער זאָלן פאַרלאָזן דאָס הויז. עס האָבן דערין וואַרשיינלעך צו־געהאָלפן אויך די קאָמוניסטן, אויך אייניקע פּאַרוועניוס פון דער נאַציאָנאַלער פעדעראַציע, ביי וועלכע ס׳איז סתם א מצווה פּיינט צו האָבן ליטעראַטן (און דערצו נאָך אָרעמע, דערשלאָגענע, גערודפטע, וועלכע האַלטן זיך דאָך נאָך מיט א מין שטאָלץ און פּאַריסנקייט). אָבער סיי אַמסטער, סיי פישל אייזנשטאַט, סיי הערש מעכל — האָבן שוין לאַנג פריער געהאַט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ישראל.

## די מחשבות אויפן ים זענען אַנדערע ווי אין א קוילנקעלער

הערש מעכל איז געפאָרן אָן באַגאַזש. א מחיה. אָבער אַרויפגעזעצט האָט מען אים אויף א לאַסטאויטאָ מיט נאָך עטלעכע צענדליק עולים און יענע האָבן יאָ געהאַט באַגאַזשן, בעטגעוואַנט, און מ׳האָט אָנגעלאָדן דעם אויטאָ אפשר אויף צוויי שטאָק הויך, און אַזוי געפאָרן פאַרטאָג אין מאַרסייל צום פּאָרט. דער אויטאָ האָט זיך אויסגעבייגט יעדע רגע צום איבערקערן זיך. דער שטאַרקער ווינט פון אָפענעם ים האָט אים צוריק אויסגעגלייכט, אָדער פשוטער — ווייל דער אויטאָ איז אין יענעם פאַרטאָג געפאָרן מיט אַזאַ גיכן טעמפּאָ, אַז ער האָט פשוט נישט באַוויזן זיך איבערצודרייען.

ס׳רוב פון די עולים זענען געווען פון צפון־אַפריקע, אַראַבישע יידן פון מצרים און מאַראָקאָ.

א טייל האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן נאַרוואַס אַנטרונען פון א פּאָגראָם. זיי זענען אין אַלטע, געלאַטעטע, פאַרשטויבטע מלבושים, אין

צעריסענע שיך אָדער הילצערנע טרעפּעס אויף די נישט־איבריק זוי־
בערע פּיס. זייערע צעוואַרעמטע טונקלהויטיקע פּנימער פּאַרטראַגן נישט
דעם שניי וואָס פּאַלט אויף זיי. עטלעכע שעה איז נאָך אויסגעקומען צו
זיין אין פּאַרט, זיך שיצן אונטער פּלאַנדעקעס וואָס מ׳האָט פּאַרצויגן
צווישן איין קאַסטן און צווייטן. זיי האָבן זיך אונטערגעלייגט פּאַלטנס און
טיכער און אַנידערגעקורטשעט. פריער לאָזט מען אַריין די טוריסטן, איצט
הייבט אָן רירן דער טאַבאָר פון די עולים, די אַפריקאַנישע, ווייל ס׳ביסל
אייראָפּעאישע עולים האָט זיך שוין ערגעץ צונויפגעקורטשעט אין אַן אַנ־
דער ווינקל. אָט גייען שוין אַלע אויסגעמישט. הערש מעכל גייט שוין
אויפן שיפן לייטער־בריקל.

אין דער זעלבער רגע זענען געגאַנגען פאַר אים אויפן בריקל —
אַן איינגעבויגענער אַלטיטשקער מיט א גרין־גרויער באָרד, מיט א ברוי־
נער בורקע, פּאַרוואָרפן מיט אַ קאַפּישאָן־באַשליק אויפן קאָפּ. ער האָט
געהאַלטן א שמאָל באַצירט קעסטל, געטראָגן עס אַרומגענומען מיט ביי־
דע הענט. ווען א פראַנצויזישער פּאַליס האָט אים געוואָלט צוהעלפן אָנ־
נעמען אָט דאָס קעסטל בעת ער איז געגאַנגען צום בריקל, איז גיך אונ־
טערגעלאָפן א צווייטער אַלטיטשקער עולה, א באָרוועסער, געמאַכט
פּאַרצווייפלטע רופן מיט די הענט צום פּאַליס, אז ער זאָל אַוועקנעמען
דערפון די הענט — נאָ־נאָ־נאָן! — און ער האָט צוגעשטעלט זיינע הענט
צוצוהאַלטן אָט דאָס געצירטע קעסטעלע וואָס יענער אַלטיטשקער טראָגט
אַזוי טוליענדיק. הערש מעכל הערט פון די ווייבער און אַנדערע אַפרי־
קאַנישע עולים ווי זיי רופן עקסטאַטיש —

— ספר תורה, ספר תורה! —

און זיי גריסן מיט זייערע הענט צו דעם קעסטעלע ווי זיי וואָלטן
עס קושן. און אָט טאַקע אין דער זעלבער רגע האָט זיך דער באָרוועסער
אַלטיטשקער אויסגעגליטשט אויפן בריקל, איז אומגעפאַלן, און דער ער־
שטער אַלטיטשקער האָט זיך אויך געטון א וואַקל. דאָס געצירטע, אָרנאַ־
מענטירטע קעסטעלע האָט זיך געטון א בייג אויס — און הערש מעכל
האָט באַוויזן פלינק צו געבן א כאַפּ אונטער סיי דאָס קעסטעלע, סיי דעם
אַלטיטשקן אין דער בורקע. ערשט יעצט האָט הערש מעכל באַמערקט אז
דער דאָזיקער אַלטיטשקער טראָגט א מעשן אוירינגל אין אַן אויער. ווען

ער איז שוין אַרויס פון בריקל, אונטערהאַלטנדיק דאָס קעסטעלע, האָבן די מענער און פרויען צוגעלייגט זייערע הענט צום קעסטעלע און דער־נאָך געקושט זייערע אייגענע הענט. איין פרוי האָט אויך צוגעלייגט איר האַנט צו הערש מעכלס אַרבל, און דערנאָך געקושט אירע פינגער.

הערש מעכל איז גיך אַראָפּגעלאָפן אין סאַמע נידעריקסטן שטאָק פון דער שיף, דאָרט אין קעלער פון די באַגאַזשן, און אָפּגעוועזן דאָרט א שטיק צייט — ביז די באַקאַנטע זיינע, פון פּאַריז, האָבן אים אויס־געפונען און צוריק אַרויף מיט אים אויפן אויבערשטן דעק.

עס דערהערט זיך דער שיף־סיגנאַל צום אָפּפאָרן. אָט דער הייזערי־קער קוימען־סיגנאַל וואָס האָט שוין אַזויפיל הערצער דערפרייט און דערשראָקן. א געשאַל פון גורל, אַן אָנזאָגער, אַז אָט גיט ער זיך ערגעץ א פּאַרקערעווע, א שאַרפן ווענד — לטובה, אָדער לרעה? א ווייטער עכאָ פון כמאַרנעם אַרום ענטפערט אָפּ — דערהאַלטן די אַרויספאָדערונג! מיר וועלן דיך אויפנעמען, זענען גרייט — האָו — האָו — האָאָאָ!!!

די שיף גיט א צאַפּל. א מיטליאָריקער ייד פון די מאַראָקאַנישע עולים, מיט א קליין, געקרייזלט שוואַרץ בערדעלע, לויפט צו צו איינעם פון די הענגלענדיקע נאַציאָנאַלע פענער און גיט א קוש דעם ווייס־בלוי מיטן מגן דוד. מ׳דערהערט פון ערגעץ קלאַנגען פון „התקווה״.

**
*

באַלד נאָך דער ערשטער שעה ווי מ׳איז אַרויס אויפן ים, האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער שטורעם, און די שיף צו וויגן. גיכער ווי תמיד איז צוגעפאַלן דער פּאַרנאַכט און ס׳האָט אויסגעזען ווי ס׳רעגנט, די דעק איז פּאַרשפּריצט און פּאַרגאָסן געוואָרן. די מאַטראָזן און קעלנערס האָבן אָנגעהויבן אַראָפּקערן ס׳וואַסער, שעפּן מיט עמערס. הערש מעכל האָט זיי צוגעהאָלפן און זיך דערווייל באַקענט מיט עטלעכע מאַטראָזן און קעלנערס. צווישן די מאַטראָזן זענען געווען סאַברעס, און געקומענע פון אַרגענטינע, יונגע אידעאַליסטישע בחורימלעך און עלטערע, וועלכע האָבן כסדר געברומט און אומצופרידן געבורטשעט. פּאַרהאַרטעוועטע חברהלייט, וועלכע ווייסן שוין דעם טעם פון טורמעס צוליב קרימינעלע ענינים. די קעלנער זענען ס׳רוב אינטעליגענץ — א דייטשער ייד וועל־כער איז אַמאָל געווען אַן אַדוואָקאַט, און א פּוילישער ייד א נישט־פאַר־

ענדיקטער אינזשיניער, שטאַמט פון וואַלין, שטודירט אין נאַנסי; א לופט־פליער פון טשעכיע וואָס האָט געדינט אין ענגלישן לופטפלאָט, אין ראַנג פון א קאַפּיטאַן; אַן איטאַליענישער מאַטראָז, נישט־ייִד, רעדט א כוואַ־ליקן עברית; איינער פון מצרים, א יונגער מאַטראָז, וואָס וואָלט מיט זיין שיינקייט זיך גיכער געפּאַסט פאַר אַ סטאַר אין האָליוווד. דער אַדוואָ־קאַט האָט געטון זיין אַרבעט נישט גערן, געווישט די פּאַדלאָגעס מיט שמאַטע־בעזעמס און גערעדט צו זיך עפּעס אויף דייטש, מיט טענות, ווי נאָך א פאַרשפּילטן פּראָצעס. דער נישט־געענדיקטער אינזשעניער איז געווען אַן אָנגענעמער, פריילעכער, געשמייכלט צו די עולים, ביים דערלאַנגען עסן זיי געוואָלט וואָס מער צופרידנשטעלן — אָבער אויך גערעדט פּראָטעסטירנדיק, נאָר שוין אין די ראַמען פון פּאָליטיש־פּאַר־טייאישע קאַטעגאָריעס, געהאַט טענות צום רעזשים אין דער מדינה. געווען ראַדיקאַל־לינק.

הערש מעכל האָט שוין דערזען קלאַסן, אַז די עולים זיצן ביי אַנ־דערע טישן און די פּאַסאַזשירן ביי אַנדערע טישן, אין אַנדערע קלאַסן. און אויך די פּאַסאַזשירן זענען געטיילט אין קלאַסן און אויך אַפילו — די עולים זענען געטיילט אין קלאַסן. די לעצטע — שוין נישט אָפיציעל, אָבער דאָך האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז די עולים וועלכע האָבן יאָ באַ־קומען קאַבינעס — זענען עס געווען די אייראָפּעאישע, אויך עטלעכע פון אַמעריקע און אויסטראַליע; און די אַן־קאַבינעס, סאַמע אונטן, אין באַגאַזש־האָל, אויף נאַרעס און פּשוט אויף דער ערד אויף שעננִיקעס, זענען געווען ס׳רוב די אראבישע יידן. צווישן די ווינציקע אייראָפּע־אישע איז אויך געווען הערש מעכל, פישל אייזנשטאַט. דער שרייבער משה אַמסטער האָט געהאַט אַן אָרט אין א קאַיוטע, אָבער צוליב סאָלידאַ־ריטעט־געפיל צו די פריינד, און מסתמא אויך צוליב אָבסערוואַציע־צוועקן, איז ער אויך געשלאָפן אונטן אויפן דעק.

זענען שוין אַראָפּגעקומען נאָך עטלעכע עולים פון פּאַריז, געווען אויך עטלעכע עולים פון די שרייבער פון מושב־פּליטים־הויז אין שפּי־טאָל־געסל. אייניקע שרייבער פון דער דאָזיקער גרופּע זענען געפאָרן אויף אַ באַזוך בלויז, אַלס טוריסטן, אויף דערווייל, א קוק טון צי זיי וועלן זיך קענען איינאָרדנען.

ס׳איז חודש יאַנואַר, ס׳איז נאָרמאַל פאַרן מיטללענדישן ים אין דער צייט זיך צו ברויזן, און ברוגזן, און שטורמען, אָבער דאָך האָט זיך צו אים טענות — מעגסט דאָך אַמאָל אויך מאַכן אַן אויסנאַם. האָסטו אַלעמאָל אַזאַ מין סאָרט פּאַסאַזשירן?

ס׳רוב פּאַסאַזשירן שלאָפן נישט. די נאַכט צווינגט מיט איר צו פּאַר־ברענגען, אויפזיין, זעען איר חשכות, פילן אירע לאַנגע שעהן. פילן דעם צעוואָיעטן, דורכנעמענדיקן ווינט אין פּלייצע. דערפילן דעם אומעט פון די רויטפּעדעמדיקע, קנאַפּ־ליכטיקע עלעקטרישע לעמפּלעך. הערן דעם סקריפּ פון די קריכנדיקע קייטן, וועלכע ציען זיך געשמירטע אין אייל. דער אייל פּעטיקט זיך אין שמאָלע ריטשקעלעך וואַסער. אַן איבלדיקער ריח פון דעם אייל, און פון ים. און די אויסדאַמפּונג פון ליגנדיקע מענטשן. און די זויערקייט פון די אויסגעבראָכענע עסנס, וואָס זענען נישט פּאַר־שיט מיט זאַמד, שווענקען זיך אין די ריטשקעלעך פּאַראיילטן וואַסער. א זויערקייט קרעלט אין האַלז, א שנירל בליי קוועטשט אין שאַרבן. אין אַזאַ שעה יערט פּעסימיזם. נישטאַ אפילו קיין אַפּעטיט צום רייכערן. אָבער די וועלט־בוכאַלטעריע פירט זיך דערווייל איר רעגולערן חשבון — אין דער דאָזיקער נאַכט שטאַרבט דאָ א פרוי, און ס׳ווערט געבוירן א קינד.

פישל אייזנשטאַט האָט צונויפגעקלאַפּט אַן עולם באַקאַנטע. שלאָפן קאָנען זיי סיידוי נישט, איז מען אַראָפּ אונטן אין טרום, אויפן לעצטן דעק, צווישן די קוילן, באַגאַזשן, אייל־פּעסער. מ׳האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום הערש מעכלען, מען וויל פאַרטרייבן דעם איבל און חלשות. באַהאַנדלט מען און מען דיספּוטירט וועלט־פּראָבלעמען. און מ׳דאַרף זיך דאָך עפּעס צוגרייטן אויך. פאַרן אָנקומען קיין ישראל מאַכט נישט אויס דורכ־צופירן א קליינעם רעמאָנט אין דעם אייגענעם מחשבות־רעזערוואַר, דורכלופטערן אַביסל רעיונות וועלכע ליגן אָפטמאָל לאַנגע יאָרן אויפן דנאָ פון מוח.

די שיף הוידעט זיך אין דער לענג און וויגט זיך אין דער ברייט — א סימן פון פולן שטורעם. אַמסטער רעדט און וואַרפט מיט פייערווערק פון שאַרפזיניקייטן, סענטענצן, מאַקסימעס, עפּיגראַמען, אַפאָריזמען — ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף א געלעגנהייט אָפּצולאָדן א באַ־גאַזש מיט זאַגעכצער. ס׳באַקומט זיך דער איינדרוק ווי ער פאַרענדיקט

דאָ שמועסן וועלכע ער האָט געפירט אַמאָל ערגעץ — ווער ווייסט ווען, ווי און מיט וועמען. יעצט קוויטירט ער זיך, צאָלט אָפּ אַן ענטפער־חוב. די אַרומיקע ענטפערן אָפּ, באַשטרייטן ענערגיש, מיט צעכעסטער אייג־געשפּאַרטקייט, ווי ס׳וואָלט דאָ אַצינד געזעסן א חברותא פילאָזאָפן ביי א סימפּאָזיאָן און באַטראַכט פונדאַמענטאַלע וועלט־ענינים; אָדער א גע־זעצגעבערישער קליינער סנהדרין וואָס גרייט צו קאָדיפיצירן א ניי געזעץ־בוך, קאַנאָניזירן א קאָדעקס. און ס׳איז וויכטיק יעדער וואָרט־בייג, יעדער קנייטש, יעדעס צווישנוואָרט אָדער ברוכטייל־געדאַנק.

וואָס טיפער אין דער נאַכט אַריין אַלץ מער צעאַרבעט זיך דער שטורעם, די שיף צעקאַטשעט זיך מיט הנאה, האָט הנאה פון שיכרות און וויל נאָך שטאַרקער, העכער, ברייטער. ביים אַרויסזאָגן איין זאַץ איז מען אָט אויוון, און שוין אונטן, לינקס און רעכטס. און אינמיטן יאָגט זיך אַריין דער ווינט. דורך די קליינע קיילעך־פענצטערלעך פליוכעט אַריין א וואַסער. ווערן שוין ממילא די ווערטער לויזער, לייכטער, וויב־טיקער, צעשויבערט, פאַרלירן פון דער פייערלעכער ערנסטקייט. אָבער קיינער גיט נישט נאָך, יעדער מוז אויספירן זיינס. און אַמסטער ענדיקט זיינס א געדאַנק:

— יעדער איינער מענטש האָט נאָך אַלץ זיין באַזונדערן סימן, ערגעץ א באַזונדערן קנופּ אין גוף. נישט נאָר די מאַמע זאָל אים דער־קענען, נאָר אויך דער באַשעפער. יעדער מענטש האָט זיין באַזונדערן טריט, אַנדערע נאָז, אַנדער קול, אייגענעם שטימען־קלאַנג, באַזונדערן פינגער־אָפּדרוק. מיר קענען נאָר דעם שאַבלאָן־מענטש. גיי אָבער צו אים צו נענטער, נאָך נענטער, וועסטו הערזען — ער איז נישט קיין שאַבלאָן.

אינמיטן דערינען רופט פישל, א בגילופנדיקער, צו הערש מעכלען:

— ער פירט זיך אַרום מיט דער רעוואָליוציע איבער דער וועלט, ווי א ציגיינער מיט זיין בער אויף יאַרידים!

דער שרייבער יאַנאַס, א ספק־בלאָנדער און אַן־ספק דאַרער, א קורצ־זיכטיקער, וועלכער רעדט צו זיך מער ווי צו וועמען, ווייל ער האָלט נישט פון קיינעם און גלייבט נישט קיינעם; ער איז אומהיימלעך קלוג און פאַרעקשנט מרה שחוריש. האָט ליב א וויץ, וועט אָבער באין אופן

קיינמאָל הויך נישט לאַכן — ער רייניקט אַצינד זיין פאַרשטאָפּט ליול־קעלע און זאָגט מיט זיין קהלתדיקער באַס־שטימע, כאָטש ער איז נאָך קוים ביי די פערציק:

— אז דער פאַרפּום־ריח פון אידעאַליזם האָט זיך אויסגעוועפּט פון כישוף־פלאַקאָן — איז פאַרבליבן דער פּראַקטיציזם — אַזאַ נייטראַל, באַלעבאַטיש וואַסערל.

דער פריילעכער שאַמירקע, וועלכער האָט גיכער ליב א זינג טון א לידל איידער זיך באַווייזן פאַר די קאָלעגן מיט אַן אָריגינעל־געזאָגטן געדאַנק, איז אַצינד אויך גאַנץ לייטיש מינאָריש געשטימט. שיקלט ער אַוועק מיט אַן אויג ערגעץ אין אַן אומזעבאַרער ווייטקייט אַריין, און זאָגט:

— ס׳הייבט זיך אָן מיט אַן אידייען־קאַמף און נעמט אָן די פאָרמע פון א באָקס־קאַמף. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מיט ליבע צו דער מענטשהייט, צו די אונטערדריקטע, געפּייניקטע — איצט בלויז שנאה און אומצור־טרוי — צום אינטעליגענט, צום אַרבעטער, צום פּויער.

יאַנאַס האָט דאָס לעצטע וואָרט שאַמירקעס אויפגעכאַפּט ווי א באַ־לעם און געקייקלט, באַסיש געברומט:

— פּויער, פּויער, פּויער. דאָסטאָיעווסקי זאָגט אין זיין „ביעסי״: מיר האָבן אַרויפגעלייגט לאַרבער־קרענץ אויף פּאַרלויזיקטע קעפּ. דאָס רוסישע דאָרף האָט במשך טויזנט יאָר געגעבן אונז נאָר איין קאַמע־רינסקי־טאַנץ. עד כאן דאָסטאָיעווסקי. וויפל פון זיי האָבן פאַרקויפט א ייד פאַר א קילאָ זאַלץ און פלאַש באַפּט? געשריגן צו די געפּירטע יידן: מוישע, מען פירט דיך סייווי צום שיסן, זיי נישט קיין שפּעקולאַנט, גיב מיר אַוועק, מוישע, דיינע שטיוול!

און ראַפּטעם גיט זיך יאַנאַס א ווענד צו הערש מעכלען:

— איר זענט דאָך נאָך אַלץ א מאַרקסיסט. כ׳בעט אייך, פאַר אייך איז דאָך געגנוג א לחמא ברויט מיט הערינג, א זויערע אוגערקע, א גלאָז רויטן באַרשטש, אַ פּאַפּיראָס, און א בוך — דאָס קענט איר דאָך דער־גרייכן אָן סאָציאַליזם. איז וואָס אינטערעסירט אייך אַזוי שטאַרק דער גורל פון דער מענטשהייט? זי בעט אייך, די מענטשהייט? זי בעט אייך, מיך, צי יענע דאָרט ווי זיי הייסן — זי בעט אייך אז איר זאָלט איר

העלפן? דורכפירן כירורגישע אָפּעראַציעס, שניידן, האַקן, איבערקערן (די שיף שליידערט זיך איצט נאָך שטאַרקער), ווער בעט אייך דאָס? די געשיכטע — זאָגט איר? מיר זענען די משרתים פאַר דער געשיכטע„ אירע שקלאַפן, אירע ציגל, ציגל, ציגל פאַרן פּראַכט־בנין פון דער גע־שיכטע. אַלץ פאַר דער געשיכטע. די געשיכטע פאָדערט, די געשיכטע פאַרלאַנגט קרבנות, מיליאָנען קרבנות — איר ווייסט דאָס געניי אין איר נאָמען! מ׳טאָר אפילו נישט פרעגן די פראַגע צי איז די געשיכטע פאַר דער מענטשהייט אָדער די מענטשהייט פאַר דער געשיכטע. זאָגט אז איר ווילט מאַכט! הערשן! און ווער זענען די פירער, די הערשער, וועלכע ווילן איבערקערן א וועלט? — פּרימיטיווע, גראָע, באַגרענעצטע, פּראָווינציעלע פאַרשווינדלעך, וועלכע ווערן לסוף — מאַניאַקעס, סאַ־טראַפּן, טיראַנען. און לסאָמע סוף — פּסיכאָפּאַטן.

פישל קומט אונטער מיט א קורץ־געשניטענעם זאַץ:

— זיי הייבן אָן מיט אידעאַליזם, קריכן אַריבער אין קאַריעריזם, און שטעלן זיך שוין אפילו נישט אָפּ פאַר — קרימינאַליזם.

דער שרייבער זיידנזאַק, א ליטוואַק, א פאַמעלעכער, שטילער, דער עלטסטער פון דער גאַנצער גרופּע דאָ, ער יאָגט זיך נישט מיט אַרויס־זאָגן בליץ־געדאַנקען, ער פאַרשרייבט זיי בעסער אין זיין נאָטיץ־ביכעלע און ער וועט זיי אויסנוצן אין זיינס א נאָוועלע, ליד, צי אַרטיקל. ער שרייבט טאַקע איצט עפּעס אייליק אריין אין זיין נאָטעסל, כאָטש די האַנט מיטן בלייער קאָן הוידנדיק קוים עפּעס אויפצייכענען. שטייט מען צו אים צו אז ער זאָל תיכף שוין אַרויסלייענען וואָס ער האָט אויפגע־צייכנט. טוט ער צוליב:

„ווען מ׳זאָל אַזוי אָפּוועגן די פּיין און דעם פּחד פון די דאָזיקע קנאַפּע צוויי טויזנט עולים פון אייראָפּע און אַפריקע! צי קאָן מען דען איצט איבער אַלע ימען פון דער וועלט נאָך געפינען שווימענדיק אַזאַ שיף מיט אַזויפיל לייד און פּיין? אָבער די אַלע ליידיקן שוין אַצינד אויס זייערע טרויער־בעכערס און גרייטן זיי זיך אָנצוגיסן מיט ווייַן פון פרייד ביים דערנענטערן זיך צו די ברעגעס פון אונזער מקום מקלט, צו דער ליכטי־קער, אייגענער, אויסגעקעמפטער, אויסגעבענקטער, אויסגעבלוטיקטער היים!״

מ׳האָט געפּרוּווט אָפּלאָדירן.

דער זיבעטער אין דער חברה, אליהו איילבירט, האָט זיך אויפגע־שטעלט, אַ קוק געטון צום דרויסן, אַ רייב געטון די הענט און אויסגערופן:

— רבותינו, הגיע זמן קריאת שמע של שחרית. ס׳טאָגט שוין!

עולם קומט אַרויס אויפן אויבערשטן דעק. מ׳איז בייז אויפן ים־מחוצף. אַ מילב — קעגן אַ מחנה העלפאַנטן — צעבושעוועטע כוואַליעס. די שיף שליידערט זיך ווי אַ מילטערל, עפּעס אינגאַנצן אָן ווערדע פאַר די אַלע מיוחסים וואָס געפינען זיך דאָ אויפן שיף. דער פאַרטאָג דראָ־בערט אַלץ מער פלאַץ אויפן הימל. דער שטורעם נעמט זיך זעצן ביס־לעכווייז, האָט, זעט אויס, דרך ארץ פאַרן טאָג. און אפשר איז ער גאָר־נישט שוואַכער אויך, נאָר שטורעם מינוט נאָכט — איז שוין ממילא מילדער.

די עולים פון מאַראָקאָ זעט מען נישט, זיי ליגן אונטן. ווי ס׳וואָלט זיי ווינציקער געאַרט, אָדער נעמען אַלץ אָן באהבה. מ׳גייט זעען די קאַרטע מיטן ווייזער אויף וועלכן פּונקט מ׳געפינט זיך און ווי ווייט ס׳איז נאָך ביז חיפה. מ׳שטעלט זיך נישט אין נעאַפּאַל. מ׳זעט בלויז דעם רייכערדיקן וועזוווּ. דער טאָג איז פאַרט אַ פאַרנעפּלטער. די זון האָט געפּרוּווט זיך דורכרייסן און אַרויספלאַנטערן פון די וואָלקנס, זיך אונטערגעטונקען און באַוויזן אַ שיין, אָבער צוריק פאַרכאַפּט געוואָרן פון די וואָלקן־אַנגרייפער, פאַרכאַפּער. אָט טוט זי שוין ווידער אַ טרייסל מיט די וואַטע־פליגל פון דעם כמורנעם וואָלקן־ים, אָבער זי איז געפאַנגען, די זון. איז אומעטיקלעך אויף דער שיף. פרעגט איינער ביים צווייטן:

— ווו כדומה למשל וואָלסטו אַצינד זיך געוואָלט געפינען? — ענט־פערט ווער אָפּ: אַזוי־אָ אין „פּאָלי בערזשע", און אַ שאָק באַלעטניצעס אין ווייסע, לופטיקע זיידשטאָפּן זאָלן טאַנצן דעם באַלעט „שעכערעזאַדע".

פאַר דעם שרייבער יאַנאַס איז איצט די פּאַסיקע צייט, און מיט זיין יונג־זקנישן באַס וויאָלענטשעלט ער זיינע קוהלת׳עכצן:

— און די טענצערין פון „פּאָלי בערזשע" חלומט אוודאי איצט וועגן אַ רייזע אויף אַ צעשטורעמטן ים, אויוון זאָלן נאָכפליען מעוועס מיט סנייפּערישע שנאָבלען, און אין די כוואַליעס זאָלן זיך נאָכיאָגן רעקינעז, און פונדערווייטנס זאָל מען זעען דעם שיער נישט־לעגענדאַרן קראַטער־

באַרג „וועזווו", וועלכער שטייט ווי א בייזער וועכטער און דראָט מיט פאַרטיליקן. אַזוי חלומט א יונגע פויערטע צו זיין אין א העל־גרעל באַ־לויכטענעם טאַנצזאַל פון א גרויסער שטאָט, און די מידע טענצערין פון אזא העל־גרעל באַלויכטענעם טאַנצזאַל אין א גרויסער שטאָט חלומט וועגן זיין אין דאָרף, ליגן אויפן גרינעם גראָז, עסן שוואַרץ ברויט און טרינקען א גלאָז קאַלטע מילך. און ווער עס לאַנגווייליקט זיך און וויל דערהרגענען צייט און שפילט אין קאָרטן, און ווער עס ראַנגלט זיך מיטן מלאך המוות כאָטש פאַר לעבן נאָך איין שעה צייט. און אויף א בערגל זיצט ערגעץ דער רעזשיסער פון דער לעבנסשפיל און לאַכט צוזאַמען מיט זיין משרת מעפיסטאָ — „א פיינער ספעקטאַקל, האַ?!"

— סטאָפּ, גענוג, רב הספד־מאַכער, די זון איז שוין אַרויס אויפן הימל, אַשאָ שדים! איר פאַרגעסט, כ׳לעבן, וווהין איר פאַרט? דאָס נעמט זיך אַלץ פון אייער לעבן מיט די שטיקלעך אָפּגעברעקלטע אמתן. קיינער פון אייך האָט נישט געהאַט קיין כוח צו דערשווימען צום גאַנצן אמת! —

און אליהו איילבירט נעמט אַרויס פון א טאַש דאָס תפילין־זעקל און גייט אַריין אין שיף־שולעכל ווו שוין דער צווייטער מנין דאַוונט שחרית.

פאַרנאַכט איז מען שוין ביים סטראָמבאָלי, מ׳איז שוין אין טירענישן ים. דער ים איז שוין זינט עטלעכע שעה רויק, נאָר סייווי זענען אַלע פּאַ־סאַזשירן אויף די דעקן, כדי צו זעען דעם פונקען־שפּייענדיקן באַרג סטראָמ־באָלי. ער רייכערט אַ ציגאַר. דאָס דאַזיקע נאַטור־ווונדער פאַרחידושט די אַלע וועלכע זעען עס צום ערשטן מאָל, רופט אפילו אַרויס אימה. ביי טייל — פאַרדרוס: ווידער האָט שוין דער מענטש געקריגן אַן אָנצוהער־רעניש פון זיין שוואַכקייט, פון זיין נעבעכדיקייט לגבי די נאַטור־כוחות. דער שרייבער זיידזאַק שרייבט נערוועז עפּעס אַריין אין זיין נאָטיצביכל. יאַנאָס שטייט פאַרבליפט און דערשטוינט און פאַרשטופּט מיטן ליולקעלע ס׳מויל כדי עס נישט צו האַלטן אָפן פון איבעראַשונג און באַוווּנדערונג. יאַנאָס האָט געמיינט אז ער האָט שוין אַלע תירוצים פאַרויס, אז אַלץ ווייסט ער שוין און גאָרנישט וועט שוין איבעראַשן א קוהלתניק. און אָט דער אייביק פונקען־שפּייענדיקער באַרג אויף דעם אינזל סטראָמבאָלי — האָט אים געפלעפט און פאַרבליפט. וויל ער כאָטש זיך טשעפּען צו זייד־זאַקן און זאָגט אים:

— גלייבט מיר, ליבער זיידזאַק־סערדצע, אַז איר וועט אין אייער ביכעלע אפילו קיין איין פונק פון סטראַמבאַלי נישט אַריינשרייבן, אויסער אז איר זאָלט אַביסעלע וויינען צופוסנס ביי אים. אָבער דעמאָלט וואָלטן אָט די פינקעלעך פאַרברענט אייער נאָטיצניקל.

די נאַכט פאַרדעקט וואָס אַמאָל מער און מער דעם ים. סטראַמבאָלי שטייט נאָך אַלץ און רייכערט זיין ציגאַר. דעם גרעסערן טייל וועג האָט מען שוין אַדורכגעמאַכט, שוין נענטער צום לאַנד. מ׳הערט שפּילן פון שיף־באַר א פּליטע, א לייכט קאַבאַרעט־לידל, אין עברית! די אינערלע־כע אומרויקייט איז גובר דעם ים׳ס אומרויקייט, דעם פרישן שטורעם. מ׳פרעגט שוין נישט נאָך אים. הערש מעכל טענהט איצט איין מיט די עטלעכע שרייבער — אז זיי זענען שוין צופיל אינדיווידואַליסטיש. דאָס איז אַ סימן פון צעקראַכנקייט. ווירקן זיי דעסטרוקטיוו. זעען נישט קיין גאַנצע געביידע, נאָר די ווינקעלעך, אין וועלכע זיי קענען זיצן און געניסן, פירן שמועסן, הנאה האָבן פון זייער העכערקייט; פון זייערס א באַפליגלטן זאָג — מיינענדיק אז זייערע שיינרייד זענען וויכטיקער ווי דעם אינזשיניערס פּלאַן פון א הענגבריק. וויכטיקער ווי דעם אַרכיטעקטס פּלאַן פון אויפבויען א ריזיקע געביידע, וויכטיקער פון דעם שטאָף וואָס עס האָט, כאָטש מעכאַניש, אוסגעוועבט דער וועבער. און די קוילן וואָס ס׳האָט אויסגעגראָבן דער קוילנגרעבער, און דאָס שטיק ערד וואָס ס׳האָט צעאַקערט און פאַרזייט דער פּויער, וויכטיקער ווי די אַנטדעקונגען פון אַגראָנאָם, פיזיקער, די באַמערקונגען פון סאָציאָלאָג, פון אַנאַליטישן סטאַטיסטיקער, פון פּלאַנירער — און פון ערלעכן, וויסנשאַפטלעכן פּאָ־ליטיקער.

— איז וואָס פּילט א סאָציאָלאָג און ערלעכער וויסנשאַפטלעכער פּאָליטיקער ווען ער דערנענטערט זיך צו די ברעגעס פון א לאַנד — פּוי! ווי דידאַזיקע ווערטער זענען שוין אויסגעריבן, די ווערטער און ציפערן: זעקס מיליאָן פאַרברענטע יידן און צוריקקער נאָך צוויי טויזנטיעריקער היימלאָזיקייט און פּאָטערלאַנד־בענקשאַפט — די הייליקסטע, ציטער־דיקסטע ווערטער אין אוצר פון יידישן הארץ — וואָס פּילט אזא איינער, וועלכער שרייבט אַליין אין זיין בוך, אז 28 יאָר האָט ער באַקעמפט די דאָזיקע אידייע — וואָס פּילט איצט אַזאַ איינער?

דאָס האָט אים געפרעגט דווקא דער שרייבער יאָנאָס, וואָס מ׳איז נישט געווויר געוואָרן אַז ער זאָל זיך פון עפּעס וואָס אויף אַן אמת באַגייסטערן. הערש מעכלען האָט איצט א פלאַמיקייט געפלעקט דאָס פנים און אַריין אין די אויגן־ווייסלען. ער האָט זיך געפילט אָנגעגריפן און פאַרשעמט און זיך אַזש פאַרהאַקט אין זיין ענטפער, וועלכן ער האָט געזאָגט מיט קינדישן ציטער:

— איך פיל האַרץ־פּלאַטערניש, און האָב א ים פרייד אין זיך פון דעם גרויסן גליק וואָס איך פאַר קיין ישראל — דאָס איז נאַרמאַל און מ׳דאַרף עס אפילו נישט דערמאָנען. אָבער דאָס דאַרף אויך נישט אָפּהאַלטן פון באַטראַכטן א ריי פּראָבלעמען, טראַכטן ניכטער און אַלזייטיק.

און הערש מעכל האָט אין דעם מאָמענט שוין געוואָלט אַלעמען פאַר־לאָזן און אַראָפּגיין אונטן, געוואָלט זיין, זעט אויס, מיט זיך אַליין. איז גראָד צוגעקומען א ייד, א ווילנער ייד פון פּאַריזער פּלעצל, און ער האָט זיך געווענדט צו דער גרופּע:

— יידן, טוט א טובה א יידן, איך האָב צען קעסטלעך פּלייש, איז כדי איך זאָל נישט דאַרפן באַצאָלן אין חיפהער פּאָרט קיין צאָל, וועל איך אייך בעטן אז יעדער איינער פון אייך זאָל ביי מיר נעמען א קעסטל פּלייש און זאָגן אז עס איז זיינס.

ווי א קאַלט־שטראָמיקער בליץ וואָלט אַלעמען געטראָפן, ווי די שטאַרקסטע און קאַלטסטע כוואַליע וואָלט אויף זיי א פּלייץ געטון און זיך פאַרמאָסטן אויף זיי אומצוּוואַרפן — הערש מעכל האָט אויפגעהויבן ביידע פויסטן און זיי געטרייסלט איבערן יידס קאָפּ. אַנדערע האָבן גע־שריגן, דער ייד האָט זיך איבערגעשראָקן און אפילו נישט באַנומען וואָס דאָ האָט פּאַסירט. ער האָט דאָך קיינעם נישט באַליידיקט, נישט געזידלט, נישט געוואָלט באַגנבענען, נישט געוואָלט, חלילה, דערהרגענען. און איינער פון דער גרופּע האָט טאַקע איינגעשטילט זיין עולם און באַרויקט:

— קאָכט זיך נישט, חברים. — און ווענדנדיק זיך צום ייד: — איר זענט א ווילנער, ראָב ייד, וועל איך אייך טון די „טעיווע״ און האַלטן אייערס א קעסטל פּלייש.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען, און מ׳האָט זיך שוין נישט געזעען ביז דעם פאַרטאָג, ווען איינער, א יונגער אינוואַליד פון א יאָר דרייסיק, א קאַ־

צעטניק, האָט א געשריי געטון אויפן דעק אזוי הויך, אַז אַלע אין שיף האָבן עס דערהערט (אַזוי האָט אודאי קאָלומבוס א געשריי געטון ביים דערזעען ערד אויפן אַטלאַנטיק):

—הר הכרמל! חיפה!!!

די עטלעכע שעה שווימען ווען מ׳זעט שוין די חיפהער בערג — דאָס שניידט שוין דער שיף־שנאָבל לעבעדיקע פריטשעס פרייד פון ים. דער גוף איז נאָך אויף דער שיף, אָבער די אויגן זענען אין די בערג, זעען דאָס לאַנד, זעען זכרונות, זעען אבות אבותינו. אָט דערזעט מען שוין פלאַטערן די ווייסבלויע פענער אין חיפה, אָט זעט מען צענדליקער נישט־יידישע שיפן מיט די ישראל־פענער, ווייל זיי שווימען שוין אין די טערי־טאָריאַלע וואַסערן פון ישראל, אָדער שטייען אין איר פאָרט. אָט פאָרן שוין אַקייגן שיפלעך מיט פאָרט־באַאַמטע. אָט זעט מען שוין וואַרטן ביים ברעג הונדערטער מענטשן, פאָכען מיט טיכלעך. די אויף דער שיף, אָנ־געלענטע אין געלענדער, פאָכן אויך מיט טיכלעך, כאָטש מען קען נאָך קיינעם נישט דערקענען. מ׳ווישט שוין מיט טיכלעך די אויגן.

און א חידוש — מ׳הערט נישט קיין אָרקעסטער שפּילן, קיינער פון ברעג זינגט נישט די „התקווה״, די אויף דער שיף וואַרטן אויך. און פישל אייזנשטאַט און הערש מעכל טייכגראַז אינטאָנירן די ערשטע די „התקווה״ — — —

אַראָפּגעגאַנגען פון בריקל. קיינער דערוואַרט נישט. אין גרויסן פאָרט־האָל, וווּ מ׳קאָנטראָלירט די באַגאַזשן און די געלטער, האָט הערש מעכל נישט פאַרשאַפט קיין גרויס קלאָפּאָט די באַאַמטע. געלט האָט ער געהאַט פונקט אויף א שאַכטעלע פּאַפּיראָסן מיט א פּודעלע שוועבעלעך, וואָס ער האָט טאַקע גלייך געקויפט ביים בופעט דאָ. אין א קליינעם וואַ־ליזקעלע וואָס ער האָט געהאַט, האָבן זיך ביים עפענען צוממערסט אָנ־געזען דער צענדליק ביכלעך הערש מעכלס, פון 150 זייטלעך אָ ביכל, אָרעם בראָשירט, אין א גרויער הילע, געמיין פּאַפּיר. דער נאָמען פון ביכל:

„יידישע פאָלקס־רעוואָליוציע״.

דער צאָל־באַאַמטער האָט א מיש געטון אין ביכל, א כאַפּ געטון לייע־נען עטלעכע שורות, א קוק געטון צום סוביעקט:

— דאָס זענט איר דער מחבר ? —

הערש מעכל האָט אַראָפּגעשאָקלט דעם „יאָ" צו דער ערד. דער באַמטער האָט א שמייכל געטון און היימיש א זאָג געטון — זענען מיר חברים — און אים דערלאַנגט די האַנט. ווען הערש מעכל איז אַרויסגעגאַנגען פון טיר און באַוויזן ביים אַרויסגיין די פּאַפּירן פאַרן שוטר, האָט יענער א פאַרשאַרץ געטון דעם בליק :

— עפּעס א קענטלעכער ייד. פונוואַנען ? א וואַרשעווער ? ניין, איך האָב אייך אַמאָל געזען און געהערט ביי אונז אין שטאָט, אין ביאַליסטאָק, אירט גערעדט אין פּראָפּאַריין.

ער זאָגט די דאַטע בערך, די טעמע. יאָ, ס'שטימט. יענער דערלאַנגט די האַנט.

אַלע באַקאַנטע און חברים פון דער שיף זענען שוין יעדער אַוועק אין זיין באַשטימונג, וועמען ס'האָבן אָפּגעוואַרט קרובים, פריינט, ווער עס איז געפאָרן אויף א באַשטימטן אַדרעס. הערש מעכל האָט קיינעם נישט און קיינער האָט אויף אים דאָ נישט געוואַרט. ער האָט עטלעכע אַדרעסן, אָבער ער וועט צו קיינעם פון די אַדרעסאַטן נישט פאָרן. עס שטייען גרייט לאַסטוואָגנס און ער שטייגט איין מיט אַלע עולים צוזאַמען און פאָרט אַוועק אין א בית עולים. אין דער מחנה „באר יעקב".

# לעצטער טייל

# אין דער עולים-מחנה „באר יעקב״

מ׳דאַרף פריער דורכגיין סאַניטאַרן קאַראַנטין. איזאָלאַציע, דעזינפעקציע, מעדיצינישע בדיקות. באַשיט ווערן מיט פאַרשידענע פודערן אין די אינטימע קערפער־טיילן, באַשפריצט ווערן מיט קאָלירטע פליסיקייטן. און ווידער אַנאַליזעס, כלערליי איינשפּריצונגען — מ׳פאַרלירט אַביסל געזונט ביי דער דאָזיקער סאַניטאַר־אַקציע.

דער פּלאַץ איז פול מיט טויזנטער. אַלע ערשט געקומענע פון ווייטע וועגן, נאָך וואָכן וואָגלעניש. פון די פאַרשידנסטע לענדער. מיט אַלערליי פאַרשידנסטע קאָלירטע מלבושים, מאָדנע מנהגים, לשונות טיף האַלזיקע און אונטער־נאָזיקע. דער רוב איז פון דער אָרעמקייט. אָבער יעדער איינער דאַרף אַצינד באַקומען דאָס סאַמע נייטיקסטע: ברויט, א שיסעלע זופּ, וואַסער צום וואַשן און טרינקען, א ווינקעלע אויף די פּעקלעך, א שטיקל דעכל אויף צו שיצן זיך — פאַרמיטאָג פון דער זון, נאָכמיטאָג — פון רעגן.

ווי מ׳איז נישט מיד, האַלט מען אין גיין פון אָרט צו אָרט. עטלעכע טויזנט מענטשן אויפן דאָזיקן באַגרענעצטן שטח. רייבט מען זיך שיער נישט איינער אין צווייטן און מ׳דעפּטשעט זיך אויף די פיס. מ׳וויל זיין פון די ערשטע. מ׳וויל פאַרכאַפּן אַן אָרט. דורכן הילכער רופט מען — נישט צו איילן זיך, זאָל יעדער וואַרטן אויף זיין אָרט און ריי, עס איז פאַר אַלעמען אַלץ צוגעגרייט. אָבער די הילכער־שטימע איז אַן אָנגעבלאָזענע, א מעטאַלענע, קלאַפּט קלעמפּיק אין די אויערן און ווירקט לגמרי נישט באַרויקנדיק. א געדיכטער שטויב פאַרכאַפּט די זונשטראַלן. שטויב פאַרמישט די גערעדערייען, רופערייען, געשרייען. קוויטשיקע קולות פון קינדער און מאַמעס. די מאַסע איז צעבושעוועט. המון. מען מוז זיין געוואָרנט. דער מינדסטער קרומער שריט, דאָס מינדסטע קרומע וואָרט — און ס׳דראָט מיט המונישן ווילד־געוויטער. און אָט שניידט גלייך איבער א זיסע באַרויקונג:

מ׳ציט אַרויף אין מיטן מחנה, צווישן צוויי גרויסע זיילן — א ריזיקע ווייסבלויע פאָן מיטן מגן דוד, און אינדערמיט אַן אויפשריפט מיט שייןגעכתיבהטע אותיות:

## ברוכים הבאים!

אַלע האָבן אויפגעאָטעמט. א גלעטנדיקע רויקייט. יעדער איז גע־בליבן שטיין אויף זיין אָרט. א שטילער אַנטי־אַליאַרם־סיגנאַל. רו. עס איז נישט קיין ווינט און דאָך האָט די פאַן ערגעץ אויסגעפונען א ווינט, און ער גלעט זי, זעגלט זי, און זי פלאַטערט, קילט מחיהדיק.

דורך די הילכערס הערט מען שוין אַצינד אַן אַנדערע שטימע, א פרויען־קול, דין און ניגונדיק. מ'הערט זיך צו צו אירע אַלע מעלדונ־גען, אַנווייזונגען. ס'שטעלן זיך גלייך איין געאָרדענטע תורים (רייען) צו דער קיך, צום בית השימוש, צו דער אַמבולאַטאָריע נאָך ערשטער הילף, צום בית עולים־ביורא.

די טאַטעס האָבן שוין געשאַפן פון ערגעץ דרענגלעך פון אויסגע־טרוקנטע תפוזים־ביימער, פאַרזעצן זיי אין דער ערד און די מאַמעס הענגען אויף זיי אויף ווייסע ווינדעלעך צום טרוקענען.

דער שטויביקער ווינט פאַרמישט איצט, ווי אַן אַפטייקער רפואות, ריחות פון אויסגעפאַקטע פאַרדומפּענע מלבושים, פאַרנעצט בעטגעוואַנט, געריישטע זופּן, פריש שוואַרץ ברויט מיט זיס־זאַפטיקן ריח פון מאַראַנצן.

הערש מעכל איילט זיך נישט, איז אומעטום דער לעצטער. ער קוקט אויף אַלעם מיט טאָפּלטע אויגן — היסטאָרישע, דאָס מיינט — צוקונפ־טיקע, און אַקטועלע — אַצינדיקע. הערש מעכל איז שוין געוווינט צו אַלע מיני געפאַנגען־לאַגערן, מלחמות, רעוואָליוציעס, אַקאָפּעס און באַראַקן, פּליטים־אַבאָזן. זיי האָבן אַלע צו זיך עפּעס ענלעכס, געמיינזאַמס. ער הערט שוין אַרום זיך דאָ אומצופרידענע וואָרטשעניש פון אייניקע, שוין אין דעם סאַמע ערשטן טאָג. ס'מיינסט האָבן ווייבער טענות צו זייערע מענער:

— כ'האָב דיר געזאָגט אז מיט אונזערע יידן — — —

הערש מעכל פּרעגט ביי דעם פּאָרל (זי זעט אויס אויף 30 יאָר, ער אויף 50) וואָס עס פעלט זיי, אפשר קען ער זיי מיט עטוואָס צוהעלפן. זי פּרעטענציעוועט:

— רב ייד, איך דאַרף צופיל אַז איר זאָלט מיר קענען העלפן. ביי אונז יידן — — —

— גנעדיקע מאַדאַם, נאָר ביי אונז יידן הערט מען אַזאַ מין שטייגער

פרעטענציע־זאַג — „ביי אונז יידן". א ליאַדע וואָס האָט מען באַלד טענות צום גאַנצן פאָלק, הורטאָוונע —

און ער העלפט איר דערווייל איבערטראָגן די פעקלעך פון איין אָרט צום צווייטן. האָט שוין דאָס ווייבל נישט קיין יאַנדעס אים בייז אָפּצו־ענטפערן:—

— געזונט זאָלט איר זיין, רב ייד, פון מיר רעדט אַרויס אוישוויץ, בוכענוואַלד, ראַווענסברוק. כ'האָב געוואָלט פאָרן צו מיינע קרובים קיין אַמעריקע, געהאַט א וויזע, האָט מיין מאַן (שטיל זאָגט זי צו: ער איז דער צווייטער) נישט געוואָלט, נאָר קיין ארץ ישראל. נו גאַנץ גוט, ארץ ישראל, אָבער כ'האָב דאָך נישט מער קיין כוח זיך צו מאַטערן. כ'קען נישט מער קוקן אויף באַראַקן. כ'קען נישט קוקן אויף קיין קעכן מיט גרויסע קעסלען, מיט שטיין אין ריי מיט די שיסעלעך, מיט דעם גאַנצן האַרמידער. כ'וויל שוין מיין אייגן ווינקל, מיין שטיבל, אפשר וועט נאָך גאָט געבן א גערטנדל אויך.

— אָבער איר זענט דאָך ערשט דעם ערשטן טאָג אין לאַנד!

מישט זיך שוין אַריין דער מאַן:

— דעם ערשטן טאָג? ווען איז דאָס א ייד נישט אין ארץ ישראל? איך בין תמיד געווען אין ארץ ישראל!

— אין דער מחשבה, אין האַרץ, אָבער נישט אין קיין דירה. מיטן גוף זענט איר ערשט דעם ערשטן טאָג.

— אוי, דער גוף, דער גוף! נאָר אַביסעלע מנוחה, א שטיבעלע און א גערטנדל — און עס וועט זיין כולו יום־טוב, כולו ארץ ישראל, רב ייד. א שהחיינו האָב איך געמאַכט ביים אָנקומען אין לאַנד אַריין, איך האָב דערלעבט און זוכה געווען צו זיין אין ארץ ישראל, אָבער כ'וויל שוין אַביסעלע מנוחה, און נישט אין קיין מחנה.

און שוין אין דעם ערשטן טאָג האָבן די נייע עולים געקענט דאָס ווערטל וואָס עס האָבן זיי געזאָגט די סוכנות־פּקידים און אויך די פּאָרט־טרעגער אין חיפה, און הערש מעכל האָט דאָס פאַר זיי איצט איבער געחזרט:

— איר האָט דאָך געהערט ווי מען זאָגט דאָ — סאַוולאַנוט (סבלנות), געדולד, יהיה טוב, ס'וועט זיין גוט!

די פרוי האָט צופרידן אָפּגעקרעכצט:
— הלוואי, הלוואי, פון אייער מויל און אין בן גוריונס אויערן!

## קאַפּיטל 2

פון דער מחנה א׳ איז מען אַריבער אין דער מחנה ב׳. מ׳איז ווייט וואָסערע 20 קילאָמעטער פון תל אביב. טויזנטער אויף טויזנטער עולים. מען ליגט אין געצעלטן, בלעכענעביידלעך, באַראַקן, בדונים, צריפים — און געגנוג ליגן נאָך בכלל אָן דעם מינדסטן צודעק איבערן קאָפּ. יעדן טאָג ברענגען די שיפן נייע טויזנט עולים. 25—30 טויזנט עולים דורכן חודש. ווינציק פאַרפאָרן צו זייערע קרובים, נאָך ווינציקער האָבן געלט אויף צו קויפן אָדער דינגען אָן אייגענע דירה, מ׳עט דאַרפן וואַרטן אויף א דירה א יאָר — צוויי.נישט קיין סך פאָרן אין די קיבוצים און מושבות. אסך אינוואַלידן צווישן די געקומענע. דערווייל ביז וואָס־ווען האָט מען אָנגע־הויבן האַנדלען צווישן זיך. טוישן מלבושים, זייגערלעך, זונברילן. אייני־קע פאַרקויפן שוין לימאָנאַד, כאַלווע, טייטלען, ניסלעך, געטרוקנטע קע־רעלעך; אַנדערע פאַרקויפן קעמעלעך, בערשטעלעך, נאָטיצביכלעך, ראַ־זירמעסערלעך, פּאַפּיראָסן. אָט האָט שוין איינער זיך געמאַכט א בענקעלע פון עטלעכע ציגל, זיך אַוועקגעזעצט דערויף און פאַריכט אַלטע שיך.

עלטערוואַרג, פון די אַראַבישע יידן, די פרומערע, זיצן ביי תהי־לימלעך און זוהרס; די פּראַסטאַקישע שפּילן אין ביינדלעך, „שעש־בעש״, אין קאָרטן. אויף דער ערד, מיט די פיס אונטער זיך. אָדער ביי אַ צונויפ־געשטיקעוועט טישל פון עטלעכע קאַסטן־ברעטלעך.

טייל זיצן און לייענען צייטונגען, ביכער, מ׳פירט דיסקוסיעס. עס קומען שוין אַראָפּ פון שטאָט פאַרטיי־טוער און אָרגאַניזירן קעמערלעך, האַלטן פאַר זיי רעדעס, ברענגען אַגיטאַציע־ליטעראַטור. פון די קיבו־צים ווערן צוגעשיקט תרבותניקעס, וועלכע לערנען מיט די עולים עברית, לייענען פאַר צייטונגען, שוין געשאַפן אויפן אָרט א קינדער־גן, א שולע. שוין דאָ אויך א שולעכל אין א באַראַק. באַלד ווערט א צווייט שולעכל,

איינס פאַר די ספרדים און איינס פאר די אשכנזים. פאַרטייען זענען דאָ מער ווי שולן, אַזש אַכט.

ווען הערש מעכל איז ס'ערשטע מאָל געקומען קיין תל אביב, געקו־מען פון דער מחנה „יעקבס ברונעם" (באר יעקב), האָט דער אָטעם, זעט אויס, פאַרשטרייקט אויף א ווייל, פאַרהאַקט זיך — פון באַוווּנדע־רונג, הנאה, און אויך — פון פאַרדרוס. מחנה „באר יעקב" און תל אביב — צוויי פיינטלעך־קעגנגעזעצטע וועלטן. א בונטער שרייאיקער קאָנטראַסט.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט אים אויס צו פאָרן באַזוכן א קיבוץ, פאַראַנען דאָרט אייגענע חברים — ווידער א דריטע וועלט: שווערע טאָג־טעגלעכע מי, וואַכיקע שמירה ביינאַכט, מיטן סטען אויפן אָרעם און מיטן סטען אונטערן קישן. לאָקאַלע דאגות, זאָרג פאַרן לאַנד, א וואַכיק האַרץ פאַרן גורל פון דער וועלט, פאַר די אַרבעטנדיקע, ליידנדיקע. אַלע פראַ־בלעמען זענען זיי אייגן, די נייעסטע קונסט־ריכטונגען ווערן דאָ דיס־קוטירט און די נייעסטע פלאַנצונגען — עקספּערימענטירט. מ'עסט ביי גראָע, אומגעדעקטע טישן, בלעכענע שיסל־לעפל, גראָע איינטאָניקע מאכלים — נישט קיין סך בעסערע ווי אין די עולים־מחנות. נאָר יעדער האָט דאָ זיין עלעקטרישן טשייניק, ראַדיאָ, און זיין ביבליאָטעקל. ס'גייט נישט דורך כמעט קיין חודש אז ס'זאָל נישט פאַלן א חבר אויף דער וואַך. און אַראַבער פון דער געגנט, וועלכע אַרבעטן דאָ אין דער נאָענט, קומען אין קיבוץ אַריין אָפּעסן אַ מיטאָג. אדרבא, זאָלן זיי זיך נעמען עסן פון טיש וואָס נאָר זיי ווילן.

און דאָ קומען פאַר קאָנפערענצן, און בילדער־אויסשטעלונגען, און מ'גיט אַרויס אַן אייגן צייטונגל צו יעדן יומא דפגרא. דער גורל פון דער מדינה ווערט דאָ נישט נאָר דיסקוטירט, נאָר גורלט זיך ביי זיי יעדע שעה פון טאָג און נאַכט. זיי שטייען ביי די טויערן פון דער מדינה. זענען אירע וועכטער. תל אביב? תל אביב איז פאַר זיי א געאָגראַפישער באַגריף, וועלכן מ'באַגלייט מיט נישט קיין שיינע עפּיטעטן. אוודאי, אביסעלע קנאה אויך, פאַרוואָס נישט? ס'קומט אַמאָל אויס אַהינצופאָרן אין דער צענטראַלער מזכירות פון די קיבוצים, פון דער פאַרטיי, אַמאָל אין אַן אַנדערער אינסטיטוציע דאָרט.

הערש מעכל איז שוין צוריק אין דער עולים־מחנה. אַז ער פאָרט קיין

תל אביב, פאַרט ער נאָר אין פּאַרטיי־לאָקאַל אַריין. א באַגרענעצט שטיקל וועג פון דער תחנה מרכזית ביז יענעם געסל ביי דער אַלענבי. אַמאָל דאַרף ער אויך זיין אויף רחוב עליה, ווו ס׳געפינט זיך דאָס סוכנות־ביורא פאַר נייע עולים. ער דאַרף באַקומען די ערשטע געלט־שטיצע, די אַנדערט־האַלבן צענדליק ל״י, וואָס עס באַקומט יעדער נייער עולה, וואָס איז גע־ווען געזעלשאַפטלעך טעטיק. (נישט־געזעלשאַפטלעך־טעטיקע באַקומען א עטוואָס קלענערע סומע). ער מוז שטיין און זיצן לאַנגע שעהן אין תור און וואַרטן. און אַז ס׳קומט צו א שוואַנגערע פרוי, אָדער אַלטיטשקער, אָדער קראַנקער, טרעט הערש מעכל אָפּ זיין אָרט און שטעלט זיך אויפסניי ביים סוף ריי, דער לעצטער. זעלטן ווער אַן אַנדערער ס׳טרעט אָפּ זיין אָרט אין ריי. און דער אָרדנער, דער ריז, וואָס שטייט דאָרט פאַר דער טיר, דאַכט זיך א בולגאַרישער ייד, צי ער פאַרשטייט נישט וואָס מע רעדט צו אים, נאָר זעלטן ענטפערט ער. ס׳רוב ווייזט ער מיטן פינגער — אַוועק־גיין! אויב מ׳האָרכט אים נישט, מוז ער זיך אַליין מטריח זיין און יענעם אַרויספירן. און אויב יענער עקשנט זיך — טראָגט ער אים אַרויס. זעט אויס — אַז ענטפערן, אויסטייטשן מיט גוטן, איז אים שוין מיאוס געוואָרן.

נאָר הערש מעכלען איז גוט. ער קוקט תמיד מיט די טאָפּל־אויגן, די היסטאָרישע און אַקטועלע — און די קליינע, צייטווייליקע קרומקייטן פון דער ווירקלעכקייט פאַרטושן נישט און פאַרטוישן נישט די גרויסע, היסטאָרישע ווירקלעכקייט. אויך אַלע ווייטערדיקע ווייטיקן, אומנייטיקע און נייטיקע — שטערן נישט זיין געפיל פון היסטאָרישן גליק. גליק אין א העכערן זינען. וואָס עס קענען נאָר פילן אַזעלכע ווי הערש מעכל און זיינסגלייכן. ער געדענקט יעדן טאָג ווי א נישט־געזאָגטע תפילה:

אין לאַנד שטייען איצט אַזויפיל און אַזויפיל מענטשן מיט די ביקסן אין די הענט; מען קאָפּעט קאַנאַלן, מ׳זוכט וואַסער, נאַפט, מ׳רייסט אויף בערג, מ׳קערט די ערד, מ׳פלאַסטערט כבישים, מ׳אַרבעט אין די פאַבריקן, מ׳פאַרשט אין די לאַבאַראַטאָריעס, מ׳רייסט אָראַנזשן, מ׳רייניקט ביקסן און האַרמאַטן, מ׳פירט שיפן, מ׳פליט אין עראָפּלאַנען, מ׳לערנט אין די שולן. און א גאַנצע וועלט יידן קוקט אויף דעם לאַנד. און הונדערטער דורות יידן האָבן דערויף געוואַרט, און עס ווערט געקילט ס׳געשריי פון

די דערשאָסענע און פאַרגאַזטע — אַן אייגן לאַנד, אַן אייגן לשון — אָן פחד, אָן נאַציאָנאַלן קנאַפּווערט־קאָמפּלעקס.

נו, האָט הערש מעכל באַדאַרפט קומען אין סוכנות נישט איינמאָל, נאָר עטלעכע מאָל, ווייל תמיד האָט זיך שוין געפונען װעמען אָפּצוטרעטן דעם פּלאַץ. און קומען פון „באר יעקב" קאָסט עטלעכע צענדליק פּיאַסטער פאָרן מיטן אויטאָבוס. קומט שוין איינמאָל אויך אויס צו גיין צופוס. גע־הערט ער, הייסט עס, צו דער פּיפטער קאַטעגאָריע: די ערשטע פאָרט אין פּריוואַט־אויטאָס, די צווייטע — אין טאַקסיס, די דריטע אין שרות־טאַקסיס*), די פערטע פאָרט אין א געוויינלעכן אויטאָבוס, און די פּיפ־טע — גייט צופוס. גייט ער די צוואָנציק קילאָמעטער צופוס. דאָס איז א געוואָגטע טאַט קעגן דער ישראל־זון. אָבער ס׳איז אויך כדאי. מ׳זעט אַנדערש פון „פּרייוועט", אַנדערש פון אויטאָבוס, און גאַנץ אַנדערש — ווען מ׳גייט צופוס.

די זון ציט אַרויס אַלע זיבן שווייסן אויף זיין גוף. דער זאַלץ בריט. ער האַלט ס׳רעקל אויפן האַנט. ער רעזיגנירט שוין פון ווישן דעם שווייס, ס׳ריזלט דער שווייס אויך צווישן די האָר. אָבער זיינע מחשבות זענען איצט ווידער שוין אין דער נישט־געזאָגטער תפילה, זי ציט זיך יעדעס מאָל אויס, ווערט לענגער. ער ווייסט:

זיין נס־לאַנד איז פול, ווי א מילגרוים, מיט איידעלע אידעאַליסטן. א לאַנד מיט אַזעלכע מאַמעס, יידישע מאַמעס, וועלכע האָבן נישט גע־ווײנט ביי די קברים פון זייערע זין, געפאַלענע אין דער מלחמת השחרור. ער איז איצט אין לאַנד אויף וועמעס ערד עס טרעטן, אויך היינט, אַלע שענסטע העלדן פון תנ״ך. הערש מעכל ווערט נישט נתפעל פאַר פער־זענלעכקייטן. ווער שמועסט נאָך מיט אַזעלכע, מיט וועלכע ער איז נישט מסכים, נאָר פאַר איינעם מאַכט ער יאָ אַן אויסנאַם, דער וואָס איז פאַק־טיש שוין א גרויסע געשטאַלט פון אונזער נייעם תנ״ך. א וועגווייזער פאַר זיין פאָלק און לאַנד. ער האָט אים געלייענט און לייענט אים און נאָר בלויז איינמאָל געזען — דאָס איז דער פעלזיק־מאַסיווער קליינער דוד, מיטן גרויען קאָפּ און ליכטיקער צורה, דער „נביא אין האַקי־הויזן".

---

*) זיבן פּאַסאַזשירן פאָרן בשותּפות.

יענער לעבט יעדן טאָג, טאָגטעגלעך, א פול לעבן פון די פיר טויזנט יאָר געשיכטע פון זיין פאָלק, און שפרייזט פאָרויס אויף יאָרהונדערטער.

הערש מעכל זוכט צו טון א שלונג וואַסער, ער קאָכט זיך אין שווייס און איז אינעווייניק פאַרטרוקנט און פאַרזאַמדיקט. ער שטעלט זיך אָפּ ביי אַ גרופּע כביש־פּועלים און איינער פון זיי דערלאַנגט אים אַ טרינק וואַסער. ער צעשמועסט זיך דערווייל. ביי יעדן איינעם פון זיי וואָס רעדט — עפנט זיך אויף א וווּנדער־ און שוידער־קאַפּיטל.

ער גייט ווייטער, הערש מעכל, ער גייט מיט זיינע פאַרשטויבטע און צעריסענע שיך און פילט אז ער גייט אויף אויסגעווייניטער און אויסגעוויי־טיקטער ערד. די פּיס בריען, גייט ער פאַמעלעכער, ער חשבונט אפילו איצט: עס איז שוין אַכצן הונדערט און אכציק יאָר. און צוגעהאָלפן אָפּ־נעמען די דאָזיקע ערד האָבן אויך די ניצולים פון די קרעמאַטאָריעס אין מאַידאַנעק און אוישוויץ.

ריטשקעס שווייס פאַסעווען זיין לייב, ער מוז אויסזוכן א שאָטן, זיך אָוועקזעצן און אויסטון די שיך. נאָך איין שלונג וואַסער ווען ער קריגט.

נאָך אַן אַנדערטהאַלבן שעה גאַנג און ער וועט זיין אין תל אביב. לאַנג אַזוי זיצן דאָ טאָר ער נישט, ער וועט ווידער פאַרשפּעטיקן צו דער סוכנות. ווי ווערט ער שוין פּטור פון אַלע סאָרטן שטיצעס. אָבער דערווייל וואָלטן אים צונוצגעקומען בלויז א צוואַנציק פּיאַסטער, כאָטש צען, וואָלט ער כאָטש דאָס שטיקל וועגס געפאָרן. די הינטערשטאַטישע אויטאָ־בוסן האָבן פון פאָרנט אַנדערע נומערן און פון הינטן אַנדערע. אויך די שילדלעך זענען פאַרקערט. זיי פאָרן קיין תל־אביב און אויפן שילדל שרייבט זיך — חולון. עפּעס א מאָדנע פּוילקייט פון די אויטאָבוס־נהגים, נאַכלעסיקייט. שפּילט ער זיך און רייצט זיך מיט זיין דמיון — זעסט, ווען דו האָסט שוין אפילו די צען פּיאַסטער, וואָלסטו אויך נישט געקאָנט צופאָרן, ווייל קיין איין אויטאָבוס פאָרט דאָך נישט קיין תל־אביב, לויטן שילדל. ביסט דאָך נישט מחויב צו וויסן און טרעפן.

ער מוז צואיילן די טריט. און די זון איילט זיך אויך, ס׳איז שוין באַלד מיטנטאָג, דעמאָלט איז איר שעה, דעמאָלט ווישט זי אָפּ אַלע שאָטנס און אַטאַקירט מיט די שטראַלן פון אַלע זייטן. מוז ער איילן.

ענדלעך אָנגעקומען אין שטאָט. ער גייט שוין אויף אלנבי, דער־

גענטערט זיך צו רחוב עליה. פלוצים ווערט עפּעס אָן אָנגעלויף אין מיטן גאַס, ער איז גראָד ביי דעם נייעם, גרויסן פּאַסאַזש וואָס מען בויט. עט־לעכע הונדערט יונגעלייט, צווישן זיי עטלעכע פרויען, אויך עטלעכע אַראַבער, טראָגן א רויטע פאָן, עטלעכע טראַנספּאַרענטן, און וואַרפן לאָ־זונגען:

— נידער מיט דער אימפּעריאַליסטישער ישראל־רעגירונג!

ס׳דערגייט צו א געשלעג פון זיי מיט די בנין־אַרבעטער ביים פּאַ־סאַזש. ס׳לויפן אָן שוטרים, א גערעַנגלעניש אויף פויסטן, מ׳דערלאַנגט זיך מיט שטעקנס איבער די קעפּ. הערש מעכל ווערט פאַרפּלאָנטערט אין אַזאַ געזעמל און פאַלט אַנידער, א צעטרעטענער. לעבן אים ליגט א צע־בראָכענער שטעקן מיט א צעריסענעם טראַנספּאַרענט:

„נידער מיט טרומאַנס אַגענטן און מלחמה־העצער!״

„נידער מיט דער פאַשיסטישער ישראל־רעגירונג!״

„זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי!״

הערש מעכל האָט אויפגעהויבן דעם צעריסענעם טראַנספּאַרענט מיט די דאָזיקע לאָזונגען, באַקוקט, נאָכאַמאָל איבערגעלייענט. אין דעם איז צו אים צוגעלאָפן איינער, עס אַרויסגעריסן ביי אים פון האַנט און א גע־שריי געטון:

— חברים! היינט צעברעכן זיי אונז אונזערע פענער, מאָרגן וועלן מיר צעברעכן זייערע פאַשיסטישע קעפּ!

הערש מעכל איז אַוועק אויף רחוב עליה, ענדלעך אָפּגענומען די עולים־שטיצע, און באַשלאָסן, אז ער וואָלט וואָס גיכער באַדאַרפט אַרויס פון דער מחנה און ווערן טעטיק אין דער פּאַרטיי אין תל אביב.

## פּאַרטיי-סילועטן

עס הייבט זיך אָן פשוט: אָנגעהעריקע צו איין אידעאָלאָגיע בערך, גרינדן א פּאַרטיי, אָדער שליסן זיך אָן צו איר, אויב אַזעלכע איז שוין געגרינדעט. מיט דער צייט אָבער ווערט פאַר א טייל — די פּאַרטיי גופא — דער ציל. די פּאַרטיי ווערט די אידעאָלאָגיע. פאַר טייל ווערט די פּאַר־

טיי — משפחה, חברישער קרייז. אָפּגערעדט שוין פון יענע, וועלכע ווערן פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן, פּאַרטיי־פּראָפעסיאָנאַלן...

אויך הערש מעכל איז מערערע יאָרן געווען פּאַרטיי־פונקציאָנאַר, נאָר פון א גאַנץ באַשטימטן מין און סוג. ווי ביי א ייד א בעל תורה, א לערנער יומם ולילה, ביי וועמען דאָס עסן און אַלע אַנדערע חומרדיקע הצתרכותן, זענען שיער נישט אַן אָפּקומעניש; אין בעסטן פאַל — מילא, מא, — אַזוי האָט הערש מעכל קיינמאָל נישט געגאָסן פון קיין תענוגים, נישט באַדאַרפט קיין תענוגים, האָט כמעט נישט געהאַט דאָס מינדסטע פּריוואַט־לעבן, קיינמאָל גאָרנישט פאַרמאָגט און קיינמאָל נישט געגעסן מער ווי עס עסט אַן אַרעסטאַנט, אין בעסטן פאַל — א קאַזאַרמע־זעלנער. זיין ציל איז געווען א גרויס־פאַרנעמיקער: וועלט־רעוואָליוציע, וועלט־באַפרייאונג. בייטן דעם גורל פון דער מענטשהייט, ענדערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע. ווי קליין זיינע פונקציעס זענען נישט געווען, זענען זיי געווען א שרייפעלע אין אָט דעם מעכטיקן מעכאַניזם פון וועלט־באַוועגונג. און הערש מעכל איז נישט געווען נאָר סתם א פּראַקטישער פונקציאָנאַר, ער האָט טעאָרעטיזירט, אַנאַליזירט, סומירט.

דער קרייז פון זיינע אינטערעסן איז נאָר אין סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען.

אָבער — ער איז אַזויפיל יאָרן געווען אין א באַוועגונג, איז אַזאַ פּאַרטיי, וואָס טראָגט א מיליטערישן כאַראַקטער, א קאָנספּיראַטיוון, פאַרשווערערישן. נישט נאָר אין פוילן ווו די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז אַן אומלעגאַלע און געהיימע, נישט נאָר אין פראַנקרייך ווו די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז אָפיציעל א לעגאַלע, נאָר סיי אין פראַנקרייך און אויך אפילו אין ראַטנפאַרבאַנד — איז די קאָמוניסטישע באַוועגונג — כמעט א געהיימע. אַנדערע באַשלוסן ווערן אָנגענומען פאַר דער עפנטלעכקייט און אַנדערע פאַר דער פאַרטיי אינעווייניק. און אין דער פּאַרטיי גופא זענען די באַשלוסן אַנדערע פאַר דער ברייטער מאַסע מיטגלידער, און אַנדערע פאַר די אַקטיוויסטן, אַנדערע — פאַר די העכערע אינסטאַנצן, אַנדערע פאַר די ספּעציעל פאַרטרוילעכע, און פאַר די שטרענג־פאַרטרוילעכע; אַנדערע פאַר די „באַזונדערע טיילן”, „ספּעציעלע טיילן” — עס איז א קייט פון געהיימער טעטיקייט. געהיימקייט געכפלט אויף געהיימ־

קייט — אין דער פּאַרטיי גופא, אין סאַמע ראַטנפאַרבאַנד. ווער שמועסט שוין אין פּוילן!

הערש מעכל איז אַזויפיל יאָרן געווינט געווען: מ׳האָט אים באַ־פוילן פון אויבן, און ער האָט באַפוילן צו די נידעריקערע פון אים. איז ער געווען גאַנץ נאָנט צום אויבנאָן. אָבער אויך ווען ער איז געווען אויף א נידעריקערן הערארכיע־שטאַפּל אין פּאַרטיי־אַפּאַראַט — האָט ער נאָך געהאַט אַלץ גענוג נידעריקערע אונטער זיך, וועמען צו באַפעלן. און באַפעל איז תמיד געפאַלן מיט דין־געשליפענער שאַרפקייט פון א שפּיז — דירעקט צום האַרץ. גלייך צום אויספּירן. אָן א צאַפּל מיטן אויגאַפּל.

אין די אַנדערע פּאַרטייען, זעט ער, שפּילט א גרויסע ראָלע — פּער־זענלעכער קאָנטאַקט, דער גראַד נאָנטקייט מיט די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־חברים. אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג זענען די פּאַרטיי־שטאַפּלען צענדליקער, זעלטן ווען א געוויינלעכן מיטגליד באַגליקט צו זען דעם סאַמאַראָדנעם פירער. אין די אַנדערע פּאַרטייען זענען די קאַטעגאָריעס, די מדרגות — פון דעם פּשוטסטן פּאַרטיי־חבר ביז דעם סאַמע פירער — מאַקסימום פיר.

אז הערש מעכל האָט זיך באַוויזן אין פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט אין תל אביב, איז רעכט נישט געווען ווער עס זאָל אים דערלאַנגען א וואַ־רעמען, חבריש־האַרציקן שלום־עליכם. צו וועלכער מדרגה פון פּאַרטיי־הערארכיע באַלאַנגט ער? נאָכנישט באַשטימט. איז פאַראַן עפּעס א פּריי־לײדיק אָרט?

פאַראַן א באַלעבאָס אין דער פּאַרטיי. איינער אַן אַלטער חבר, וואָס האָט אויך קיינמאָל קיין פּריוואַט־לעבן נישט געהאַט, נישט קיין ווייב און נישט קיין קינד. פאַר אים איז די פּאַרטיי — זיין באַשערטע, אַלץ. מ׳רופט אים אויפן ערשטן נאָמען, פאַרצערטלט: נפתליטשע. ער איז גאַנץ שטרענג און האַרט ווען מ׳באַדאַרף, ווי מ׳איז עס צייטנווייז צו אַן אייגן קינד. ער איז א שטרענגער טאַטע, א קפּדן, קנאָפּ סענטימענטאַל — אָבער דערש קאָן ער בכלל נישט זיין קיין באַלעבאָס פון א פּאַרטיי. ער איז נישט דער גלאַנץ־רעדנער און הויפּטפירער פון דער פּאַרטיי, ווייט נישט. אפילו זיין אויסערלעך גופיש אויסזען אַנטשפּרעכט נישט דערצו, אָבער ער איז דער געטרייער היטער פון גאַנצן פּאַרטיי־מעכאַניזם. ער איז דער

באַלעבאָס — סיי איבער אידעאָלאָגישע ענינים, סיי פונקציאָנעלע, סיי אויך פינאַנציעלע.

הערש מעכל (ער האָט חלילה גאַרנישט געמאָנט), באַקומט נישט פון אים קיין שום באַשטעטיקונג, קיין שום נומערירטן פּלאַץ בכלל, נאָר בלויז א סתמיקן זאָג: „מ'עט זעען".

עטלעכע נייע עולים זענען שוין אויך געווען צווישן די אַנפירנדיקע חברים. אייניקע האָבן באַלד באַקומען זייערע נומערירטע פּלעצער, נישט קיין פולע — איז דרייפערטלדיקע, לפּחות האַלבע, און אייניקע האָבן באַקומען — קוים פערטלדיקע. דער אַלטער פּאַרטיי־טוער יצחק ווייסער, וועלכער האָט שוין געהאַט וואָסערן פּאַרטיי־סטאַזש אוודאי העכער פון פערציק יאָר, אויך כמעט אַלע זיינע יאָרן געלעבט אָן ווייב און אָן קינד. אַלע זיינע יאָרן א פּאַרטיי־עסקן, א פּאַרטיי־פּובליציסט, א מאַרקאַנטע געשטאַלט. אַהערגעקומען נאָך עטלעכע יאָר זיין אין אַמעריקע. ביי זיין גאַנצער געניטקייט און פּראַקטישקייט, האָט אויף אים נישט שולט געווען דער שאַבלאָן און די גראָע פּאַרטיי־רוטין. עס איז נאָך ביי אים פאַרבליבן קינדערשע תמימות און חוש פאַר חידוש און חידושים. ער האָט באַקומען א פּיצעלע פּאָסטנדל אין פּאַרטיי־אַרכיוו, מיט א גע־האַלט וואָס סטאַיעט קוים אויף ברויט מיט זופּ. דערביי האָט ער גע־מוזט דערפילן קפּדנישע פּאַרלאַנגען. האָט ער זיך געפילט באַליידיקט, דערנידעריקט, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן צו טון א זאך וואָס איז קעגן די אָנגענומענע פּאַרטיי־זיטן — ער איז אַוועק אַרבעטן אין א בירגערלע־כער צייטונג. ס'הייסט אויף בלויז טעכנישער אַרבעט (קאָרעקטור און איבערזעצונג), אָבער אויך דערפון האָט ער זיך געפילט דערשלאָגן און דעפּרימירט. יענץ רעדאַקטאָרל האָט זיך אפילו געררייצט מיט אים, אים אונטערגערוקט אויך צו שרייבן נאָטיצלעך און אַרטיקעלעך ביי וועלכע ער האָט געמוזט פאַרבייגן און פאַרבייסן אידעאָלאָגישע פּרינציפּן.

הערש מעכל איז געוואָרן איבערגעשיקט אין די הענט אַריין פון די אַנפירנדיקע חברים נייע עולים, וועלכע זענען געקומען מיט א יאָר־צוויי פריער פאַר אים, און פאַרנומען אַמטן אין וועכנטלעכן פּאַרטיי־אָרגאַן אויף יידיש.

איינער פון זיי איז געווען אַדוואָקאַט נירנבערג. מלחמה־צייט איז ער

געווען אין רוסלאַנד צווישן די פּאַרשיקטע, צוזאַמען מיטן רוב יידישע פּליטים פון פּוילן. עס איז נישט אין זיין נאַטור צו זיין פון די אונטער־דריקטע, פון צו זיין אין א נידעריקערן ראַנג אין דער געזעלשאַפט. ווען זיין חלום פון ווערן א דערפּאָלגרייכער אַדוואָקאַט האָט זיך קוים אָנגע־הויבן פאַרווירקלעכן, האָט אין סעפּטעמבער 1939 אויסגעבראָכן די מלחמה. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מאַסן־אַנטלויפן פון פּוילן, צו די אָקופּירטע שטחים וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרשיקונגען צום וויטן סיביר. באַגרענעצונ־גען, נויט, — עס איז נישט אין זיין גייסט. ווי נאָר די סיטואַציע האָט זיך געביטן און מ׳האָט באַפרייט די פאַרשיקטע און אַרעסטירטע פּליטים, איז אַדוואָקאַט נירנבערג תיכף דאָרט געוואָרן אַן אַקטיווער טוער אין קאָמוניסטישן פּוילישן פּאַטריאָטן־פאַרבאַנד אין רוסלאַנד. ווען עס איז אין יאָר 1946 אָנגעקומען דער גרויסער טאָג פון צוריקפאָרן קיין פּוילן, מ׳האָט שוין נאָך עטלעכע וואָכן שלעפּן זיך אין די געפּאַקטע לאַסטוואַ־גאָנעס ענדלעך דערגרייכט צו דער אויסגעטרוימטער פּוילישער גרענעץ, האָט אדוואָקאַט נירנבערג זיך געגעבן א שטעל אויף פון זיין ווינקל אויף דער נאַרע, זיך אויסגעגלייכט, זיך אָפּגעשטויבט, אָפּגעטרייסלט, און צע־רעמאָניאַל אויסגערופן אויף פּויליש:

— געערטע שכנים, פון איצט אָן בין איך שוין נישט מער פאַר אייך „טאָוואַרישטש נירנבערג״, נאָר — פּאַן מעצענאַס פּאַוועל נירענבערג!

אין פּוילן איז ער אַריינגעטרעטן אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג און מיטגעאַרבעט פּובליציסטיש אין זייער פּוילישער און יידישער פּרעסע. געווען צוערשט אויפן רעכטל פליגל, דערנאָך איז ער אַריבער אויפן לינקן פליגל. ער אַרבעט איצט הי אין וועכנטלעכן פּאַרטיי־אָרגאַן אויף יידיש.

הערש מעכל געפינט כמעט נישט מיט אים קיין געמיינזאַם לשון, הגם אויך יענער טעאָרעטיזירט אין אַרטיקלען — אין הלכות מאַרקס־לענין.

דער צווייטער אין רעדאַקציע, אויך פון די נייע עולים, איז ד״ר רו־דאָלף הערמאַן. הויך, שלאַנק, שיין, מיט יונג־דאַצענטישער עלעגאַנץ, דעם קאָפּ טיטוליש פאַריסן, צערעמאָניאַל קאָנספּיראַטאָריש. דער מינד־סטער שמועס מיט צוויי־דריי מענטשן הייסט שוין ביי אים — קאָנפעד־

רירט. ער רעדט נישט סתם. ער שמועסט נישט — נישט וועגן ליטע־
ראַטור, נישט וועגן טעאַטער, נישט וועגן קינדער, נישט סתם לעבנס־
ענינים — נאָר ער באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון פּאָליטישער טעטיקייט,
קאָנפערירט וועגן פּאַרטייאישער סטראַטעגיע, האָט אוידיענצן מיט פירנ־
דיקע פּערזענלעכקייטן אין לאַנד וועגן ערשטראַנגיקע ענינים. שטענ־
דיק איז ער ערב א רעדע־אויפטריט. נאָך דער רעדע קאָנפערירט ער מיט
די געהעריקע אַנטשפּרעכיקע פּערזאָנען פון דער פּרעסע, וועגן דעם
אַז זיין רעדע זאָל האָבן דעם ווירדיק־פּאַרדינטן אָפּקלאַנג אין די צייַ־
טונגען.

ד״ר רודאָלף הערמאַן איז א זויבער־ערלעכער מענטש, נאָר ער וואָלט
וועלן, אז מ׳זאָל דאָס טאָגטעגלעך דערמאָנען — און ער זאָל הויך־אָפּיצי־
ריש־מעסיק א ווייז טון מיט דער האַנט — אז מ׳זאָל נישט רעדן וועגן
אַזאַ מין קליינקייט.

אַלע זיינע בריוועלעך, אין קליינע קאָנווערטלעך, בייגעלייגט זיין
וויזיט־קאַרט, זענען ס׳רוב פאַרחתמעט מיט ליאַק, און אויף זיי איז אָנ־
געשריבן: „שטרענג געהיים״, אָדער לפּחות — „געהיים״, הגם ס׳רעדט
זיך וועגן ענינים וועלכע זענען לגמרי נישט קיין קאָנספּיראַטיווע. דאָס
פאָדערט אַזוי די נאַטור זיינע — ער שרייבט נישט קיין סתם בריוועלעך —
ווענדונגען, רעקאָמענדאַציעס, אָנווייזונגען — ער שרייבט וויכטיקע איני־
סטרוקציעס, כמעט־נאָמינאַציעס, און אַזעלכע קאָנען נישט זיין אומ־
געהיים.

ער דאַרף האָבן אסך פּאַרטיי־רוים.

ער האָט ליב אַרויסטרעטן אין גרויסע זאַלן, ס׳זאָלן אים הערן גרוי־
סע מאַסן. כאָטש אַלע זיינע רעדעס זענען שטאַרק ביכלדיק.
שאַבלאָנישע שלאָג־פראַזעס באַווירצט מיט לאַטיינישע סענטענצן, באַ־
צירט מיט ציטאַטן פון געלערנטע און פירער, נאָר דערלאַנגט עלעגאַנט.
מיט געמאָסטענע זשעסטן און טעאַטראַלן פּאַטאָס.

ער טראָגט שטענדיק א ברייטן, ווייסן, האַרטן קאָלנער ווי א לאָנ־
דאָנער דזשענטלמען. א פריש־געפּרעסט אַנצוג, אָפּגעפּוצט, די האָר צו־
געשוירן. ביי די פּאות־ווינקלען כאַפּט זיך שוין אַריין א לייכטער שפּריין

פון גראַ — שוין ראוי פאַר א לעקטאָר אין אוניווערזיטעט, כאָטש פון יעדן וואָרט זיינעם שלאָגט נאָך אַלץ דער טאָן פון א יונגן סטודענט.

ער איז תמיד דער לינקסטער אין דער פאַרטיי. ווען מ׳זאָל וועלן זיין פאַרטשעפּנדיק, וואָלט מען געקאָנט זאָגן אז ער איז דערפאַר לינק — ווייל דאָס איז תמיד צום באַקוועמסטן פאַר טעאַטראַלן פּאַטאָס, זיכערט כמעט שטענדיק די גרעסטע צאָל אַפּלאַדיסמענטן פון די פאַרזאַמלטע. עולם האָט ליב שאַרפקייט — „דערלאַנג!״ עס איז מער ספּעקטאַקולער — פּאַנעם עט צירצענזעס — ברויט און ספּעקטאַקל.

אויך מיט אים געפינט נישט הערש מעכל קיין געמיינזאַם לשון. הערש מעכל איז געבוירן און געכאָוועט אויף סמאָטשע גאַס אין וואַרשע. זיינע הענט האָבן נאָך אַלץ די מאָזאָליען־האַרטקייט פון א לעדער־בייגער; דאָס פּנים — פון אַן אַרבעטער און קעמפער, מיט ראַציקייט פון נויט, באַעוולטקייט — און דאַביי דורכגעשטרייכט מיט מילדקייט פון פּשטות און פאָלקסטימלעכקייט.

ד״ר הערמאַן שטאַמט אוודאי פון א משכיליש האַלבאַסימילירטער שטוב. ער האָט פון תמיד אָן נאָר געלערנט און געלייענט. זיינע הענט זענען נישט מסוגל אָנצורירן אפילו ס׳הענטל פון א העמערל. ער פאַר־ערט נאָר גאָר גרעסערע פון זיך. ער האָט ליב אַרבעטער — ווי אַן אָביעקט און טעמע פאַר זיינע אָפּהאַנדלונגען. ער האָט ליב ווען זיי הערן זיינע רעדעס. ער האָט ליב זייערע האַרטע, מוסקולירטע, מאָזאָליעדיקע הענט — ווען זיי אַפּלאָדירן אים.

אויב הערש מעכל וויל פון אים א פאַרמאַכטן און מיט ליאַק פאַר־חתמעט בריוועלע, א רעקאָמענדאַציע צו עטלעכע אַנטשפּרעכיקע אינ־סטאַנץ־לייטער, צו דירעקטאָרן פון געוויסע וויכטיקע אינסטיטוציעס — וועגן דערטיילן אים הילף, אים איינאָרדענען — איז ביטע, באַקומט ער פון אים. נישט, פאַרשטייט זיך, תיכף ומיד, נישט גלייך אויפן אָרט. הערש מעכל וועט דאַרפן קומען צו אים אויף נאָך עטלעכע וויכטיקע אונטערעדונגען, דערנאָך וועט ער זיך פריער פאַרשטענדיקן טעלעפאָ־ניש מיט די געהעריקע און פּאַסיקע פּערזאָנען. דערנאָך וועט ער ביי זיך אויסאַרבעטן אַן אַנטשפּרעכנדיקן טעקסט פאַר א געהעריקן מעמאָראַנדום — און דאָס פּראָבלעם וועט רעכטצייטיק געלייזט ווערן.

הערש מעכל טוט אַן אָפּאַנירנדיקן קנייטש מיטן מויל, א פאַרהויב די שאַרפע גאָמבע, און א שאָקל אין דער ברייט — דער „ניין" איז נישט נאָר דייטלעך, נאָר אָנגרייפעריש.

א דריטער, שיער נישט דער גרויס־פירער פון דער פאַרטיי, א מענטש מיט אַן אָנגעזעענעם נאָמען אין לאַנד, ער האָט גיך און געשיקט געקאָנט ערלעדיקן אין דער פאַרטיי, און אפילו מחוץ דער פאַרטיי, — אַלץ נאָר וואָס ער האָט געוואָלט און באַדאַרפט, וואָס און וועמען נאָר ער האָט געוואָלט איינאָרדענען. אויף א הויכן אַמט צי אויף א קליינעם אַמט. און גראָד איז ער א נייער אין דער פאַרטיי, ערשט עטלעכע יאָר, אַן אַריבערגעקומענער פון א בירגערלעכער פאַרטיי אין וועלכער ער האָט געשפילט שיער נישט די ערשטע פידל. א וואָרט פון ד"ר עמרם קליינאָוויטש — האָט וואָג און באַדייט, סיי אין דער פאַרטיי, און נישט ווינציקער מחוץ דער פאַרטיי.

הערש מעכל איז זיך געגאַנגען מיט אים באַגעגענען גיכער צוליב נייגעריקייט — איז ער דאָך א שם דבר אין לאַנד — ד"ר עמרם קליינאָוויטש (פסעוודאָנים: הר סיני).

קליינאָוויטש איז נישט קיין דאָקטאָר פילאָזאָפיע, פסיכאָלאָגיע, נאָר דאָקטאָר מעדיצין, כירורג. קליינאָוויטש האָט פיינט אַבסטראַקציעס, בטלנות. ער האָט געלערנט שפּראַכן — נאָר צוליב ממשותדיקער נוצלעכקייט. אַז ער דאַרף עפּעס דערגרייכן — קאָן ער. אַמביציעז. אין גרויסן פאַרנעם. זיין א כירורג? אָפּערירן? ראַטעווען איינצלנע מענטשלעכע לעבנס? כירורגן זענען פאַראַן אסך. זיין א מושל אין א ווייסן כאַלאַט אין שפּיטאָל־זאַל? ער וויל ראַטעווען די וועלט. די מענטשהייט. לפּחות זיין פאָלק. אַלנפאַלס — מיט אים אָנפירן. אים אַנטשפּרעכט גיכער א מונדיר ווי א כאַלאַט. ער וויל שפּילן א גרויסצוגיקע פּאָליטישע ראָלע, אַן ערשטראַנגיקע. ער וויל נישט זיין קיין וויצע. אים פאַרדריסט אַפילו וואָס אין זיין פאַמיליע־נאָמען געפינט זיך דאָס וואָרט ק ל י י ן. דעריבער איז זיין פסעוודאָנים אַזוי פּאָמפּיעז און פאַריסן: הר סיני.

ער איז א גלענצנדער אָראַטאָר. אין פּאַרלאַמענט, אויף קאָנגרעסן, מאַסנמיטינגען. ער האָט כוח אויף רעדן צוויי שעה, דריי שעה. איז קאָרפּולענט, מיטלוווקסיק, האָט מעטאַל אין דער שטימע. ער איז תמיד

באַוואָרנט מיט סטאַטיסטישע ציפערן, מיט גוטן זיכרון, מיט ציטאַטעס, דער עיקר — טרעפלעך אין פּאָלעמיק, אָפּענטפערן אויפן אָרט, שאַנע־וועט קיינעם נישט — נישט קיין זקן, נישט קיין פרוי, נישט קיין גרויס־געלערנטן. חוצפּה איז א רוישיק געווער, צעטומלט דעם שונא און דער־שלאָגט אים, זאָל זיין צייטווייליק, אָבער דאָס דעצידירט אַמאָל, יענער פּאַלט באַזיגט — ד"ר עמרם קליינאָוויטש "הר סיני באַנוצט זיך מיט דעם געווער אין יעדן נייטיקן און נוצלעכן פּאַל.

פּאָליטיק איז זיין באַרוף. זיין פּאַסיע. זיין טאַלאַנט. און נאָר אין דער ראָלע פון א פירער. ער איז ענערגיש, רעפּרעזענטאַטיוו, ווייסט דעם וועג פון הינטערקוליסן, פערזענלעכן קאָנטאַקט, גלעזעלע קאָניאַק, מתנות צו געבורטסטאָג. ער ווייסט ווען צו זיין גרויסהאַלטעריש פּאַריסן, עקשנותדיק, און ווען קליינהאַלטעריש, נישט־פּאַרביסן, נאָכגיביק. די רעדעס פון ברוטוס (אין שעקספּירס „יוליוס צעזאַר") און ציצעראָ קען ער נאָך פון יונגלווייז אָן אויף אויסנווייניק. ער וועט זיי נאָך היינט אָפּ־דעקלאַמירן אפילו ווען מ'וועט אים אויפוועקן אין מיטן שלאָף.

אין פּאָליטיקערייי האָט ער די סענסיוויטעט פון א סייסמאָגראַף, דערפילט די מינדסטע טרייסלעניש. ער איז א קאָמפּלעטע פּאָליטיש־מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע. א פּאָליטיק־וואָלף וואָס דערפילט שוין פון־ווייטנס זיין רויב. און אויב מ'טרעפט אמאָל דאָך נישט — דאַרף מען גיך פּאַרווישן דעם סליעד, דאַרף מען געשיקט פּאַרשמירן דעם פלעק. טאָ־מער איז אַמאָל נייטיק א קבייטש צו טון דעם אמת — איז מילא, די אַלטע באָבעשי איז שוין געוווינט צו אַזעלכע קנייטשן, עס וועט איר נישט פּאַרשאַטן. — זי קען שוין אויך דעם שיינעם תירוץ אין אַזאַ פּאַל: פּאָליטיק!

אין דער איינער האַלבער שעה וואָס הערש מעכל האָט מיט אים געשמועסט, האָט ער געזען ווי קליינאָוויטש טאַפּט אים אויס זיינע גייסטיק־מאָראַליש־פּאָליטישע מוסקולן, פּרוווט אויס זיין כאַראַקטער־גבורה — אויף וויפל ער קאָן אים אַמאָל צונוץ קומען אין זיינס א פּאַר־טייאישן שאַכצוג. צי קאָן ער אים שטעלן פאַר אַ לויפער אָדער שפּרינ־גער — אָדער דאַרף אים בכלל נישט.

קליינאָוויטש האָט אַזוי פּאַרהעקלט הערש מעכלען, אַז ער זאָל מוזן

צו אים קומען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. מיט איינמאָל וויל ער נישט, קליינאָוויטש, דעפיניטיוו אָפּשאַצן, מ׳קאָן זיך טועה זיין — זאָל ער צו אים אומבאַדינגט קומען נאָכאַמאָל:

— מיר קענען געפינען אסך געמיינזאַמס אויפצוטון.

וואָכן, חדשים, האָט הערש מעכל געקענט איין וועג — פון דער עולים־מחנה קיין תל־אביב צום פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט, און צוריק. און דאַביי האָט נאָך באַשווערט א קליין פּראָבלעמעלע: הוצאות אויף אויטאָ־בוס־בילעטן. גייען אַדורך וואָכן, לעצטנס שוין אַפילו חדשים — ווען ס׳ווילט זיך שוין נישט פאָרן אין שטאָט אַריין קיין תל אביב, און אויך ווען מ׳קאָן נישט פאָרן. כוח אויף צו גיין צופוס איז אויך נישט פאַראַן אַלעמאָל. ווערט מען שוין ממילא א יושב־מחנה. נו, מילא, עס איז אויך אין ארץ ישראל...

## עס איז כדאי ליידן און ווייטיק – אָבער נאָר ווען ס׳איז נייטיק...

### 1

פאַר טייל אָריענטאַלישע יידן איז די עולים־מחנה ווי א נאַטיר־לעכע, סטאַבילע היים. די זון איז פאַר זיי אַזוי מילד, אייגן־היימיש און ליב, ווי די זיתים וואָס זיי עסן גאַנצע שיסעלעך. פאַרשטייען נישט נאָכ־וואָס מ׳דאַרף פוטער און הערינג, ווען א זית פאַרטרעט ביידע בעסער און געשמאַקער. זיי געפינען אויס אין דער אומגעגנט מיענטע־בלעטער און לייגן זיי אַרום זיך, אונטערן געלעגער צוקאָפּנס, זענען מהנה א גאַסט מיט עטלעכע בלעטער צום שמעקן. זיי ווילן געפעלן ווערן די אייראָ־פּעאישע יידן, די אשכנזים — און האָבן זיי דערוויייל נישט ליב. צווישן די מאַראָקאַנער יונגעלייט זענען פאַראַן א שפּאַר ביסל אין געקראַטע־ווטעטע, גרעל־פאַרביקע אויבערהעמדער, מיט דראַטיק האַרט־געדיכטע טשופּרינעס, צוגעשווירענע באַקנבערד, פילמישע וואַנסעלעך און שטי־לעטישע אויגנבליקן. אַזעלכע בחורים וועלכע האָבן בתכלית השנאה

פיינט — געזעץ, גלייכן וועג. זיי קוקן גלייך און זעען קרום, אין דער זייט.

פון די אייראָפּעאישע יידן גייען שוין אסך צו אַן אַרבעט, אָבער נאָך געגנוג פאַרבלייבן אין דער מחנה. זיי פירן דיסקוסיעס. — צי וועט ישראל זיין בכוח אויפצונעמען אַלע יידן פון דער וועלט, צי זי וועט זיי קאָנען באַשפּייזן, צי ס׳וועט זיין פאַר אַלעמען אַרבעט, צי מ׳קען שוין פאַרווירקלעכן קיבוץ גלויות, מיזוג גלויות.

זיי פאַרגעסן איצט אין אַלע עולן און דאגות. דער וויכוח איז שוין אָנגעגליט ווי די לייוונט פון געצעלט, ווי דער בלעכענער דאַך פון באַראַק, אָנגעגליט פון דער שרפהדיקער זון.

איבער דעם זיצנדיקן קרענצל מתווכחים שטייט אַריבערגעבויגן אַ הויכער ייד, מיט סימנים פון א נישט־לאַנג אָפּגעשוירענער באָרד, (אוודאי א רויטע), האַלב־פליכעוואַטן קאָפּ, און וויגט זיך איבער זיי תפילהדיק:

— יידן, יידן! איידער איר גייט אָננעמען באַשלוסן, וואַרט נאָר צו אַ מינוט, וואַרט אַ רגע!

און ער לויפט אַריין אין זייןביידל און שלעפּט פון דאָרט אַרויס עט־לעכע לײדיקע וואַליזעס. אויסגעריבענע, צעקנייטשטע, געלאַטעטע, מיט האַלב־אָפּגעריסענע עטיקעטן און נומערן. ער לייגט אַרויף איין וואַליזע אויף דער צווייטער:

— יידן, מ׳טאָר נישט דיסקוטירן ביז מען מאַכט נישט פריער קיין בורא מאורי האש איבער זיי —

און ער לייגט אַרויף אויף די וואַליזעס עטלעכע פּאַפּירן, שטיקלעך צייטונגען און צינדט דאָס אַלץ אונטער. ווען ס׳פלאַקערן שוין די וואַלי־זעס, זאָגט דער ייד הויך די ברכה „שהחיינו״ —

— אַצינד, קינדערלעך, וועט אייך שוין זיין לייכטער צו דיסקוטירן וועגן ישראל, קיבוץ גלויות און מיזוג גלויות.

— רב ייד, איר מעגט נאָך פאַרלעשן ס׳פייער. נישט איינער פון אונז דאָ וועט נאָך קויפן נייע וואַליזעס.

— נישט קיין יידן. אפשר משומדים — יאָ, צוליב פּרעס, באַקוועמ־לעכקייט,, ממון.

— משה רבינו איז נאָר איינער, אָבער דור המדבר'ס — סקאָלקאָ אוגאָדנאָ.

— עירעווראָוו.

— זיי זענען דאָ תמיד און אומעטום.

— וואָס האָט איר געוואָלט? נישט יעדער איז זוכה און בכוח צו זיין אַן אידעאַליסט.

— וואָסער אידעאַליזם? כדי צו וועלן לעבן ווי א נאָרמאַלער, שלמותדיקער, שטאָלצער מענטש, אָן פחד, אָן חניפה — דאַרף מען דערצו זיין דווקא אן אידעאַליסט?

דעם וויכוח פירן וואָסערע צוויי מיניבים מענטשן. נישט אַלע זענען נאָך צווישן זיך באַקענט. טייל באַגנוגן זיך מיט נאָר אַריינוואַרפן א וואָרט, א זאַץ. די צוואָנציק זענען פון עטלעכע לענדער, פון פאַרשידענעם עלטער, פון פאַרשידענע פאַרטייען. צווישן זיי אויך איין פרוי, זי איז, דאַכט זיך, פון טשעכיע, נאָר זי רעדט אויך רומעניש און פאַרשטייט אונגאַריש. צו דער דאָזיקער פרוי וועט מען קיין טענות נישט האָבן, איר פנים איז — נישט פאַר קיינעם געדאַכט — קאָשמאַריש דעפאָרמירט. זי איז אַרויס פון א שרפה צי אַנדער אומגליק — זי איז כמעט אָן א נאָז, די הויט בלויז אין רויטע שיפּן, ווי ביי א פיש, אויך די הענט זענען ביי איר אָפּגעבריט, מיט סימנים פון דורכגעשאָסענע קוילן, איינגעדאָרט, מיט אַן איינגעצויגן בלאָער הויט. און די דאָזיקע פרוי רעדט לאָגיש און פאָטעטיש גלייכצייטיק, שאַרפזיניק, ס'פעלן איר נישט אויס קיין אַרגו־מענטן. איר מאַן רעדט טשעכיש און אונגאַריש, א שמייכלדיק שיינענ־דיקער יונגערמאַן. ער זיצט נאָנט פון דיסקוסיע־קרייז און לייענט א בוך. אָט שפּילט ער שוין מיט וועמען א שאַך־פּאַרטיע. זיין פרוי און ער זענען ביידע לונגענקראַנק. בקרוב דאַרפן זיי ביידע באַקומען צעטלען אין א סאַ־נאַטאָריע אַריין. זיי האָבן אַדורכגעמאַכט די נאַצישע און סאָוויעטישע לאַגערן. געווען אין רומעניע, אוקראַינע, טשעכיע, אונגאַרן. רעדן אַן אויס־געלערנטן יידיש. זיי זענען נאָך ביידע פאַר די דרייסיקער. די דאָזיקע פרוי איז געגבוג אָריענטירט אין פאַרטיי־פּראָבלעמען, פלינק אין דיס־קוסיע. זי ענטפערט ווי — א גילאָטינע. ווער עס זאָגט נאָר עפּעס אַ קוים־

קרומלעך וואָרט, וואָס איז נישט הונדערט פּראָצענט לויב פֿאַר מדינת ישראל — גילאָטינירט זי מיט איר שאַרפֿן ענטפֿער:

— ליכטלעך אָן קנויטן. מענטשן אָן נשמות. מיט אייזלשע מוחות. אויך אין גן עדן וועלן זיי קרומען מיט די נעז.

איר מאַן הייבט אויף דעם קאָפּ פֿון שאַכברעטל, זיין בלאָנדע, ווייכע טשופּרינע שאָקלט זיך גוטמוטיק איבערן שטערן:

— קליינע ניסימלעך באַנעמט מען גיך, נאָר דער דאָזיקער נס, מדינת ישראל, איז אַביסל צו גרויס פֿאַר איין דור, פֿאַר איין הערצעלע, פֿאַר איין קעפּעלע. אַלע ניסים פֿאַר אַלע טויזנטער יאָרן זענען עופּהלעך, בדע־קעלעך — לגבי דעם נס גדול — מדינת ישראל!

— דערציילט דאָס צו די יידן פֿון דער ליליענבלום־גאַס*). דער־ציילט דאָס צו די האַרטע און טויבע פּקידים פֿון דער סוכנות.

— פֿאַר וועמען עס איז נס, פֿאַר וועמען עס איז — פּרעס!

עס קומט אָן דער האַלב־אָדער גאַנץ־משוגענער, אומגעלומפּערט הויכער ייד מיטן הויכן גאָרגל. ער זינגט א גאנצן טאָג ימים נוראימדיקע תּפֿילות. פֿאַראַן אין דער מחנה שוין עטלעכע משוגעים, דאָס זענען זיי מסתּם שוין געווען פֿאַרן אַהערקומען, אָבער אפֿילו אויף דער שיף נאָך האָט קיינער אין זיי נישט באַמערקט קיין שום סימנים פֿון אומנאָרמאַל־קייט. האָבן זיי זיך אַזוי געלונגען מאַסקירט? איינגעהאַלטן? און דאָ האָבן זיי פֿון זיך שוין צוריק אַראָפּגעוואָרפֿן דעם יאָך פֿון נאָרמאַלקייט? יעדן טאָג, ווען ס׳זיצט אויף דעם אָרט דאָס געזעמל און דיסקוטירט, קומט צו דער דאָזיקער אומגעלומפּערט־הויכער ייד מיטן אומגעלומפּערט לאַנגן גאָרגל, און וואַרפֿט אַריין זיין זאָג:

— וואָס דאַרף דען א ייד אין ישראל? א רעפֿטל ברויט, אַ פּאָמע־ראַנץ, און א ימים נוראימדיקע תּפֿילה. —

די לעצטע דריי ווערטער זינגט ער אויס מיטן געהעריקן ניגון און אויף אַ צולאָג זינגט ער אָפּ א שטיקעלע פֿון „מפּני חטאינו״.

---

*) אויף רחוב ליליענבלום דרייען זיך אַרום די אומלעגאַלע גאָלד־ און וואַליוטע־הענדלער.

## 2

מיט יעדן טאָג פֿאַרגרעסערט זיך די צאָל פֿון די וואָס אַרבעטן אין שטאָט אָדער אומגעגנט. יעדן פֿאַרטאָג שטייען 12 אויטאָבוסן פֿאַר דער מחנה און אין אַ האַלבער שעה פֿילן זיי זיך אָן און צעפֿירן אַלעמען צו דער אַרבעט. טייל פֿאָרן אויף זייערע אייגענע ראָווערן, אפֿילו מאָטאָציקלען. א גרופּע תימנער האָבן זיך איינגעהאַנדלט אייזעלעך און פֿאָרן אויף זיי צו דער אַרבעט, פֿאַרדינגען די אייזעלעך צום פֿירן ליים, ערד.

עס איז שיין צו זען פֿאַרנאַכט ווען עס קומען צוריק עטלעכע צענדליק אַרבעטער אויף זייערע ראָווערן, זיי אַרבעטן ביי בנין, און זיי פֿירן מיט אויף זייערע פּלייצעס די גלייך־מעסטערס מיטן וואַסער־אויג און די ציגל־טראַגעס, דאָס שמאָלע ברעטל וואָס שטייגט אַרויס אויף א מעטער העכער פּונעם פּאָרער. פּאָרנט איז אויפֿן ראָווער אָפּט צוגעבונדן — א ברילע אייז (אין מחנה איז א גרויסער תור צום אייז), א ווייס ברייטל (אין מחנה באַקומט מען שוואַרץ ברויט אומזיסט, אַזויפֿיל, אַז יעדן אינדערפֿרי ליגן אין די מיסטעמערס הונדערטער קילאָס ברויט. די עטלעכע עולים פֿון אַרגענטינע זאָגן, אַז אפֿילו אין זייער ברויט־לאַנד וואַרפֿט מען זיך נישט אַזוי לייכט מיט ברויט ווי דאָ אין דער עולים־מחנה)‎ ; אַמאָל א שפּילעכל פֿאַרן קינד, און אויב ס׳איז ערב שבת אָדער יומטוב — פֿירן זיי אויך א געקויפֿטן בונט בלומען. אַזאַ ענלעך בילד ווי מ׳זעט אָפּט אין די ערב שבתים אין תל אביב.

די וועלכע אַרבעטן נישט, ס׳רוב קראַנקע, אינוואַלידן, עלטערע מענטשן (דער באַגריף עלטער איז דאָ גאַנץ פֿאַרגעשריטן...) ווילן וואַרטן כדי צו באַקומען אַרבעט ביי זייערע ספּעציאַליטעטן. אַנדערע לויפֿן שוין אַרום און פֿאָרען זיך חדשים גאַנצע אין די אַמטן, כדי צו באַקומען א רשיון אויף א מכולת, אַ קיאָסק אויף וואַסער און צוקערוואַרג, א שטעלעכל אויף צייטונגען. און סתם פֿעלט אַרבעט פֿאַר אַלעמען. יאָ, מ׳קאָן גיין אַרבעטן ביים קלויבן די ערדניסלעך (רבי־ניסלעך), דאַרף מען אָבער שטיין איינגעבויגן אַ גאַנצן טאָג, און פֿאַרדינען קוים א 2—3 ל״י. פֿאַר אַזאַ פֿאַרדינסט קאָן אַ גאַנצע משפּחה האָבן אויף אָפּעסן דעם טאָג, מיט גענוג ירקות און פּירות, אָבער אָן פֿלייש אָדער פֿיש. אָבער צו דער דאָזי־

קער אַרבעט דאַרף מען דאָך האָבן א פּלייצע וואָס זאָל נישט ברעכן ביים שטיין איינגעבויגן. אַוודאי, בלית ברירה וואָלט מען אויך די דאָזיקע אַרבעט געטון, אָבער פאַרוואָס נישט זוכן אַ בעסערע, אַ פּאַסיקערע — אפשר וועט מען דאָך געפינען? מ׳איז אַהערגעקומען דאָ אַהער שוין מיטן לעצטן ביסל געזונט און כוחות, מוז מען זיך שוין היטן איב מ׳וויל נישט פאַלן. מ׳וואָלט געקאָנט פאַרן אויף התישבות, לאַנדווירטשאַפט — זאָגט מען דאָ אַז אַסך לויפן צוריק — די פקידים פון סוכנות און אַנדערע מוס־דות וואָס דאַרפן דאַבײ צוהעלפן, אַכטונג געבן אין דער ערשטער צייט, דערליידיקן וואָס מען דאַרף — זענען נאַכלעסיק, פויל, ביוראָקראַטיש, זאָגן צו און האַלטן נישט קיין וואָרט — עס וואָלט געפּאַסט פאַר די רוסן אַזאַ נישט וואָרטהאַלטן — זאָגן די געקומענע פון פוילן און רוסלאַנד. לויפן אַסך פון די דאָזיקע נייע לאַנדווירטן צוריק אין די מחנות אַריין, אָדער אין די שטעט.

ס׳איז בעסער זיך נישט צו איילן, פריער גוט זיך אַרומקוקן איידער מ׳באַשליסט וואָס און ווען.

דערווייל האַנדלען שוין טייל מיט קלייניקייטן. אייניקע פאָרן יעדן טאָג קיין יפו, אויפן אַלטוואַרג־מאַרק. מ׳דאַרף דאָך דערווייל כאָטש עפּעס פאַרדינען. וואָס וועט נאָך זיין אַז ס׳וועט אָנקומען די צייט פון רעגנס? די באַראַקן, ביידלעך און געצעלטן קאָנען פאַרפלייצט ווערן. אוי, ווי נעמט מען שוין א שטיקל שטיבל מיט א האַרטן דאַך איבערן קאָפּ!

3

אין דער מחנה קומען צו פאָרן רעפערענטן געשיקט פון אַלע פּאַר־טייען און אינסטיטוציעס, עס קומען לעקטאָרן באַגלייט מיט זינגער, רע־ציטאַטאָרס. ווידער דיסקוסיעס.

שבת, די וועלכע גייען נישט אין שול אַריין, נעמען זיך צונויף אויף דעם שטענדיקן אָרט פון דיסקוסיעס, אונטער די דריי צעצווייגטע פייגנ־ביימער. מ׳האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט בענק. מ׳רופט דאָס אָרט:

„דער פּאַרלאַמענט פון די אינוואַלידן". —

די וועלכע האָבן ראַדיאָס האָבן אינסטאַלירט זייערע אַפּאַראַטן, מיט צייטווייליקע אַנטענעס, און אַלע ראַדיאָס שפּילן תמיד אויף די העכסטע

באַסיק־הייזעריקע טענער. און נישט אַלע הערן דווקא די „קול ישראל״־סטאַציע. מ׳הערט גאַנץ אָפט די חלשותדיק זיס־נאַיִעוודיקע אַראַבישע ניגונים פון קאַהיר, באַגדאַד, דמשק און סטאַמבול; די קאַלכאַז־קאַמור־ניקאַטן און באַלאַלייקעס־קאָנצערטן פון מאָסקווע; ווער עס הערט בי־בי־סי פון לאָנדאָן און מינכען; מ׳הערט אוידיציעס פון סאָפיאַ, בודאַ־פּעסט, בוקאַרעסט — אַ מישמאַש פון קולות, לשונות און ניגונים. אילוס־טרירט מיט די וועלכע הערן דאָ דאָס אַלץ אַצינד — מיט זייער הלבשה, אכילה און מנהגים — אַ פאַרביקע אַוווערטורע צו דער קומענדיקער סימפאָניע — מיזוג גלויות.

ווען עס קומט האַלב צוויי באַטאָג, דעמאָלט שטעלן שוין כמעט אַלע אָן די ראַדיאָס אויף „קול ישראל״, כדי צו הערן די נייעס־קאָמוניקאַטן, כאָטש ווינציק דאָ פאַרשטייען נאָך עברית. טייל שטעלן אָן, ווייל דריי־פערטל צוויי הערט מען אַ האַלבע שעה צייט פליטן פון חזנישע תפילות. הערן זינגען די תפילות און מאַרשן פון יאָסעלע ראָזענבלאַט, סיראָטאַ און פינטשוק, לייבעלע גלאַנץ און משה קוסעוויצקי — דאָס הערן מיט גרויס הנאה אַלע עדות — די תימנער, מאַראָקאַנער, מזרח־אייראָפּעאישע יידן און אפילו די שיינע פּאָר צענדליק קריסטלעכע פרויען, ס׳רוב רוסי־שע און קאָזאַקישע (וועלכע ס׳האָבן זיך מיטגעבראַכט די פּוילישע פליטים פון רוסלאַנד). אויך זיי האָבן הנאה פון די „מאַליטעוונע״ גע־זאַנגען.

דאָס קליינע יונגוואַרג האָט שוין אויסגעפונען אַ פּלאַץ אויף פוטבאָל־שפּיל. דאָס גרעסערע יונגוואַרג גייט שפּילן איבער די פעלדער, אָדער צו די פאַרלאָזענע פרדסים, גייט שטיפן און ראָמאַנסירן, און די מיטל־יעריקע, ווי זיי עסן נאָר אָפּ די שבת־סעודה, קומען זיי גלייך צוריק צו די דריי פייגנביימער ממשיך זיין די איבערגעריסענע פּאָליטישע דיסקוסיעס.

ווען נאָר הערש מעכל זיצט צווישן זיי, מעג ער זיך אפילו שעהן גאַנצע נישט אָפרופן, אַחוץ אַמאָל מיט אַ וואָרט, אַ פראַזע, באַמיען זיי זיך צו דיסקוטירן לייטישער, אויף אַ העכערן ניוואָ, קוקן אים אין די אויגן אַריין, און אַלע רייד זענען געריכטעט אין זיין זייט, ווי תלמידים אויף אַ פאַרהער ביים רבין.

**
*

דער עולה פון פּאַריז, וואָס רופט זיך נאָך אַלץ זשאָרזש, כאָטש ס׳ווייב רופט אים גרשון, ער איז אויך אַ „געוועזענער". געווען אַמאָל אַ פונק־ציאָנאַר ביי די קאָמוניסטן. ער איז שוין אַוועק אַזוי ווייט, אַז דאָס וואָרט „אידעאַל" רופט ביי אים אַרויס ברעכעניש, חלשות. די העלדישסטע, אויפריכטיקסטע און אידעאַלסטע מענטשן זענען ביי אים — דעזערטערן.

— דער וואָס האָט שוין אַמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פּאַריזער וויינקעלער, פון אַ מידינעטקע, זונטיק, אין וואַלד פאָנטענבלעי — דאַרף מער גאָרנישט און וויל מער גאָרנישט. לאָזט מיך שוין צורו! כ׳האָב שוין אין עטלעכע אַרמייען געדינט, עטלעכע פּאָטערלענדער פאַרטיידיקט, אין עטלעכע פּאַרטייען געווען, עטלעכע שפּראַכן געלערנט — אססע! געבוג! כ׳האָב נישט מער קיין כוח. דאָ וויל איך שוין אַביסל רו, אָן פּאַטריאָטישע טרומייטן, אָן פאַרזאָרגן די געשיכטע. איך וויל אַ קליינעם פּאָסטן, אַ קליין שטיבעלע, אַ קליין גערטנדל, לייענען אַ פראַנצויזישן ראָמאַן, און חלומען וועגן פּאַריז, סאַן מישעל און „קאַפעי דע לאַ פּע".

— און ווער זאָל דאָס אַלץ אייך אַקייגנטראָגן? דערלאַנגען עס אייך אויף אַ טעצעלע? איר ווילט זיצן אונטער אַ טרויבנבוים און חלומען וועגן פּאַריזער בולוואַרן און וויינקעלערן? אין א לאַנד ווו פון יעדן העכערן דאַך זעט מען שוין די גרענעצן פון שונא!

— און דווקא אין דאָזיקן לאַנד האָט מען צום ווינציקסטן מורא — בעסערט ווער אויס.

— אָבער אַז יעדער וועט פאַרלייגן די הענט אויפן הינטן, ווער וועט טראָגן די ביקס?

— איר זענט גערעכט — ענטפערט זשאָרזש — גערעכט, אָבער איך וויל נישט זיין גערעכט. איך האָב שוין מער נישט קיין כוח צו זיין גע־רעכט. איך וויל גאָרנישט אַז איר זאָלט זאָגן דאָס זעלבע וואָס איך.

הערש מעכל קען גוט זשאָרזשן פון פּאַריז, איז אפילו מיט אים באַ־פריינדט, נאָר ער טראַקטירט אים נישט ערנסט, ווי אַ קאַפּריזנע צעבאַ־לעוועט מיידל. ווינקט ער טאַקע איצט צו זשאָרזשן אַז ער זאָל מער נישט רעדן, נישט ענטפערן.

זשאָרזש איז דווקא צופרידן וואָס ער האָט איינמאָל זיך אַרויסגע־

זאָגט מיט דער גאַנצער אָפנקייט, זאָל עס פּאַר זיי קלינגען מאָדנע און אפילו ברוטאַל. ס׳אַרט אים נישט. ער האָט הנאה פון זיין אָריגינאַליטעט. זיי וועלן שוין איצט פאַרשטיין אַז זיי מעגן אים ווייטער רופן — זשאַרזש. און זיין מיט אים אַביסעלע פונדערווייטנס — מאַכט אויך נישט אויס.

נאָך זשאַרזשן נעמט אַ וואָרט אַזאַ איינער וואָס האָט עד היום זיך נאָך קיינמאָל נישט אָנגערופן אַפילו מיט קיין איין וואָרט, נאָר תמיד בלויז אויפמערקיש זיך צוגעהערט. האָט ער אָצינד גענומען רעדן מיט אַזאַ טאָן און לשון — אַז ס׳האָט אַלעמען אונטערגעהויבן.

— דאָס זיכערסטע לאַנד! — און ס׳איז נאָכנישט דורך קיין איין נאַכט אַז די אַראַבער זאָלן ווענמען נישט הרגענען ביי דער גרענעץ. און מ׳אַגיטירט, מ׳שיקט אַרום שליחים איבער דער וועלט, מ׳רייסט איין וועלטן אַז די יידן זאָלן פאַרלאָזן זייערע לענדער און היימען און דאָ אַהערקומען. און מ׳זאַמלט דערויף הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן! און מיר דאָ זיצן אין די מחנות און מעברות. און דער צפון־קוואַרטאַל אין תל־אביב איז איבערגעפּאַקט מיט לוקסוס. און די ווילעס און פּאַלאַצלעך אין רמת גן זענען איבערגעשטאָפּט מיט כל׳ע שוווילטאָג. מען טרינקט אויסלענדישן קאָניאַק און מ׳שפּילט אין קאָרטן. און אין לוד וווינען הונדערטער נייע עולים אין היילן, אין סלאָמס, אין צעחורבעטע קעלערס. צוואָנציק טויזנט אַרבעטסלאָזע, און מסתמא נאָכאַמאָל אַזויפיל נישט רע־גיסטרירטע אַרבעטסלאָזע — און נאָר מ׳וויל קיבוץ גלויות. און נאָר ס׳איז געשעען דאָס גרעסטע גליק דעם יידישן פאָלק — אַ יידישע מלוכה! און אַרויספאָרן פונדאַנען קומט אָן ביטער שווער. אָבער איך וועל יאָ אַרויס־פאָרן. איך האָב מיינע וואַליזקעס נאָכנישט פאַרברענט!

עטלעכע האָבן מיטאַמאָל געגעבן אַ שפּרונג אויף פון די ערטער ווי אַ צפּע־שלאַנג וואָלט זיי אָנגעגריפן, און זיי האָבן כאָראַליש אַ רוף געטון, אַ וואָרנונג־רוף:

—אַ בונדיסט!

יעדער איינער האָט אויסגעדריקט אַן אַנדערע אומרויקע באַוועגונג, ווי מ׳וואָלט זיך געגרייט אויפצונעמען אַ שטורעם אויפן ים וואָס דער קאַפּיטאַן האָט נאָר וואָס אָנגעמאָלדן. יעדער איינציקער האָט זיך גע־

גרייט צו פֿאַרכאַפּן אַן אָרט און א וואָרט אויף צו דערלאַנגען דעם דאָזיקן אינטרוז —

— אַ בונדיסט אין ישראל! אַ גוי האָט זיך מגייר געווען און געקומען אין שול אַריין אויפֿווייזן — אַז דער גוישער גלויבן איז דער ריכטיקער און אמתער.

— אַ בונדיסט איז דאָך אַ „דאָיסט", טאָ פֿאַרוואָס טויג אייך נישט דער היגער „דאָ"? דער אַרגענטינער אָדער אויסטראַלישער „דאָ" איז אייך בעסער?

— איך בין נישט קיין נאַציאָנאַליסט.

— נו, ווייסט מען שוין וואָס איר זענט נישט; וואָס זענט איר יאָ?

— אַזעלכע ווי איך קאָנען דאָ זיין אין לאַנד, אָבער נישט ווי קיין ציוניסטן.

— זיין אין ציון און נישט זיין קיין ציוניסט. עסן ברויט און זאָגן — כ'עס נישט, כ'מאַך נאָר בלויז מיטן מויל.

— איך מיין דעם קיבוץ גלויות.

— אַ פֿרישער דיבוק. אַז איר זענט געווען אין פּוילן, און אַז ס'זענען אַהיימגעקומען, זיך רעפּאַטריאירט, פּאַליאַקן פֿון אַמעריקע, זענט איר געווען קעגן דעם?

— איך בין נישט פֿאַר העברעאיש. די מאַראָקאַנער מעסערשטעכער זענען נישט מיינע ברידער. די תימנער אויך נישט.

— די איראַקער יידן אויך נישט. בכלל די אַראַבישע יידן נישט. און וועלכע יידן זענען יאָ אייערע ברידער? די אַסימילירטע יאהודים פֿון פֿראַנקרייך און אַמעריקע זענען יאָ אייערע ברידער?

— די אַלע וועלכע רעדן יידיש — זענען מיינע ברידער.

— און די קינדער פֿון די בונדיסטן אייערע, אין פֿראַנקרייך, אין ניו־יאָרק, רעדן יאָ יידיש?

— איך קען אייך נישט אַלעמען ענטפֿערן אויף איינמאָל, איר רעדט צו מיר פֿון אַלע זייטן, איר זענט מיך באַפֿאַלן ווי אַ היישעריק, ווי כ'וואָלט טאַקע געווען אַ פֿרעמדער, אַ גוי.

— נו, זאָל מען רעדן איינציקווייז, פֿאַמעלעכקע. אַלזאָ לאָמיר הערן וואָס איר האָט אַלץ געזאָגט: די אַראַבישע יידן — נישט, די יאהודים —

נישט, נו און רעליגיע — אוודאי נישט — טאָ אויף וויפל פּראָצענט יידן זענט איר יאָ? טאָ ווי אַלט איז ביי אייך די יידישע געשיכטע? פון מענ־דעלעס „פישקע דער קרומער״ אָן?

— אָבער וואָס ענטפערט איר מיר וועגן די קעלערס און היילן אין לוד וואָס איך האָב אייך דערמאָנט, האַ?

— זאָל מען פירן אַ קאַמף קעגן דעם, ווי אין אַלע לענדער. און ווו האָט איר נאָך אַ לאַנד ווו א דאָקטאָר פאַרדינט נישט מערער ווי אַ פריי־זירער? א רעדאַקטאָר פאַרדינט נישט מערער פון א מיסטפּירער און אַ באַנק־דירעקטאָר פאַרדינט נישט קיין סך מערער פון זיין שיק־יינגל. און אויב דער טויער־וועכטער פון דער באַנק איז אַ תימנער מיט זעקס־אכט קינדערלעך, פאַרדינט דער דירעקטאָר שוין אַסך ווינציקער פון אים. און קעגן די דירות אין די קעלערס און אין די היילן דאַרף מען אויפהייבן אַ שאַרפן קאַמף!

— פירן אַ קאַמף, אַז ס׳גאַנצע געלט גייט אַוועק אויף געווער, אויף מיליטער. אַז אומעטום זענען גרענעצן. די אַראַבער ווילן אונז אַריינ־וואַרפן אין ים אַריין.

— פחדן! — האָט מען דערהערט אַ ריטש, שוין פון הערש מעכלען אַליין. ער האָט זיך אָנגערופן צום ערשטן מאָל, שוין, זעט אויס, נישט געקאָנט איינהאַלטן זיין אייזערן סבלנות:

— איך בין געווען אַ בונדיסט אַסך יאָרן, דער „בונד״ האָט שיינע הערלעכע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם און רעוואָליוציע. אָבער איר, וואָס האָט דורכגעמאַכט נאַצישע לאַגערן, איר רעדט ווי דער לעצטער, קליינבירגערלעכער, גלותדיקער פחדן. מיט אזא מין רעדן פאַרשעמט איר און פאַרשוועכט דעם הערויזם פון „בונד״. די אַראַבער רינגלען אונז אַרום?! — וועט איר קעמפן! וועט איר נעמען א ביקס און פאַרטיידיקן דאָס לעבן און דעם כבוד פון דער מדינה, דעם כבוד און קיום פון גאַנצן יידישן פאָלק!

— דאָס רעדט איר אַזוי, חבר הערש מעכל? איר רעדט דאָך ווי אַ ציוניסט פון אַ גאַנץ יאָר.

— וואָס וואָלט איר ווילן? דאָס זענען די עלעמענטאַרסטע און פשוטסטע רייד פון יעדן ייד, אוודאי שוין — פון אַ סאָציאַליסט, און נאָך

מער — פון אַ רעוואָליוציאָנער.

— אָבער פאַרוואָס זאָלן מיר זיך מאַטערן אין די מחנות און מעברות, ווען דאָס איז לגמרי נישט נייטיק פאַרן לאַנד, פאַר קיינעם נישט.

און אַ צווייטער כאַפּט אים אונטער:

— און פאַרוואָס וואָגט קיינער נישט צו שרייען קעגן די משונהדיקע סאַבאָטאַזשניקעס פון „מעכעס" (מכס), וועלכע לייגן אַרויף גרויסע, אומגעהויערע שטייערן אויף די מאַשינען פון די עולים־האַנדווערקער? הייסן אָפּצאָלן אַזעלכע ווילדע סומען. די עולים לייזן נישט אויס די מאַשינען און זיי בלייבן זשאַווערן אין די מאַגאַזינען פון דער סוכנות. נישט איין עולה פאָרט צוריק, לאָזט דאָ איבער די מאַשינען, אַמאָל אויך דאָס מיטגעברענגטע ביסל רוישטאָף און פאָרט אַוועק א פאַרביטערטער, א פאַרצאָרנטער:

דער בונדיסט: אָט זעט איר? אָט הערט איר? נאָך טויזנטער וועלן אייך ענלעכעס זאָגן. איר זענט אויך אַ בונדיסט, חבר?

— חלילה, וואָס פאַלט אייך איין? דווקא דערפאַר ווייל איך בין אַ טיף־טרייער, איבערגעגעבענער ציוניסט, וויל איך אויסשרייען די אַלע דאָזיקע עוולות אין וועלכע עס זענען שולדיק סיי די נאַכלעסיקע און אפילו רשעותדיקע פקידים פון דער סוכנות, סיי יענע סאַבאָטאַזשיסטן פון מכס — אויב זיי זענען נישט קיין אידיאָטן — פאַר זייער רייסן די הויט און דאָס לייב — אוממעגלעכע צאָלן און שטייערן פון די ניי־געקומענע אָרעמע עולים. זיי מאַכן אַ תל פון ביסל אָרעמקייט. עס איז אַן עוולה צו פאַרשווייגן און נישט אויסצושרייען די אַלע דאָזיקע עוולות! יענע פאַרטרייבן צוריק פון ישראל טויזנטער יידן! מאַכן זיי פאַר יורדים!! נישט נאָר אַנטי־ציוניסטן זענען יענע פקידים, נאָר גרויסע שעדיקער, סאַבאָטאַזשניקעס, מלוכה־פאַרברעכער!

— חבר, חבר, איר מוזט אָבער אויך וויסן אַז זייער אַסך פון אונז נוצן שוין צופיל אויס דעם אָרעמען מלוכה־אוצר אונזערן. יעדער ייד וואָס קומט אַהער האַלט אז מ׳דאַרף אים נאָר אויסהאַלטן, אַז ס׳קומט אים נאָר תמיד אַ רעשט, מ׳איז אים עפּעס שולדיק, ער דאַרף נאָר נעמען און נעמען, אָבער גאָרנישט געבן, נישט קיין שטייערן, נישט קיין צאָל, ער מעג אויסבאַהאַלטן, אפילו אָפּנאַרן.

— אָבער דאָס זענען דאָך געציילטע, ווינציקע.

— נו־נו־נו, שוין גאָרנישט אַזעלכע געציילטע און ווינציקע!

— אָבער וואָס זענען דעריבער שולדיק די אומשולדיקע? אַ פֿאַקט איז — די רייכע ווערן פֿון טאָגצוטאָג רייכער. און טייל באַאַמטע ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ האַרטער, קעלטער, נאַכלעסיקער, ערגער, אַפּילו — ציניש!

הערש מעכל: דאָס איז גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש. אַוודאי איז אסך לייד און ווייטיק לגמרי נישט נייטיק קיינעם, אָבער דאָס זענען טעכנישע שוועריקייטן, אפשר אויך שלימזלדיקייט פֿון דער אדמיניסטראַציע, אפשר אויך אביסל רשעות און אַביסל מיסברויך — אַ קאַליע צאָן אין אָרגאַניזם. דאָס זענען אַלץ פֿונקציאָנעלע דעפֿעקטן, אָבער נישט קיין אָרגאַנישע.

— דאָס זענען נאָר רייד! פֿונקציאָנעלע דעפֿעקטן? דערפֿון קאָן מען אויך געניזוקט ווערן! מ׳דאַרף צו יענע אַלע שעדיקער נוצן אַ באַלשעוויסטישע פֿויסט! כאַטש אויף דריי חדשים צייט!

מ׳האָט דערהערט דורכן ראַדיאָ דעם סיגנאַל וואָס זאָגט אָן די אויסציִע אין יידיש — „קול ישראל לעולה" — האָט מען איבערגעריסן דעם וויכוח און אַוועק הערן די נייעס־קאָמוניקאַטן אויף יידיש.

דער בונדיסט איז געבליבן דער לעצטער, געגאַנגען פֿאַמעלעך. צו אים איז צוגעגאַנגען זשאָרזש, אים דערלאַנגט די האַנט און געקלאַפּט איבערן פּלייצע:

— איר זענט טאַקע נישט גערעכט, נאָר זאָל עס אייך נישט אַרן. מיטן האַרץ בין איך מיט אייך. מיר וועלן זיך נאָך אפשר טרעפֿן צוריקפֿאָרן אויף איין שיף. איר קיין מעלבורן, איך — קיין מאַרסעי. פֿון דאָרט — אַ פֿאַרי, קיין פּאַריז. דאָרט וועל איך אפשר צוריק ווערן אַ ציוניסט. — סע פּאַ מאַל! —

און האָפֿערדיק און אָפּטועריש צווינקענדיק געשמייכלט. — — —

## נישט נאָר די אויגן זעען...

אַזויווי ס׳פֿאַרהיילט זיך די הויט פֿון אַ וווּנד, ווערט אַלץ גלאַטיקער

און ריינער, אַזוי האָט זיך צוביסלעכווייז געהיילט דער קראַנקער מצב פון די עולים. מ'האָט זיך אָנגעהויבן איינזעסן, איינבירגערן, באַקומען אַרבעט, פּרנסה, זיין רואיקער, בעסער אויסזעען, בעסער זיך קליידן. טייל עולים זענען פונדאַנען געוואָרן צוגענומען פון דער מחנה דורך זייערע קרובים. געקומען מיט אַ טענדער און פאַרנומען די גאַנצע משפחה, מיט זייער ביסל חפצים, און זיי אַוועקגעפירט צו זיך אין מושב אָדער אין שטאָט.

די צאָל נישט־ארבעטנדיקע איז אלץ געוואָרן קלענער און ווינציקער. טייל האָבן שוין באַקומען די סוכנות־דירות, געקויפט (אויף ראַטעס) אָדער פאַר דירה־געלט. די אויפן אָרט האָבן אויך אָנגעהויבן נעמען פאַריכטן און איינאָרדענען זייערע בדונים, ביידלעך, צריפים. די וועלכע האָבן געוווינט אין באַראַקן, האָבן גענומען אויסווייסן די ווענט, קאַלכען די דעכער. טייל האָבן אַפילו געפלאַנצט גערטנדלעך אַרום — זאָל זיין אַביסל אייגענע פרישע ירקות, בלומען, דער עיקר — אַביסל גרין גראָז פאַרן צעגליטן און פאַרשטויבטן אויג.

אָבער ס'זענען נאָך אַלץ געבליבן גענוג קראַנקע מענטשן, אומבאַ־האָלפענע, מיט אַלערליי קלאָפּאָטן, צרות און מחלות. דורך בלויז אַ קליין ביסל צוהעלפן, געבן אן עצה, א גוט וואָרט, גיין פאַר יענעם א גאנג אין די אינסטיטוציעס, אַכטונג געבן אויף דער שטוב, פאַרשפּילן אַ קליין קינד — אָט אַזעלכע פּשוטע קלייניקייטן זענען אָפט אַ גרויסע הילף פאַר פאַרצרהטע מענטשן אין דער מחנה. הערש מעכל האָט די לעצטע צייט אַלץ מער און מערער זיך אָפּגעגעבן מיט קומען צוהילף, מיט קליי־ניקייטן, צו אַזעלכע הילפבאַדערפטיקע. נישט געווען קיין איין נויט־שטוב, קיין איין ליידנדיקע משפחה — אַז הערש מעכל זאָל ביי זיי נישט זיין און טוען פאַר יענע עפּעס אַ נייטיקע זאַך. דעם פאַרשאַפן אַ טער־מאָמעטער, פאַר יענעם איבערגעבן א בקשה ווו מ'דאַרף, אַ דריטן — באַנדאַזשירן אַ וווּנד. און טאָקע נישט איין שעה אַמאָל אָפּזיצן ביי ווע־מען און אַכטונג געבן אויף אַ קינד — אויב די מאַמע האָט באַדאַרפט אַוועקגיין.

אַפילו ביי עפּעס א משפחה־קאָנפליקט, צווישן מאַן און ווייב, צווישן עלטערן און קינד, אויך צווישן עדה און עדה — זיין וואָרט האָט מען גע־

האַרכט. זיין עצה, זיין הילף — האָט געבאַלזאַמט יעדע צרה און ווונד.

איינמאָל האָט ער דערהערט ווי מען רופט אים — „הערש מעכל זאָל געזונט זיין" — און א שפּיזיקער שווייס האָט א צוויק געטון אין גוף. תחילת אַדורך ווי אַ סקרוך, דערנאָך שוין — געמחיהט דעם גוף און נפש — — „רויזל זאָל געזונט זיין", זיין מאַמע — אַזוי האָבן זי דאָך גערופן די שכנים.

וואָס אַ טאָג ווייטער, אַלץ אָפטער האָט ער געהערט ווי מ'רופט אים — ווי ס'וואָלט שוין זיין זיינס א נאַטירלעכער נאָמען מיט אַ ביינאָמען — „הערש מעכל זאָל געזונט זיין".

**
*

עס איז נאָרוואָס געקומען אין דער מחנה אַריין א נייע משפּחה עולים פון פּאַריז, און הערש מעכל דערזעט זיינע גוטע, נאָענטע באַקאַנטע. ביידע, זלמן קאַלמאַנאָוויטש און זיין פרוי, זענען ביידע „געוועזענע", געוועזן אַמאָל באַדייטנדע אַקטיוויסטן אין דער קאַמבאַוועגונג אין וואַרשע. מלחמה־צייט זענען זיי געווען אין רוסלאַנד. זיי האָבן אַ יינגעלע פון עטלעכע יאָר. זיי באַשטייען נישט אַנדערש ווי נאָר הערש מעכל זאָל גיין וווינען צוזאַמען מיט זיי אין אַ באַראַק. און גראָד ווערט פון מאָרגן אָן די מחנה שוין פּאַרטווישט אויף אַ מעברה, און מ'וועט מער נישט געבן אומזיסט קיין ברויט, זופּ, פּראָדוקטן און פרוכטן. הערש מעכל וואָלט שוין נישט געהאַט אויף דעם ערשטן קילאָ ברויט צו קויפן. זלמן קאַלמאַנאָוויטש איז אַנגעקומען אַהער אין דער ריכטיקער צייט. — — —

**
*

עס דערנענטערן זיך די ימים נוראים. די לופט זאָגט עס אויך אָן, זי האָט שוין אירע סימנים דערצו. —

די נערוועזע אייליקייט און שטויביקע וואָכעדיקייט טרעטן אָפּ, די אַטמאָספער ווערט פאַר'ריח'ט מיט יומטוב, פּונקט ווי די לופט איז פול מיט ריחות פון די אַרומיקע פּרדסים. עס איז זיך מזווג לויטערקייט מיט לייטזעליקייט.

ראש השנה אינדערפרי זענען ביידע שולן פול, נאָך הונדערטער בלייבן אינדרויסן. מענטשן וועלכע זענען קיינמאָל נישט געגאַנגען אין שול אַריין, גייען דאָ, דעם ראש השנה, צום דאַווענען.

הערש מעכל און זלמן קאַלמאַנאָוויטש, זיי, פאַרשטייט זיך, גייען נישט אין שול אַריין. זיי שטייעןביידע פונוויטנס און פירן גאַר דורך סאָציאָלאָגישע באַטראַכטונגען אין שייכות מיט דער שול:

— שטעל דיר פאָר, אַ פאָלק וועמענס זין קומען דריי מאָל אין טאָג זיך צונויף, ס׳מוז זיין לכל הפחות אַ מנין, צען מענטשן. זיי זענען מתפלל צוזאַמען, זיי רעדן זיך צונויף, זענען פרמשפחהט, דריי מאָל אין טאָג. איז אַ וווּנדער וויאַזוי ס׳האָט זיך דערהאַלטן דער גייסטיקער קיום פון יידישן פאָלק?! עס איז דען זיך פאָרצושטעלן די נאַציאָנאַלע באַדייטונג פון מנין? דער איינער יחיד פון מנין קאָן נישט אָפּטון אַ מיאוסע זאַך, האַנדלען נישט עטיש, נישט מאָראַליש, באַגיין אַ פאַרברעך — ווייל ער שעמט זיך פאַר די רעשט ניין יידן פון זיין מנין. מען וועט אים נישט אויפרופן צו דער ספר תורה, נישט געבן קיין עליה, נישט מצרף זיין צו מנין, אים נישט אַריינלאָזן אין שול אַריין! אוודאי דאַרף מען נישט זיין צעקראָכן און זיך לאָזן באַהערשן פון רעליגיעזע שטימונגען. אָבער אָפּשאַצן דעם באַדייט פון דער רעליגיע פאַרן יידישן פאָלק אין עבר — דאָס מוז מען. אָפּשאַצן דעם סאָציאַל־נאַציאָנאַלן ווערט פון מנין — דאָס איז די פליכט פון דער סאָציאָלאָגיע.

זיי גייען צו עמוואָס נענטער צו דער שול. זיי קוקן, אָבסערווירן. אָט הייבט זיך אויף פון זיין בענקל דער מיטלוווקסיקער אונגאַרישער ייד אויף קוליעס, רב מענדל. ער האָט אַ לאַנג־שוואַרצע, פירקאַנטיקע באָרד און בלייך־בלאַס פּנים. ער ליידט אויף סוכאָטע אין די ביינער. זיינע שוואַר־צע אויגן זענען אַזעלכע שטילע און טיפע, פול מיט גוטסקייט און צדקות. אויף יעדער באַגריסונג ענטפערט ער תמיד אַפּ פילפאַך, מיט דאַנקבאַר־שאַפט און אונטערטעניקייט, שאָקלט באַגריסנדיק מיטן קאָפּ צובאַגלייט מיט ברכות. אינדערוואָכנס טראָגט ער אָנגעהאַנגען אויף זיך אַ קעסטע־לע מיט צוקערקעס און שפּילצייג צו פאַרקויפן פאַר קינדער. פון דעם דאַרף ער באַשפּייזן אַ ווייב מיט צוויי טעכטערלעך. אַצינד טראָגט ער אויף זיך אַ בלאַנקווייסן קיטל מיט א זילבערנער עטרה, זעט אויס געלייט־זעליקט, דערהויבן. ער איז לוי. די לוויים באַגיסן די הענט פון די כהנים פאַרן דוכענען.

אָט איז דער הויכער מיסטפירער, מיט אַן אַריינגעשטעלט טרייבל אין

האַלז. ער קען אַרויסברענגען קוים אַ הייזעריקן קלאַנג פון אַ וואָרט. ער דאַוונט מיט די אויגן אין סידורל, פאַרטרעט מיט טרערן זיין הויך דאַ־ווענען.

זלמן: ווו וואָלטן אַזעלכע איצט געווען ווען נישט אין שול?

הערש מעכל באַמערקט דערווייל זיינס אַ נייע סאָציאָלאָגישע דער־שיינונג אין שול: ער זעט אַז פאַרן דוכענען גייען ארויס פון שול עטלע־כע קאַליקעס, כהנים. אָט גייט אַרויס דער גבאי אַליין, זיינוול כץ. ער איז אַן אינוואַליד אויף אַ פוס. ער גייט ארויס אַ דערשוויצטער, פאַרויטלטער — איז ער דאָס אַזוי אין כעס? ער הינקט ארויס פון שול און שטעלט זיך אוועק אַ פארשעמטער אין אַ זייט. הערש מעכל וויל דערין אויסגעפינען אַ סאָציאַלע עוולה, קלאַסן־מאָמענטן. זלמן זאָגט צו אים:

— אָבער באַמערק בעסער דעם גראַנדיעזן געשיכטלעכן פאַקט: די קייט פון כהנים, די קייט פון לוויים און ישראלים ציט זיך שוין זינט טויזנטער יאָרן און האַלט נאָך אַלץ אָן. מיט אונזער אויפהערן גיין אין שול אריין וועלן אונזערע קינדער שוין נישט וויסן פון דאָזיקן חשבון. ווערט מיט איינמאָל איבערגעריסן אַ טויזנטיעריקע פאָלקישע קייט.

הערש מעכל: איז וואָזשע? מיינסט אַז מ'דאַרף דעריבער צוריק אָנהייבן גיין אין שול אריין?

זלמן: גיב אַ קוק: אָט די גראָע, פשוטע פאָלקסמענטשן פון המון — קוק אָן דעם שוסטער־לאַטוטניק, און דעם בלעכער, און דעם הויקערדיקן זייגערמאַכער — זע ווי זיי שיינען מיט יומטובדיקייט און דערהויבנקייט בעת זייער דאַווענען. בעתן בלויזן געפינען זיך אין שול. אפילו לעבן דער שול. מיט וואָס וועסטו זיי דאָס אלץ פאַרטרעטן?

עס איז שוין די הפסקה אין שול, נאָכן לייענען. עס קומען דאָ צו עט־לעכע באַקאַנטע — דער זשורנאַליסט לעסטנער, דער דיכטער פרידמאַ־כער, איילבירט. מ'זעצט זיך אויף די גרויסע שטיינער ביים בריקל. דער וויכוח צעוויקלט זיך. לעסטנער איז אמאָל געווען אין וואַרשע־פראַגע אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, אַ למדן און עילוי. אוישוויץ האָט ביי אים אַראָפּגענומען די באָרד, און די אמונה. נאָך דער באפרייאונג האָט ער געפּרוווט צוריק עפּעס אָפּראַטעווען און צוריק דעראָבערט ברעקלעך אמונה. די באָרד שוין נישט. ער אַזוי געוואָרן אַ זשורנאַליסט, געשריבן

אין די יידישע שארית הפליטה־צייטונגען אין דייטשלאַנד. אויך פונדאַ־נען, פון דער מעברה, שיקט ער אַרטיקעלעך אויף יהדות־טעמעס צו די יידיש־צייטונגען אין תל־אביב און פאַרדינט קליינטשיקע האָנאָראַרן. פרידמאַכער דער דיכטער, איז א רבישער זון, פון פּאָדאָליע, ער איז אזוי תמיד כּולו דיכטער, ווי ער וואָלט געזייגט פון דער מאַמעס בריסט — נישט קיין מילך, נאָר שירה. די תנועות זיינע זענען רבישע, און די מידות, ווי ס'פּאַסט פאר א רבישן יורש. אָבער דווקא איז ער א פארעקשנטער כּופר. ער טראָגט דעם הוט אויפן קאָפּ, ווייל ער ווילט צוזאַמען מיט זיין שווער דעם רב. נו, די שטוב פירט זיך שלמותדיק־יידיש — ווי דען אַנדערש? זיין פרוי איז לערערין פון פראַנצויזיש — אָבער אויך זי פירט זיך דורכ־אויס יידיש־יידישלעך — ווי דען אַנדערש? פרידמאַכער באַהאַלט זיך נישט מיט זיינע השקפות — נישט פאַר זיין שווער דעם רב, נישט פאַר זיינע פעטערס די רבי'ס דאָ, וועלכע וווינען אין צפת, ירושלים און תל־אביב. ער זאָגט זיי, פאַרשטייט זיך, אז ער איז מער מאמין פון זיי אַלע־מען, כאָטש ער גייט נישט אין שול אריין, און דאַוונט נישט. טאַקע דווקא דערפאַר ווייל ער איז א גרויסער מאמין — איז אים אזוי שטארק דערווי־דער דער משונהדיקער, טעאַטראַלער רעליגיע־קולט. דאָס זאָגט ער תמיד דרייסט־אָפן סיי פאַר זיין שווער, סיי פאַר זיינע פעטערס, און ער חזרט דאָס אצינד איבער:

— ס'איז ביליקע, נעבעכדיקע געצנדינעריי, פאַרשוועכונג. איך פאַר־שטיי — א מענטש גייט אַרויס, זעצט זיך אוועק אויפן פעלד, צי אויף א פעלז, פאַרשליסט די אויגן, גייט אַרויף אויף זיין אייגענעם בארג — און איז זיך מתיחד מיט אלהות.

— שפּינאָזישע?

— דעפּינירט נישט!

הערש מעכל: זעט נאָר די דערשיינונג ווי דערוואַקסענע ווילן דאָס עקשנותדיק ווערן קינדער! פּחדנים פון דער רעאַליטעט, ווילן אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט.

איילבירט: אז איינער איז נישט מוזיקאַליש, דאַרף ער זיך נישט גאָרגלען וועגן מהות פון מוזיק; און אַז איינער איז נישט גאָטיקאַליש — דאַרף ער נישט דרשענען וועגן מהות פון אלהות, וועגן תפילה און אמונה.

דער תהילים, למשל, דאַרף אייך זיין טייער נישט צוליב אים אַליין, און צוליב זיין שעפער דוד המלך, ווי צוליב די הונדערטצוואַנציק דורות תהילים־זאָגערס, וועלכע האָבן אין אים אַריינגעוויינט. געבעטן, אַריינ־געהייליקט זיך אין אים. דאָס איז פאַלקסשאַפונג, פאָלקסהייליקייט, מיטן טעם פון געמיינזאַמקייט און אייביקייט.

פרידמאַכער: לאָזט געמאַך! קינדער דאַרפן אַ מאַמען, און דער־וואַקסענע ווילן אויך אַ ניאַנקע, גאָט, ער זאָל זיך מיט זיי ניאַנטשען. זיי ווילן מאַכן אַ שנאַפס גאָט, זיך פאַרשיכורן. ניין, אָפענע אויגן זאָלסטו האָבן, זען אַלץ, מעסטן, און וויסן דיין סוף. ווען מ׳האָט נאָך פעסטע מוסקולן — דאַרף מען נישט גאָטן.

לעסטנער: איי, קינדער, קינדער, מילבן שפּילן זיך אין העלפאַנטן. אין דעם שטויבעלע אַטאָם גלייבן זיי יאָ, און אין דעם אַלמעכטיקן פון אַט דעם אַלעם (ער גיט אַ קרייז און אַ ווייז מיט דער האַנט אויף דעם הימל און ערד) — גלייבן זיי נישט. נישקשה, אויב דעם רמב״ם האָט געפּאַסט צו דאַווענען, מעג אייך אויך אָנשטיין צו דאַווענען.

שוין נאָך דער הפסקה, מ׳גייט שוין צוריק אין שול אריין, צום שופר־בלאָזן. ס׳געזעמל גייט זיך פאַנאַנדער. זלמן קאַלמאַנאָוויטש און הערש מעכל בלייבן זיצן שטילע אויף די גרויסע שטיינער ביי דער זייט פון בריקל־שטעג.

דאָס געגייערייי צו די שולן ווערט אַלץ געדיכטער און שטראָמיקער, ס׳גייען ווייבער און קינדער צו שופר־בלאָזן. פלוצים בייגט זיך עפּעס הערש מעכל אויס, ס׳האָט אים עפּעס ווייסעס א פלאָטערנדיקן בלענד גע־טון פאַר די אויגן. ער פאַרשטעלט זיך דעכלדיק מיט דער האַנט איבער די אויגן, קוקט עפּעס אַ פאַרשטאַרטער, און ראַפּטעם גיט ער אַ צאַפּלדיקן כאַפּ אָן זלמנען פאר די קלאַפּעס און אַ געשריי:

— זע נאָר! —

און אַליין פאַרשטעלט ער זיך די אויגן. זלמן קוקט און ווייסט נישט וואָס. הערש מעכל רעדט צו אים מיט אַ שטילער, קאָנוולסיור־היפּנאָטי־זירטער שטים:

— זע, זלמן, דאָרט גייט, דאַכט זיך, מיין מאַמע. צום שופר־בלאָזן. פונקט אַזוי ווי זי. איר פּנים. אירע אויגן. אירע ליפּן. אין דער זעלבער

ווייס־מאַרקיזעטענער בלוזקע. דעם זעלבן ווייסן שאַל. זלמן, די מאַמע מיינע גייט דאָ צו שופר־בלאָזן!

עס האָט זיך אין דער אותו רגע דערהערט פונווייטן די ערשטע תקועה, און הערש מעכל האָט אין זיך אריינגעהעשעט א ספּאַזם־געוויין.

***

מ'האָט הערש מעכלען, קאַלמאַנאָוויטשן און נאָך א גרעסערע גרופּע אייראָפּעאישע עולים איבערגעפירט אין אַן אַנדערער מחנה אַריין.

## דער שמועס מיט דעם פּאָליטישן רייטער...

הערש מעכל איז געפאָרן קיין תל־אביב און זיך נאָכאַמאָל געזעען מיט קליינאָוויטשן. פון טאָגצוטאָג איז יענער געוואָרן לינקער און עקס־טרעמער. אין די אלע מאַסקירטע קאָמוניסטישע אינסטיטוציעס און אָר־גאַניזאַציעס — פאר שלום, פריינטשאַפט, דעמאָקראַטיע, פאָלקסגעזונט, פאָלקסקונסט — אין וועלכע זיי האָבן אויך אַריינגעצויגן פּראָ־סאָוויעטי־שע, פּראָ־קאָמוניסטישע פּאַרטייען און יחידים, קאָמוניסטן מיט אַ מינוס (אין דעם פאַל: קאָמוניסטן מינוס ציוניזם), איז תמיד דער פאָרשטייער געווען — ד"ר עמרם קליינאָוויטש. ער איז געקומען צו יענע מאַסמיטינ־גען און פאַרזאַמלונגען, און די קאָמוניסטן האָבן אים אויפגענומען אַקור־ראַט אַזוי ווי זיי נעמען אויף זייערס אַן אייגענעם פירער. דאָס גאַנצע פּרעזידיום אויף דער טריבונע און דער גאַנצער עולם אויפן זאַל, בעת קליינאָוויטשעס אַרויסקומען אויף דער טריבונע — שטעלן זיך אויף פון זייערע ערטער און אַפּלאָדירן. נאָך די ערשטע עטלעכע זאצן אין זיין רע־דע, שטעלן זיי זיך ווידער אויף און סקאַנדירן זיין נאָמען אוניסאָנאָ:

— קליי—נאָ—וויטש! קליי—נאָ—וויטש! —

און באַגלייטן צו מיט ריטמישן קליאַטשען אין די הענט.

קליינאָוויטש שטייט אין א דאַנטאָנישער פּויזע, אויפגעהויבן די רעכ־טע האַנט, סטאַטואיש־מעסיק. זיין באַלעבאַטיש בייכל ווערט נאָך איצט מער בולט, און זיינע אויגן בוימלען זיך אין זיגערישער הנאה. אָט איז ער אַצינד אין זיין ריכטיקן אַמפּלואַ.

אויף ווייטערדיקע אַזעלכע אימפּרעזיעס וועט שוין ד״ר עמרם קליי־נאָוויטש וויסן — אַז אין אַזאַ מאָמענט טאָר ער נישט שטיין פּאַסיוו מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, נאָר דאַרף אַליין אויך אַפּלאָדירן — כאָטש מ׳אַפּלאָדירט טאַקע אים. א מנהג אזא ביי זיי, וואָס האָט זיין אויסגע־רעכנטן מיין און זין.

הערש מעכל האָט זיך געזעגן מיט קליינאָוויטשן נאָך זיינס אַזאַן אַרויסטריט, געדעדט צו אים און געוואָרנט:

— חבר קליינאָוויטש, איר גאַלאָפּירט און פאַרגאַלאָפּירט זיך. איידער איר וועט זיך אומקוקן, וועט איר שוין זיין אין זייער נעץ. איך קען אייך אפילו זאָגן געננוי וויאַזוי ס׳וועט צוגיין און אויסזעען. איך קען אייך אויס־רעכענען די אַלע טעכנישע מיטלען און טריקן ביים פאַרלייגן אַרום אייך די פּאַגנעצן.

— חבר הערש מעכל, איך בין אַ געניטער פּאָליטישער רייטער, איך וויים ווען אַראָפּצושפּרינגען פון פערד, ווען קומען צו דער מעטע, ווען צו פאַרשפּעטיקן, און אַפילו ווען אַראָפּצופאַלן — אַז מ׳וועט דאַרפן. מיט אייך האָב איך שוין סיווי פון לאַנג געוואָלט שמועסן. איך פאַרבעט אייך צו זיך אַהיים, אויף אַ גלעזל טיי און אויף אַ שמועסל.

געוואָנען אַ רעגנדיקע נאָוועמבער־נאַכט. א רעגן א דערקוטשענדי־קער, א שווערער, שרויפּט זיך אריין אין די מלבושים. די כמאַרעס — ניי־דעריק, שווערגעמיטיק, די ליכט פון תל־אָביב ראַזלען אַביסל אָפּ די וואָלקנס, אָבער עס מינערט נישט די לאַסט און דעם שווערן לופטדרוק. פונדערווייטן, ביי די וואָלקנבערגעס, שיפלען זיך פאַמעלעך אַהער פאַר־קנאָדערטע וואָלקנשטיקער אַנגעלאָדן מיט בליצן. די דונערן הערט מען נאָכנישט, זיי זענען נאָך ווייט. פון דער לינקער זייט הימל זענען די בליצן דינע, זיגזאַגישע, פון דער רעכטער זייט — קופּאָלישע, עפענען א קיילעכיקן תהום.

אין אַזאַ אָוונט איז הערש מעכל געגאַנגען געניסן פון דער פאַרבע־טונג צו ד״ר עמרם קליינאָוויטש אין שטוב אַריין.

ביים אַריינקומען כאַפּט אַרום אַ העלע נעאָן־ליכטיקייט און אַ טרו־קענע, אַנגענעמע וואַרעמקייט. הערש מעכלען אינטערעסירט גאַנץ קנאַפּ די שיינע, מאָדערנע שטוב־איינריכטונג; די איידעלע סימפּאַטישע ווירטין

פרוי ד״ר קלײנאָוויטש, אַ כעמיקערין. הערש מעכל איז אומגעדולדיק און וואָלט שוין װעלן וואָס גיכער זאָגן קלײנאָוויטשן וואָס ער טראַכט, און אויך הערן וואָס ד״ר סיני האָט אים פאַרצולייגן.

ער פילט זיך נישט געװנג פרײ אין דער שטוב, הגם פרוי קלײנאָוויטש גייט אַרום אים אַרום איבערגעטריבן העפלעך, מסתמא דווקא דערפאַר ווײל ער איז אָנגעטון אין אַזעלכע בגדים, און האָט אַן אויסזען — וואָס פּאַסן זיך לגמרי נישט פאַר דער דאָזיקער קאָמפאָרטיקער, מאָדערן־מעב־לירטער שטוב.

הערש מעכלען קוועלט און דערקוטשעט נאָך עפּעס גאַנץ באַזונ־דערס. ס׳אַ אפילו א קלײניקייט, אפשר אַ נאַרישקייט, נאָר דערקוטשעט— דאָס איז דער געבלימטער, זײדענער שלאָפראָק וואָס קלײנאָוויטש טראָגט אַצינד אויף זיך. הערש מעכל האָט נאָך קײנמאָל אין זײן לעבן נישט געטראָגן קײן שלאָפראָק, נישט קײן זײדענעם און נישט קײן וואָלענעם, נישט קײן געבלימטן, נישט קײן גלאַטן. נאָר נישט אין דעם גייט עס וואָס ער האָט נאָך אַזעלכעס נישט געטראָגן — נאָר דער מענטש מיט דער דאַנטאָנישער פּויזע, מיט דער מעטאַלענער באַריטאָן־שטים, מיט זײן באַפעלערישן שטעל און טאָן אין יעדער פראַזע, זײן צוגעבן וויכטיקייט יעדן וואָרטקלאַנג, יעדן שטים־ניואַנס — אין דאָזיקן ווייכן שלאָפראָק איצט זיצט אַ צעקראָכן באַלעבאַטיש מענטשל — כאָטש דערלאַנג אים פּלוימען־יויך מיט חלה.

קלײנאָוויטש רירט אָן די ערשטע קלאַווישן, פּרוּווט אויס דעם טאָן, דעם אָפּקלאַנג, ער פּרוּווט אָנדייטן, רעדן פון אַ זייט, אַרומגיין, און לסוף זאָגט ער אים אָפן און ברוטאַל:

— חבר הערש מעכל, פאַרגעסט אַלדאָס פאַרגאַנגענע! פאַרוואָס דאַרפט איר װערן צעטרעטן אונטער די טריט פון די געקאָוועטע שטיוול און געפאַנצערטע טאַנקען? דער גאַנג צו דער רעוואָלוציע איז אַ שטראָ־מער — די סאָוויעטן וועלן באַהערשן די וועלט. מיט אַזעלכע אָדער אַנ־דערע מיטלען. אויף אַזא אָדער אַנדער אופן. זיי וועלן בייקומען כל׳ע מיני שטערונגען — איז פאַרוואָס זיי פאַרהאַלטן? פאַרוואָס זאָלט איר זײן צווישן די פאַרהאַלטער? פאַרוואָס זאָלט איר צעטרעטן ווערן? איר פּערזענלעך און אַזעלכע ווי איר — וועלן צעקוועטשט ווערן ווי טאַראַ־

קאַנעס! האַלט בעסער מיט דעם מאַרש און פאַרנעמט אייער אָפּיצירישע פּאָזיציע.

הערש מעכל האָט אַראָפּגעשמייכלט צו דער פּאַדלאָגע. דאָס מויל האָט געקייט און געקייט, געוואָלט פאַרמירן עפּעס אַ קורצן און שאַרפן זאַץ, אָבער ס׳האָט זיך געפּלאָנטערט, האָט ער פון זיי אַרויסגענומען בלויז דריי ווערטער:

— און געדעכט זיין?

— געדעכט זיין קעגן אַ געוויטער?! געדעכט זיין קעגן אַ נאַטור־סטיכיע? געדעכט זיין קעגן א היסטאָרישער נויטווענדיקייט און איר אורטייל?

— זיי האָבן דעם איינציקן מאַנדאַט פון דער היסטאָריע? זיי האָבן איר פולמאַכט?

ס׳האָט זיך הילכיק צעדונערט. די זשיראַנדאָלן האָבן אַ טרייסל געטון מיט זייערע באַהאָנגענע גלעזלעך־אָרנאַמענטן. א בליץ האָט אַ צייכן געטון א רויטן זיגזאַג אויף דער שויב. קליינאָוויטש האָט אַ רוף געטון צו דער פרוי — פאַרמאַך די תריסים! — און מיט דעם זעלבן הויכן אויפגערעגטן באַפעל־טאָן געענטפערט הערש מעכלען:

— יאָ! זיי האָבן זיך די פולמאַכט גענומען! דעראָבערט! זאָל אפילו זיין — גערויבט. אָבער זיי האָבן זי, די פולמאַכט!

— אפשר האָט זי גאָר טיטאָ?

— אַ פאַרעטער! אַן אַגענט פון אַמעריקע!

— דאָס איז אייער טיפּסטע, אויפריכטיקע מיינונג?

— האַ? זי איז געקומען צוביסלעכווייז. נישט מיטאַמאָל. אָבער איצט האָב איך די אַבסאָלוט־זיכערע איבערצייגונג — אַז ער איז אַ רענעגאַט, פאַרקויפט זיך צו אַמעריקע. ער האָט דער ראַטנמאַכט אַריינגעשטאָכן דאָס שאַרפסטע פאַרסמטע מעסער אין דער פּלייצע.

— אויב מען איז נישט מסכים מיט סטאַלינען און בעריאַ אויף פולע הונדערט פּראָצענט — איז מען שוין אַ רענעגאַט?

— מלחמה־צייט דיסקוטירט מען נישט. דערנאָך. אַלץ דערנאָך. וועט מען זעען.

— אויפן וועג נאָך, בעת דער מלחמה, נאָך פאַרן דערגרייכן דעם ציל,

וועלן אומקומען אַזעלכע ווי איר, אומקומען פון די הענט פון אייגענע חברים. פון אַן אייגענער קויל. ווייל איר וועט נישט קענען כסדר מיט־האַלטן דעם טראָט. ווייל איר זענט נאָכנישט קאָמפּלעט אַטראָפירט. עס קלאַפּט נאָך אַלץ אין אייך אַן אָדער פון זעלבסטשטענדיקייט. נישט אַלע־מאָל וועט מען אייך אַזוי רופן און אפּלאָדירן — קליי—נאָ—וויטש! אָדער — מ׳וועט יאָ רופן אייער נאָמען סקאַנדירט, נאָר מיט אַ צוגאָב — „צום וועג—טל!״ „קליי—נאָ—וויטש—אויף—דער—תלי—ה!״

די פרוי קליינאָוויטש האָט מיט אַ שאַרפן באַוועג אַ צונויפּגנעם געטון די קרישטאָלענע קעלישעקלעך פון טיש און פאַרהייזעריקט א פרעג גע־טון הערש מעכלען:

— איר וועט טרינקען נאָך אַ גלאָז טיי, אָדער קאַווע?

כאָטש ס׳זענען פאַרמאַכט די לאָדנס, קריכן אַרונטער טרייסלענדיקע עכאָס הינטער די לאָדנס, עס קלאַפּט אין זיי א האַרטער רוגזהדיקער רעגן — כאָטש עפן ס׳פענצטער און לאָז אים אַריין.

קליינאָוויטש ליידיקט גיך אויס זיין האַלב־אָנגעפילט קעלישקל מיט קאָניאַק, און גיט עס אַוועק דער פרוי. ער קוקט נישט אויף איר. מסתמא זאָגט זי אים נישט איינמאָל די זעלבע ווערטער וואָס עס האָט אים איצט געזאָגט הערש מעכל. ער וויל זיך נישט צונויפטרעפן מיט איר טריומ־פירנדיק־איבערגעשראָקענעם בליק. —

— חבר הערש מעכל, איר רעדט ווי א סענטימענטאַלער קליינבירגער. וועל איך יאָ קריגן א קויל אין קאָפּ צי נישט. מילא, איך מוז נישט דווקא שטאַרבן אויפן בעט, אויף אַ לעבער־קרענק, נירן־קרענק, צי גאָר פּאַ־ראַליזש. אָבער אפשר וועל איך גאָר פריער וועמע אַריינשיסן אַ קויל אין נאַקן אַריין? — וועמען פון מיינע גראַנד־שונאים! דאָס איז אויך עפּעס ווערט. און זעען ווי מיינע גראַנד־שונאים, די איצטיקע מיניס־טאָרן, די אויפגעבלאָזענע און אָנגעבלאָזענע מלוכה־פירער, זעען און הערן ווי זיי וועלן זיך מודה זיין אויף פּראָצעסן אין כל׳ע מיני אידיאָטיז־מען — איז אויך עפּעס ווערט!

די פרוי האָט זיך צו אים וואָרנענדיק אַ ווענד געטון:

— עמיל, — (זי האָט אים נישט גערופן עמרם, נאָר אַזוי ווי ער האָט

זיך נאָך געראָפן אין די סטודענטישע יאָרן) — כ'האָב דיר געבראַנגט טיי, טרינק!

הערש מעכל שמייכלט ווידער צו דער פּאַדלאָגע:

— אָאָן, אייך גייט אין אַזעלכע ספּעקטאַקלען? פּערזענלעכע נקמה?

— עט, דאָס האָב איך געזאָגט לשם שפּאַס, איר פאַרשטייט נישט, זע איך, קיין פּאָליטיק.

— זאָגט מיר, דאָקטאָר קליינאָוויטש, אינטערעסירט אייך אזא מין זאַך ווי — אמת? פרייהייט?

— פרייהייט? נאָר אַ באַדערפעניש פאַר קאַפּריזנע אינטעליגענטן. די מאַסע דאַרף נישט קיין פרייהייט און וויל נישט קיין פרייהייט. דאָס איז פאַר איר אַ קלאָפּאָט, א לוקסוס, מיט וועלכן זי ווייסט נישט וואָס צו טון, וויאַזוי מ'באַנוצט עס. די מאַסע וויל אינדעראמתן — אַ בייטש! פונקט ווי עס וויל עס אינדעראמתן א פרוי. זי זאָגט עס נישט, דערגייט דעם מאַן די יאָרן דערפאַר — ווייל ער הערשט נישט איבער איר. סערגיי יעסענין האָט וועגן דעם גוט געוווּסט. וואָלט מען דאָס געוווּסט מיט צוואַנציק־פינעווצוואַנציק יאָר צוריק, וואָלט היטלער נישט געקומען צו דער מאַכט.

— הייסט עס — נישט איר ווילט אויסבעסערן די וועלט, נאָר שפּילן אויף דער קאָרט פון נידעריקן אינסטינקט, און אויף דער דאָזיקער קאָרט געווינען?

— איר רעדט ווי אַ בירגערלעכער לייטאַרטיקלער, און נישט ווי אַ סאָציאַליסט־מאַרקסיסט, אַ רעוואָליוציאָנער. אין אייער בראָשור וואָס איך האָב געלייענט ווייזט איר דאָך אַרויס אַ מאַרקסיסטישן רוקנביין, טעאָרעטישן אַנאַליז, רעוואָליוציאָנערן שווונג — אָבער איר גליטשט זיך, זע איך, פּאַמעלעכקע צום אָפּגרונט פון דער בורזשואַזער און סאָציאַל־פּאַרעטערישער פּאָזיציע.

— און איר, חבר דאָקטאָר קליינאָוויטש, פאַרגעסט, זע איך, אַז איר זענט איינער פון די הויפּטפירער פון אַ סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער פּאַרטיי, אַ רעוואָליוציאָנער־מאַרקסיסטישער — אָבער ציוניסטישער, און נישט קרעמליש־סטאַליניסטישער. איר רעדט אַזוי ווי איר וואָלט שוין געווען אויף יענער זייט וואַנט, צי — — —

אַ שמייכעלע איז האָזיש דורכגעלאָפֿן זיינע ליפּן — ער האָט שיער נישט געוואָלט זאָגן — — — וו ו ע נ ט ל. ווי די פּרוי קליינאָוויטש וואָלט עס דערפֿילט. זי רוימט שוין ווידער אַראָפּ פֿון טיש. ער וויל שוין אַוועקגיין. ער פֿילט זיך שוין דאָ איבעריק. עס פֿאַרדריסט אים שוין אויפֿן גאַנצן אָוונט און אויף דער גאַנצער באַגעגעניש. ער האָט, דאַכט זיך, רעכט קיין איין ריכטיקן געדאַנק נישט אַרויסגעזאָגט, קיין איין לייטישע טעזע רעכט נישט פֿאָרמולירט.

דער רעגן קלאַפּט אַלץ שטאַרקער אין די לאָדנס און דער שטורעם איז נאָך אַלץ נישט איינגעשטילט. קליינאָוויטש דערלאַנגט אים די האַנט שוין מיט אַ האַלב פּנים אַוועקגעדרייט פֿון אים, ווי ער וואָלט אים שוין נישט אין זינען געהאַט. ווי אונטערן שטריך האָט ער נאָך צו אים א זאָג געטון:

— אַז איר וועט וועלן און עפּעס דאַרפֿן, ווענדט זיך צו מיר. מיר וועלן נאָך שמועסן.

דעם גאַנצן וועג אַהיים צו דער מחנה האָט ער נאָר געטראַכט צי זאָל ער וואָרענען דער פּאַרטיי קעגן קליינאָוויטשן, צי עס לאָזן לויפֿן אַזוי ווי ס׳לויפֿט. פֿאַר אים איז קלאָר, אַז קליינאָוויטש שטייט שוין מיטן גוף און נשמה — אַזויצוזאָגן — אַריינגעקלעמט אין די צוואַנגען פֿון די „קרעמליסטן”. ער שטייט נאָך אויסגעדרייט מיטן פּנים און מויל צו דער זייט אַהער, שטרעקט אַהער די הענט — כדי מיטצוציען וויפֿל נאָר מ׳וועט קאָנען, און ביים אַנטשפּרעכיקן סיגנאַל — מיט פּאַראַד אַריבערשפּאַנען.

הערש מעכל טוליעט זיך צו זיך אַליין. א האַסטיקער רעגן קלאַפּט אין די שויבן פֿון אויטאָבוס. ס׳איז שוין דער לעצטער אויטאָבוס. אַ מידע פֿאַרוויכערטקייט פֿאַרהילט דאָ די לאָמפּן. אַ טונקעלע פֿייכטקייט. דער רעגן ווערט אַלץ רוגזהדיקער און חוצפּהדיקער און שמייסט און בייטשט איבער די שויבן. ער וועט דורכלעכערן דעם דאַך. די בליצן זענען שוין איצט בלויז קופּאָלע, צעעפֿענען זיך איבער די פֿעלדער ווי שוואָמען. ברומיקע דונערן טרייבן אונטער די רעגן־בייטשן. דער אויטאָבוס קאָן שוין קוים פֿאָרן. די רעדער זענען שוין באַלד אַ העלפֿט אין וואַסער, כאָטש נאָר צו שווימען. וויאַזוי וועט עס אויסזען אין דער מחנה

מיט די לייוונטענע געצעלטן, בלעכענע צריפים און טייל געלעכערטע באַראַקן?

ווען ער איז אַהין אָנגעקומען, איז שוין די מחנה געווען פּאַרפּלייצט. פייערלעשער, שוטרים, חיילים העלפן צו אַריבערפירן די קינדער און קראַנקע אין די געמויערטע בנינים אין דער אַרומיקער געגנט, אין די שולן, מוסדות.

הערש מעכל האָט זיך גלייך צוגעשטעלט אָנטייל נעמען אין דער רעטונג־אַקציע.

## ווי זיג באַזיגט די זיגער

עס זענען אָנגעקומען אין מחנה אַריין עטלעכע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון פוילן. זיי זענען אָנגעקומען אין שטוב אַריין צו קאַלמאַנאָוויטשן. עס זענען געזעסן הערש מעכל, זלמן, זיין פרוי גינאַ און נאָך עטלעכע שטענדיקע פריינט און שכנים. יעדער לייענט פאַר זיך אַ צייטונג און יעדע עטלעכע מינוט הערט מען ווי יעדער שרייט עפּעס אויס צו זיך, טרייסלט זיך אָפּ פון אַן עקלדיקער זאַך. אָט גיט ווער אַ לאַך, באַלד ביילט ער די פויסט מיט פאַראַכטונג. ס׳מיינסט איז אויפגערעגט גינאַ. לסוף, ווי עפּעס אָפּגעדערעדטערהייט, גיט יעדער איינער אַ שמיץ די צייטונג, ווי ס׳וואָלטן אין איר ארומגעקראָכן ווערעם, גיט זי אַ וואָרף צו דער ערד.

אין די אַלע צייטונגען זענען געדרוקט נאָטיצן און אַרטיקלען וועגן דעם רענעגאַט, פאַרקויפטן פאַרעטער, אינטריגאַנט און אינטערנאַציאָנאַלער שפּיאָן, געדונגענער פון וואָלסטריט, קאַפּיטאַליסטן־דינער און מלחמה־העצער — הערש מעכל טייכגראַז. עס שרייבט זיך דאָרט אַז ער רייזט לעצטנס אַרום אויפן נאָענטן מזרח, מסתמא כדי צו קומען אין קאָנטאַקט מיט זיינע אונטערגעאָרדנטע סוב־אַגענטן און פאַרלייגן נייע פּיליעס פון דער העך־צענטראַלע, וועלכע האָט אַן אויפגאַבע צו אַגיטירן און צוגרייטן א נייע מלחמה קעגן שלום־ליבנדיקן ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקסדעמאָקראַטיעס.

די אַרטיקלען אין די דאָזיקע צײַטונגען זענען געשריבן ס'מײנסט פון זאַכאַריע, מאַרעק מאָרסקי און בערנאַרד פינקעל. מאָרסקי, שרײַבנ־דיק וועגן הערש מעכלען, ניבול פה'ט שוין אינאײנוועגס אויך אויף ייִדן, ציוניזם, ישראל. ער שרײַבט נישט אַנדערש ווי —

„ציוניסטישע פּלעדערמײַז", „די ציוניסטישע יודנראַטניקעס".

גינאַ קען זײ פון דער נאָנט, אַלע די דרײַ, געגוג לאַנג געאַרבעט מיט זײ צוזאַמען.

זי רעדט איצט נישט נאָר צו די אָנוועזנדיקע, נאָר אויך צום פענצ־טער, דאָרט אַהין, אין דער וועלט אַרײַן:

— אַזאַ גראָע זאַך, ווי ס'איז דער דאָזיקער מאַרעק מאָרסקי — טרוקן, טעמפּ, מיט השגות פון אַ קלײנשטעטלדיקן בעלפער, מיט גײסט וואָס קאָן קוים אַרײַן אין אַ מויזן־מוח'ל. און זײַנס אַ ברום, זײַנס אַ פּאָנפּע, זײַנס אַ מינדעסטער זאָג אָדער אָנגעשריבענער זאַץ דעצידירט וועגן גורל און ווערט פון אַ ווערק — איז ווינדאָונווײ צו דעם לאַנד און צו די מענטשן דאָרט.

זלמן: זאָג איך אײַך, אַז בערנאַרד פינקעל, אָט דער זשורנאַליסטי־שער היסטאָריקער, ליטעראַטור־קריטיקער, מאַסן־רעדנער — אַז ער איז שעדלעכער פון מאַרעקן. ווײַל ער איז קלוגער, קלוגיטשקער, פלינקער, האָט יאָ אַ חוש און ליבע פאַר גײַסטיקע ווערטן, פאַר קונסט, איז סענטי־מענטאַל, אַפילו ייִדישלעך־נאַציאָנאַל — אָבער ער פאַרקויפט דאָס אַלץ פאַר אַ גוטן פּרײַז! זײַן טאָפּל־נשמהדיקײט לוינט זיך אים. ער דינט נאָ־טשאַלסטווע ווי דאָס נעבעכדיקסטע מסורל. קענסט בײַ אים באַשטעלן יעדע פעלשונג. אין מאָסקווע איז ער אַ אוטשאָני יעווריעטשיקל, און אין וואַר־שע — אַן אוטשאָני זשידעק. ער ווײסט ווען צו שרײַבן אַז מיצקעוויטש האָט געשאַפן אונטער דער השפעה פון פּושקינען, און ווען אויפצוווײַזן אַז פּושקין האָט געשאַפן אונטער דער השפעה פון מיצקעוויטשן. זײַנע ברילן פאַרשטעלן יעדן פאַלשן פינקל אין די אויגן. פון אַזאַ מין מענטשן־מאַטע־ריאַל זענען געווען די יודנראַטניקעס. זעט ווי דאָס דאָזיקע אוטשאָני זשי־דעקל פאַרשוועכט און שענדט דעם געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע. ווי אַ פערד־גנב בײַט איבער געגנבעטע פערד פאַרן אַרויספירן זײ אויפן יאַריד צום פאַרקויפן, אַזוי פאַרבט דאָס דאָזיקע פּחדנותדיקע מענטשל,

וואָס איז דאָך אַמאָל געווען אַ רעוואָליוציאָנער — די געשיכטע פון די יידישע געטאָ־אויפשטאַנדן אין פוילן. יעדעס מאָל אַן אַנדער פאַרב. שרייבט ער איבער — באַקומט ער פון דער מאַכט נאָך אַ מעדאַל, נאָך אַן אָרדן, נאָך אַ טיטל — נאַדיר — דאָקטאָר, זאָל זיין — פּראָפעסאָר! טאַנץ נעבעכדיק פעלשערל, שענד די ברידער פון דיין פאָלק — דו האָסט דאָך זיי ליב, דיינע יידישע ברידער, ביסט דאָך אַפילו סענטימענטאַל, אָט רינט אַפּער אַ טרערעלע פון אונטער דיינע ברילן, איז נאַזשע דיר נאָך א צלם־מעדאַלעכל און מעק אויס דעם זכר פון די יידישע אויפשטענדער. גיס אויס דעם ספירט, גיס אַריין נאָך אַביסל וואַסער, נאָך, נאָך, פאַרוואַסער, פאַרפאַרב איב מיט אונזער פאַרב — וועסט קריגן נאָך אַ צולאָגל, א גאָל־דענעם קרייץ דריטער מדרגה, און נאָך אַ צוגאָבל — א רייזעלע קיין אויסלאַנד. האָסט דאָך עס ליב?

אליהו איילבירט: דער ביילים־בלוט־בילבול איז בלאַס קעגן די ביל־בולים וואָס אזא פינקעל קאָן דיר צושטעלן. און אַוודאי שוין אַזאַ מאַרסקי, צי אַזעלכע טעמפּאַקעס און כאַמעס ווי זאַכאַריע, אַזעלכע יעזואיטלעך ווי דודל שפּאַנסקי, אָדער אזא אינקוויזיטאָרל ווי הערשל קאָפּיטש. די אלע קאָנען דיר צושטעלן וועלכע בילבולים דו ווילסט נאָר און באַדאַרפסט. אז קיין יאַגד אויף האָזן אָרדענען אזעלכע נישט איין, עס ליגט נישט אין זייער בלוט און געוווינשאַפט, אַנדערע תאווה׳ס און תענוגים זענען אין זיי פאַרדרענגט — איז דאָס איינציקע זיי פאַרבליבן — מאַכט. דינען און הערשן. „וועגטלען” מיט רייד, מיט קויל, מיט געשריפטס. ווען זיי האָבן אָנגעשריבן אַזעלכע שורות ווי: הערש מעכל אויף אַ רייזע אין נאָענטן מזרח כדי צו קומען אין קאָנטאַקט מיט זיינע סוב־אַגענטן, אויף צו אָר־גאניזירן די אנטי־סאָוויעטישע עלעמענטן צו א מלחמה קעגן ראַטנפאַר־באנד און די פאָלקסדעמאָקראַטיעס — ווי זיי האָבן דעמאָלט הנאה געהאט און טשעקיסטיש אין זיך געכאָכאָטשעט. זיי האָבן דאָך געוווּסט אַז ער איז אין ישראל, און אין א מחנה צי מעברה. אין א וואָך אַרום וועלן זיי שוין אַוודאי שרייבן אַז הערש מעכל געפינט זיך אין די ישראל־לאַגערן פאַר עולים, איז דאָרט דער אויבער־קאָמענדאַנט, און פייניקט די שלום־קעמפנדיקע עמיגראַנטן.

הערש מעכל שווייגט די גאַנצע צייט, האַלט פאַרהויבן זיין שאַרפע

אַקער־גאָמבע און קוקט ערגעץ העט אַוועק. צום סוף גיט ער אַ מאַך אַוועק מיט דער האַנט, און ווי ער וואָלט זיך אַליין דיקטירט א זאַץ פון אַן אַר־טיקל וואָס ער שרייבט:

— אין קאַמף קאָנען אויך קליינע מענטשעלעך אויסזעען גרויס, און אפילו ווערן גרויס. אָפשאַצן זיי, דערזעען זיי געזנוי וואָס און ווער זיי זענען — קאָן מען ערשט רעכט — דווקא בעתן זיג. ערשט דעמאָלט קאָן מען דערזעען ווער ס׳איז אַ שיק־יינגל און ווער ס׳איז עפּעס אַן אינדי־ווידואַליסט מיט זעלבסטשטענדיקע מיינונגען און געדאַנקען. אין שפּיגל פון זיג דערזעט מען ערשט די נעבעכדיקייט פון אַזעלכע ליליפּוטלעך אין מאַסקעס און קאָסטיומען פון גיגאַנטן. דער זיג איז זייער מפּלה. אָבער דאָס איז פאַר זיי אויך געזנוג. זיי אונטערשיידן שוין נישט פון קליין און גרויס, גוטס און שלעכטס, פון זיג ביז מפּלה. זיג באַזיגט אַמאָל אויך די זיגער.

לעסטנער: זעט ווי די סטרא אחרא פאַרפירט: פריער האָבן אַזעלכע יונגעלייט זיך מוסר געווען פאַר קהל, פאַר ליידנדיקע, גערעכטע; און היינט — זענען זיי פּשוטע, נעבעכדיקע מוסרים! מה יפיתניקעס, חניפה־ניקעס, בלבול־מאַכער, אוי, אַסך ערגער ווי דער ס׳רוב יודנראַטניקעס — ימח שמם וזכרם!

## עטלעכע פאַקטן-אַקאָרדן

1

ווי די טעג האָבן זיך נישט צונויפגעהעקלט, איז פון זיי געוואָרן חדשים. און אַזוי לויזערהייט איז אויסגערונען אַ יאָר. און נאָך א האלב יאָר. ס׳איז שוין צעקראָכן נאָך אַ האַלב יאָר. א לויז־געבונדן בוך מיט ווייסע, ליידיקע בלעטער. און נישט אַפילו אַלע בלעטער זענען ווייס, נאָר גאָר גראָ. דו מישסט אזא בלאַט — אָן א האַפט. אָן א קלאַנג. אָן א טאָן. אָן א טעם.

2

אין יענער שטורעמדיקער נאָוועמבער־נאַכט בעת דער פאַרפלייצונג,

האָט הערש מעכל געאַרבעט אַן איבעררייס אַ גאַנצע נאַכט און עטלעכע שעה אין פרימאָרגן אַריין. א פרוי מיט א קינד האָבן זיך געטרונקען אין פלייציקן שטראָם ביי דער וואַדי, ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דאָזיקן קעסלשטראָם און ארויסגעראַטעוועט די פרוי. דאָס קינד שוין נישט. מ׳האָט עס שפּעטער אָפּגעפונען, און הערש מעכל האָט צוגעהאָלפן ביים קובר זיין ס׳קינד.

אגב, פון דעמאָלט אָן, איז ער געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אויפן בית הקברות.

3

נאָך דער פאַרפלייצונג האָט מען אַ גרויסע צאָל איינוווינער פון דער דאָזיקער מעברה ווידער אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער אָרט אַריין, אין „מחנה ישראל״, ביי לוד, 12 קילאָמעטער פון תל־אביב. ס׳האָבן זיך דע־מאָלט געשאַפן הילפקאָמיטעטן, מ׳האָט געבראַנגט וועש און מתנות אין דער מעברה. מ׳האָט פאַרעפנטלעכט אויפרופן צו דער באַפעלקערונג, אז זי זאָל אויף די צוויי־דריי רעגן־חדשים צונעמען צו זיך די קינדער פון די מעברות. אַ קליין דאָרף וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אַ שרייבער, מיט בערך 150 משפחות, האָט גענומען צו זיך 75 קינדער, אַזויפיל וויפל ס׳האָט גענומען דאָס דריטל־מיליאָניקע תל־אביב.

4

זינט יענער נאָוועמבער־נאַכט איז נאָך עפּעס געשען: ד״ר עמרם קליינאָוויטש (הר סיני), ד״ר רודאָלף הערמאַן און אַדוואָקאַט פייוול־פאַ־וועל נירנבערג — זענען אַריבער צו די קאָמוניסטן. דער צערעמאָניאַל פון אַריבערגיין איז געפּראַוועט געוואָרן מיט טעאַטראַלן פּאַראַד. מ׳האָט געמוזט צוליב טון די צוויי נאָכגייער קליינאָוויטשעס — אַז אויך זייערע נעמען זאָל מען אויף דעם דאָזיקן צערעמאָניע־פּאַראַד רופן סקאַנדירט —

— קליי—נאָ—וויטש—הוררראַאַאַ!!! הער—מאַן־הוראַ! ני—רענ—בערג—הוראַ!

5

צוויי געסט אין איין טאָג. עס איז געקומען צו אים אין דער מחנה אַריין — פישל אייזנשטאַט. ער פאָרט צוריק קיין פּאַריז. ישראל איז זיין, אָבער נאָכנישט איינ־געגצן. אין קיבוץ ווו ר׳האָט געוואָלט זיין — הענגען

אויף די ווענט די בילדער פון לענין און סטאַלין. ווי ליב דער קיבוץ זאָל אים נישט זיין, איז ער שוין פסול. אין די טעאַטערן שפילט מען פיעסן מיט אַנטי־אַמעריקאַנישע טענדענצן, אָבער מיט אַנטי־סאָוויעטישע — חלילה וחס! די קינאָס שפילן סאָוויעטישע פילמען, דורכן ירושלימער ראַדיאָ שפילט מען מוצאי שבת קודש, צו דער פולער וואָך — סאָוויעטישע טשאַסטושקעס. מען זינגט רוסישע לידער אויף די קאָנצערטן. די שטענ־דערס און בוכהאַנדלען זענען פאַרפלייצט מיט סאָוויעטישע זשורנאַלן און ביכער. די אַלטיטשקע דאַמען פון דער צווייטער עליה רעדן נאָך געגנוג רוסיש. זיי בענקען נאָכן רוסישן פייזאַזש, וועלכן זיי זעען — לעווי־טאַניש. אַלע זענען נאָך פאַרגראַמיקאָט. די שלעכטע טשעכישע ביקסן פאַר וועלכע מ׳האָט געצאָלט גוטע דאָלאַרן זענען נאָך אַלץ קמיעות. גע־כאַפּטע שפּיאָנאַזש־טויבן מיט געהיימע רינגען ווערן דורך די קיבוצניקעס געטראָגן גלייך אַהין אין (יענער) — — — אַמבאַסאַדע, וועמעס לאַנד שיקט די דאָזיקע שפּיאָנאַזש־טויבן. דער דאָקטער־איבערלויפער איז אַן אָפּטערער איינגייער אין דער (— — — געווויסער) אַמבאַסאַדע, ווי ער איז עס אין דער כנסת ווו ער איז אַ דעפּוטירטער. אפילו צווישן די רעלי־גיעזע יידן האָט ער אָנגעטראָפן פראָסאָוויעטישע. דער טשאַד, איז זיכער פישל, וועט גיך אַוועק, אָבער דערווייל קאָן ער דאָ נישט זיין. ער פאָרט צוריק קיין פאַריז — און ער וועט נאָך צוריקקומען.

דער צווייטער גאַסט איז געווען — עלקין. אַ פירער פון די יידישע קאָמוניסטן אין אַ דרום־אַמעריקאַניש לאַנד. נאָך זיינס אַ באַזוך אין רוסלאַנד — האָט ער זיך איינגעבראָכן, צעבראָכן, צעפּאַטשקעט, אַנטוישט. ער איז צוריקגעקומען אין זיין לאַנד אַריין און דאָרט דערציילט דעם אמת. אַרויסגעטרעטן פון דער פאַרטיי. ס׳האָט אים געדראָט דערמאָר־דעט צו ווערן דאָרטן, פון זיינע געוועזענע חברים, אין דעם דרום־אַמע־ריקאַנישן לאַנד, איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן. ער איז געקומען קיין ישראל, איז אריינגעטרעטן אין אַ קיבוץ — און ער איז גליקלעך. ער האָט געהערט וועגן הערש מעכלען, אים געקענט נאָך פון פוילן, און גע־קומען זיך מיט אים זעען און אַביסל אדורכשמועסן. ישראל איז אינ־גאַנצן זיין, און ער וויל אז ס׳זאָל אויף תמיד פאַרבלייבן אינגאַנצן זיין, זיין און זיינסגלייכן.

6

הערש מעכל האָט דריי חדשים געלערנט עברית אין אַן אולפּן. אַ האַלבן טאָג געאַרבעט, א האַלבן טאָג געלערנט.ביידע זאַכן זענען אים אָנגעקומען שווער — סיי דער עברית, סיי די אַרבעט.

7

הערש מעכל איז נאָך איינמאָל געפאָרן אין פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט. מ׳האָט אים פאָרגעלייגט צוצוהעלפן ביים באַקומען א שטיבל דורך דער סוכנות ערגעץ אין אַ שיכון. די סומע וואָס מ׳דאַרף איינצאָלן זאָל הערש מעכל באָרגן אין אַ באַנק — און די פּאַרטיי וועט זשירירן. ער וויל דערפון נישט הערן. ער ווייסט נישט וואַיין און וואַויס. ער ווייסט נישט ווי אומצוגיין פּראַקטיש — מיט ציפערן, מיט געלט. ער קאָן זיך אַליין גאָר־נישט באַזאָרגן.

דער פריערער באַלעבאָס פון דער פּאַרטיי, דער אַלטער חבר נפתליטשע, איז געשטאָרבן. זיין אָרט האָט איצט פאַרנומען אַ חבר אַ נישט־געענדיקטער אינזשיניער, מיט טשאַפּלין־וואָנסעלעך. חבר אלף גימל. ער איז אַ גוטער, גלאַטיקער רעדנער. זיינע רייד — ווי זיי וואָלטן נאָרוואָס אַרויס פון אַ קאָסמעטישן אינסטיטוט, — מאַניקירט, גלאַנצירט, מאַסאַזשירט, פּיקסאַטירט. דער ערשטער האָט ער אַליין הנאה פון זיינע רייד. ער קען זיי אילוסטרירן מיט מעשהלעך פון דער מיטאָלאָגיע, מיט הינדוסישער אַלעגאָריע, מיט עפּיגראַמען, ווערטלעך. זיי ליגן ביי אים תמיד איינגעפּאַקט און אויסאָרטירט, אין פּוטעראַלן, מיט שיינע באַנ־דעראָלעכלעך, מיט קאַליגראַפישע אויפשריפטן. ער ווייסט ווען אַרויס־צונעמען דעם פּאַסיקן פּוטעראַל און פּאַמעלעך אויספּאַקן דאָס אָפּגעהיי־טענע אוצרל.

קלאָר — הערש מעכל האָט אים נישט ליב.

איז אין מחנה ישראל געקומען צו פאָרן צו הערש מעכלען א דריטער גאַסט, געקומען אויף באַזוך קיין ישראל פון אַמעריקע, חבר עדוואַרד, אַן אַלטער חבר הערש מעכלס, נאָך פון די צייטן פון „בונד״, מיט 40 יאָר צוריק. זיי האָבן זיך אַדורכגעשמועסט ווי אַמאָליקע גוטע פּאָליטישע פריינט און חברים. ווי עדוואַרד האָט נאָר אויף אַ רגע געוואָלט פּרווון אַראָפּגיין פון די פּאָליטישע זכרונות־שמועסן און א באַריר טון פּערזענ־

לעכע ענינים, זיין מאַטעריעלן מצב — האָט הערש מעכל באַלד אַ פּאָר־הויב געטון זיין שאַרפע אַקער־גאָמבע — און עדוואַרד האָט גלייך גע־מוזט איבערהאַקן און איבערייסן. ביים געזעגענען האָט עדוואַרד פונ־דעסטוועגן געפּועלט ביי הערש מעכלען, אַז ער זאָל אים דערלויבן אַהינ־צוגיין און אַ רעד טון אין דער פּאַרטיי הערש מעכלס, א רעד טוען מיט דעם חבר אלף גימל, דעם נייעם אַנפירער.

צי דער שמועס האָט לאַנג געדויערט צי קורץ, צי האָט מען גערעדט אָפן אָדער מאַסקירט, גלאַטיק אָדער ראַציק, סייווי, דער אויספיר און דער סוף־ענטפער דעם חבר גימלס איז געווען:

„ווער האָט נאָך אים געשיקט?!"

ווען הערש מעכל האָט דאָס דערנאָך דערהערט פון עדוואַרדן — איז ווי א שטאָלענע נאָדל־בייטש וואָלט אים געשמיסן אין פנים. ווי טויזנטער סאַברע־נעדעלעך וואָלטן אים אַריין טיף אין גוף און געשווי־ריש געשטאָכן. ער פילט זיך אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אַ צע־בייזערטן ים און רוגזהדיקע כוואַליעס וואָרטשען און ברומען און הוד־זשען אויף אים —

„ווער האָט נאָך אים געשיקט?!"

אַנטלאָפן פון דאָרטן, פילט ער זיך ווידער אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט חוזקדיקע צונגען־פלאַמען. סמאַליען די מלבושים, די הויט, און לאַכן פון אים פלאַמיש:

„ווער האָט נאָך אים געשיקט?! ווער האָט נאָך אים געשיקט?!"

ווער האָט נאָך אים געשיקט? — עס איז דאָך יענעמס לאַנד... אָט יענץ קאַליגראַפישע פאַצעטל מיט די טשאַפּלין־וואָנסעלעך, מיט די קאָס־מעטישע רייד, דער וואָס האָט קיינמאָל נישט געוווּסט פון קיין נויט, אָט דער צעבאַלעוועטער, דערפאָלגרייכער רעפערענט, וואָס רעדט אַזוי גלאַ־טיק און גלאַנציק און פלאַך ווי אַן אויטאָסטראַדע — נאַדיר, עס איז זיין פּאַרטיי, עס איז זיין לאַנד — ווער האָט נאָך מיר געשיקט?!

8

אין דער מעברה גרייט מען זיך צום גרויסן יומטוב, צום יום העצמאות. כמעט אַלע וועלן אַוועק אין שטאָט. דורכן ראַדיאָ האָט מען דערמאָנט

דער באַפעלקערונג, אַז מ׳דאַרף הײַנט אָונט אָנצינדן ליכט, אַזויפיל ליכט וויפל יאָר עס עקזיסטירט די מדינה. מ׳דאַרף די טישן דעקן יומטובדיק, מיט אַ ווייס טישטעך, צוגרייטן אַ פײַערלעכע יומטובדיקע סעודה, מ׳ווערט באַקומען צוגעטיילט אין די קראָמען אַ ספּעציעלע שפּייז־ראַציע.

נישט אַלע האָבן דאָס געקאָנט אויספירן, אָבער סײַווי איז די שטי־מונג ביים עולם אַ יומטובדיקע, מ׳איז איבערגעטון שבתדיק און מ׳ווינטשט זיך „חג שמח!״. די נאַציאָנאַלע פֿענער איבער די ביידלעך און באַראַקן פלאַטערן דאָ מיט שטאָלץ, מסתמא נאָך שענער ווי איבער די רמת גנער פּאַלאַצלעך, וועלכע ווייסן בכלל נישט פון קיין אינדערוואָכנס — מוזן אויסטראָגן אַן אייביקע יומטובדיקע נודנעקייט.

פון צומאָרגנס פּאַרטאָג אָן זענען שוין אַלע אויף. מען נעמט מיט די קליינע קינדער. איין קינד, פון אכט יאָר אוודאי, וועלכע איז פּאַראַליזירט אין רוקן און קריכט אַרום אויף אַלע פיר, וויל אויך נישט בלייבן הײַנט אין דער מחנה און וויל זיין אין תל־אביב. דער פאָטער מיט דער מוטער האָבן מיטגענומען אַלע אַכט קינדערלעך — די קלענסטע אין וועגעלעך, די גרעסערע — ביי די הענט, און די קליינטשיקע צוזאַמען מיטן פּאַ־ראַליזירטן קינד — געגומען אויף די אַקסלען. מען מוז זיך צואיילן, ווייל ניין פרי וועלן שוין זיין אָפּגעשלאָסן ס׳רוב וועגן צו דער שטאָט.

אַסך טאַטעס טראָגן זייערע קינדער אויף די אַקסלען, און די קינ־דער טראָגן אין די הענטלעך קליינע בלוי־ווייסע דגל׳ס.

הערש מעכל וואָלט דווקא וועלן גיין הײַנט צופוס קיין תל־אביב. ער וויל נישט אַז זיין חבר זלמן זאָל פאָר אים באַצאָלן פאָר אַן אויטאָבוס־בי־לעט. ער איז שוין געגוג צייט אויף זלמנס קעסט. זלמן און די פרוי אַר־בעטן, און הערש מעכל פאַרבלייבט אין שטוב אַכטונג צו געבן אויפן קינד. ער פירט עס צו צום גן ילדים, ברענגט עס צוריק, דערלאַנגט אים עסן. מער ווי אַ האַלבן טאָג לייענט ער. כאַפּט זיך אויך אַריין צו די שכנים, עפּעס טוען פאַר זיי, צוהעלפן. ביינאַכט שרייבט ער. ער האָט שוין עטלעכע פּולע ברוליאָנען. חוץ דעם האָט ער ליגן אָנגעשריבן אַ סעריע אַרטיקלען. אַ שכנה אַ פרוי האָט אַ יידישע שרייבמאַשין און שרייבט אים איבער די אַרטיקלען.

שוין אין די נאָנטסטע טעג ריכט ער זיך צו קריגן אין דער מחנה אַן

אייגן שטיבל. עס איז אזא קעמערל, ד׳ על ב׳ — אָבער עס וועט אים געווגעגנען.

זלמן וועט, פֿאַרשטייט זיך, נישט לאָזן הערש מעכלען גיין צופֿוס. ער שעמט זיך אפֿילו אויף אים אָנצושרייען, זלמן באַציט זיך צו אים ווי צו אַ רבין, און ווי צו אַ קינד.

מ׳פֿאָרט קיין תּל־אָבֿיבֿ צום יום העצמאות. עס דאַרף אַדורכגיין דער מיליטערישער פּאַראַד. אין די גערטנדלעך שטייען מיליטערישע אַליאַרם־פּאַטרולן. די מאַשין־געווערן — אין די געצעלטן. ס׳שטייען גרייט קראַנקן־שוועסטערס, סאַניטאַר־הינט. ס׳שטייען אַפּטייק־קעסטעלעך.

מ׳קומט אָן אויף אלנבי. צענדליקער טויזנטער מענטשן זיצן אויף די דעכער, אויף די קאַרניזן פֿון די הייזער, האַלטן זיך צו אויף די עלעקטרישע סלופּעס. מ׳שטייט אויף איבערגעדרייטע קעסטלעך, פּעסלעך, אויף לאַסטאויטאָס. צענדליקער טויזנטער מענטשן שטייען אויף די טראָטואַרן, וועלכע זענען פֿאַרצוימט מיט שטריק.

אָט גייט שוין ס׳חיילות. פּאַראַד־מאַרש. ס׳גייען מאַטראָזן, טאַנקיסטן, ראַדיסטן, אַ פֿאַרמאַציע פּאַראַשוטיסטן. צווישן זיי — עטלעכע תּימנער, וועלכע האָבן נאָך אוודאי מיט עטלעכע יאָר צוריק מורא געהאַט אין זייער לאַנד — פֿאַר אַ שאָטן פֿון אַ קוסט. אָט גייען יונגע מיידלעך אין די מונדירן, העל־בלאָנדע און געקרייזלט־שוואַרצע, ס׳רובֿ פֿון זיי זענען נאָר וואָס אַראָפּ פֿון דער שולבאַנק. זיי טראָגן די ביקסן מיט ליבשאַפֿט, מיט אחריות. אָט גייען די קראַנקנשוועסטער אין ווייסע פֿאַרטעכער מיט רויטע מגן דודס. אויך זיי גייען מיט צערעמאָניאַלן מאַרשטראָט.

אויף די טראָטואַרן זעט מען היינט אַסך פֿון די מעברות און מחנות, פֿון די ווייטע גרענעץ־ישובֿים. אָט זעט מען די פּערסישע און הינדוסישע יידן, מיט שוואַרצפּעכיקע בערד, ליטווישע ישיבֿה־בחורים, קאַנאַדישע אויסגעספּאָרטעוועטע יונגעלייט, אַלטע באָבעס און זיידעס וואָס זענען אַרויס פֿון די מושבֿ זקנים. אַלע שטייען זיי לאַנגע שעהן און קוקן זיך צו צו דעם יומטובֿדיקן צה״ל־מאַרש. אַז זיי דערזעען אַ גרויסן טאַנק, דערזעען און דערהערן די שניידיק־רוישיקע יאַג־עראָפּלאַנען, פּאַטשן

אַלע אין די הענט פון שמחה. מען הערט נאָך ווי ס׳זאָגט ווער פון די מעברות־מענטשן צו זיינס אַ שכן:

— ערשט אַצינד פאַרשטייט מען פאַרוואָס עס איז נישטאָ קיין פלייש אין לאַנד — אַז מ׳דאַרף אויסגעבן אויף אַזעלכע כלים קיין עין הרע — איז אַ כפרה פלייש!

— דערפאַר וועלן מיר אָבער האָבן גאַנץ אונזערע ביינער.

יעדער באַגלייט אַזוי אייגן און ליבהיימיש די טאַנקען — זיינע טאַנ־קען, זיין מיליטער, זיינע עראָפּלאַנען. אַלע פאַרדרוסן רינען אויס. די עוולות — בלאָס. יעדער פילט זיך פאַר אַ שותף צו דעם אַלעם. מילא, וועט ער וווינען נאָך אַ שטיקל צייט אין דער מעברה. צוביסלעכווייז, וועט ער אַרויס פון דאָרטן, ווי אַסך אַנדערע שוין. וואָס האָט ער אייגנטלעך דען צושטייער געגעבן צו דעם אַלעמען דאָ?

הערש מעכל, ווען ער האָט תחילת געזעען דעם פאַראַד — האָט עס נישט געמאַכט אויף אים דעם גענוגנדיקן איינדרוק. ער האָט שוין גע־זעען גענוג מיליטערישע פאַראַדן אויף קראַסנאַיאַ פּלאָשטשאַד אין מאָסקווע, אויף פּלאַס ד׳עטואַל אין פּאַריז. נאָר אין מיטן דעם מיליטע־רישן מאַרש דאָ — האָט ער אויפגעהערט דאָס אַלץ צו זעען. ער האָט גע־קוקט דאָ מיט אָפענע אויגן — און געזעען —

ס׳גייען מחנות טויזנטער יידן, מיט זייערע ווייבער און קינדער, זיי גייען מיט פעקלעך און זעקלעך אויף די פּלייצעס — זיי גייען צום אומ־שלאַגפּלאַץ. מען וועט זיי באַלד אַריינזעצן אין די וואַגאָנען, אין פאַר־קאַלעכטע לאַסטוואַגאָנען און זיי פירן קיין מאַידאַנעק, קיין טרעבלינקע. זיי גייען אַלע שטום, זיי האָבן מורא צו שרייען, די פרויען האָבן מורא צו רייסן זיך ביי די האָר, זיי שטיקן מיט די הענט די מיילעכלעך ביי זייערע עופהלעך — אַז זיי זאָלן נישט וויינען, נישט שרייען, נישט דער־צערענען די באַביקסטע דייטשן, די אוקראַינישע אונטערטרייבער, די אייגענע אויסוורפן־אונטערהעלפער. די זון שיינט, און דאָ גייען מענטשן אין שמאַטעס, מיט פאַרשטיקטע געשרייען אין די העלזער, זיי גייען צום אומקום, זיי גייען פריער געפייניקט ווערן, גראָבן פאַר זיך אייגענע גרי־בער, ברענען אייגענע קינדער—טויזנטער, הונדערטער טויזנטער יידן, מי־ליאָנען. אַ מיליאָן קינדער. עופהלעך—אַלע וועלן זיי געמאָרדעט ווערן.

ווער—דערשאָסן און ווער—דערשטיקט, ווער—פאַרגאַזט און ווער—פאַר־קאַלכט, ווער—פאַרברענט און ווער—פאַרפרוירן. אָט גייען מיידלעך, יידי־שע זעלנערינס, די איידלסטע, שענסטע, זיי ווערן געפירט אין שאַנדהייזער פאַר די דייטשן, דערנאָך ווערן זיי אַרויסגעפירט „אויף שמעלץ״, אין די קאַלכאויוונס. אָט גייען זיי די מיידלעך, אין ווייסע פאַרטעכער, אָט גייען זיי די מיידלעך, אין האַקי־מונדירן — זיי זענען אַרויס פון די קאַלכ־אויוונס, זיי זענען אַרויס פון די גריבער, זיי טראָגן ביקסן. נישט קיין דייטשישע עראָפּלאַנען פליען דאָ יעצט און וועלן זייען טויט פון מאַשינ־געווערן — נאָר יידישע עראָפּלאַנען, עס האָבן עס פאַרכאַפּט די גע־האַנגענע יידישע קעמפער — זיי זענען אַראָפּ פון די תליות און פאַר־כאַפּט די עראָפּלאַנען, אָט פליען זיי איבער רחוב אלנבי — אָט זענען די קינדערלעך, און די מאַמעס, און די באָבעס — אַרויס פון די קברים. זיי פּאַטשן מיט די הענטלעך און מיט די אַלטע ציטערנדיקע הענט — זיי באַגריסן די עראָפּלאַנען, די טאַנקען, די פליער, די טאַנקיסטן, די יונגען מיט די ביקסן און קוילנוואַרפער. פון די קברים און פון די קאַלכאויוונס אין מאַידאַנעק און אוישוויץ זענען אַרויס אונזערע זין און טעכטער — און אָט גייען זיי איצט, מאַרשירן איבער אַלנבי גאַס אין תל־אביב — זאָלן ציטערן די קברנים — אויב די טויטע גייען אַרויס פון די קברים.

ער האָט דערפילט זלמנס הענט אויף זיך, זיי נעמען אים אַרום:

— וואָס איז מיט אייך, הערש מעכל? פאַרוואָס וויינט איר? זעט נאָר —

און ער ווייזט אים מיט דער האַנט צום כביש:

עס מאַרשירט א נייע פלוגה חיילים — צילטרעפער. מ׳פירט דורך עטלעכע האַרמאַטן מיט ריזיקע באַוועגלעכע לופעס — אַלע אַרום אַפּ־לאָדירן.

די בלאָז־אָרקעסטערס שפּילן דעם מאַרש פון די פּאַסטעכער, און די גאַנצע יוגנט, און באַלד דער גאַנצער עולם — זינגען מיט דאָס וווּנדער־לעכע ליד — „שיר הבוקרים״ *). א וווּנדערלעך געזאַנג פון בענקשאַפט, און דערוואַכונג, און קאַמף, און פרייד פון באַפרייאונג.

*) די ווערטער פון אַרלאַנד און מעלאָדיע פון מאָטל אולרי נאַזשיק, זון פון פאַר־שטאָרבענעם יידישן אַקטיאָר און רעזשיסער יצחק נאַזשיק.

הערש מעכל האָט שטיל, אין זיך, נאָך שלוכצענדיק, מיטגעזונגען דאָס טריומף־ליד.

פון דעם מאָמענט אָן איז ער אויך באַפרייט געוואָרן פון דעם זשור־מענדיקן ווערטלדיקן מאָסקיט — „ווער האָט נאָך אים געשיקט?״.

9

מיט דער פאַרטיי האָט ער איבערגעריסן. זי איז אים אידייאיש שוין סייווי געוואָרן וואָס אַמאָל ענגער און ענגער. ער האָט זיך שוין אַ צייט פריער געהאַט געהאַלטן אין דער פאַרטיי ווי ער וואָלט געווען אַ באַזונ־דערע פראַקציע, געפילט זיך אויטאָנאָם, אָבער דאָך האָט ער געמוזט טראָגן דאָס פאַרטייאישע צוואַנגהעמד. אַ שלאָס אויפן מויל. ער ווערט, פאַרשטייט זיך, מער אין קיין שום אַנדערער פאַרטיי נישט אַריינטרעטן, הגם אַן אידעאָלאָגיש צו זיך נאָנטע וואָלט ער יאָ געפונען. (אַז די אידעאָ־לאָגיע זעט אָפּט אויס פאַר אירע פראַקטיקער — ווי אַ בייזע שוויגער — — — ).

10

ער האָט ענדלעך באַקומען צוגעטיילט דאָס שטיבל־קעמערל. עס איז נישט ערגער פון אַן אַרעסטאַנטן־קעמערל. עס איז שמאָל און לאַנג, אַ שטיינערנע פּאָדליגע, אָפּגעקראַצטע, אַמאָל־געקאַלעכטע ווענט. אַ פּאָר־זשאַווערט אייזערן בעטל, צוגעדעקט מיט אַ גראָבער פעלד־קאָלדרע, וועלכע זעט אויך אויס ווי פאַרזשאַווערט. עס שטייט דאָס אויפלייג־בעטל, אַ קאַסטן איבערגעדעקט מיט צייטונגען — דינט פאַר אַ טיש און פאַר אַ שאַנק און פאַר אַ קאַמאָד. איין בענקל. ס׳ביסל ביכער, ס׳ברויט, די העפטן, ס׳ביסל וועש — אַלץ ליגט אויף דעם דאָזיקן קאַסטן, אַמאָל אויף דער שטול, און אַמאָל אויך אויפן בעטל. ביי דער וואַנט נאָענט צו דער טיר — וואַקסן גראָזן אין שטוב, ביי דער סאַמע וואַנט. דאָס פענצטער איז פאַרדראָטעוועט, אויך מיט זשאַווערדיקן דראָט. הינטערן פענצטער וואַקסט ווילדגראָז. נישט ווייט זענען די באַן־רעלסן. אַז די באַן פאָרט דורך, עכאָט דער סיגנאַל לאַנגע מינוטן הינטערן פענצטער און גייט אויס אין גראָז. אַצינד שטייט דאָרט דער יונגער באַגדאַדער משוגענער. דו

ווייסט נישט וואָס עס איז ביי אים שוואַרצער — די אויגן צי די האָר. ער האַלט אין די הענט אָנגעקליבענע שטיקער פאַרדאַרט ברויט און בעט ביי הערש מעכלען:

— תן לי סיגריה.

איצט דאַרף הערש מעכל שוין אַליין קויפן ברויט. ער מוז אומבאַ־דינגט אליין עפּעס פאַרדינען.

מוז ער — פאַרדינט ער. ער גייט אויף עטלעכע טעג אין דער וואָך, בלויז צו עטלעכע שעה. וווהין ער גייט — ווייסט נאָר איין זלמן. זיין ווייב דאַרף נישט און טאָר עס נישט וויסן. הערש מעכל אַרבעט — אויף אַ בית הקברות. העלפט צו גראָבן קברים. דאָס ערשטע מאָל איז ער דאָ געווען ווען מ׳האָט קובר געווען דאָס דערטרונקענע קינד. ער האָט דעמאָלט צוגעהאָלפן ביים גראָבן ס׳קבר.

אַרבעט ער. שטייט ער און גראָבט. בלייבט ער פּלוצים שטיין מיט דער לאָפּעטע אין האַנט, מיט אַ פוס אויף דער לאָפּעטע, פאַרקוקט זיך גאָר צום הימל. דער עבר גיט גיך אַ וויקל אויף אַ מגילה זכרונות. קומט גיך אָן א ווינט־כוואַליע און גיט א פאַרשמיר אַלץ. דערהערט עפּעס ווי אַן איבערגעריסענעם אָפּקרעכץ:

— ווער האָט נאָך אים געשי — — —

גיט ער גיך א גראָב מיט דער לאָפּעטע. ווּעמען דאַרף מען דאָ ברעכ־גען צו קבורה? אַ יונגע פרוי, עטלעכע דרייסיק יאָר אַלט, געשטאָרבן ביים געבוירן א קינד. וויפל איז ער שוין אַלט? שוין אריבער די פינפ־וועפופציק, אָ, ווייט שוין אַריבער, ער איז שוין נענטער צו די ששים. שוין באַלד זעכציק יאָר. אָ, — ער פאַרגעסט שוין ווידער צו גראָבן דאָס קבר. נו.

דעם ערשטן פון נייעם חודש וועט ער שוין אָפּנעמען דעם ערשטן אַרבעטסלוין.

## 11

עטלעכע אַרטיקלען האָט ער צוגעשיקט צו דער טאָגצייטונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען — „העובד״. אויב ס׳וועט זיי געפעלן, וועלן זיי עס לאָזן איבערזעצן און אָפּדרוקן. עס איז אויף טעמען אין וועלכע

מ׳דאַרף זיין ספּעציאַליזירט — וועגן דער סאָוויעטישער לאַנדווירטשאַפט, וועגן דער טעכניק און סטראַטעגיק פון קאָמינטערן און קאָמינפאָרם, וועגן טראָצקין — אַלץ טעמעס וועלכע ער קען פון דער נאָנט, פון דער אינעווייניקסטער זייט.

ער וואָלט אפשר באַדאַרפט גיין אויף אַן עברית־קורס נאָך אַ דריי חדשים, אין אַן אולפּן. אָבער דערווייל וועט ער אַרבעטן אביסל אויפן בית הקברות. די טעג איז געבורטסטאָג פון די קאַלמאַנאָוויטשעס יינגעלע, די שיך־זוילעכלעך זענען ביי אים שוין וואַזשנע צעריסן, ער וויל אים קויפן א מתנה א פּאָר נייע שיכעלעך.

## 12

די צווייטע וואָך, אַ פרייטיק אינדערפרי. מעכל שטייט ביי זיין אַר־בעט — גראָבט א קבר. אינמיטן רוט ער זיך אָפּ. שטעלט אוועק א פוס אויף דער לאָפּעטע. ס׳קומט איינער פון די לייט דאָ וואָס פירן אָן מיטן בית עולם. ער טאָקע האָט אים געדונגען דאָ צו אַרבעטן עטלעכע מאָל אין וואָך צו עטלעכע שעה. יענער קוקט איצט מיט שטוינונג אויף הערש מעכלען און קוקט באַלד דערנאָך אין דער אויפגעוויקלטער צייטונג וואָס ער האלט, א „העובד״:

— ס׳בילד איז אינגאַנצן ענלעך צו אייך, און אייער נאָמען איז, דאַכט זיך, אויך ענלעך, אונטערגעשריבן אונטער א מאמר, וועגן ערד, וועגן לאַנדווירטשאַפט אין רוסלאַנד.

הערש מעכל האָט א גיכן קוק געטון אין צייטונג. ס׳שטימט. יאָ, זיין אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט. פונוואַנען אָבער האָבן זיי גענומען זיין בילד? יאָ, דערמאָנט זיך, זלמן האָט דאָ נישט לאַנג געבעטן ביי אים א בילד, דאָס האָט ער אוודאי צוגעשיקט, אים גאָרנישט געפרעגט. נאָכוואָס האָט מען געדאַרפט ס׳בילד? איבעריק. לגמרי. מילא.

הערש מעכל האָט אצינד גיכער געגראָבן. ער וויל גיכער פאַרענדיקן און אַהיימפאָרן אין דער מעברה.

זלמן און זיין פרוי זענען אין זיין שטוב. מ׳האָט אים צוגערוימט די שטוב. איינגעלייגט מיט אַ סדר אַלץ. זיי פרייען זיך. זאָגן אים, אַז

מ׳האָט פון משרד געמאָלדן, אַז מ׳דערלויבט אים צו מאַכן אַ גערטנדל אַרום דער שטוב. פּופּציק קוואַדראַט מעטער ערד.

ער האָט שוין געקויפט פאַר יאָסעלען די שיכעלעך. ווען זיי שפּע־טער אים איבערגעבן.

זיצט ער, הערש מעכל, אין זיין אייגן אויפגערוימט שטיבל און עסט זיין אייגן עסן. און די שיכעלעך וועט ער באַלד געבן במתנה יאָסעלען. און אויפן טיש ליגט שוין אַן אָנגעקומענער בריוו פון דער רעדאַקציע „העובד״. ער האָט אים שוין עטלעכע מאָל איבערגעלייענט —

אַז זיי דרוקן היינט זיין ערשטן אַרטיקל און וועלן אים דרוקן אַן אַר־טיקל יעדע וואָך אָדער צוויי. די דערהאַלטענע אַרטיקלען זענען גוט געשריבן, פאַרפונדעוועט מיט פאַקטן און ציפערן, טיף־אַנאַליטיש און סינטעטיש.

ער פּרוווט שוין לייענען מיט זיין שוואַכן עברית זיין איבערגעזעצט אַרטיקל. און אָט אין דער דאָזיקער מינוט געשעט אָט דאָס שטוינענדיקע, וווּנדערלעכע און גורלדיקע — מ׳קלאַפּט אין טיר. עפּעס אַ פרעמדער קלאַפּ. —

— ביטע, בבקשה!

די טיר מאַכט זיך אויף ווי מיט אַ שאַרפן שניט. ס׳קומט אַריין — ווער איז דאָס?! — ער וועט נישט אויסשרייען — ווער איז דאָס??!! — ער שרייט שוין יאָ, בהלהדיק:

— ווער זענט איר?! גיך, ווער זענט איר?!

— שרעקט זיך נישט, הערש מעכל, איך בין נישט רוטאַ, איך בין נאָר איר יונגערע שוועסטער.

— רוטאַס שוועסטער?!

— יאָ! היינט געזען אייער בילד אין צייטונג, איך זוך אייך אַרום שוין לאַנגע יאָרן.

— רוטאַ! רוטאַס שוועסטער! —

ער כאַפּט זי פאַר דער האַנט —

— רעדט, זיצט, דערציילט! איר זענט דאָך אינגאַנצן ענלעך צו רוטאַ!

נישט לאַנג, אין וואַסערע צען־פופצן מינוט האָט זי שוין אויסדער־

ציילט אין וועלכע לאַגערן זי איז געווען, וויאַזוי זי האָט זיך געראַטעוועט. דער מאַן אוןביידע קינדער זענען אומגעקומען. ווען זי האָט געזעען רוטען צום לעצטן מאָל? פאַרן צעשיידן זיי. רוטא קיין טרעבלינקע, זי קיין אוישוויץ. זי איז שוין אין לאַנד דאָס דריטע יאָר. זי האָט געהערט ערגעץ אַז הערש מעכל לעבט, נאָר זי האָט אַפילו אויף ריכטיק זיין ריכ־טיקן פאַמיליע־נאָמען נישט געקענט, צי נישט געדענקט. נאָר דאָס בילד זיינס האָט זי יאָ אַמאָל געהאַט געזעען, רוטאַ האָט עס אַמאָל געהאַט צוגעשיקט צו די עלטערן אין שטוב אַריין.

יאָ, ווי זי הייסט? — רויזע.

13

אין אַ וואָך אַרום, פרייטיק, האָט מען געזעען ווי רויזע — ער וועט זי רופן רויזל — — — שטייט אינעווייניק אין שטיבל אויף אַ טישל און פאַרציט א פוירהענגל אויפן פענצטער. הערש מעכל איז דעמאָלט גע־שטאַנען אין דרויסן און צעאַקערט די ערד אויף אַ גערטנדל אַרום שטוב. ער שטעלט אַוועק אַ פוס אוף דער לאָפּעטע און קוקט צום הימל. דער־מאָנט ער זיך אַצינד אין זיין שוועסטער שיינדעלע. ער זאָגט איצט נאָך אירע ווערטער:

— ני, מען סטראָיעט נאָך דאָרט די פידלען?

ער הערט פונווייטנס ווי קינדער זינגען דאָס וואונדערלעכע פאַס־טעך־געזאַנג „שיר הבוקרים". ער ברומט פאַמעלעך מיט דאָס געזאַנג.

אַן ערב־שבתדיקע זון לאָזט זיך אַראָפּ אַ ליבלעכע און מילדע. לאָזט זיך פאַמעלעך אַראָפּ טובל זיין אין ים.

רמת עמידר — רמת גן, 18טער פעברואַר 1954 — 18טער אויגוסט 1955.

# סוף.

★

נ אָ כ ב אַ מ ע ר ק ו נ ג: מחמת אַ ריי טעמים וויל איך זיך דערמיט באַוואָרענען קעגן אַלערליי עווענטועלע טענות און רעקלאַמאַציעס מצד געוויסע יחידים, וועלכע וועלן אפשר האַלטן — אַז זיי ווערן דאָ געשילדערט. זיי קאָנען עווענטועל האָבן טענות קעגן אופן פון שילדערונג פון געוויסע פאַקטן, פערזאָנען און דאַטן. האַלט איך דעריבער פאַר געוואונטשן און צוועקמעסיק צו דערמאָנען, אַז אַלדאָס דאָ באַשריבענע איז אין די ראַמען פון בעלעטריסטיק (דאַביי געדענקען אויך ווי בעלעטריסטיק רופט זיך אין ענגליש — פיקשאָן). ממילא איז דאָס נישט מחייב דעם מחבר צו אידענטישער אויטענטישקייט פון די פאַקטן, פערזאָנען און געשעענישן.

יעדער בעלעטריסט וואָס שילדערט אַקטועל לעבן און פאַקטישע געשטאַלטן (הגם אונטער געענדערטע נעמען, סביבות און פאַקטן־שייכותן) האָט תמיד אויסצושטיין טענות פון „באַעוולטע העלדן״.

די דאָזיקע דערקלערונג דאָ ווערט נישט געמאַכט בלויז מחמת פאָרמעל־יורידישע טעמים, נאָר איז בפירוש דערמיט אויסן אונטערצושטרייכן, אַז יעדער איינער וואָס פילט זיך ענלעך צו די געשילדערטע דאָ געשטאַלטן, דאַרף זיך נישט פילן באַעוולט און געטראָפן, ווייל נישט אים מיינט מען, נאָר בלויז אַן ענלעכע געשטאַלט צו אים, — פאָרמירט און געשטאַלטיקט לויט די אייגנשאפטן פון בעלעטריסטיק.

ד ע ר   מ ח ב ר.

# עסטערקאַ*)

*) די דאָזיקע דערציילונג איז שוין געווען געדרוקט אין בוך „היימישע געשטאַלטן״. נאָר צוליב דעם וואָס אין איר זענען אַריינגעפאַלן אַ גרעסערע צאָל גרייזן (אגב, איז דאָס בוך „היימישע געשטאַלטן״ דערשינען אין א גאָר באגרענעצטער צאָל עקזעמפּלאַרן און ס׳איז באַלד נישט געווען עס צו באַקומען)؛ און היות ווי דער מחבר האַלט אז „עסטערקא״ איז פון א גאנץ באַזונדערן באַדייט, האַלט ער פאַר פּאַסיק, און אפילו נייטיק אז זי זאָל נאָכאמאָל געדרוקט ווערן.

# פֿאָרוואָרט

צי דערפֿאַר ווייל ס'איז זעלטן אויסגעקומען צו שפּאַצירן און רעדן מיט איר באַטאָג, — סייווי, דער איינדרוק איז פֿאַרבליבן:

אויב עסטערקאַ דערציילט שוין עפּעס וועגן זיך, איז עס נאָר באַנאַכט. לפּחות פֿון בין השמשות אָן.

ווען דער שמועס וועגן פּאָליטיק, ליטעראַטור, קונסט, וועגן באַקאַנ־טע, האָט שוין געזעטיקט, ס'קומט שוין אויס איבערצוקייען; די נאַכט־לאָמפּן זענען שוין מיד ברענענדיק, אָדער די אויגן מיד קוקנדיק; די מידקייט פֿאַרבייט זיך אין בענקשאַפֿט; פֿון די ברייטערע און באַלעב־טערע גאַסן אין וואַרשע גייט מען שוין צוריק אין די שמעלערע, שטילערע געסלעך וואָס פֿירן צו דער ווייסל, —

ערשט דעמאָלט דערציילט מען וועגן זיך. לייבאייגנס. אינטימס. ערשט דעמאָלט דערציילט עסטערקאַ עפּעס וועגן זיך.

ווי אַזוי אָפּשילדערן עסטערקען? איר אויסזען? אַז מענטשן זענען פֿאַראַן מיליּ־מיליאָסן, יעדער האָט אַן אַנדער אויסזען, אַנדערע שטים, אַנדער גאַנג, אַנדערע תּנועות — און שילדערונגען זענען פֿאַראַנען באַ־גרענעצטע. טאָ ווי אַזוי קאָן מען דערגיין דאָס אויסזען פֿון א באַשריבע־נעם העלד?

וועלן מיר פּרוּוון זאָגן וועגן איר נאָר קוים עטוואָס, און צוביסלעכווייז וועלן מיר אפֿשר ווערן מיט איר היימישער, אייגענער.

## קאַפּיטל 1

ווען איך האָב זי באַקענט, האָט זי געהאַלטן ביים ענדיקן גימנאַזיע. נאָר יונג איז זי שוין נישט געווען. וויפֿל יאָרן זי האָט נישט געהאַט אויף זיך, זיבעצן, צי גאָר ניינצן — אַלנפֿאַלס זענען דאָס געווען זיבעצן אָדער ניינצן האַרבסטן.

די הויט פֿון איר פּנים — אַ טונקעלע, נאָר נישט פֿון דער זון. און נישט פֿון געבוירט אָן. אַ ליימיקע טונקלקייט, — די פֿאַרב פֿון מענטשן

וואָס וווּינען אין פּייכטע, טוכלע קעלערס. אַן אויסגעמאַטערטע, שיטערע הויט, אָבער נישט קיין דורכזיכטיקע, — אָן לויטערקייט, אָן ליכטיקייט.

איז זי, הייסט עס, נישט געווען קיין שיינע?

אַז זי איז געווען אינערלעך שיין, — דאָס איז זיכער, וויזשע איז דאָס מעגלעך, אַז מ׳זאָל עס נישט אָנזען, כאָטש אין אַ קליינער מאָס, אויך אויסערלעך?

איז זי נישט געווען יונג אין געמיט?

אַזעלכע כאַראַקטערן מענטשן, מיט אַזעלכע איבערלעבענישן ווי זי, זענען שוין קליינווייז אַלט, — אָבער גלייכצייטיק, ביזן טיפן עלטער, — (אויב זיי דערלעבן צו אַ טיפן עלטער), זענען זיי נאָך אַלץ יונג. אפילו קינדיש.

זי האָט אָנגעהערט צו א געהיימער, רעוואָליוציאָנערער יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

וואָלט אַזאַ אָרגאַניזאַציע נישט עקזיסטירט, וואָלט עסטערקאַ זי געשאַפן.

ווען איך האָב זי באַקענט, האָט זי געוווינט אויף דלוגע גאַס. די דאָזיקע גאַס הייבט זיך אָן אויף איין זייט מיט א טורמע. די פענצטער דאָרט זענען פאַרשטעלט מיט רויט־זשאַווערדיקע דעכלעך־בלעכן, אין דער שיעף, די אַרעסטאַנטן זאָלן נאָר קאָנען זען א שטיקל הימל־לאַטע פון א האַלבן קוואַדראַט־מעטער. אַמאָל פירט מען ארויס עטלעכע קרימינעלע פאַרן טויער, זיי זאָלן פאַרקערן די גאַסן. זייערע גראָע אַרעסטאַנטסקע בגדים, גראָע היטעלעך אָן דאַשקעס — שניידן אַריין זייערע פאַרברעכנס אויף די שטערנס, פאַרשענדן זייערע פנימער, און דערשרעקן די דורכגייענדע יוגנטלעכע, קינדער.

אָט די גאַס איז תמיד ווי פאַרריכט מיט טרויער. קייגנאיבער דער טורמע איז פאַראַן א רעסטאָראַן, ווו ס׳גרימפּלט א פידלער און ס׳באַגלייט אים אַן אינוואַליד אויף א צרהדיקער, האַלב־הייזעריקער האַרמאָניע.

עסטערקאַ האָט אָנגעפירט מיט א געהיימען קרייז חברטעס פון איר שול־קלאַס. מסתם דווקא דערפאַר ווייל זי האָט נישט געצאָלט קיין שכר־לימוד. די שול איז א פריוואַטע און ס׳לערנען דאָ נאָר מער־פאַרמעגלעכע מיידלעך. עסטערקא לערנט דאָ אין דער שולע, ווייל איר מאַמע וואַשט

דאָ די פּאַדלאָגעס, רוימט, איז דאָ די וועכטערין און דינערין. זי וווינט דאָ צוזאַמען מיט די צוויי טעכטער אין וועכטער־שטיבל ביי דער גימ־נאַזיע. קיינע פון די שילערינס ווייסט נישט אַז די וועכטערין און רוימע־רין איז עסטערקאַס מאַמע.

קאַפּיטל 2

## אין איינער אַ מיטן נאַכט

די נאַכט האָט געפּלאַצט מיט אַ געשריי. אַזוי האָט זי דאָס דעמאָלט געפילט, אזוי געהערט. זי איז דאָך דעמאָלט געווען א קליין מיידעלע.

א ווינטערנאַכט. אין א הילצערן שטיבל, אויף א פארוואָרפן געסעלע אין פּראַגע. מען עסט אָפּ נאַכטמאָל, זי לייגט זיך מיטן יונגערן שוועס־טערל אונטערן איבערבעט. די מאַמע האָט שוין פאַרמאַכט דעם לאָדן, פאַריגלט די טיר, פאַרדעקט מיט די פייערקעס דאָס אויסגייענדיקע פייער אין קעכל, פאַרצויגן דאָס פוירהענגל. דער טאַטע ליגט שוין אויך אין בעט, כראָפּעט. די מאַמע בעט שוין איר בעט, לעשט אויס דאָס לעמפּל — איז שוין דעמלט די וועלט אָפּגעשלאָסן, פאַרמאַכט דער טאָג. ס'הייבט זיך אָן די אייביקייט פון נאַכט.

ווען איז דאָס געשען? ווען האָט זי דערהערט דאָס אויפגעבראָכענע געשריי? זי הערט עס נאָך עד היום אין די אויערן, ווי פאַרלייגטע מיט וואַטע, אָבער עס שפּיזלט נאָך אַלץ אַדורך דאָס שפּיציקע, שטעכיקע געשריי:

„געוווווואַלד! געוור־אַ־ל־ל־ד! ענ־קער טאַטע איז אַנטל־אָ־פּ־ן!!"

די בלעכענע כלים וואָס האָבן געהאָנגען אויף דער וואַנט האָבן מעטאַליש מיטגעעכאָט דאָס געשריי.

ווען זי, עסטערקאַ, האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט די מאַמע געבראָכן די פינגער. אויף דער וואַנט האָט דאָס זעלבע געטון א משונהדיקער שאָטן. דאָס נאַפּטלעמפּל מיטן פאַרקאָפּטשעטן פייערל האָט געלעקט דעם שאָטנס הענט. די מאַמע האָט געקניפּן די באַקן, געריסן די האָר. דער

שאָטן אויף דער וואַנט האָט דאָס מיט חוזק איבערגעקרימט. דאָס שוועס־טערל כאַפּט זיך אויף. די מאַמע ציט איר תפילהדיק־בראָכיקן „אויוויי!“, וויל אים דערשטיקן צווישן די ציין, שכנים זאָלן נישט דערהערן. די שויב איז אָנגעדיקט מיט בלימעלעך פון אייז. אַ נאַסע קעלט קנייפּט און ציפּט אירע הענטלעך וואָס זי האָט אָפּערגעגנומען פון אונטערן איבער־בעט. צוויקט אין פּנים, פרירט אויף די אויערן, נאָז. פון אונטער דער טיר, וואָס איז ביי דער פּאָדלאָגע פאַרשטעקט מיט שמאַטעס — ציט אַ קעלט. ס'לויפט אַרום אַ ווינטל וואָס איז אוודאי אַהער אַריין דענצמאָל ווען דער טאַטע האָט געעפנט די טיר צום אַנטלויפן פון שטוב אַרויס. און דאָס ווינטל וויל זיך צוריק אַרויסרייסן, לויפט פון וואַנט צו וואַנט.

די מאַמע כליפּעט. העשעט. נאָר באַלד האָט זי אוודאי באַנומען אַז מיט דעם אַלעם קאָן זי נאָר פאַרזאַמען, חתמענען איר בראָך. האָט זי גיך פאַרריישט אַ דערעלע אויפן קאָפּ, אויפגעריסן די טיר און זיך אַ לאָז געטון מיט אַ געריס אין דער פינצטערניש אַריין, אין דער זאַוויערוכע, זיך גע־וואָרפן אין אַ תהום אַריין.

אסתרל, נאָך אַ געשווינדן דורכבליקן זיך מיטן קלענערן שוועסטערל ברכה'לע, האָט שוין אָפּגעמאַכט אַז ביידע וועלן זיי נאָכלויפן דער מאַ־מען. האָבן זיי אַ שליידער געטון דאָס איבערבעט אויף דער פּאָדלאָגע, אַראָפּגעשפּרונגען און געשטופּט די טיר צום דרויסן אַרויס. נאָר דער ווינט האָט צוגעהאַלטן די טיר, צוריקגעשטופּט. אַביסל נאָכגעלאָזן און ווידער צוריקגעשטופּט, געשפּילט זיך מיט זיי, אויף צו להכעיס, דווקא אַצינד, אין מיטן נאַכט, ווען מ'דאַרף נאָכלויפן דער מאַמען, וואָס יאָגט זיך נאָכן אַנטלויפנדיקן טאַטן. זיי האָבן דערלאַנגט מיט דער טיר אַ זעץ אין ווינט אַריין, אויפגעריסן, אויפגעפּראַלט, און אַרויסגעפאַלן אין שניי. זיך גיך אויפגעשטעלט. זיי זענען אַרויס אין העמדלעך. דער שניי־ווינט האָט באַלד אָנגעגליט די העמדלעך, געהאַרטעוועט ווי דינעם בלעך, גע־בריט און געשניטן די קינדערישע גופימלעך. האָבן זיי זיך איינגעקאָר־טשעט אינגאַנצן אויף קליין, געלאָפן טאָפּטשנדיק אין שניי, געלאָפן, זיך איבערגעקייקלט, ווידער געלאָפן און געוויינט.

קאַפּיטל 3

# דאָס רבילע מיט די קעץ

זייער זיידע איז געווען דאָס באַוווסטע פּראַגער רבילע, ר׳ יידל. אַ רבי ס׳מיינסט פאר ווייבער. ס׳זענען אויך געקומען צו אים פּאַרוויבע־רישטע מאַנצבילן. אפילו שטיקלעך למדנים אויך.

ר׳ יידל, דאָס פּראַגער רבילע, איז געווען אַ ליבהאָבער פון קעץ און אליין געכאַוועט עטלעכע צענדליק שטיק. ער האָט זיי נישט ווינציקער ליב געהאַט ווי די צוויי אייניקלעך אסתרל און ברכהלע. און מסתמא דערפאַר האָבן דיביידע שוועסטערלעך געפייניקט די קעץ, געשלאָגן, אויסגעגאָסן זייער עסן. האָט דער זיידע אויף זיי אָנגעשריגן. האָבן די קינדער פיינט געקריגן דעם זיידן צוזאַמען מיט די קעץ.

קיין עסן האָט אין שטוב ניט געפעלט. יעדעס ווייבל וואָס איז גע־קומען נאָך אַ ברכה צום רבין, האָט מיטגעברענגט אין קאָשיקל אַ מענדל אייער, אַביסל מעל; ווער — אַן עמער קאַרטאָפּלעס, אַביסל באַריקלעך, מייערלעך, ציבעלעס; אַ קצב האָט געברענגט אַ זייטל קעלבערינס, אַן עופות־הענדלערין — אַ גענזענע אָדערקע. עסן איז געווען אין שטוב, אָבער מער נישט. קיינמאָל נישט קיין רעכט מלבוש.

תמיד איז די שטוב געפּאַקט מיט פרעמדע ווייבער. אַמאָל גאָר קומען נאָך אַ ברכה — קרעציקע, קריפּלען, קאַליקעס, קאַרליקעס, ליגן אין די שטיבער ווי אויף צו פאַרבלייבן דאָ, ליגן אויסגעלייגט אין הויף, אויף די שטיינער, מיט אזא תענוג ווי זיי וואָלטן געלעגן אין קלאָר־איבערגעצוי־גענע, ווייכע בעטן.

אסתרלס טאַטע געפינט זיך נישט קיין אָרט. ער לייענט ביכער, גייט אַוועק אויף גאַנצע טעג שפּילן שאָך. די מאַמע זאָגט אים אַלעמאָל צו אַז זי וועט פּועלן ביי איר טאַטן ער זאָל איר געבן געלט אויף צו דינגען ער־געץ אַנדערש אַ שטיבל, אָבער ער האָט נישט קיין געלט, ער נעמט נישט ביי די ווייבער קיין געלט, זעלטן ווען אַ יידאַ גביר לייגט אַוועק אַ באַנקנאָט אונטערן תהילימל, וואָס ליגט שטענדיק אַן אָפנס אויפן טיש, צוגעדעקט מיט א פאַטשיילעכל. ר׳ יידל, דאָס פּראַגער רבילע, האָט אַסך

מענטשן צו העלפֿן, היילן, בענטשן. די קעץ דאַרף מען אויך באַזאָרגן מיט עסן.

איז שוין יאָרן אַזוי צעגערט מען און מען שלעפּט מיט די צוזאָגענישן אויף דינגען ערגעץ אַ באַזונדער דירהלע אין פּראָגע, ערגעץ דאָ דאַלעבן, אָבער דערווייל איז מען אַלץ געבליבן אין דעם קעכל ביים זיידן אין דירה.

קאַפּיטל 4

# אין געראַנגל מיט דער זאַוויערוכע

האָט דאָס זיידעלע זייערס מסתּמא יאָ עפּעס דערהערט אַצינד, און אין צייגענעם, געבלימטן שלאָף־כאַלאַט, אין די שקאַרפּעטן איז ער אַרויס־געשפּרונגען פֿון זיין שטיבל און נאָכגעלאָפֿן נאָך די אייניקלעך. ער האָט זיי נאָכגעשריגן מיט געבעט, אָבער דער ווינט האָט צעברעקלט זיין גע־שריי, געכפּלט עס, אָפּגעעכאָט, צוריקגעשטופּט דאָס קול זיינס, אים אליין.

ער האָט אוודאי אַצינד פֿאַרגעסן אַז ער איז שוין אַן אַלטיטשקער ייד, מיט א גראָער באָרד, וואָס איז אוודאי א דריטל פֿון אים די גרויס. ר'איז מגולגל געוואָרן אין א יונג יינגל. ער האָט גיך געפּיסלט אין שניי, גע־שפּרונגען, אומגעפֿאַלן, געוואָרפֿן מיט די הענט ווי געטריבן פֿון זיך נישט־גוטע, און דעריאָגט ברכהלען. ער האָט זי פֿאַרקלעמט פֿאַרן הענטל און צוזאַמען מיט איר זיך געיאָגט נאָך אסתרלען. אָנגעיאָגט און אָנגעכאַפּט זי פֿאַר די האָר. האָט אים אסתרל א כאַפּ געטון פֿאַר דער באָרד. ביידע האָבן געריסן און אסתרל האָט אים מנצח געווען, זי — מיט א קנויל ווייכע האָר פֿון זיידנס באָרד, און ער — מיט א פּלעכטל האָר פֿון אייניקלס קעפּל.

ער איז צוריקגעגאַנגען מיט ברכהלען אין שטוב אַריין און ביידע האָבן געוויינט.

אסתרל איז ווייטער געלאָפֿן אויפֿן וועג צו דער קערבעדזשער בריק. דער ווינט האָט געשניטן מיט א שיעפֿן שניי. זיך אָפּגעשטעלט, זיך גע־

קרייזט אין א זייל און באַלדווידער זיך געלאָזן אין א שיעפן גאַלאָפּ. פאַר־פרישעט אירע אויגן. אָבער אסתרקע האָט ווי א שווימערקע געשאַרט מיט די הענט, צוריקגעשלאָגן, אַוועקגעפּאַטשט דעם שניי אין א זייט. וואָס נענטער זי איז געקומען צום בריק, אַלץ שיטערער זענען געוואָרן די הייזער אַרום, אַלץ מער תקיף איז געוואָרן דער שניי־ווינט. כסדר זי אונטער־געהויבן אויף אַנידערצוּוואַרפן. האָט זי אים אָפּגענאַרט, זיך אַליין אַוועק־געוואָרפן אויף א רגעלע און באַלד פלינק זיך צוריק אויפגעשטעלט און געלאָפן. געפאַלן און געלאָפן. גערופן דער מאַמען, געשריגן. דאָס לויפן מיטן שרייען האָבן זיך אויסגעמישט, זי איז שוין אויף דער בריק, ס׳בריען די פיס, זי ווייסט שוין נישט וואָס זי שרייט, זי ווייסט שוין נישט אין וועל־כער זייט זי לויפט, אויף פאָרויס אָדער צוריק. אָט איז זי שוין אויפן בריק, דער ווינט שליידערט זי צו די שטאַכעטן, זי פילט שוין נישט די צונג. פריער האָט די צונג געצוויקט, געביסן, איצט איז א שטיק פרעמד, געפרוירן אייזן אין מויל. זי פּרוּווט לעקן דעם שניי פון די שטאַכעטן, עס איז נישט קיין שניי, עס איז פייער. זי זעט פייער, זי לעקט פייער. לויפט זי נאָך? האַלט זי זיך ביי די בריק־שטאַכעטן? ליגט זי?

א פאַרמאַכטער, צוויי־פערדיקער פורגאָן, וואָס צעפירט ברויט איבער די געוועלבער, האָט זי אין עטלעכע שעה אַרום געברענגט צו פירן אַהיים, אין פּראַגע. דער פורמאַן האָט זי געפונען ליגן אויף דער קערבעדזשער בריק, א פאַרפרוירענע. ער האָט זי איינגעריבן מיט שניי, דערנאָך מיט שפּערטעס, זי אַריינגעלייגט אין פאַרמאַכטן, וואַרעמען ברויט־פורגאָן. אַריינפאָרנדיק קיין פּראַגע איז אים נישט שווער געווען געוואָר צו ווערן וווהין ער דאַרף זי אָפּפירן, און וועמעס זי איז.

דאָס איז געשען דעמאָלט, ווען אסתרל איז ערשט געהאַט געווען מיט א טאָג עלטער פון צען יאָר. ברכהלע איז אַלט געווען זעקס יאָר. דער מאַמען האָט געפעלט שוין נישט מער ווי איין יאָר צו די דרייסיק.

אסתרל איז דעמאָלט געלעגן לאַנג צו־בעט.

די מאַמע איז צוריקגעקומען ערשט קוים פאַרנאַכט, אָן דעם דערעלע אויפן קאָפּ. ס׳האָט עס ביינאַכט אוודאי אַוועקגעכאַפּט דער ווינט אויפן קערבעדזשער בריק. די מאַמע איז צוריקגעקומען מיט פאַר׳אבל׳טע

אויגן, מיט אן אויסגעלאָשן פנים פון אַן אַלטער, פאַרצאַגטער, לעבעדיקער אלמנה.

זי איז נאָך עד היום פאַר׳ריח׳ט פון יענע רפואות אין די פלעשלעך מיט ווייסע רעצעפּטן־פּאַרטעכלעך. און עד היום עקבערט נאָך אין איר שיידל דאָס נאָיענדיקע געוויין פון דער מאַמען. דער מעטאַלענער ווידער־קלאַנג פון די כלים אויף דער וואַנט. אַ קאַפּיטש פון א טענצלדיק פייער פון א נאַפט־לעמפּל הוידעט זיך תמיד פאַר אירע אויגן בעת זי דערהערט, ווי דורך וואַטע, דאָס שפּיזלדיק־שפּיציקע געשריי:

„געוווּוואַלד! גע־וו־אַ־ל־ל־דד!! ענקער טאַטע איז אַנט־לאָ־פּ־ן!!״

דער טאַטע, מיינט זי, איז פון דעמאָלט אָן ערגעץ פאַרוויַיעט געוואָרן פון שניי. נישט געוואָרן. — עפּעס זענען יאָ געווען ברעקלעך קלאַנגען, און ערגעץ ווו האָט ווער דערציילט:

„ער לערנט אין פּאַריזער סאָרבאָנע״;

אַ צווייטער:

„ער איז אַ טשעקיסטישער קאָמיסאַר אין רוסלאַנד״;

„ער איז אַ מיסיאָנער אין דרום־אַמעריקע״.

אָבער פאַר עסטערקען ליגט ער ערגעץ א פאַרוויַיעטער אין אַ שניי־קבר און עס באַוויינט אים אייביק יענער געוואַי דער מאַמעס:

„ג־ע־וו־אַ־ל־ד! ע־נ־ק־ע־ר ט־אַ־ט־ע איז אַנט־לאָ־פן!״

קאַפּיטל 5

# סוד און מאַכט

עסטערקאַ איז צווישן די פעיקסטע שילערינס אין גימנאַזיע. גע־נויער — זי איז טאַקע די סאַמע פעיקסטע פון אַלע. ס׳איז דאָך געווען אַ צייט ווען זי האָט באַדאַרפט אָניאָגן צוויי קלאַסן מיט איינמאָל אויך. זי מוז אויך חוץ דעם זיין די סאַמע בעסטע, די סאַמע ערשטע שילערין, ווייל זי איז די טאָכטער פון דער דינערין און וועכטערין פון גימנאַזיע, ווייל זי האָט נישט קיין טאַטן, וואָס איז אַפילו נישט טויט.

עסטערקאַ פלעגט נאָך די לעקציעס אַראָפּגיין פון שולע צוזאַמען מיט די איבעריקע שילערינס. אַראָפּ אויף דער גאַס און אַוועק ערגעץ אויף א מכלומרשטן אַדרעס. זי איז געניט געוואָרן אין אַלערליי טריקן און סטראַטעגישע המצאות וויאַזוי צוריקצוקומען אין גימנאַזיע און זיך אַריינכאַפּן אַז קיינער זאָל חלילה נישט באַמערקן.

עסטערקאַ פילט זיך גוט אין גימנאַזיע אויף די לעקציעס, אין קלאַס, ווען זי שטעלט זיך אויף און ענטפערט ריכטיק אָפּ אויף אַלע פראַגן פון די לערערס. דעמאָלט ווערט זי באַוווּנדערט פון אירע חברטעס. די קנאה־שפּיזלעך פון אירע קאָלעזשאַנקעס זענען פאַר איר די לויטערסטע זונ־שטראַלן וואָס מחיה׳נען איר גוף.

אָבער גיך נאָך די דאָזיקע לעקציעס מוז זי זיין צוריק אין די זעלבע קלאַסן און צוהעלפן דער מאַמען וואַשן די פּאָדלאָגעס, אָפּווישן דעם טאָפל, קאַטעדרעס, די בענק. טיילמאָל פילט זי די דאָזיקע שול־מכשירים ווי אינקוויזיציע־אינסטרומענטן, וואָס ווילן זי פּייניקן און באַליידיקן.

עסטערקאַ האָט זיך געמוזט תמיד און כסדר היטן. מיט איר רעוואָ־ליוציאָנערער טעטיקייט — פאַר דער שול־דירעקטאָרין; זיך געמוזט היטן פאַר אירע חברטעס מיט איר פּערזענלעך לעבן; זיך געמוזט היטן פאַר דער מאַמען מיט איר אויסבאַהאַלטן אין שולע אומלעגאַלע ליטעראַ־טור, פּראָטאָקאָלן, אַפילו דרוק־מכשירים; זיך היטן פאַר פּאָליציי, אַגענטן, פּראָוואָקאַטאָרן.

זי האָט אויף דער גאַס גערעדט הויך, געלאַכט הויך, — נישט ווייל זי איז, חלילה, שלעכט דערצויגן, נאָר געוואָלט אַז מ׳זאָל זען אַז זי האַלט זיך פריי, נישט קרעמפּירט. דווקא דערפאַר האָט מען נאָך מער געפילט אַז זי איז כולו סוד, מלא קאָנספּיראַציע. עס האָט געפלעגט טרעפן אַז אין רעכטן מיטן לאַכן זאָל זי געבן אַ פלוצימען, האַסטיקן האַק איבער, (ווי ס׳וואָלט אַראָפּ פון ערגעץ הויך אַ שניידמעסער), און ראַפּטעם פאַר־בייטן זיך אין אַ ערנסטן, שטרענגן, בייזן פּראָקוראָר. איר בליק האָט דעמאָלט דייטלעך דערקלערט:

— יאָ, מיין לאַכן איז טעאַטער, אָנשטעל. מיין רעדן און פאַרהאַלטן זיך איז גוט איינגעשפּילט און פלינק אויסרעזשיסירט.

האָט עס דיך איבעראַשט, צי גאָר פאַרדראָסן, אפשר אפילו דערשראָ־

קן. האָסטו זיך אויספאַרשעריש אַ לאָז געטון אַרויספאַנגען עפּעס פון אירע אויגן — האָסטו גאָר דערזעען אַז — זי שיקלט!

און שוין לאַכט זי ווידער. ווייך־ווייבעריש, יונג־מיידלעריש. און זי וויל דיך בפירוש פאַרבליפן מיט איר מאַנצבילשן שאַרפזין. און באַלד פאַרקערט — מיט פרויאישע סובטעלקייט. דאָס לעצטע פאַרמאָגט זי אין אַ גאַנץ קנאַפּער קאַרגער דאָזע, אָבער זי דראַפּעט עס אַרויס מיט די פינגער פון ערגעץ א פאַרבאָרגענעם רעזערוואַר. זי דראָבערט עס מיט כוח, זאָל באַדאַי זיין אַ מינימום, כאָטש אויף ווינציקע רגע׳ס — אָבער זי זאָל נישט אָפּשטיין פון אַנדערע יונגע מיידלעך, — דו זאָלסט עס זעען!

קאַפּיטל 6

## בענקשאַפט, זוכעניש, דיסקוסיעס

אויף פאַוויע 11, פערטן שטאָק, אין איין קליין צימערל, האָט עסטער־קאַ געוווינט מיט שיען.

עסטערקאַ האָט שוין לאַנג געענדיקט די גימנאַזיע. שוין נישט גע־ווען אין קרייז פון פויליש־רעדנדיקע. צוליב שיען איז זי אין אַ סביבה פון ס׳מיינסט יידיש־רעדנדיקע. אָבער אַליין האָט זי נאָך ס׳רוב גערעדט פויליש. און גערופן האָט מען זי, ווי תמיד, נישט אסתרקע, נאָר עסטערקאַ, מיט דעם אַקצענט אויף דער פאַרלעצטער זילבּ, ווי אין פויליש.

צוזאַמען מיט עסטערקען און שיען, אין זעלבן צימערל, האָט אויך געוווינט בראָנקע.

די מאַמע האָט שוין דערצו נישט דערלעבט. זי האָט אָפּגעקרענקט עטלעכע וואָכן אין שטאָטישן שפּיטאָל און אויסגעגאַנגען.

עטלעכע וואָכן צייט האָב איך זיך געשעמט, נישט געהאַט דעם מוט, זיך צו באַגעגענען מיט עסטערקען, ווי אויך איך וואָלט געווען אַ מיט־שולדיקער אין דעם גרויסן אומגליק פון איר מאַמעס טויט. אַלע, די גאַנצע וועלט איז דאָך דערין שולדיק און דאַרף דערויף טרויערן — ווי וועל איך גאָר וואַגן זי צו טרייסטן?

דאָס צימערל זייערס, וואָס זיי האָבן קוים געקריגן צו דינגען פאַר אַ שפּאָרער סומע שליסלגעלט, איז שוין פאַר זיי אַ גרויסע דערגרייכונג, אַ שטיק גליק. הגם די וווינונג איז אָן די מינדעסטע באַקוועמלעכקייטן (דאָס קלאָזעט אויפן הויף), איז דאָס דאָזיקע שטיבל געוואָרן אַ צענטר, אַ מין פּאָליטיש־ליטעראַרישער סאַלאָן פאַר יוגנט. אין דער שטוב זענען גע־קומען סיי אַזעלכע וועלכע האָבן אַקטיוו זיך אָפּגעגעבן מיט פּאָליטיש־פּאַרטייאישער אַרבעט, אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אויף די אומלע־גאַלע אַרבעטער־בערזעס; סיי אַזעלכע וועלכע זענען געווען אויפן ראַנד פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, אָדער געווען אַקטיוו און מיד געוואָרן, אָבער אַלץ פאַרבליבן אין דער אָרביטע. אינטערעסירט זיך מיט אַלע לויפיקע פּראָבלעמען, טעאָרעטיזירט, דיסקוטירט. געגאַנגען אויף סימפאָנישע קאָנצערטן אין פילהאַרמאָניע, קאָנסערוואַטאָריום, געלייענט נישט נאָר ראָמען ראָלאַנען און גאָרקין, נאָר אויך ניטשען, שטירנער, דאַרווין, דזשינס. געלייענט און געקענט זיי נישט גרינטלעך, גיכער אויבערפלעכלעך, פראַגמענטאַריש. נאָר אַזוי ווי מ׳דאַרף נישט באַנוצן קיין סך פאַרפום אַז ס׳זאָל זיך טראָגן פון דיר דער גוטער ריח, אַזוי איז גענוג געווען פאַר די אַלע בלויז עטלעכע טראָפּנס פון דער גייסטיקער מאַטעריע אויף צו באַקומען אַ לייכטן ריח, אָדער שם — פון „אינטעלעק־טואַלן". פון אָנגעשמעקטע, אָנגעשטעקטע מיט אינטעלעקטואַליזם. פאַר אַזעלכע האָבן זיי זיך אַלנפאַלס געהאַלטן.

געקיניגט אין דעם קרייז האָט, פאַרשטייט זיך, עסטערקאַ. אויף גע־ווויסע געביטן. זי קאָן גאָרנישט דערלאָזן דעם געדאַנק אַז ס׳זאָל זי װער איבערשטייגן.

חוץ אין אַזעלכע פאַלן וועגן דער חילוק האָט שוין גענוג בולט גע־שניטן אין די אויגן, איז זי ערשט באַשטאַנען אויף אָפּטרעטן דאָס ערש־טע אָרט וועמען אַנדערש: ווען אַלס „וויצע־קעניגין" איז איר נאָך אויך גענוג פאַרבליבן אויף צו באַווייזן זיך מיט קענטשאַפט און שאַרפזין.

דאָ האָבן זיך צונויפגעטראָפן סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, אַנאַרכיסטן. דאָ איז מען נישט געווען אַזוי שטרענג־אָרטאָדאָקסאַל. מ׳האָט זיך באַ־מיט ווייניק צו געברויכן דעם גראָבן פּאָליטישן זשאַרגאָן, דעם לעקסיקאָן פון מאַסנמיטינגען, פּאָפּולערע בראָשורן. מ׳האָט זיך געמיט צו זיין לאָ־

יאַל, אויסהערן די פֿאַרשידנסטע אויסטערלישע, געוואָגטע, נאָוואַטאָרישע געדאַנקען און מיינונגען.

דאָס וואָס האָט אומבאַוווּסטזיניק געוואָרעמט דעם גאַנצן קרייז, זיי משועבד געמאַכט איינער צום צווייטן אין אַן אינטעלעקטועלער, חברי־שער טוליעניש, האָט אוודאי אויך געהאַט א שייכות צו זייערע נישט־געוונוג אויסגעלעבטע ליבע־בענקשאַפֿטן.

דאָס זענען געווען יונגע מענטשן אין די קנאַפּע צוואָנציקער יאָרן. ווער עס איז שוין „געגאַנגען" מיט זיינס אַ מיידל, געהאַט זיינס אַ „סימ־פּאַטיע", א פֿאַרבאָרגענע אָדער אָפֿענע; ווער עס האָט נאָך קיינעם נישט געהאַט; ווער ס'האָט שוין אַפּילו געהאַט חתונה געהאַט. אָדער אז אַזאַ פּאָרל איז געקומען אין דאָזיקן קרייז, האָבן זיי זיך געהאַלטן אָפּגעזונ־דערטע, פֿרייע. דאָס וואָס זיי האָבן חתונה געהאַט — איז לגמרי אַ פּריי־וואַט־ענין, א שטיקל באַלעבאַטישער שריט, אין בעסטן פֿאַל — אַן ענין פֿון צוויי פּריינט, אָבער אין דער דאָזיקער סביבה זענען זיי חברים פֿון קרייז, פֿון דער באַוועגונג. זיצט זי מיט אַן אַנדערן אויף איין בענקל, זיצט ער מיט אַ חברטע אויף אַן אַנדער בענקל. אין אַ וויכוח איז דאָס פּאָרל כמעט קיינמאָל נישט אייניק. די פֿרוי וועט זיך מיען צו באַווייזן אַז זי איז אַן אומאָפּהענגיקער מענטש, מיט אייגענע, זעלבסטשטענדיקע אנשויאונגען, נישט אונטערגעוואָרפֿן דעם מאַנס השפּעה.

וועגן ליבע האָט מען ווייניק גערעדט. אויף דער דאָזיקער טעמע האָט זיך גראָד יעדן איינעם געוואָלט רעדן אַ סך, און הערן פֿון אַנדערע, איז מסתם דווקא דערפֿאַר האָט מען דערוועגן גערעדט קנאַפּ. איז דאָס נישט־גערעדטע פֿאַרבליבן ערגעץ אין די אויגן, פֿאַרבאָרגן. ס'מיינסט, פֿאַרשטייט זיך, ביי די איינזאַמע.

די יונגעלייט זענען בכלל געווען צניעותדיקע. מוזיק־קאָנצערטן, ביכער, דיסקוסיעס, פּאָליטישער קאַמף — האָט זיי פֿאַרטרעטן אין אַ געוויסער מאָס דעם נאַטירלעכן סעקסועלן דראַנג.

די מיידלעך פֿון אַזעלכע מיני קרייזן האָבן נישט גענוצט קיין שמינ־קע צו די ליפּן. אָנפּודערן דאָס פּנים האָט זיך שוין גערעכנט פֿאַר אַ בורזשואַזער צעבאַלעוועטקייט.

אָפֿט האָט מען יאָ געפּראַוועט ביבקעס. ביי אַ גלעזל בראָנפֿן, ליקער,

האָט מען זיך שוין יאָ דערלויבט צו קושן. און דאָס גיכער אין טאָן פון גוטברודערשאַפט. פלעגן אפילו אָנקומען צו דער קינדערשער שפּיל פון פאַנטן. ווער ס׳האָט געווונען אַ פאַנט, האָט געהאַט רעכט אויף אַ קוש טון איינער פון די חברטעס. דאַביי זיך נישקשה אונטערגעשעמט. וואָרן אָט האָט מען דאָך ערשט גערעדט וועגן באַפרייען וועלטן, אָנפירן מיט מאַסן, רעוואָליוציעס, פילאָזאָפישע אידייען — און דאָ מוז מען אָנקומען צו אַ פאַרשטעלטער שפּילעריי כדי צו קאָנען זיך אַביסל קושן.

צווישן די חברטעס האָט עסטערקאַ תמיד געהאַט דעם גרעסטן אוי־טאָריטעט. זי האָט פריי דיסקוטירט וועגן אַלע מיני פּראָבלעמען. פלינק, מיט ישוב הדעת, קאָנצענטרירט אַרגומענטירט, שטענדיק געדענקט דעם נייטיקן, פּאַסיקן ציטאַט. מיט זיכערקייט באַשטאַנען אויף אירע מיינונ־גען, נישט פאַרענדיקט דעם שטרייט אויב זי איז נישט אַרויס די זיגערין. זי האָט אין איר דיסקוסיע־געפעכט זיך באַנוצט מיט אַ געווער, וואָס דער קעגנער איז געווען קנאַפּ דערמיט באַוואָפנט — מיט פּינקטלעכע סטאַ־טיסטישע ציפערן. ספּעציעל ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין עקאָנאָ־מישע, פינאַנציעלע פּראָבלעמען. זי האָט געוווסט וויפל באַנקנאָטן די מלוכה־באַנק האָט אַרויסגעלאָזט אין יעדער עמיסיע, וויפל ס׳איז פאַראַן גאָלד אין מלוכה־אוצר, וויפל ס׳זענען ווערט די מלוכהשע פעלדער, גי־טער, וויפל ס׳איז פאַראַן פריי פאַשע־פעלד, די צאָלן פון עקספּאָרט און אימפּאָרט.

אין וויכוחים מיט חברים האָט זי, מחוץ דעם סטאַטיסטיק־געווער, אויך גענוצט דאָס אייגנטימלעכע מין פרויען־געווער, וואָס האָט ביי איר לעצטנס, מיט יעדן טאָג און שעה, אַזוי זיך אויסגעפיינערט, אויסגע־איידלט: חן, ווייבער שמייכל.

נאָך אַלץ האָט זי איר האַרטן, שיער נישט מענערישן טראָט; דאָס פנים נאָך תמיד פאַרלאָפן מיט זאָרג — וואָס פאַרטרייבט דאָס ביסל אויסגערוטע שיינקייט, — אָבער זי דעראָבערט פון ערגעץ, אויף אַן אומוועג, פון אַ בויט־רעזערוו, אירס אַ דאָזע חן און צאַרטקייט, צירלעכ־קייט, לייטזעליקע האַרמאָניע — אָבער נאָר אין נייטיקע פאַלן. אַזוי איז געוויינלעך שטענדיק גרייט אויף איר פנים: —

אָפּווער און אָנגריף.

## קאַפּיטל 7

# בראָנקע

אַ שוועסטער פון איין טאַטע־מאַמע, מיט פיר יאָר יונגער, אָבער מרחקים־ווייט פון עסטערקען. אַן אַנדער טיפּ, אַנדער כאַראַקטער, אַנ־דערער באַנעם. האָט זיך געלערנט שלעכט, קוים עפּעס אויסגעלערנט, לייענט זעלטן אַ ביכל, און דאָס אויך פון ביליקן, סענסאַציאָנעלן זשאַנר. ס׳אינטערעסירן זי נישט קיין אידייען, פּאַרטייען, געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. זי איז אַ מיידל וואָס וויל אַ באַלעבאַטיש יינגל פאַר אַ חתן. ער זאָל זי הערן, מורא האָבן פאַר איר. בראָנקע איז תמיד אַן אומצופרי־דענע, אַ בייזע. זי האָט פיינט דער שוועסטערס חברים, זייערע שמועסן, זייער בטלנישקייט, זיך פאַרנעמען מיט וועלט־ענינים אָנשטאָט זאָרגן פאַר זיך אַז דער קאַלנער זאָל זיין ריין און געפּרעסט. זי האָט אַפילו פיינט דאָס יידיש־רעדן פון די חברים. עפּעס רעדן זיי אויף שטאָלצן, פאַרצויגן, צי גאָר אַביסל ליטוויש. זי רעדט אויך יידיש, אָבער דעם פּראָסטן, פּראַגער־וואַרשעווער יידיש, די רייד אין דער ברייט, לויז, נאָכ־געלאָזן. אָבער זי האָט קראַנטערשט ליבער צו רעדן פּויליש. און מיט דער שוועסטער רעדט זי סמיינסט פּויליש.

עסטערקאַ האָט בראָנקען ליב, קוקט אויף איר ווי אויף אַ קינד, באַציט זיך צו איר ווי אַ מאַמע, און בראָנקע שרייט אויף איר, האָט תמיד טענות. אַסך מאָל איז גראָד צו מיינען אַז דווקא עסטערקאַ איז דאָס קינד, און זי, בראָנקע, איז די תכליתדיקע, שכלדיקע, פּראַקטישע, פאַרשטייט דאָס לעבן בעסער איידער עסטערקאַ, וועלכע וויל אַלץ אי־בערקערן, וויל רעוואָליוציעס — וואָס עס פּאַסט גאָרנישט פאַר אַ מענטש וואָס האָט ליב אָרדנונג, ריינקייט. איז גאָר בראָנקע די מאַמע צו עס־טערקען. זאָל נאָר ווער פּרוּוון זאָגן אַ האַלב קרום וואָרט אויף עסטער־קען, ווייסט בראָנקע וויאַזוי אויסצוגראַטשען די אויגן, צעדראַפּען, צע־קרעלן אַ פּנים — אַז אַ ריבאייזן וועט אויסזען גלאַטיקער.

זינט בראָנקע וווינט אין איין צימער מיט עסטערקען און שיַען, הייבט זיך אָן אַ באַזונדער פּריקרע קאַפּיטל. געננוג נאָר אויף אַ רגע

א טראַכט צו געבן וועגן אַ יונג מיידל, וואָס ווינט צוזאַמען מיט אַ חתונה־געהאַט פּאָרל, אין איין קליין צימערל. אַלערליי צעראַצטע, פאַרווונדעטע געפילן, רעאַקציעס, העמונגען, זשענירונגען, שפּאַנונגען, שטערונגען. פון אַלע, און פאַר אַלע דריי.

קאַפּיטל 8

# די ליבע לעשט זיך

אין דער באַוועגונג, אין דער פּאַרטיי, זענען פאָרגעקומען גרויסע געשעענישן. דאָס זענען געווען אָפּקלאַנגען פון יענעם לאַנד פון פאַרווירקלעכטן אידעאַל, פון סאָציאַלן יושר. דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן אידעאַישע שטרייטן אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, און די דאָזיקע שטרייטן זענען געלעזט געוואָרן מיט דעם אַרגומענט — פון אַ קויל אין קאָפּ.

ווען דער אָפּקלאַנג צוזאַמען מיט אינסטרוקציעס זענען אָנגעקומען פון דאָרטן קיין וואַרשע, האָט מען די אָפּנייגלער פון דער אינסטרוקציעס־ליניע גיך אויסגעשלאָסן, באַקעמפט. היות ווי אַ קויל אין קאָפּ אַריין במקום אַן אַרגומענט האָט מען דאָ נישט געקאָנט באַנוצן, האָבן געעוגנט זלזולים, בלבולים, אין נייטיקע פאַלן — אויך קלעפּ. די מער גייסטיק־זעלבסטשטענדיקע, וואָס אידעאַל איז ביי זיי געבונדן מיט עטישע ווערטן, וואָס זענען מוחל די מאַטעריעלע דערלייזונג אויב זי גייט נישט געפּאָרט מיט גייסטיקער, עטישער דערלייזונג — אָט די אַלע האָבן געהערט צו די אָפּנייגלער. זיי זענען דערפאַר גראָב באַליידיקט געוואָרן פון די מערהייטלער. איז מען געוואָרן וואָס אַ טאָג אַלץ מער פאַרביטערט, געצווונגען געוואָרן צו איזאָלאַציע, אייניקע דערפירט צו וועגעטאַציע, פסיכישער דעפּרעסיע.

צו די אָפּנייגלער האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך געהערט עסטערקאַ און שיע.

האָט מען אָנגעהויבן לעבן שטוביקער, באַלעבאַטישער. האָט מען

געגומען טראַכטן וועגן מער פאַרדינען, טוישן דאָס איינציממערדיקע דירהלע.

האָט שיע געפועלט ביי זיין עלטערן ברודער ביי וועלכן ער האָט ביז איצט געאַרבעט ווי אַ געוויינטלעכער פועל, אַלס קירזשנער, צו ווערן אַ שותף צום וואַרשטאַט. דערנאָך איז שיע געוואָרן אַ קאָמיסיאָנער, אַ וואָיאַזשער פון פוטערוואַרג. גענומען אַרומפאָרן איבער די פּראָווינץ־שטעט צו פוטער־סוחרים, ווייזן מוסטערן, אָננעמען באַשטעלונגען. עס איז אים אויסגעקומען צו זיצן מיט די סוחרים אין קאַפעהייזער, רעסטאָראַנען. אויך זיצן ביי זייערס אַ קאָרטן־טישל און ווערן „אַ האַנט" צום קאָמפּלעט.

שיע האָט שוין לייטיש פאַרדינט, זיך געקליידט סאָליד־סוחריש. אויך עסטערקאַ האָט זיך גענומען קליידן אַנדערש. ווען זי איז פאַרבעטן געוואָרן צוזאַמען מיטן מאַן צו אַ קאָלאַציע ביי אַ סוחר, אָדער צו די שותפים, אויף אַ גלאָז „שוואַרצע" אין קאַפעהויז, האָט זי שוין געפּרוווט אַמאָל לייכט אָנשמירן די ליפּן. בראָנקע האָט דערפון אָנגעקוואָלן, און עסטערקא — זיך געקרימט. שיע האָט חטאתי׳דיק אונטערגעשמייכלט, נאָכגעגעבן די פירעכצן פון דער באַלעבאַטישער וועלט.

שיע איז שוין לאַנג געשטילט פון זיין ערשטן, גרינעם ליבע־הונגער. א זעטיקייט און מידקייט האָבן גענומען אויסקיילעכיקן און פולער מאַכן זיינע באַקן. גלייכגילטיקייט האָט זיך גענומען פאַרשאַרן אין זיינע אויגן־ווינקלען. געוואָרן פוילער. נאָך א שטאַפּל: אומצופרידענער. אַ נאָך־שטאַפּל: איבערקלייבערישער.

און דערצו האָט נאָך איין פּלוצימע געשעעניש אַ שאַרפן קער געטון זייער צוזאַמענלעבן.

קאַפּיטל 9

## דער טאַטע איז געקומען!

יאָרן לאַנג האָט זיך שיע געהאַט אָנגעהערט וועגן זייער, עסטערקעס און בראָנקעס טאַטן. ער האָט געהערט האַלבע רייד, געהילטע אין לעגענדאַרישן זייד; אַמאָל האָט ער געהערט האַרבע רייד, ביטערע רייד,

כעס׳דיקע, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן געוואָרן אויף היי־גאָפּלען. און ווי־דער נישט דערדעדט. יענע געשטאַלט איז וואָס אַמאָל מער פאַרוויקלט און מייסעדיק פאַרהילט געוואָרן, געהיימנישפולער. אַמאָל אַ מלאך און אַמאָל אַ דעמאָן.

ס׳איז שוין בערך צוועלף יאָר זינט יענער געשעעניש. און וואָס יונגער מען איז, אַלץ לענגער זעט אויס דער טאָג, און אַ יאָר איז אַ מהלך רב אין צייט. און די מיידלעך זענען אונטערגעוואקסן, איז די געשטאַלט פון טאַטן געוואַקסן, אין דער גרויס און פאַרנעם, סיי אַלס מלאך סיי אַלס טייוול — געוואָרן פאַנטאַסטיש, עטעריש.

און אָט איז עס געשעען —

דאָ, אויף זייער אַדרעס, אין דעם קליינעם איינעם שטיבל אויפן פערטן שטאָק, אויף פּאַוויע 11, איז געקומען יענע ווייטע געשטאַלט.

דער ערשטער איז פון אים געוואָר געוואָרן שיע. און ער האָט אים דאָס באַדאַרפט אַריינפירן אין שטוב אריין זיך זעען מיט זיינע קינדער. מ׳האָט זיי באדארפט ווי געהעריק צוגרייטן, זיי זאָלן חלילה נישט איינ־ברעכן זיך פון איבעראַשונג, קענען אויסהאַלטן אזא מין באַגעגעניש.

עטלעכע שעה איז געווען דעמאָלט פאַרמאַכט די טיר אין יענעם שטיבל. דאָס פענצטער פאַרהאנגען. מ׳האָט נישט געוווסט וויאַזוי זיך דערצו צוגרייטן, ווי אַזוי אים אויפנעמען.

קיין סך זענען מיר, די נאָענטע פריינט פון עסטערקען און שיען, נישט געוואָר געוואָרן. מ׳ווייסט נישט פונוואַנען ר׳איז געקומען — צי פון רוסלאַנד, צי פון פאַריז, צי פון אַרגענטינע. מ׳ווייסט נישט צי ער האָט ערגעץ ווו אַ פרוי, נאָך קינדער. מ׳ווייסט נאָר, אַז נאָך דער ערש־טער באַגעגעניש האָט דער פאָטער גאָר געפאָדערט געלט פון די קינ־דער, אַ גרעסערע סומע. און נאָך דער צווייטער באַגעגעניש, האָט שיע אים אַרויסגעוואָרפן פון שטוב, אַראָפּשטופּנדיק אים פון די שטיגן. דאָס האָט ער געטון, פאַרשטייט זיך, מיט דער הסכמה פון עסטערקען און בראָנקען.

אויך דעמאָלט, פונקט ווי נאָכן טויט פון זייער מוטער, בין איך, ווי די אַנדערע פריינט און חברים, נישט אַרויפגעקומען צו זיי אין שטוב אַריין עטלעכע וואָכן. זיך געשעמט מיט זיי צו באַגעגענען. געוואָלט

אויסמיידן אַז עסטערקאַ זאָל זיין געצוווּנגען אַראָפּצולאָזן די אויגן, אָדער דווקא ווערן נאָך מער טראָציק, און קוקן מיט צו־להכעיס־פייער פון אָפּווער און אָנגריף.

שיע האָט גענומען אַהיימקומען שפּעט אין די אָוונטן. אָבער באַלד נאָכן ערשטן מאָל, ווען ער זאָל נישט נאָר האָבן אַהיימגעקומען שפּעט, האָט ער עסטערקען אין שטוב נישט געטראָפן. בראָנקע האָט אים קיין וואָרט נישט געענטפערט און ער האָט נאָך געמוזט דאַנקען גאָט דערפאַר, וואָס זי ענטפערט נישט, ווייל ווען זי רעדט יאָ, וואָלט געווען ערגער.

אַזוי א נאַכט נאָך אַ נאַכט. א גאַנצע וואָך. ער קומט אַהיים שפּעט און עסטערקאַ איז נישטאָ אין שטוב. ער גייט אַוועק אינדערפרי צו זיין באַשעפטיקונג — זי איז נישטאָ. עס איז געווען אין די חדשים יאַנואַר־פעברואַר, בעת די גרויסע פרעסט.

ערשט נאָכן איבערבעטן זיך איז ער געוואָר געוואָרן, אַז עסטערקאַ איז אין ערגעץ נישט געהאַט אַוועק, נאָר געלעגן אונטן אין הויז, אין קוילן־קעלער. אירע קליידער זענען געווען צעריסן פון די שטשורעס. זי האָט פאַר דער וואָך צייט כמעט ווי געפאַסט. אַפילו בראָנקע האָט ביי איר גאָרנישט געקענט פועלן.

דורך דער איינער וואָך האָט עסטערקאַ זיך געעלטערט אויף יאָרן, פאַרענדערט, אויסגעזען געגנוי אַזוי ווי איר מאַמע בעתן ליגן אירע לעצ־טע וואָכן אין שפּיטאָל.

אָבער ווי שטאָל, גראָער, זידיק־צעגליטער שטאָל, האָט געזידט אין אירע אויגן, געפייערט, טריומפירט:

אויסדויער און ניצחון. אָפּווער און אָנגריף.

### קאַפּיטל 10

## היוצא מזה

נאָך אין דעם זעלבן יאָר, אין א נאָוועמבער־טאָג, איז עסטערקאַ געוואָרן אַ מאַמע צו א טעכטערל.

שיע האָט זיך שטאַרק אַריינגעטון אין מסחר. שיין פאַרדינט. ווען עסטערקאַ האָט באַדאַרפט צוריקקומען פון קינדלהויז, איז שוין געווען

גרייט אַ נייע דירה, פון 2 צימערן מיט אַ קיך, אויסמעבלירט, אויף שוויענטאיערסקע 32, אין דעם גרויסן פרידמאַנס הויף.

דעם קומענדיקן זומער האָבן זיי געדונגען אַ דאַטשע אויף דער אָט־וואָצקער ליניע און דאָרט געוווינט ביזן האַרבסט אַריין.

עסטערקאַ האָט זיך גענומען קליידן מיט שיק און עלעגאַנץ, אייַנ־אָרדנען אויפנאַמעס אין שטוב. תחילת — באַזונדערע פאַר די סוחרים און באַזונדערע פאַר די חברים־פריינט. שפּעטער שוין צוזאַמען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז צווישן די סוחרים זענען אויך פאַראַן געוועזענע פאַרטיי־מענטשן. נישט אַלעמען פון זיי איז פרעמד אַ בוך. טייל לאָזן זיך קאָסטן נאָך היינט פאַר פאַרשידענע פּאָליטישע אינסטיטוציעס.

פונדעסטוועגן האָט זיך זעלטן געענדיקט אַן אויפנאַמע אָן אַ קערטל.

צום ערשטן געבוירנטאָג פון הדסהלע, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן מיט א ברייטער האַנט, האָבן מיר, די פריינט, זיך שטאַרק געפרייט מיט דעם געראָטענעם קינד. עסטערקאַ האָט אונז באַוויזן, אַז ווען זי זינגט צום קינד די אַריע פון „טאָסקאַ", צעוויינט זיך הדסהלע. זינגט זי דעם מאַרש פון „אַאידאַ", הייבט אָן דאָס קינד זיך צו פרייען, לאַכן, צו־טופּען מיטן פיסל צום טאַקט. עסטערקאַ האָט דעם דאָזיקן אָוונט דאָס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל.

אויפן דאָזיקן אָוונט האָט בראָנקע פאָרגעשטעלט איר חתן.ביידע האָבן אונז אַלעמען פאַרבעטן צו דער חתונה, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף עטלעכע וואָכן אַרום.

## צווישנוואָרט

און איצט רייסן מיר איבער. איך געדענק נישט גענוי ווי לאַנג עס איז אונז נישט אויסגעקומען זיך צו טרעפן. בין געווען פאַרנומען. זיי זענען געווען פאַרנומען. זיך נישט געזעען אַוודאי אַ יאָר, צי אפשר צוויי, צי אַפילו מער נאָך. אפשר האָבן מיר זיך יאָ געטראָפן, נאָר צופעליק, אויף אַ קאָנצערט אין פילהאַרמאָניע, אין טעאַטער. אַמאָל אָנגעקלונגען דורכן טעלעפאָן און קעגנזייטיק זיך אויסגעפרעגט וואָס מען מאַכט, וועגן אַ פּאָליטיש געשעעניש — און ס׳רייסט זיך איבער — עס קומט אָן די עפּאָכע היטלער, מלחמה — — —

## קאפיטל 11

# אין ביאַליסטאָק האַרבסט 1939—ווינטער 1940

האַרבסט 1939 אין ביאַליסטאָק ווו עס איז שוין געווען די רויטע אַר־מיי, אין דער שטאָט ווו ס׳זענען געווען צענדליקער טויזנטער פּליטים, דער עיקר פון וואַרשע, לאָדזש, לובלין, בין איך געוואָר געוואָרן אַז שיע געפינט זיך אין ווילנע, ביי די ליטווינער. ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשע דעם 6טן סעפּטעמבער, אין יענער באַוווסטער נאַכט, ווען עס זענען גע־לאָפן הונדערטער טויזנטער מענער צו דער דרום־מזרח ריכטונג פון פּוילן.

אין ביאַליסטאָק זענען פול אַלע מאַרקן, געסלעך, שטיבער, שולן, שוועלן — פול מיט פּליטים. מ׳זוכט איינער דעם צווייטן, מ׳וויל געוואָר ווערן דעם גורל פון די פאַרבליבענע אויף יענער זייט. און אָט דערזע איך אומגעריכט עסטערקען. מיט א פּויעריש טיכל אַרומגעבונדן דעם קאָפּ, ווי די פּויערטעס, ווי די רוסישע פרויען וועלכע קומען איצט אויף קאָמאַנ־דיראָווקעס צו זייערע מענער. עסטערקאַ האָט אַן אָפּגעברוינט פּנים, ווי ס׳וואָלט געווען מיטן־זומער. די אַנטשלאָסנקייט אין אירע אויגן איז איצט נאָך פילפאַך געצפלט. עקשנות אין מינדעסטן שטריך, אין איר געשטעל. פון אירע קליידער — אַ ריח פון ווינט און ווייטן וועג.

מ׳באַגריסט זיך מיט איבעראַשונג און פרייד, אָבער דאָך שוין אָן יענער פאַמיליאַרישקייט, נאָענט־חברשאַפט. די טעג און וואָכן ליגן אין קעלערס אונטער באָמבאַרדירונגען, דאָס לויפן פון דער היים הונדער־טער קילאָמעטערס, דאָס בייטן זיך יעדן האַלבן טאָג די באַדינגונגען, סביבה, מענטשן, געשעענישן — עפּעס האָט זיך שוין ערגעץ ווו איבער־געריסן. דערצו נאָך האָט מען זיך אזא לאַנגע צייט שוין נישט געזען. נו, אָבער דאָך — יוגנט־פריינט.

— עסטערקאַ, קומט אַרויף דאָרט ווו איך האַלט זיך אויף, ווו איך נעכטיק, לאָמיר זיך אַביסל אויסשמועסן.

זי צעגערט, קלערט אַ ווײַלע:

— המ, ניין, היינט שוין נישט, מאָרגן באַלד אינדערפרי. כ׳בין פאַר־נומען.

מ׳רעדט נאָך אַביסל, די זאַצן זענען האַרטלעכע, קייטלען זיך בישט, און מ׳געזעגנט זיך גיך, טאַקע צוליבן פּאַרדרוס פּאַרוואָס עס קייטלט זיך נישט דער שמועס.

צומאָרגנס איז זי געקומען נאָך פריער ווי גערעכט, גאַנץ פּאַרטאָג.

אין די צוויי קליינע שטיבלעך אויף מלינאָווע גאַס, די „כּאַנאַיקעס״ אין ביאַליסטאָק, האָבן געגעכטיקט 26 מענטשן. אויך אונטער די טישן און אונטער די בעטן. מ׳איז געלעגן אויף א זייט, פּאַרוויקלט אין קאָלדרעס, קאָצן, טיכלעך. אָנשטאָט קישנס האָבן געדינט אַלטע פּאַלטנס, פּעקלעך צייטונגען. די פענצטער זענען געווען פּאַרהעמערט. אויך קינדער זענען דאָ געווען, איז דער ריח געווען זויערלעך־געדיכט, חלשותדיק. עסטערקאַ האָט אַ קרום געטון די נאָז, אָבער תיכף זיך צוריקגעכאַפּט.

זי איז געזעסן אויפן בעט ווו איך בין געלעגן, און במשך עטלעכע מינוט איז שוין געווען אויסדערציילט און אויסגעפרעגט דער עיקר. זי האָט געשמוגלט די דייטשישע וואַך, די סאָוויעטישע וואַך. מער געגאַנגען צופוס ווי געפאָרן. בראָנקע איז פּאַרבליבן מיטן קינד אינדערהיים. בראָנקע האָט געהאַט געוווינט מיט איר מאַן אין א צימער אויף אָקאָפּאָווע, האָבן זיי זיך איבערגעטראָגן צו איר אין דירה אויף שוויענטאָיערסקע. זי גייט איצט שמוגלען די גרענעץ קיין ווילנע, זעען זיך מיט שיען. יאָ, זי מאַכט שוין ס׳צווייטע מאָל דעם דאָזיקן מאַרשרוט. זי איז שוין איינמאָל געווען אין ווילנע, זיך געזעען מיט שיען. אין איין וועגס האָט זי שוין געקויפט אַביסל פּוטערוואַרג, זי בינדט דאָס אַרום אויף זיך און שמוגלט דאָס דורך. ס׳ערשטע מאָל איז איר געלונגען. זי האָט שיין פּאַרדינט. פאַר דעם געלט וואָס זי וועט פּאַרדינען, וועט זי האָבן אויף צו באַצאָלן פאַר דורכשמוגלען ס׳קינד, בראָנקען מיטן מאַן — אַלע אריבערפירן קיין ווילנע. ביי די ליטווינער קאָן מען לעבן. נאָר מ׳איז נישט זיכער מיט די רוסן. זיי וועלן אַוודאי נישט שענקען ווילנע צו די ליטווינער. זיי האָבן עס אַוועקגעגעבן צוליב פּאָליטישער סטראַטעגיע, אַ טאַקטיק אזא, א טריק, זיי וועלן אין א צייט אַרום צוריקנעמען נישט נאָר ווילנע, נאָר מסתם גאַנץ ליטע. קלאָר, וועט מען דאַרפן אויך פון ווילנע אַנטלויפן. לויפן ווייטער, אויף דער גרויסער, פרייער וועלט אַרויס. דערצו דאַרף מען האָבן אַסך געלט.

בלייבן ביי די רוסן? דאָס הייסט:

געלייגט זיך מיט שוידער, אויפגעשטאַנען מיט גרויל, און די רעשט טאָג אַרומגעגאַנגען אין אַ גאָרסטע פון פּחד. דערויף האָבן זיי צוואַנציק יאָר נישט דערשפּייזט די בירגער? זיי איינגערעדט אַז מ׳דאַרף דאָס געלט אויף באַוואָפענונג, און איצט פּאַראַדירן זיי מיט ביקסן וואָס זיי טראָגן אויף שטריקלעך!

— וואָס אַרט עס אייך, עסטערקאַ, אַז זיי טראָגן די ביקסן אויף שטריקלעך? דאָס איז דער חיסרון? מילא, אָרעמקייט איז נישט קיין חרפּה. דאָס אַרט מיך גראָד גאַנץ קנאַפּ.

עסטערקאַ נעמט באַלד אָפּעפירן מיט גאַנצע טאַבעלעס ציפערן פון די פינפיאָר־פּלענער. וויפל מ׳האָט אויסגעגעבן אויף שפּייז, וויפל מ׳האָט פּראָדוצירט שטאָל, און גומי, מיט וויפל פּראָצענטער עס איז געשטיגן די פּראָדוקציע אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1913, וויפל ס׳איז געשטיגן דער פאַר־זיי־שטח:

— איז דאָס דער סך הכל פון די אַלע גערימטע דערפאָלגן? ביקסן אויף שטריקלעך? די קאָמאַנדירן זאָלן באַשטעלן אין די רעסטאָראַנען און גאָרקיכן צו אַכט זופּן מיט זעקס קאָטלעטן? זייערע ווייבער זאָלן קויפן קילאָס פּוטער, זיך אָנטאָן אין נאָכטהעמדער אָנשטאָט באַל־קליי־דער, מגושמדיק פאַרבן די נעגל, די ליפּן. די קאָמאַנדירן ווייסן נישט ווי צו עסן מיט אַ גאָפּל, כאַפּן דעם שניצל אין האַנט אַריין, באַשפּריצן און באַפלעקן די אַנצעגער פון די געסט. זענען פּרימיטיוו, ליגנעריש, פּרעסעריש.

— וואָס אַרט דאָס אייך אַלץ, עסטערקאַ? דאָס זענען דאָך פאָלקס־מענטשן. קוקט נישט אַזוי באַלעבאַטיש, סנאָביש. די ראַפינירטקייט פון די דייטשע קולטור־כאַמעס געפעלט אייך בעסער? אַ דייטשישער אָפיציר קאָן קאָרעקט האַלטן אַ גאָפּל, ער קאָן אָבער אויך קאַלט־קאָרעקט דער־שיסן אַ קינד. זיין ביקס איז אויף אַ שיינעם לעדערנעם רימען, אָבער צום טייוול מיט זייער טעכניק, קולטור, אָרגאַניזאַציע — וואָס דינט זיי נאָר צו מאָרד. בעסער די רוסישע שטריקלעך ביי די ביקסן, איידער די דייטשי־שע שטריקלעך אויף וועלכע זיי הענגען יידן.

ווי אַ ראַקעטע האָט אַ לויכט געטון אַ בייזער פלאַם אין אירע אויגן:

— די דייטשן זענען פרעמדע! מיר האָבן זיי קיינמאָל נישט אָוועקגע־

געבן קיין איין גראַם פון אונזערע געפילן. אָבער דער רויטער אַרמיי האָבן מיר אָוועקגעשענקט אַלדאָס שענסטע, די ביכּורים — זאָגט מען דאָכט זיך — יאָ? — די ביכּורים פון אונזערע געפילן. די רויטע ארמיי האָט דאָך באַדאַרפט זיין די דערלייזערין און באפרייערין פון אלע ליידן, פון אומ־גערעכטיקייט, פון אונטערדריקונג. זי האָט דאָך באַדאַרפט באַווירקן צום אויפבליען פון דעם סאַמע שענסטן און דערהויבנסטן אינעם מענטש. דעריבער־אָט, אַז איך זע ווי גיך די דאָזיקע אידייע איז געוואָרן פאַר־קריפּלט, דעגענערירט, ווי דער דאָזיקער גלויבן ליגט איצט געפּאַלמעסט, באַדעקט מיט אַ רויטער פאָן וואָס וויל שנעל ווערן שוואַרץ, אין טרויער, ווען הייליקייטן ליגן פּראָפאַנירט, געשענדט — איז מיין גאַנצער כּעס, שנאה, פאַראַכטונג — דווקא קעגן זיי! טאַקע דווקא דערפאַר וואָס מיר לויפן נישט אַוועק פון די דייטשן זיך ראַטעווען ביי די סאָוויעטן — אונ־זערע ברידער! דווקא זיי, די סאָוויעטן, האָבן שותּפות געמאַכט מיט אָט דעם דייטש. איך וועל דאָ נישט בלייבן און וויל אויך נישט אַז מיין קינד זאָל דאָ זיין.

זי האָט אויסגערעכנט אַז אין אַ חודש־צוויי אַרום וועט זי דורכגיין ביאַליסטאָק אויפן לעצטן טור. שוין מיטן קינד, שוועסטער און שוואָגער, פונדאַנען שמוגלען די סאָוויעטיש־ליטווישע גרענעץ קיין ווילנע. פון דאָרטן וועט מען שוין ווייטער זען.

און מיר האָבן זיך געזעגנט. און היות מיר האָבן נאָך אַסך נישט גע־האַט דערגרעדט, ביידע האָבן מיר נאָך געהאַט געגנוג זיך וואָס צו זאָגן, אויסצודערציילן, אַראָפּרעדן פון האַרץ, און נישט דווקא וועגן פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע ענינים — האָבן מיר ביידע זיך געדריקט די הענט איינ־מאָל און נאָכאַמאָל, און אַ דריט מאָל, און ערשט ביים לעצטן מאָל דריקן די האַנט — איז אַריין די שרעק אין די פינגער:

אַז טאָמער וועלן מיר זיך שוין מער נישט זען —

האָט עס שוין געהאַלטן ביים אַרומנעמען און צעקושן זיך, נאָר מסתּם כּדי נישט צו באַשטעטיקן אָט יענעם חשודיקן געפיל אַז מ׳זעט זיך טאַקע שוין צום לעצטן מאָל, האָט מען עס נישט געטון, נאָר נאָכאַמאָל זיך גע־דריקט די הענט:

— נו, א ס ת ר ק ע (איך האָב זי דאָס מאָל גערופן מיטן יידישן

אַקצענט), זייט מיר געזונט, מיטן קינד, שיִען, אייער שוועסטער און שוואָ־גער, און לאָמיר זיך טרעפן אין וואַרשע. אָדער — אין תל־אביב!

זי האָט זיך פאַרלוירן, ווייל זי האָט פאַרלוירן אַ טרער — נישט איר טבע, און האָט אויף גיך אַ זאָג געטון:

— אָמן!

## קאַפּיטל 12

### נאָכוואָרט

# אויף יענער זייט פון אַלץ

וואָס עס האָט ווייטער פּאַסירט מיט עסטערקען און ווי אַזוי איך האָב זיך עפּעס וועגן איר דערוווּסט, וועל איך דערציילן ביים סוף. איך וועל זיך באַמיען איבערגעבן נאָר דעם סאַמע קאַרגסטן בקיצור פון אייניקע מאָמענטן פון דעם וואָס עס איז מיט איר פאָרגעקומען. אייגנטלעך איז דאָך דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט איר, אויך פאָרגעקומען מיט אַלע איבעריקע. דער וואָס איז דאָרט נישט געווען האָט בכלל נישט די רעכט צו דערציילן פּרטים פון דאָרטן, ווייל עס זענען פאַראַן לעבנפאַרבליבענע פון יענער זייט און נאָר זיי האָבן די רעכט צו דערציילן וואָס דאָרט, אויף יענער זייט פון אַלץ — איז געשען. עס האַנדלט זיך נישט וועגן רעכט. קיין שום מענטשלעכער דמיון קאָן דאָס נישט משיג זיין, און קיין שום פען קאָן דאָס נישט אַרויסברענגען — וואָס דאָרט איז געשען. עס קענען עס קוים די וואָס האָבן עס צוגעזען. אָבער ווען עס ווילן שרייבן דערוועגן די וואָס האָבן דאָס נישט צוגעזען — איז ווי ווען מיט א קידוש־בעכערל אויסשעפּן דעם פּאַציפיק.

***

ווען עסטערקאַ איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָט שוין געהאנגען אויף די ווענט די פאַראָרדנונג וועגן איינפירן אַ געטאָ. עסטערקאַ, נישט געקוקט אויף איר קריסטלעכן אויסזען, האָט נאָך באַוויזן געכאַפּט צו ווערן אויף דער גאַס צו אַרבעט, צו וואַשן די פּאָדלאָגעס אין אַ דייטשי־שער קאַזאַרמע. ביי די דייטשן אין וואַרשע איז שוין דעמאָלט געווען

דער מנהג אַז די פרויען זענען מחויב אויסצווווישן די פּאָדלאָגעס מיט די אונטערהייזלעך, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט פון זיך אַראָפּציען. אַז עס איז געקומען די ריי צו עסטערקען, האָט זי זיך פאַרטראַכט:

אַראָפּציען אירע אונטערהייזלעך, אָדער גאָר דערלאַנגען אַ כמאַל אין די אויגן אַריין דעם דייטש. ער טראָגט ברילן און ס'וואָלט גאָר פיין געווען ווען די שטיקלעך גלאָז פון די צעבראָכענע ברילן וואָלטן אים אַריין אין ד'אויגן. ער וואָלט אַזוי גיך נישט געזעען צו כאַפּן זיך צום רעוואָל־ווער. און אויב יאָ, וואָלט די קויל נישט געטראָפן אַזוי פּינקטלעך. אָבער דער דייטש האָט שוין דערווייל געקנעפּלט דאָס רעוואָלווער־טעשל. עס־טערקאָ האָט אַ טראַכט געטון:

זי האָט נאָך היינט נישט געזונגען פאַר איר הדסהלען די אַריע פון „טאָסקאָ". הדסהלע איז שוין אַ היפּש מיידעלע, אָבער עס איז שוין גע־וואָרן א געוווינשאַפט, אַז די מאַמע האָט איר יעדן טאָג געמוזט זינגען — אין פרימאָרגן — דעם מאַרש פון „אַאידאַ", און פאַרן שלאָפן גיין — די אַריע פון „טאָסקאָ". נו, מילא, וועט זי אַראָפּציען די אונטערהייזלעך און דערפאַר נאָך קאָנען זינגען פאַר הדסהלען די אַריע „טאָסקאָ".

נו, דערמיט איז נאָכנישט געענדיקט. נאָכן אויסווישן די פּאָדלאָגעס מיט די הייזלעך, איז דאָס דייטשל, דער אין די ברילן, צוגעגאַנגען צו די פרויען און ביי יעדער איינער אונטערגעהויבן ס'קליידל. עפּעס אַ זאָג געטון, א לאַך, אָדער אַ קללה. עסטערקאָ האַלט די נאַסע הייזלעך אין האַנט, דרענגט זיי נישט אויס פון וואַסער, האַלט זיי גרייט—קינד, אַריע,— אַז פאַר די אויגן מישן זיך געלע פינטעלעך, ס'בלוט רוישט און רייסט די האַנט — אַט מיט די נאַסע הייזלעך אים אַ פראַסק טון אין פּרצוף — און —

ער איז צו איר נישט צוגעקומען. עפּעס אַ הינטישן ברום געטון און זי אויסגעמיטן.

**
*

דער הויף שוויענטאָיערסקע 32 איז דער גרעסטער הויף אין וואַרשע. דאָרט האָבן נאָרמאַל געוווינט עטלעכע טויזנט נפשות. איצט, ביים געטאָ, ווען ס'קומען אָן אַרויסגעטריבענע פון אַלע זייטן, פון אַלע גאַסן, געגנטן, אויך מחוץ וואַרשע, ווינען אין יעדער שטוב עטלעכע משפּחות.

ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן די שלאָכט פאַר דעראָבערן אַ ברייטל, א שטיקל ציבעלע, אַ קאַרטאָפל, א שטיקל פעטס, א פיצל זייף.

מ׳האָט באַדאַרפט זיך דורכגנבענען דורך די דראָט־פאַרצוימונגען, מ׳האָט באַדאַרפט אויסזען אַריש, האָבן די נייטיקע דאָקומענטן. מ׳האָט באַדאַרפט האָבן געלט פאַר די פּאָליאַקן־שאַנטאַזשיסטן.

ס׳האָט דערקוטשעט די ענגשאַפט, שמוץ, לייז, טיפוס, אוויטאַמינאָזע.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די פּלאָג פון גנבות, מסירה, רויב. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די פּלאָג פון אויסגעלאַסנקייט, הולטאַיסטווע, שיכּורן. נאָענטע זענען זיך געוואָרן פרעמד. ביי מענטשן מיט שוואַכערע כאַראַקטערן איז פונקט ווי ביי שלעכט־געזילבערטע לייכטער — ס׳נעמט זיך גלייך אָפּשיי־לן דער זילבער און ס׳נעמט אַרויסקוקן דער געל־מגושמדיקער מעש — אַזוי האָבן אָנגעהויבן זיך צעשמעלצן און אַראָפּרינען זייערע באַפּוצונגען, באַצירונגען, פאַרשמירונגען און מ׳איז געוואָרן נאַקעט. און וואָס מער נאַקעט, אַלץ מער נענטער צו חיה. מ׳האָט אָנגעהויבן פון זיך וואַרפן אַלע באַלאַסטן — מאָראַל, געוויסן, אחריות. וואַרפן פון זיך אַזוי, ווי מ׳וואַרפט פון א צעבראָכן שיפל אויפן צעבושעוועטן ים אַלע לאַסטן, כדי נישט צו פאַרגיכערן דאָס זינקען אין ים.

פרומע יידן האָבן שוין נישט געטראָגן די יידישע היטלען, לאַנגע קאַ־פּאָטעס. דער רוב האָט גענומען אָפּשערן באָרד און פּאות.

צניעות איז געוואָרן אַ לאַסט. אַן אַמאָליקע איינרעדעניש. אַ נאַ־רישקייט. האָט בכלל קוים אַ ווערט. מיט צירונג, איידלשטיינער האָט מען זיך געקאָנט איבערקויפן. האָט מען געקאָנט קויפן פּאַפּירן. האָט מען געקאָנט קויפן ברויט. האָט מען געקאָנט ווערן א שותף צו אַ בונקער וואָס מ׳האָט שוין גענומען גרייטן. האָט מען געקאָנט קויפן ציאַן־קאַלי צו האַלטן תמיד גרייט, און בשעת אַ נויט, אַן אַקציע, אַריינכאַפּן די פּאַס־טיל אין מויל אַריין — און פטור פון פּיין.

טויטע ליגן אויף די גאַסן צוגעדעקט מיט צייטונגען.

תחילת זענען געוואָרן געטאָ־פּאָליציאַנטן נאָר לאָבוסעס, דערנאָך שוין אויך מענטשן וואָס האָבן אַמאָל אָנגעהערט צו קאַמפּס־פּאַרטייען, דערנאָך — באַלעבאַטישע יונגעלייט, דערנאָך — שוין דיפּלאָמירטע אינ־טעליגענץ.

דער נידעריקער עלי־כאַנע, מיט די געל־רויטע פּיעגעס ווי קעפּלעך פון פאַרזשאַווערטע טשוועקעס — אויפן פּנים און אויגן־דעקלעך, גע־פינטלט מיט די שליפּיעס, מיט דער צונג, — געשטאַמלט, גיך געדעדט; מיט עטלעכע שפּיציק פאַרזשאַווערטע ציין אין מויל; האָט געהאַט גע־אַרבעט פאַר דער מלחמה ביים טראָגן די בליי־פּלאַטן אין אַ רעדאַקציע — ער איז געווען פון די ערשטע מוסרים און אונטערהעלפער ביי די געטאָ־פּאָליציאַנטן.

אַמאָל, איידער ר׳האָט נאָך געאַרבעט אַלס פּלאַטן־טרעגער אין אַ רעדאַקציע, איז ער געווען א שותף צו א קליינעם טאַנץ־זאַל אויף די מי־ראַווסקע ביי די האַליעס. דערנאָך איז ער געוואָרן אַ שותף צו א „הייזל״. נאָר אַזוי ווי די שותפים האָבן אים איינמאָל בעת א סכסוך אַראָפּגעוואָרפן פון די שטיגן — האָט ער זיך גענומען צו אַן אָרנטלעך פאַך, אַרבעטן.

אין דרוקער־פאַריין איז ער אַריין אין דער סאַמע לינקסטער פראַק־ציע, געגאַנגען אויף פאַרטייאישע געשלעג־אַרבעט ווען מ׳האָט באַדאַרפט. אָבער יום־כיפּור איז ער געגאַנגען צום דאַווענען. ווען ער איז אַרויס פון שול אויף קאַרמעליצקע און געזעען אז דאָס קאָאָפּעראַטיוו־געוועלב פון „בונד״ איז אָפן, האָט ער געכאַפּט שטיינער און געוואָרפן אין פענצטער אַריין, צעבראָכן די שויב און אריינגעשריגן:

„קאָנטררעוואָליוציאָנערן! אַ רועך אין ענקער האַרץ אַראַן! יאָמקיפּאָ עט עך האַלטן אָפן דעם קאָמפּעראַטיוו?!״

עלי כאָנע האָט נישט געהאַט קיין קינדער. ווען ער האָט שוין געהאַט געאַרבעט עטלעכע יאָר אין רעדאַקציע ביים טראָגן די פּלאַטן, געוואָרן א „סטאַטיק״, איז ער אַוועק צו א דאָקטאָר פרעגן אַן עצה ווי אַזוי צו האָבן קינדער. דער דאָקטאָר האָט געהייסן ברענגען אַן אַנאַליז פון די זוימען. דער רעזולטאַט האָט געוויזן: „טויטע זרע״. איז עלי כאָנע אַרומגעגאַנגען אין אלע צימערן פון דער זעצעריי, דרוקעריי, אַדמיניסטראַציע, רעדאַק־ציע, און זיך באַרימט פאַר אַלעמען און געוויזן דאָס פלעשל:

„טויטע זערע, צ׳זעט?״

קאָן זיין אַז ר׳האָט אַפילו רעכט נישט געוווסט וואָס דאָס מיינט, גע־טראַכט אַז עס איז אַ זאַך צום באַרימען זיך.

אַט דער עלי כאַנע איז עס געוואָרן פון די געמיינסטע געטאָ־מוסרים און פאָליצײ־באַהעלפער.

ער איז געוואָרן רייך, האָט געהאַט געלט, איידלשטיינער, האָט גע־נוצט נאָר קוים האַלב־דערוואַקסענע מיידלעך צו זיין אויסגעלאַסנקייט. און ער האָט דאָס לייכט באַקומען. טייל מאַמעס האָבן פאַרקוקט, אַפילו אליין צוגעשאַנצט זייערע טעכטערלעך.

בראָנקעס מאַן איז שוין נישטאָ, געכאַפּט געוואָרן ביי אַן אַקציע. אסתרקע מיטן קינד זענען געלעגן קראַנק. אין שטוב איז נישט געווען וואָס אָפּצוקאָכן און נישט געווען פונוואַנען עס צו נעמען. בראָנקע האָט שוין דעם דריטן טאָג נישט געהאַט קיין קריש ברויט אין מויל. פאַרנאַכט איז בראָנקע געקומען צו לויפן מיט אַ ביטעלע פערלגרויפּן אין איין האַנט און אַ שטיק ברויט, די גרויס פון אַ פויסט, אין דער צווייטער האַנט. אסתרקע (זי האָט זיך שוין לעצטנס נישט געלאָזט רופן עסטערקאַ) האָט זי אַ פרעג געטון:

— פונוואַנען האָסטו דאָס?

בראָנקע האָט נישט געענטפערט.

— פון מאַניעקן? עלי כאַנעס חברה? ר׳איז מיט דיר געלעגן?

— יאָ, יאָ, יאָ! וואָס ווילסטע!

אסתרקע איז אַראָפּ פון בעט, צוגעגאַנגען צו בראָנקען, זי גוט אָנ־געקוקט, עפּעס אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוויגן אין דער מחשבה, געוויגן ווערטן, געוויגן דורות, און מיט א שווערגעוויכט פון אן אור־מאַמע איר דערלאַנגט אַ מיושבן, אויסגעמאָסטענעם, שווערן פּאַטש אין באַק. אויפ־געריסן דעם לופטשיק און עס אַרויסגעוואָרפן.

**
*

בראָנקע איז געוואָר געוואָרן פון עלי כאָנען, אַז מאָרגן דאַרף מען זיך ריכטן אויף אַן אַקציע אין דער געגנט. וואָס טוט מען? וווהין לויפט מען? ווי אַזוי זיך אויסבאַהאַלטן? בראָנקע וואַרפט אָן פלענער. אסתרקע שווייגט. דער קאָפּ איז איר פאַרבונדן מיט אַ נאַס האַנטעך. איין ווינקל קאָפּ איז געליימט, אין א צווייטן ווינקל קאָפּ שטעכט. זי האַלט פאַרמאַכט די אויגן. ס׳קינד שלאָפט. עפנט זי די אויגן, קוקט אָן בראָנקען, ענטפערט נישט.

אין שטוב געפינט זיך צווישן ביסל פוילישע ביכער און שיעס עטלע־כע יידישע ביכער, אויך אַ בוך וואָס שיע האָט עס געקויפט נישט לאַנג פאַר דער מלחמה — אַ תנ״ך אין אַ יידישער איבערזעצונג. זאָל אַזאַ זאַך אויך זיין אין שטוב — האָט ער דעמאָלט זיך פאַרענטפערט. שיע האָט געהאַט פאַר איר פאַרגעלייענט עטלעכע מאָל צו קאַפּיטלען און דערוועגן גערעדט ווי וועגן אַן אַנדערער ליטעראַרישער שאַפונג.

זי האָט עס איצט אַרויסגעשלעפּט פון שענקל.

— נו, פאַרוואָס ענטפערסטו נישט ? — האָט בראָנקע געפרעגט מיט געשריי.

— שטער מיר נישט ! — האָט אסתרקע געענטפערט פון ווייטער פאַר־הוילנקייט. זי האָט זיך צוריקגעלייגט אין בעט אַריין. דאַלעבן איז געלעגן הדסהלע און שנעל־אָטעמדיק געשלאָפן. זי האָט צוגעשלעפּט בראָנקען צו זיך אויפן קאַנט פון בעט, זי געהאַלטן פאַר דער האַנט און גערעדט צו זיך :

— געענדיקט. געגנוג. די רעוואָליוציע האָט פאַרשפילט. גאָט האָט פאַרשפילט. די קולטור האָט פאַרשפילט. די מענטשן — פאַרשפילט. נאָר וואָס איז געבליבן ?

און זי האָט גענומען מישן אין תנ״ך, עפּעס זוכן. אָט, דאָס איז עס. זי האָט געפונען :

— די תוכחה איז פאַרבליבן. אָט, נאַ :

„און איך וועל אַנשיקן אַ מגפה צווישן אייך און איר וועט געגעבן ווערן אין דער האַנט פון דעם פיינט. אַז איך וועל צעברעכן דעם אונטערלען פון ברויט, וועלן צען ווייבער באַקן אייער ברויט אין איין אויוון. און אַז זיי וועלן אָפּברענגען אייער ברויט אויפן וואָג און איר וועט עסן און נישט זאַט ווערן.״

— הער שוין אויף — האָט בראָנקע אַ ריטש געטון — און איר גע־וואָלט אַרויסשלעפּן דעם תנ״ך — עסן און נישט זאַט ווערן, צען ווייבער באַקן ברויט אין איין אויוון — זאָל זיין די תוכחה, זאָלן באַדאַי הונדערט ווייבער באַקן ברויט אין איין אויוון — אָבער ווו איז דאָס ברויט ? !

אסתרקע האָט נישט געלאָזט אַרויסרייסן דעם תנ״ך און ווייטער גע־לייענט :

„און איר וועט עסן דאָס פלייש פון אייערע זין, און דאָס פלייש פון אייערע טעכטער וועט איר עסן. ...און כ׳וועל מאַכן אייער הימל אַזוי ווי אייזן, און אייער ערד אַזוי ווי קופּער — — — ״.

בראָנקע האָט אַ ריס געטון דאָס ספר און עס געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע —

— לאָמיר עס אַריינלייגן אין קעך אַריין און איינהייצן, וועט ווערן וואַרעמער אין שטוב.

זי האָט ווייטער גערעדט וועגן פאַנטאַסטישע פּלענער ווי אַזוי זיך אויסצובאַהאַלטן, זיך אַרויסקריגן פונדאַנען אויף דער אַרישער זייט. אין שטוב איז געוואָרן פינצטער, נישט געוועז וואָס אָנצוצינדן, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אין אָנטועכץ אויפן בעט און אַלע זענען איינגעשלאָפן.

**
*

שוין אויפצומאָרגנס פאַרטאָג איז געקומען יענער טאָג פון די טעג. די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם הויף, אַריינגעקומען און גערופן אלע איינוואוינער צו פאַרלאָזן די שטובן, קעלערס, באַהעלטענישן, און אויס־שטעלן זיך אויפן הויף.

אסתרקע איז פון די ערשטע אַראָפּצוגיין. בראָנקע שרייט אויף איר איילעניש, אָבער אסתרקע איילט זיך. הדסהלען טוט זי אָן אין בעסטן און שענסטן. נאַכהער האָט זי גענומען הדסהלען, וואָס איז שוין אַ דערוואַקסן מיידעלע, און זי צוגעבונדן צו זיך מיט אַ לאַנגן וויקלשנור. זיך אין עפּעס דערמאָנט, אָפּגעבונדן דאָס קינד, צוגעלאָפן צום טיש ווו ס׳איז געלעגן אויפגעמישט דער תנ״ך, גענומען שוועבעלעך, אים אונטערגעצונדן און אַוועקגעוואָרפן א ברענענדיקן אויפן קיך. האָט הדסהלען צו זיך צוריק צוגעבונדן. דאָס קינד האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר געקוקט אויף דער מאַמען. האָט זי גאָרנישט פאַרשטאַנען? צי עפּעס יאָ פאַרשטאַנען?

אין הויז האָט זי שוין געטראָפן אַראָפּגיין דעם שכן, דעם הויכן אַל־טיטשקן, אַ ייד א ירא שמים, מיט אַ ווייסער באָרד פון אַלטקייט, חכמה, למדנות, מיט א גוטן, זיידענעם בליק אין די אויגן. ער איז ערשט נישט לאַנג געוואָרן אַן אלמן, אויך פאַרלוירן דעם זון מיט די אייניקלעך. ער האָט געוואָלט טרייסטן אסתרקען און זאָגט צו איר:

— איר פאַרשטייט וואָס עס מיינט — נצח ישראל לא ישקר?!

— שקר! — האָט אסתרקע צוריק אַ ריטש געטון דעם אַלטן אין דער באָרד אַריין.

זי האָט זיך אַ וואַקל געטון. בראָנקע האָט איר אָפּגעבונדן הדסהלען און בײדע געפירט ביי דער האַנט.

זי גייט אַראָפּ פון די שטיגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און זעט:

הייזער זינקען. מענטשן זינקען. די וועלט זינקט, לאָזט זיך אַראָפּ אינעם אָפּגרונט פון דער ערד. און פּוילישע שקצים אויף יענער זייט געטאָ רייטן אויף קאַרוזעלעס און זינגען. שיקסעס לאַכן אַצינד און לאָזן זיך קנייפּן פון די שיכּורע אוקראַינער.

„...און כ׳וועל מאַכן אייער הימל אזוי ווי אייזן,
און אייער ערד אַזוי ווי קופּער...״

און אסתרקע רעדט הויך, כאָטש זי מיינט אַוודאי אַז זי רעדט שטיל.

— ביסטו נאָר שטראָפער פון די יידן? צי ביסטו בלויז אפשר נאָר אַ גאָט פון קאָסמאָס? פון די אייביקייטן? אויף אַלדע שוואַרצע יאָר דאַרף איך אַ גאָט פון אייביקייטן און קאָסמאָס. איך וויל אַ גאָט א בעל רחמים. מוזטו דעריבער זיין אַ גאָט פון נקמה, רחמנות איבער אונז — און נקמה איבער זיי! —

זי שטייט שוין ביים אַרויסגיין אויפן הויף. דער הימל איז פון ברו־דיקן שטאָל, שמוציק, שווער, האַרט. און די ערד — אָט שטייען אויף איר די דייטשן, דאָ אויפן הויף. אָט, איינעם פון זיי דערקענט זי, דאָס איז דער זעלבער אין די האַלב־געשליפענע ברילן וואָס האָט זי געהייסן דעמאָלט וואַשן די פּאָדלאָגעס און אויסווישן מיט די אונטערהייזלעך. זי וואָלט געשווירן אַז דאָס איז געננוי דער זעלבער.

עס איז אָנצונעמען, אַז אין דאָזיקן אויגנבליק האָט אסתרקע אַ טראַכט געטון, אַז עס איז איר כדאי כאָטש חרטה צו האָבן אין דער מחשבה אויף טייל מחשבות דעמאָלט אין ביאַליסטאָק. עס איז איר שוין אַצינד ליבערשט יענער רויטאַרמייער מיטן שטריקל ביי דער ביקס, איידער דאָס דאָזיקע דייטשישע אויסגעפּוצטע אונטעראָפיצירל מיט א רוט אין שטיוול און א פּנים פון א געניטן און ראַפינירטן רוצח. די רעוואָליוציע קען נישט און טאָר נישט דערלאָזן קיין פרייהייט דעם אוקראַינישן מערדער. ער איז א חיה, און די „רויטע״ צוימען זיין חיהשקייט. די דייטשן צערייצן נאָך מער

די חיה. זי באַדויערט איצט, אסתרקע, וואָס זי האָט נישט געזוכט קיין קענטשאַפט מיטן אונטערערד פון איר אַמאָליקער פּאַרטיי. ווינציקער מסכּים, מער מסכּים, אָבער אויף צו הרגענען דייטשן וואָלט עס גענוג געווען אַז זי זאָל אָנגעהערן צום געהיימען פּאַרטיי־קעמערל. אפשר וואָלט זי, אין דעם פאַל, געהאַט ביי זיך אַ רעוואָלווער און זי וואָלט שוין אַצינד געעפנט אויף די די דאָזיקע דייטשן אַ פייער. קודם כּל אויף דעם דאָזיקן דייטשל מיט די געשליפענע האַלב־ברילן. זי שטייט שוין אין מיט הויף. ראשית נעמען די דייטשן צו די קינדער פון די מאַמעס און שטעלן זיי אַוועק אויף אַ באַזונדערער זייט. אסתרקע כאַפּט אַרויס דעם וויקלשנור און בינדט צו זיך צו דאָס קינד. דאָס דייטשל לאַכט. אסתרקע רעדט איצט ווידער אַריין אין שכנס לאַנגער, ווייסער באָרד:

— וואָס? האָט מיר דערויף גאָט געגעבן אַ קינד אויף אומצוברענגען? וויפל עקדות וויל ער? ווו זענען די מלאכים וואָס זאָלן אַוועקכאַפּן די אויסגעשטרעקטע חלפים? אַלע ספרים און אלע ביכער דאַרף מען אונטערצינדן און פאַרברענען!

אסתרקע נעמט בילן: האַו! האַ־אַו־ו!

אַ גרופּע דייטשן דערנענטערט זיך צו איר. אסתרקע פאַרייסט דעם קאָפּ צום הימל:

— איך וואָלט געוואָלט דיך אומברענגען, גאָט, צוזאַמען מיט דער זון, צוזאַמען מיט די דייטשן, מיט זייער געטע און שילער בראש. כ׳וואָלט פאַרברענט די אַלע געמיינע פּאָליאַקן צוזאַמען מיט אַלע הילצערנע און מעשענע יויזלעך זייערע. איך וואָלט די אוקראַינער דערטרונקען אין אַ זומפּ פון וואָדקע. גאָט, גאָט, אַזוי זעט אויס דיין באַשאַף און אַזוי דיינע באַשעפענישן. איך שפּיי אויף דיין באַשאַף און אויף דיינע באַשעפענישן, און אויך אויף דיר, באַשעפער! דו האָסט זיך געריכט: און איר וועט עסן דאָס פליישׁ פון אייערע זין און דאָס פליישׁ פון אייערע טעכטער וועט איר עסן — בראַוואָ, — מיט אַ גוטן אַפּעטיט! עס! פרעס!! —

און זי האָט אַ שפּיי געטון צום הימל:

— טפוי!

ווען דאָס שפּייעכץ איז צוריקגעפאַלן אויף איר פּנים, האָט זי ערשט דערהערט דאָס געלעכטער. די דייטשן שטייען לעבן איר און לאַכן. איי־

נער פון זיי, דאָס דייטשל מיט די געשליפענע ברילן און שפּיצרוט אין שטיוול, שטייט גאָר נאָנט נעבן איר און נאָטירט אין אַ נאָטבלאָק. ער האָט נאָך צו איר אַ זאָג געטון אַז זי זאָל זיך נישט שטערן, נאָר ווייטער רעדן. זי האָט אים אָנגעקוקט דאָס דייטשל, אָנגעקוקט אַלע ארום. דער הויף איז שוין דאַן געווען פול, אַלע אויסגעשטעלט, די קינדער אויף אַ צווייטער זייט. זי, אסתרקע, האַלט נאָך דאָס קינד לעבן זיך. בראָנקע האַלט זי אונטער. די דייטשן שטייען און קוקן אויף איר לאַכנדיק, מיט נייגיר. מען וויל ביי איר צונעמען דאָס קינד, אסתרקע גיט זיך א ריס. דאָס דייטשל אין די ברילן מאַכט אַ צייכן מיט דער רוט זי נישט צו רירן. זאָגט צו זיי אסתרקע:

— אייערע געשלעכטס־גלידער זאָלן ווערן באַשאָטן מיט קרעץ און געשווירן. די געבערמוטערס פון אייערע ווייבער זאָלן ווערן בעכערס מיט צוֹאה און אייטער! אַז איר וועט זיך לייגן און אויסטעכניקעווען ממזרים, זאָלן זיי אייביק קריכן אויף אַלע פיר. די ווערים פון דער ערד זאָלן זיך משמח זיין מיט אייערע לייבער. שאַקאַלן זאָלן זיך אויסמלאכהען אויף אייערע קברים! די זון זאָל אויף תמיד בלייבן באַדעקט מיט שוואַרצער קרעפּע, אַז ס'זאָל אייך זיין אייביקע נאַכט פאַר די אויגן. די לבנה זאָל באַלייכטן נאָר די קברים, די מתים, די ביינער פון די וואָס איר האָט אומגעברענגט, ברענגט אום און וועט נאָך אומברענגען. אייביק זאָל אייך באַגלייטן אַ טרויער־מאַרש פון טרומייטן, דאָס געשריי פון די אומגעברענגטע קינדער. די אויגן זאָלן אייך אַריין אין די פּיאַטעס און די מוחות זאָלן זיין ביי אייך אָפּגעדעקטע, אָן די שיידלען, און ס'זאָלן זיך אין זיי ראַיען ווילדע בינען. עץ זאָלט סרחנען, שטינקען, ווי עס שטינקט אייער מאָראַל, אייער גייסט, אייער טעכניק!

און באַלד האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די יידן און מיט א שטימע ווי אַן אָפּקלאַנג פון הר סיני אויסגערופן:

— פאָלק פון קידוש השמניקעס! שטאַרבט שיין, מיט ווערדע. קוקט נישט אויפן צלם אלהים. אויב דער דייטש איז באַשאַפן אין צלם אלהים, איז גאָט אַ דייטש! ער הייסט אַדאָלף גאָטמאַן! פריץ גאָטזאָן! —

זי האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צום דייטשל אין די געשליפענע האַלב־ברילן:

— און איצט, שיס! שיס אין די אויגן, כ׳זאָל דיין צורה נישט זעען. איך בין איבערמענטש, דו ביסט אונטערחיה! שיס, דייטש, דו ביסט דאָס דרעק פון דער מענטשהייט!

און ווידער געווענדט מיטן פנים צו די יידן:

— יעדער ייד וואָס וועט בלייבן לעבן און וועט נישט פערזענלעך הרגענען כאָטש איין דייטש — זאָל ער אויך פאַרשאָלטן זיין! ער זאָל נישט קאָנען שטאַרבן פריער ביז ער וועט נישט דערשטיקן אַ דייטש!

דאָס דייטשל האָט אַריינגעלייגט דעם בלאָקנאָט מיט די סטענאָגראַ־פישע צייכנס אין טאַש, געהייסן ביי איר צונעמען דאָס קינד. מ׳האָט עס אַ ריס געטון און אויפן אָרט דערשאָסן.

אַנגעלאָדענע, געפרעסטע פחד־שטילקייט.

אסתרקע זינגט.

זי זינגט רואיק די אַריע פון „טאָסקאַ”.

די דייטשן שטייען רואיק. דאָס דייטשל אין די ברילן האָט אפילו צו־דיריגירט מיט אַ פינגער צו איר געזאַנג. דערנאָך האָט ער אַרויסגעצויגן דעם באַגנעט, אַ ריס געטון ביי אסתרקען די בלוזקע און דערלאַנגט אַ האַסטיקן זעץ מיטן מעסער צווישן די בריסטן.

אַ שפריץ בלוט איז איר ארויס דורכן מויל. ס׳האָט נאָך ביי איר אין האַלז און מויל געריזלט און געכאָרכלט. מסתם אַ קללה. די נאָנט־שטייענ־דיקע האָבן געהערט ווי ס׳האָט זיך אויסגעריזלט, אויסגעכאָרכלט אַ פּאַר־כריפּעטער, הייזעריקער רעווע פון דער קללה:

— ד־ד־דדדיי־־טטש־שש!

## קאַפּיטל 13

קיין שוועדן זענען געראַטעוועט געוואָרן עטלעכע טויזנט באַפרייטע יידישע פרויען פון די לאַגערן אין ראַווענסברוק, טערעזיענשטאַט, בערגן־בעלזן. פסח, יאָר 1947, האָט די „מאָזאַיסקאַ”, די יידישע קהילה אין שטאָקהאָלם, איינגעאָרדנט אַ סדר פאַר אַלע געראַטעוועטע, און פּליטים. נאָך דעם סדר אָפּריכטן, נאָך דער סעודה, נאָך די רעדעס, געזאַנג, זענען

געזעסן די יונגע פרויען און זיך דערציילט זכרונות פון זייערע איבערלע־בענישן אין די לאַגערן. האָב איך דערהערט ווי זיי דערמאָנען אָפּט דעם נאָמען פון איינער בראָנקע, פון וואַרשע, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אויש־וויץ, געקומען קיין בערגן־בעלזן און זיך דערוואָרט ביז ס׳זענען אַריין די ענגלענדער און אַלעמען באַפרייט. אָבער זי, בראָנקע, האָט זיך צוגעכאַפּט צום עסן און אויפן דריטן טאָג אַוועקגעפאַלן, צום טויזנטסטן מאָל זיך ווי־דער געראַנגלט מיטן טויט און ער איז זי דאָס מאָל בייגעקומען. בעת די דאָזיקע ראַנגלענישן האָט זי דערציילט פאַר אירע חברטעס ווי אַזוי ס׳איז אומגעקומען אירס אַ שוועסטער אסתרקע, מיט אירס אַ קינד מיטן נאָמען הדסהלע.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך אויסגעפרעגט ביי די דאָזיקע פרויען אַלץ מער און מער פּרטים, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז אַוודאי געווען די זעלבע בראָנקע, שוועסטער פון אסתרקע.

און הערנדיק פון אַנדערע וועגן אומקום פון די יידן אין יענער צייט, אין יענער געגנט אין וואַרשע, און קענענדיק אסתרקען אַזויפיל יאָרן, איר כאַראַקטער, אירע אייגנשאַפטן — איז מיר פאַרגעקומען כמעט מיט זי־כערקייט אַז דאָס האָט מען זי געמיינט — און פון דעמאָלט אָן האָב איך דאָס אַלץ אָפּט איבערגעלעבט, דורכגעלעבט, שוין אויך דאָס וואָס ס׳האָבן אי־בערגעלעבט מיינע אייגענע פאַרשניטענע, די נאָנטסטע:

קינד, ווייב, מאַמע, שוועסטערן, ברודער, זייערע קינדער.

און נישט געקאָנט רוען ביז כ׳האָב נישט פאַרצייכנט אָט די דאָזיקע שורות. הגם, אמת, עס איז נאָר קוים אַן עוקץ אויפן דנאָ פון אַ קידוש־בעכערל, וואָס האָט קוים אַרויסגעשעפּט אַ טרער־טראָפּן פון דעם בלוטיקן ים, נאָר זאָל כאָטש אַזאַ איינער בלוט־טראָפּן תמיד טריפן פאַר אונזערע אויגן, ביז מיר וועלן נישט שליסן אונזערע אייגענע אויגן, און קומען נענ־טער צו יענע, די הייליק־אומגעקומענע אונזערע, אָמן.

רמת־עמידר (רמת־גן), תשי״א־תשי״ג, 1951־1953.

# די ווידוי פון אַ רעוואָליוציאָנער (פּאָליטישער ראָמאַן)

## נעמען פון די קאַפּיטלען:


זייט

### ערשטער טייל

אַריינפיר ........ 7
פענצטער אָן פוירהענגלעך ........ 8
צווישנוואָרט נומער איינס ........ 10
הויף־געשעענישן ........ 16
יוגנטיאָרן אָן בלומען, אָן מוזיק, אָן ליבע ........ 21
צווישנאָרט נומער צוויי ........ 24
וואַרשע, פּאַריז, מאָסקווע ........ 25
צווישנוואָרט נומער דריי ........ 36

### צווייטער טייל

אָקטאָבער איז נאָר איין חודש אין יאָר, און אויך נישט אַלעמאָל ........ 39
די וואָנסעס העכער פון דער פּאָן.... 44
נו, וועט מען אַוועק צו דער מאַמען 47
אַ לידל — אַ פּיסטויל ........ 48
אַ היימיש ווינקל, און דער מאַמעס א בליק ........ 49
און ווידער ........ 51
וועגן ווייבער און לייבער גאָר .... 59
זיין תפילה — דער „אינטער־נאַציאָנאַל" ........ 63
זיין חברטע ........ 66
צי מעג מען טרינקען שאַמפּאַניער? ........ 68
אין לענין־אינסטיטוט ........ 70
די צונג בונטעוועט זיך ........ 74
די גוטע בשורה און מיין שמועס מיט יעזשי סאָכאַצקי ........ 78
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל ........ 82

זייט

די ליבע צו שנאה ........ 84
אין די פּאָליטישע קעלערן ........ 87
ווען מיצווה געבערט עבירה ...... 89
שרייבער־טשודאַקעס ........ 91
האַנקע די בלאָנדע און אַנקע די ברונעטקע ........ 93

### דריטער טייל

מען מיסטיקט די פעלדער פון דער רעוואָליוציע ........ 113
די גרויסע באַגעגעניש ........ 119
צווישנוואָרט נומער פיר ........ 122
דער טאַנץ־דועט פון פאַרברעכן מיט משוגעת ........ 123
„געוועזענע" ........ 127
די רעוואָליוציע דאַרף בלוט־טראַנספוזיעס ........ 142
די מחשבות אויפן ים זענען אַנדערע ווי אין אַ קוילנקעלער 171

### לעצטער טייל

אין דער עולים־מחנה „באַר יעקב" ........ 187
פּאַרטיי־סילועטן ........ 195
עס איז כדאי ליידן און ווייטיק— אָבער נאָר ווען ס'איז נייטיק .. 204
נישט נאָר די אויגן זעען .... 216
דער שמועס מיט דעם פּאָליטישן רייטער ........ 223
ווי זיג באַזיגט די זיגער ........ 230
עטלעכע פּאַקטן־אַקאָרדן ........ 233

## עסטערקאַ (דערציילונג) ........ 249—285

# ביכער פון משה גראָסמאַן:

★

„פלאַמען און רויך"
ראָמאַן פון אן ארבעטער־סביבה, וואַרשע, 1931

„האַמער אויף האַרפע"
נאָוועלן, וואַרשע, 1933

„קאַרל מאַרקס"
ביאָגראַפישער מאָנטאַזש־ראָמאַן, וואַרשע, 1934
(אין יאָר 1935 דערשינען אין א פוילישער איבערזעצונג:
M. GROSMAN: KARL MARKS

איבערזעצונג: ס. רעי. פארלאג: „זניטש", ווארשע
(1935
(אין יאָר 1936 דערשינען אין יידיש א צווייטע
אויפלאגע, ארויסגעגעבן פון פארלאג מאַרק ראַ־
קאָווסקי, וואַרשע)

„דערוואַכונג"
ביאָגראַפישער ראָמאַן (ערשטער באנד, יוגנט־יאָרן
פון ראָזא לוקסעמבורג), פארלאג „ליטעראַרישע בלע־
טער", וואַרשע, 1937

„אין פאַרכּישופטן לאַנד פון לעגענדאַרן
דזשוגאַשווילי"
(מיינע זיבן יאָר לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד—1939־1946)
באנד 1, פאריז, אפריל, 1949

„אין פאַרכּישופטן לאַנד פון לעגענדאַרן
דזשוגאַשווילי"
באַנד 2, אויגוסט, 1949, פאַריז
צווייטע אויפלאגע — 1950, פאריז

„הארץ האגדית הכשופה"
(שבע שנים בברית המועצות)
הוצאת ספרים נ. טברסקי תל־אביב, יוני 1951. ספר
ראשון.

„הארץ האגדית הכשופה"
ספר שני: — אוגוסט 1951
מהדורה שניה (צווייטע אויפלאַגע) 1953

„היימישע געשטאַלטן"
דערציילונגען, פאַרטרעטן, מיניאַטורן, תל־אביב 1953

„די ווידוי פון אַ רעוואָליוציאָנער"
פאָליטישער ראָמאַן, תל־אביב, 1955

הויפּטפאַרקויף: „יידישע ביכער" י. לאַנדמאַן, תל־אביב